STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09026

DER KALIF FUN KORDOVO

Saul Saphire

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער קאַליף פון קאָרדאָוואַ

היסטאָרישער ראָמאַן פון דער אידישער
„גאָלדענער עפּאָכע“ אין שפּאַניען
אונטער די מורען

פון שאול ספיר

PUBLIC LIBRARY
FALL RIVER, MASS.

The Caliph of Cordova

Historical Romance by Saul Saphire

Published and copyrighted
by Saul Saphire, 1927,
77 Bowery, New York

Y
Saphire, Saul
Caliph of Cordova
151314

To My Beloved Wife

PUBLIC LIBRARY
FEB 4 1931
FALL RIVER, MASS.

73

PUBLIC LIBRARY
FALL RIVER, MASS.

ערשטער קאפיטעל.

דער קאליף געפינט זיין בעשערטע.

שפאניען — דאס שעהנע, נאטור־געבענשטע לאנד פון די פראכטפאלע זוניגע הימלען, דאס לאנד פון דופטיגע פאמעראנצען גערטנער, פון איילבערטען און וויינגערטנער, פון צויבערהאפטע בלומען און פאלמען, דאס לאנד פון פאעזיע און ליעבע, פון גענוס און לוקסוס, דאס לאנד אין וועלכען אידען האבען איז דער צייט פון מיטעל־אלטער געהאט פריהער מעהר נחת און פרייד, און נאכהער מעהר צרות און טרויער ווי אין אירגענד וועלכע אנדער לאנד פון אייראפא.

קארדאווא, די הויפט־שטאדט אין אראבישע שפאניען, איז געוועזן אין צעהנטען יאהרהונדערט, אין פולען גלאנץ און בליהונג. זי איז געוועזן איינע פון די שעהנסטע, רייכסטע און ציוויליזירטסטע אין אייראפא. זי האט פארמאגט אריבער דריי הונדערט טויזענד איינוואהנער, אכט הונדערט פאלקס שולען, אן אוניווערזיטעט, אקאדעמיעס און ישיבות. קארדאווא האט דאן געהאט זיבעציג ביבליאטעקען מיט אריבער זעקס הונדערט טויזענד ביכער.

די שעהנע קארדאווא איז דאן געוועזן דער צענטער פון אידיש־אראבישע ציוויליזאציע. איהר קולטור און איהר איידעלעם ארטיסטיש־געזעלשאפטליכעס לעבען, האט פארדיענט פאר קארדאווא גערופען צו ווערען די אטהען פון מערב. אין דער צייט ווען גאנץ אייראפא איז געוועזן פארגרעבט און פארזונקען אין בארבאריזם, האט אין קארדאווא געבליהט מעדיצין, נאטור־וויסענשאפט, כעמיע, אסטראנאמיע, מאטעמאטיקס, קונסט, פאעזיע און פילאזאפיע. פראנצויזישע, ענגלישע און דייטשע סטודענטען פלעגען פאהרען אין מאסען שטודירען אין קארדאווא.

—"קארדאווא, — האט אן אראבישער שרייבער פון יענער צייט געזאגט, — איז די כלה פון שפאניען, וועלכע מיט איהר וואונדערליכע שעהנהייט, מיט איהר

פראכט און גלאַנץ, בעצויבערט די אויג און פערכאפט דעם אטעם... דער קאליף פון קארדאווא איז דער קרוין פון איהר קאפּ, איהר האלז-באנד איז איינגעפאסט מיט טייערע פערל, וועלכע איהרע פּאָעטען האבען געקליבען פון ים פון איהר שפראך; איהר קלייד איז די פּאַהן פון געלערנטקייט, געוועבט און געפלאכטען ביי איהרע מענשען פון וויסענשאפט; און די זוים פון איהר קלייד — זיינען איהרע גאונישע מענשען פון קונסט און ארכיטעקטור".

אבדו ראחמאן דער דריטער, איז אלט געווען איין-און-צוואנציג יאהר ווען ער איז געוואָרען קאליף אין קארדאווא. ער איז גלייך פּאָפּולער און באליעבט געוואָרען ביי אלעמען. זיין שלאנקע פיגור און פירסטליכע האלטונג צוזאמען מיט זיין לאַגישען שכל, בילדונג און גוטהערציגקייט, האט איהם געוואונען אלע־מענס צוטרויען.

דער קאליף איז געווען א גרויסער פארעהרער פון ליטעראטור און וויסענ־שאפט, ער האט זיך איינגעשאפט די בעסטע ביכער און קונסטווערק. זיינע מיניסטארען זיינען געווען די געלערנסטע און געבילדעסטע מענשען פון לאנד, וועלכע זיינען פריי געווען פון הויף אינטריגעס, און פון קנאה און שנאה צווי־שען זיך.

דעם קאליף'ס פּאלאץ איז געווען "א בית ועד לחכמים", א פּלאץ וואו עס פלעגען אריינקומען פּאָעטען, פילאזאפען, ארטיסטען, ארכיטעקטען און אנדערע קינסטלער. ווי נאר דער קאליף האט געהערט פון א קלוגען, געלערנטען מענשען, פלעגט ער איהם באלד איינלאדען צו זיך און מיט איהם פארברייינגען שטונדען־לאנג אין דיסקוסיאנען.

אין די ערשטע עטליכע יאהר פון זיין הערשאפט האט אבדו ראחמאן גע־פיהרט מלחמות מיט ארומיגע מלוכות, וועלכע האבען רעוואלטירט און זיך אב־געריסען נאך אין דער צייט ווען זיין זיידע אבדאלאה האט רעגיערט. קיין גרויסען ווידערשטאנד האט ער כמעט אין ערגיץ ניט באגעגענט, ווייל יענע פראווינצען זיינען געווען אונטערוואָרפען צו א באנדע רויבער, וועלכע פלעגען פּלינדערען און ראבירען די האב און גוטס פון די איינוואוהנער. אין דעם גרויסען געלערנטען קאליף האבען אלע געזעהען א דולדזאמען הערשער ביי וועמען אלע זיינע אונ־טערטהאנען זיינען געווען גלייך. יעדער איינער האט גענאָסען די פולע רעליגיעזע פרייהייט. דאריבער איז אבדו ראחמאן ביי אלעמען, אהן אונטערשיעד פון נאַ־ציאָנאליטעט, געווען פאררעכענט אלס געטרייער גוטהערציגער פאטער. און ווען ער האט בעשלאסען צו מאכען א רייזע איבער אראביען, אין די מזרח לענדער, האט ער עס געטהאן מיט זיכערהייט און רוהיגקייט, דאס אין דער צייט פון זיין אבוועזענהייט וועט דאס לאנד דערפון גארנישט ליידען. זיינע געטרייע און

איבערגעבענע מיניסטאַרען האָט ער באַפּאָלמעכטיגט צו רעגירען דורך זיין אבוועזענהייט.

אבדו ראַחמאַן׳ס באַשלוס צו באַרייזען אַראַביען איז געקומען צוליעב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, האָט ער געוואָלט זיך באַקענען מיט די אַראַבישע מנהגים

דער קאַליף מיט עז־זאַראַה אין גאָרטען

"דו געטליכער מלאך"! — האָט דער קאַליף איהר געזאָגט, אָננעמענדיג זי פאַר׳ן האַנד, — "ערלויב מיר דאָך איינינגע ווערטער מיט דיר צו ריידען". דער אַלטער אַראַבער מיט דעם קאַליף׳ס הויפּט לייב־וועכטער זיינען אַרויס פון גאָרטען און איבערגעלאָזען עז־זאַראַה׳ן מיט דעם קאַליף.

ליבער חיים, אין מזרח־אַראַביע, כדי איינצופיהרען ביי זיך אין לאַנד פיעלע פון די גוטע מנהגים. די צווייטע אורזאַכע, וועלכע איז פיעלייכט געווען דער אמת זיטען, צו זעהן דעם פּראַכט און גלאַנץ פון זיינע ברידער אין דער אורשפּרינג־הויפּט מאָטיוו פון זיין רייזע איז געווען זיך אָפּצוזוכען א שעהנע פּרינצעסין

פאַר זיין פרוי אין לאַנד פון זיינע אבות. דער האַרעם, וואָס איז געבליבן בירושה פון די פריהערדיגע קאַליפן האָט איהם נישט אינטערעסירט; זיין האַרץ האָט געלעכצט נאָך ריינע, אידעאַלע ליבע, זיין נשמה האָט געבענקט נאָך איינער וועלכע זאָל ווערטה זיין צו טהיילען זיך מיט זיין האַרץ און קעניגרייך...

דריי מאָנאַטען האָט דער קאַליף געוואַנדערט איבער פערשידענע אַראַבישע לענדער. זיין אידעאַל איז געווען א פרוי, וועלכע זאָל באַזיצען אַלע מעלות: שעהנקייט, יחוס, קלוגהייט און בילדונג. לאַנג, זעהר לאַנג האָט ער געזוכט און נישט געפונען... ער האָט באַזוכט פערשידענע קעניגליכע פאַלאַצען, ער האָט זיך בעקענט מיט פיעלע פרינצעסינס און אַנדערע שעהנע פרויען, אָבער די אַלע האָבען נאָר שעהנע פנים'ער און פוסטע קעפּ געהאַט.

אַן ענטוישטער האָט אבדו ראחמאַן באַשלאָסען צוריקצופאָהרען נאָך קאָר־דאָווא. איידער ער האָט פאַרלאָזען די אַראַבישע פראָווינצען, האָט ער זיך פאַר־שטעלט פאַר אַן איינפאַכען רייזענדען און בעזוכט די אַראַבישע דערפער צוצוזעהן דעם לעבען פון די פויערים.

נישט ווייט פון באַגדאַד האָט ער באַמערקט א קליינעם דערפעל וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט הויכע שטיינערנע ווענט. ביים אַריינגאַנג פון דערפעל זיינען געווען אַלעען פון שעהנע פאַלמען־בוימער. זיין האַרץ האָט געצויגען אַהין טיעפער אין דערפעל...

— וואַרט איהר אויף מיר נעבען טויער מיט די קעמלען, — האָט דער קאַליף באַפוילען זיינע קנעכט, — אויב איך וועל זיך לאַנג פאַרזאַמען, דאַן זאָלט איהר מיך געהן זוכען.

זיין אויג איז געפאַלען אויף א פראַכטפאָלען גאָרטען וואָס איז געווען אין א זייטיגען געסעל. דער אַנגענעהמער ריח פון די ציטראָנען און אַפּעלסינען האָבען איהם באַצויבערט. ער האָט באַמערקט דאָס דער טויער איז אָפען. ער איז אַריין אינעווייניג. די זון האָט שטאַרק געוואַרעמט. א שטילקייט האָט גע־הערשט אין גאָרטען וואָס איז צייטענווייז איבערגעהאַקט געוואָרען ביי א געזאַנג פון א נאַכטיגאַל. א זשומען פון א ביהן. געהענדיג טיעפער אין גאָרטען האָט ער דערהערט אַן אַנגענעהמען קלאַנג פון פאַלענדען וואַסער. דער קאַליף האָט זיך דערנעהענטערט צום פלאַץ פון וואַנען דער קלאַנג איז געקומען. פאַר זיינע אויגען האָט זיך ענטפּלעקט איינע פון די שעהנסטע פאַנאָראַמעס: אַרומגערינ־געלט מיט רויזען און ליליען איז געשטאַנען א מאַרמאָרנער רעזערוואַר, וואו קלאָהרע וואַסער האָט געטאַנצט און געפינקעלט פון א פאָנטאַן. אַרום דעם פאָנטאַן זיינען געשטאַנען שנעע ווייסע טויבען און געטרונקען פון דעם זויבערען וואַסער. פלוצלינג איז פון א דערבייאיגעביידעל אַרויס א יונגע מיידעל מיט א קליינעם קערבעל אין האַנד. די טויבען האָבען גלייך גענומען פליהען אַרום איהר. איינינע

האָבען זיך געשטעלט אויף איהר שולטער, איינינגע אויפ'ן קאָפּ און אויף די הענד. זי האָט זיי אַלעמען עסען געגעבען. דער קאַליף איז בעצויבערט געוואָרען פון איהר שעהנקייט. איהרע אויגען האָבען געלויכטען ווי צוויי גרויסע בריליאַנטען. דער נאָז ווי געטאָקט, איהר גזיכט ווייס און די באַקען און ליפּען — רויט. ווען זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן מיט איהר קליינעם מויל צו די טויבען, האָבען זיך באַוויזען צוויי רייהען פּערלדיגע צייהן. זי איז געווען אָנגעטהאָן אין אַן איינפאַכע ווייסע קליידעל און אויף איהרע פיס האָט זי געטראָגען סאַנדאַלען.

דער קאַליף איז ערשטוינט געוואָרען; ער איז צוגעגאַנגען נעהענטער און זיך פאַרנייגט. דאָס מיידעל האָט זיך עטוואָס דערשראָקען פאַר'ן פרעמדען און האָט אָפּגעטראָטען אויף צוריק.

— ענטשולדיגט מיר, געבענשטע פון אַללאַה, — האָט זיך דער קאַליף אָפּגערופען, — קענסטו מיר פיעלייכט אריינפיהרען אין דיין פאָטערס הויז. איך בין מיעד און דורשטיג.

— געוויס, מיין האַר, — האָט די שעהנהייט האַרציג געזאָגט, — קום מיט מיר.

דער קאַליף איז איהר נאָכגעגאַנגען. זי האָט איהם אריינגעפיהרט אין אַ קליינע הייזעל וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון גאַרטען.

איינגעהילט אין אַ ווייסען מאַנטעל מיט אַ טורבאַן אויפ'ן קאָפּ, איז אַן אַלטער אַראַבער געלעגען מיט'ן פּנים צו דער ערד און מתפּלל געווען. ווען ער האָט דערזעהען דעם פרעמדען ביי זיך אין הויז האָט ער זיך פאַרנויגט און איהם געבעטען זיצען.

— דו וועסט זיך אויסרוהען, — האָט ער צו איהם געזאָגט, — דו וועסט עטוואָס עסען און זיך אויסרוהען, ווייל דו שיינסט צו זיין זעהר מיעד.

— "עז־זאַראַה, — האָט זיך דער אַלטער אָפּגערופען צו דער יונגער מיידעל, — גְעה מאַך דעם האַר באַקוועם!"

עז־זאַראַה איז גלייך געלאָפען און געבראַכט אַ קרוג קאַלטע וואַסער, און זי איז געגאַנגען מאַכען עסען. זי האָט דערלאַנגט צום טיש, און אַליין האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק נעבען הויז און גענומען לעזען אַ בוך.

— דיין טאָכטער קוקט אויס ווי אַ מלאך פון הימעל, — האָט זיך דער קאַליף אָפּגערופען צום אַלטען, — איז זי אויך געלערנט און קלוג ווי זי איז שעהן?

— זי איז זעהר פיעל געלערנט און קלוג. זי רעדט אַ חוץ איהר מוטער-שפּראַך אַראַביש, אויך גריכיש און לאַטיין, אָבער זי איז נישט מיין טאָכטער.

— ווער איז זי דען, די וואונדערבאַרע שעהנהייט? — האָט דער קאַליף נייגעריג געפרעגט.

— דאָס איז אַ געהיימנים וואָס עס קען נישט ענטפּלעקט ווערען צו קיין גשום'ן מענשען, — האָט דער אַלטער איהם שטיל געענטפערט.

— אָבער מיר וועסטו דאָך דעם סוד ענטדעקען, דו גוטער מענש, — האָט איהם דער קאַליף געבעטען, — איז זי פיעליכט פער'קנס'ט אָדער פערהייראַט ?

— ניין, זי איז נישט פער'קנס'ט און נישט פערהייראַט צו קיינעם, אָבער אויב דו האָסט אין זינען איהר פאַר דיין פרוי צו קריגען, זאָלסטו וויסען זיין, אַז דאָס איז אַן אונמעגליכע זאַך, און עס וואָלט געווען אַ סך בעסער און גע־זינדטער פאַר דיר ווען דו שלאָגסט זיך עס ארויס פון דיינע געדאַנקען.

דעם קאַליף'ס אינטערעס איז געוואַקסען פון מינוט צו מינוט.

— ערלויב דאָך מיר, מיין גנעדיגער האַר, זיך דורכצורייד׳ען מיט דער שעהנער עז־זאַראַה, — האָט ער זיך ביי איהם געבעטען.

— איך וועל דיר ערלויבען מיט אַ תנאי דאָס דו זאָלסט איהר גאַרנישט פרעגען וועגען זיך. זי קען דיר זעהר ווינציג אויסקינפטע וועגען זיך געבען, און דיינע פראַגען קענען נאָך איהר פיעל שמערצען פערשאַפען.

דער קאַליף האָט פערשפּראָכען דעם אַלטען דאָס ער וועט איהך וועגען זיך קיינע פראַגעס נישט שטעלען און ער איז ארויסגעגאַנגען פון הויז און איז צוגע־גאַנגען צו עז־זאַראַה'ן.

זי איז געווען פערטיעפט אין לעזען אַ גריכישען בוך. ער האָט זיך שטיל פאַרנויגט פאַר איהר:

— געבענשטע פון אַלאַה, — האָט ער איהר געזאָגט, — איך האָב פער־שפּראָכען דיין פאָטער דיר קיינע פראַגעס נישט שטעלען, — ערלויב דאָך מיר אָבער, אויסצודריקען דיר מיין טיעפסטען דאַנק פאַר דיין גאַסט־פריינדליכקייט און גוטהערציגקייט.

— מיין האַר, — האָט עז־זאַראַה איהם געענטפערט מיט אַ בעשיידענעם שמייכעל, — עס קומט מיר גאָר קיין דאַנק נישט, איך האָב נור געטהאָן מיין פליכט, דאָסזעלבע וואָלט יעדער איינער געטהאָן פאַר אַ דורכוואַנדערער, און אַז איך וואָלט אין דיין שטאָדט געקומען וואָלטען יענע צו מיר אויך געווען גאַסט־פריינדליך.

— וואָלסטו ווען עס איז געוואָלט בעזוכען מיין שטאָדט ? — האָט ער איהר געפרעגט.

— ערלויב מיר, מיין האַרר, דיך צו פרעגען פון וועלכער שטאָדט דו קומסט, — האָט זיך עז־זאַראַה געראָויטעלט.

— איך קום פון זעהר אַ ווייטע שטאָדט, איך גלויב קוים צו דו האָסט פון דיזער שטאָדט ווען עס איז געהערט. איך קום פון קאָרדאָווא...

— קאָרדאָווא ! — האָט זי אויסגערופען מיט ענטציקונג, — פון דער

שעהנער בעצויבערנדער קאַרדאַווא! איך האָב פיעל, זעהר פיעל פון דער געבענשטער שטאָדט געהערט! איך האָב געהערט פון איהרע גרויסע קינסטלער, פּאָעטען און חכמים. דערצעהל דאָך מיר, מיין גנעדיגער האַר, איז עס אַלעס ריכטיג וואָס ווערט דערצעהלט פון קאַרדאַווא? איז עס ריכטיג, אַז דער יעצטיגער קאַליף פון קאַרדאַווא איז אַזוי קלוג און געלערנט ווי שלמה, דער קעניג פון די אידען? איז ער טאַקע אַזוי שטאַרק באַליעבט ביי אַלעמען פאַר זיין גוטהערציגקייט און גרויסקייט?

—פון וואַנען האָסטו, געטליכע בלום, אַזעלכע אויסקינפטע וועגען קאַרדאַווא געקראָגען?

— מיין לעהרער וועלכער לערנט מיר גריכיש און לאַטיין האָט מיר וועגען דעם דערצעהלט.

— עס איז ריכטיג, — האָט אבדו ראחמאַן צוגעגעבען, — דאָס די שטאָדט קאַרדאַווא פאַרמאָגט גרויסע געלערנטע, פּאָעטען און פילאָזאָפען, אָבער וועגען קאַליף האָט מען א סך איבערטריבען, עס קען זיין דאָס ער איז אַן עהרליכער מאַן און מיינט גוט, אָבער צו פאַרגלייכען איהם צום אידישען קלוגען קעניג, שלמה, איז נישט נאָר לעבערליך נאָר אויך א גרויסע זינד!... שלמה המלך, דער קליגסטער מענש אין דער וועלט, און נאָך איינער אַזוי קלוג ווי ער, איז נישט געווען און וועט נישט זיין. און נעהם דעם קאַליף פון קאַרדאַווא, זיינען דאָרטען גופא, אין קאַרדאַווא, פאַראַן פיעל, זעהר פיעל, קליגערע און מעהר געלערנטערע ווי דער קאַליף!...

עז־זאַראַה האָט איהם אָנגעקוקט ערשטוינט: זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלען ווי אַזוי א קאַרדאַווער איינוואָהנער זאָל זיך אַזוי בעציהען צו דעם פון אַלעמען בעליעבטען קאַליף!

— ווי איך זעה, מיין האַר, האָט דער קאַליף א סך געגנער אפילו אין זיין אייגענער שטאָדט און דו מוזט זיין איינער פון זיי, — האָט עז־זאַראַה געזאָגט ווי זי וואָלט איהם געוואָלט אויס׳מוסר׳ן פאַר זיין נישט ליבען זיין אייגענעם קאַליף.

אבדו ראחמאַן האָט געשמייכעלט; ער האָט בעטראַכט די שעהנע עז־זאַראַה. די רויטקייט וואָס האָט באַדעקט איהר פנים האָט איהר צוגעגעבען מעהר חן און צויבער, איהרע בריליאַנטענע אויגען האָבען געבליצט און געפינקעלט. ער האָט געפיהלט דאָס ער ווערט צוגעבונדען צו איהר מיט זיין לייב און זעעלע...

— ווער איז זי, די געטליכע שעהנהייט? — האָט ער זיך געוואונדערט, — וואָס פאַר א סוד הילט אַרום איהר גאַנצעס וועזען? ניין, זי שטאַמט נישט פון דעם איינפאַכען בויערען פאָלק... איהר ריידען, איהר באַנעהמען זיך און איהרע מאַניערען ציינען איהר אַריסטאָקראַטישען שטאַם. ווי אַזוי אָבער קומט זי אַהער?

וואָס פאַר א שייכות האָט דער אַלטער מיט איהר? און וואָס מיינט דער אַלטער מיט דעם דאָס איהר געהיימנים קען נישט ענטפּלעקט ווערען צו קיין פּשוט׳ען מענשען! אויב אַזוי קען ער דאָך אויסגעפינען דעם סוד ווען ער זאָל זיך ארויסציינען ווער ער איז.

דעם קאַליף׳ס געדאַנקען זיינען אונטערבראָכען געוואָרען ווען דער אַלטער האָט זיך באַוויזען.

ער מוז פון איהם דערגעהן דעם סוד וועגען עז־זאַראַה, האָט ער ביי זיך בעשלאָסען, און האָט זיך ענטשולדיגט פאַר איהר, און האָט אָפּגערופען דעם אַלטען אַן א זייט.

דער קאַליף איז מיט דעם אַלטען אַוועק טיעפער אין גאָרטען. זיי האָבען זיך ביידע געזעצט אונטער א בוים.

— מיין האַר, — האָט זיך דער קאַליף צו איהם אָפּגערופען, — איך וויל דיר פרעגען, ערקלעהר דאָך מיר וואָס דו מיינסט מיט דעם דאָס איהר געהיימנים קען נישט פערטרויט ווערען צו א פּשוט׳ען מענשען. נו, און אויב דער מענש איז נישט קיין פּשוט׳ער וועט ער קענען דערגעהן איהר סוד. זאָג דאָך מיר, וואָס הייסט ביי דיר א פּשוט׳ער און וואָס הייסט נישט קיין פּשוט׳ער?

— איך וועל דיר זאָגען, מיין האַר, — האָט דער אַלטער גענטפערט, — איך בין בעשוואָרען געוואָרען מיט דעם הייליגען אַללאַה און מיט מחמד זיין נביא, דאָס איך זאָל איהר געהיימנים נישט ענטדעקען צו קיינעם. נאָר אויב דער מאַן וועלכער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין עז־זאַראַה, שטאַמט פון קעניגליכע פאַמיליע, דאַן קען איך איהם אַלעס ערצעהלען. נו, יעצט זעהסטו שוין אַז דיין מיה איז אומזיסט... טו געה זיך דיר דיין וועג און אַללאַה וועט דיר שוין צושיקען דיין באַשערטע.

— אויב אַזוי, — האָט אויסגערופען דער קאַליף, נישט קענענדיג זיך מעהר איינהאַלטען, — אויב אַזוי קענסטו מיר אַלעס דערצעהלען, ווייל איך בין דער קאַליף פון קאָרדאָווא.

דער קאַליף האָט פון זיך אראָפּגעוואָרפען זיין מאַנטעל און דער אַלטער האָט איהם דערזעהען אין זיינע קעניגליכע קליידער. ער איז געפאַלען מיט׳ן פּנים צו דער ערד, און זיינע ליפּען האָבען געמורמעלט:

„געבענשט זיי, הייליגער קאַליף, געבענשט זיי ביים אַלמעכטיגען אַללאַה!"

דער קאַליף האָט איהם געהאָלפען זיך אויפהויבען און איהם געבעטען דערצעהלען דעם סוד פון עז־זאַראַה.

— שווער דאָך מיר, גרויסער קאַליף, ביי אַללאַה, אַז דאָס וואָס איך וועל דיר דערצעהלען וועט בלייבען פאַרזיגעלט ביי דיר אין האַרצען ביז וואַנען עז־זאַראַה׳ס פאָטער וועט צושטימען דאָס זי זאָל דיין פרוי ווערען.

דער קאליף האט געשוואוירן, און דער אלטער האט אנגעפאנגען:

"עז־זאראה איז א פרינצעסין; זי איז די באליבטסטע טאכטער פון דעם גרויסן קאליף אל מאמון, וועלכער האט א הויז איהר נאך צוויי זיהן. ווען עז־זאראה איז אלט געווארן צעהן יאהר איז צום קאליף אל מאמון געקומען א בעוואוסטער שטערן־זעהער. ווען ער האט דערזעהן די קליינע פרינצעסין האט ער נביאות געזאגט, אז זי, עז־זאראה, וועט אמאל רעגירן איבער פיעלע לענדער. ווען דער עלטערער זוהן, דער טראהן־פאלגער פון אל מאמון, האט עס דערהערט, האט ער מורא באקומען, טאמער וועט דער טראהן אוועקגענומען ווער־רען פון איהם און וועט איבערגעהן צום יעניגען וועמען עז־זאראה וועט הייראטען. ער האט דאריבער געזוכט צו טויטען עז־זאראה'ן אום צו מאכען צו גארנישט די נבואה פון דעם שטערן־זעהער. ווען דער קאליף אל מאמון האט זיך דערוואוסט פון זיין זוהן'ס פלאן, האט ער בעשלאסען צו בעהאלטען זיין טאכטער. ער האט זי איבערגעגעבען אין מיינע הענד. דער קאליף האט מיר געשענקט דעם וואונדערבארען גארטען און צאהלט מיר יעהרליך א גרויסע סומע געלד. די פרינצעסין איז שוין ביי מיר צעהן יאהר און קיינער ווייסט נישט דעם סוד, א חוץ איהר לעהרער און ערציהערין. איהר ברודער גלויבט, אז זי איז דערטרונקען געווארן..."

ווען אבדו ראחמאן האט עס דערהערט, איז ער געפאלען מיט'ן פנים צום באדען און אויסגערופען:

"געבענשט זיי, אללאה, און זיין הייליגער נביא מחמד, ווייל דו האסט מיר אין דעם ריכטיגען וועג געפיהרט איך זאל מיין הערצענס געליבטע דא געפינען...

דעם קאליף'ס קנעכט זיינען דערווייל בעאומרוהיגט געווארן, ווייל דער קאליף האט זיך צו לאנג געזאמט. זיי האבען זיך שטארק געשראקען, טאמער האט עטוואס מיט דעם קאליף פאסירט. זיי האבען זיך געזעצט אויף די קעמלען און אריינגעקומען אין דערפעל. לאנג האבען זיי דעם קאליף געזוכט אבער אומזיסט. אין גארטען האבען זיי פון ווייטען באמערקט עז־זאראה, זיצענדיג אויפ'ן באנק פערטיעפט אין בוך. זיי האבען זיך דערנעהנטערט און זיך פאר איהר פארנייגט.

— מיר זוכען דא אונזער קאליף, — האט זיך דער עלטסטער פון קאליף'ס לייב־וואך אפגערופען צו עז־זאראה, — זאג דאך אונז, גנעדיגע יונג־פרוי, פיעלייכט האסטו איהם געזעהן פארבייגעהן?

— דעם קאליף! וועלכען קאליף? — האט עז־זאראה פערוואונדערט געפרעגט.

— אונזער קאליף, אבדו ראחמאן פון קארדאווא, — האט דער עלטסטער

געזאָגט. ער האָט אונז מיט אַ שטונדע צוריק געלאָזען וואַרטען אויף איהם אין די טויערען פון דעם דאָרף.

— מיט אַ שטונדע צוריק איז דאַ אריינגעקומען אַ פרעמדער דורכרייזענדער, אָבער נישט קיין קאַליף, — האָט עז־זאַראַה געזאָגט מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ.

— אונזער קאַליף איז געוועזן פאַרקליידעט אין ציווילע קליידער, — האָט זיך דער עלטסטער אָפּגערופען, — יאָ, דאָס איז ער געווים געווען. ווייסטו פּיעלייכט וואוהין ער איז אוועק?

עז־זאַראַה'ס פּנים האָט גענומען פלאַמען... דער קאַליף! אַה, גרויסער אַללאַה! האָט זי אויסגערופען. איז דאָס מעגליך? ! יאָ, מיין האַר, איך ווייס וואו ער איז איצט... קום, איך וועל דיר צייגען.

עז־זאַראַה האָט איהם אריינגעפיהרט טיעפער אין גאָרטען און מיט איהם צוגעגאַנגען צום פּלאַץ וואו דער אַלטער איז געזעסען מיט דעם קאַליף.

— גרויסער קאַליף, — האָט זיך דער עלטסטער פאַרבוקט, — געבענשט און געלויבט איז אַללאַה, וואָס אונזער שרעק איז געוועזן אומזיסט...

דער קאַליף האָט גלייך באַמערקט עז־זאַראַה'ן. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און זיך פאַרנויגט פאַר איהר...

דערזעהענדיג איהם אין זיינע קעניגליכע קליידער איז עז־זאַראַה ערשטוינט געוואָרען. אַ ווייַלע איז זי געשטאַנען באַוועגלאָז און אָנגעקוקט דעם קאַליף מיט איבעראַשונג. זי איז אָבער באַלד צו זיך געקומען און זיך פערבוקט פאַר איהם.

— דו געטליכער מלאך! — האָט דער קאַליף איהר געזאָגט, אָננעהמענדיג זי פאַר'ן האַנד, — ערלויב מיר דאָך איינציגע ווערטער מיט דיר צו ריידען.

דער אַלטער אַראַבער מיט דעם קאַליף'ס הויפּט לייב־וועכטער זיינען אַרוים פון גאָרטען און איבערגעלאָזען עז־זאַראַה'ן מיט דעם קאַליף.

אייניגע מינוטען זיינען זיי ביידע געשטאַנען און געשוויגען. זייערע אויגען און הערצער האָבען זיך דורכגערעדט און זיך גוט פאַרשטאַנען... דעם קאַליף'ס אויגען האָבען אין עז־זאַראַה'ן געזעהן די פּאַרקערפּערונג און פאַרווירקליכונג פון זיין העכסטען אידעאַל. ער איז ענטציקט און בעצויבערט געוואָרען פון איהר שעהנקייט, רייץ און קלוגשאַפט.

און זי, עז־זאַראַה, זי גלויבט נישט איהרע אויגען... איז דאָס אַ חלום?... דער קאַליף פון קאָרדאַווע פון וועמענס גרויסקייט און ערהאַבענקייט זי האָט אַזוי פיעל געהערט, דער מעכטיגער, און פון אַלעמען בעליעבטער הערשער, שטעהט יעצט נעבען איהר און האַלט איהר האַנד...

— געטליכע בלום, — האָט דער קאַליף איבערגעריסען די שטילקייט, — אַללאַה האָט מיר צו דיר געפיהרט... איך האָב גאַנץ אַראַביען דורכגערייזט. איך האָב בעשלאָסען צו זוכען מיין אויסערוועהלטע אין דעם לאַנד פון מיינע אבות,

און יעצט, ווען איך האָב פאַרענדיגט מיין רייזע און געוואָלט אָבפאָהרען אהיים נאָך קאָרדאָווא, און ענטטוישטער, האָט מיר אללאה, דיר, מיין שעהנע פּרינצעסין, צוגעשיקט... ווי גליקליך איך וועל זיך שעצען ווען דו וועסט איינשטימען מיט מיר צו פאָהרען נאָך קאָרדאָווא, און מיט מיר זיך טיילען מיין הארץ און קעניגרייך...

עז־זאראה'ס פּנים האָט געשטראַהלט פון גליק... איהרע בריליאַנטענע אויגען האָבען דעם קאַליף געענטפערט... און באַלד האָט זיך אין גאָרטען אָבגעהילכט דער ערשטער קוש פון די צוויי ליעבענדע...

זיי זיינען אַלע באַלד אָפּגעפאָהרען נאָך באַגדאַד, און דער אַלטער האָט גלייך צו־רויסען געגעבען אַל מאַמון וועגען דעם קאַליף פון קאָרדאָווא.

אל מאמון האָט הערצליך באַגריסט אבדו ראַחמאַן און האָט זיין טאָכטער עז־זאראה מיט איהר אויסערוועהלטען, דעם קאַליף פון קאָרדאָווא, זיין ברכה געגעבען.

מען האָט געפּראַוועט א חתונה כיד המלך און גלייך נאָך דער חתונה איז דער קאַליף אבדו ראחמאן אָפּגעפאָהרען מיט זיין יונגע, שעהנע פּרינצעסין, אהיים נאָך קאָרדאָווא.

צווייטער קאַפּיטעל

אין קאָרדאָווער שוהל.

די שטאָדט קאָרדאָווא האָט זיך געגרייט מקבל פּנים זיין דעם קאַליף מיט זיין שעהנע קאַליפין עז־זאראה. די גאַסען זיינען געווען אויסגעפּוצט און דעקאָרירט. אַלע איינוואָהנער פון שטאָדט האָבען געיובעלט און זיך משמח געווען. איבערהויפּט איז די שמחה געווען גרויס ביי די אידען פון קאָרדאָווא, ווייל וועד נאָך ווי די אידען האָבען געוואוסט ווי אָבצושעצען די גרויסקייט און גוטסקייט פון דעם קאַליף אבדו ראַחמאַן דעם דריטען, ביי וועמען זיי האָבען געהאַט דיזעלבע פּריווילעגיעס און פרייהייט ווי די איבריגע נאַציאָנען.

די גרויסע קאָרדאָווער שוהל וועלכע איז געווען פאַררעכענט איינע פון די שעהנסטע געביידעס אין קאָרדאָווא, איז ביסלעכווייז אַנגעפּילט געוואָרען מיט פערזאַמעלטע אידען, וועלכע זיינען ספּעציעל גערופען געוואָרען זיך צו בעראַטהען ווי אַזוי צו באַגעגענען דעם קאַליף מיט דער קאַליפין.

אויף דער בימה זיינען געווען: דער קאָרדאָווער הויפּט רב, ר' נתן, דער רייכער זייד־סוחר ר' שמואל אבן ברוך, דער פּרנס (פּרעזידענט) פון שוהל, און דער שמש ר' שמשון. דער רב האָט זיך שטילערהייד דורכגעשמועסט מיט ר'

שמואל׳ן, דערנאָך האָט דער שמש א קלאַפּ געטהאָן מיט א הילצערנעם האַמער אויף דעם טיש, און אין שוהל איז גלייך שטיל געוואָרען...

דער גרייז־גראָהער רב האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געווענדעט צו די פּערזאָמעלטע מיט פאָלגענדע ווערטער:

"היילינע געמיינדע, מיר האָבען זיך דאָ אַלע פערזאַמעלט צוליעב א וויכ־טיגען צוועק, און דעריבער מוזען מיר באַלד בעשליסען ווי אזוי צו האַנדלען. אונזער ווירדיגער און בעליעבטער קאַליף האָט זיך יעצט צוריקגעקעהרט פון זיין רייזע דורך מזרח אראַביען, מיט זיין יונגע קאַליפין, זיין באַשערטע פון הימעל, מיט וועמען ער האָט דאָרטען געהייראַט. נעכסטען מאָנטאָג איז ערקלערט געוואָ־רען אַלס א פייערטאָג לכבוד דעם קאַליף און זיין יונגע פרוי. מיר דאַרפען אַלזאָ היינט באַשטימען ווער פון אונז זאָל פאַרטרעטען די אידישע געמיינדע פון קאָרדאָווא ביי דעם קבלת פּנים פון קאַליף און אויך וואָס פאַר א מתנה מען זאָל דעם קאַליף איבערגעבען אין נאָמען פון אַלע אידען. אַלזאָ, היילינע עדה, אויב אימיצער פון אייך האָט עטוואָס צו זאָגען וועגען דעם ענין, זאָל זיך מעלדען צום שמש".

אין שוהל האָט באַלד אויסגעבראָכען א טומעל.

די רייכע שקלאַפען־הענדלער, וועלכע האָבען אַלע מאָל געשאַטען מיט געלד פאַר׳ן שוהל אום אריינצוקריגען כבודים האָבען שטאַרק געוואָלט, אַז איינער פון זייערע אייגענע זאָל פאַרטרעטען די קאָרדאָווער קהלה ביים קאַליף.

די איבריגע אידען, די רייכע ווי די אָרימע, האָבען געקוקט אויף אידישע שקלאַפען־הענדלער ווי אויף א בייזע אַנשיקענים און א טרויעריגע ערשיינונג אין אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען, און האָבען זיך, ווי ווייט מעגליך געהאַל־טען פון ווייטען פון זיי.

שקלאַפען־האַנדעל אין יענע צייטען איז געווען א בליהענדע בעשעפטיגונג. די געפאַנגענע, וועלכע זיינען גענומען געוואָרען אין פערשידענע אַפטע מלחמות און אין די איבערפאַלען וואָס די ים־רויבער פלעגען מאַכען איבער די שיפען אין מיטעללענדישען ים. דאָס אַלעס האָט צוגעשטעלט גענוג שקלאַפען פאַר׳ן מאַרק.

באַטש דער שקלאַפען־האַנדעל איז געווען פערהאַסט און פאַר׳מיאוס׳ט ביי אידען, פונדעסטוועגען האָט די שוהל נישט גענומען קיין שריט דאָס צו פאַרווער־רען; אמת, א איד האָט נישט געטאָרט האַנדלען מיט אידישע שקלאַפען, אָבער מיט א פרעמדען האָט איהם קיינער נישט געקענט שטערען.

מנשה אבן זמרי איז געווען פאַררעכענט פאַר דעם רייכסטען שקלאַפען־הענדלער אין קאָרדאָווא. אין דער יוגענד איז ער געווען אַן אָרימער שוסטער, נאָכהער איז ער געווען א פאַרמיטלער פון שקלאַפען, אביסעל שפּעטער האָט ער אַליין אָנגעפאַנגען האַנדלען מיט שקלאַפען. עס האָט איהם אָפּגעגליקט און ער

איז רייך געווארען. מנשה האט זיך געלאזט קאסטען היבשע געלד פאר פערשידענע אידישע צדקה־אנשטאלטען. דערמיט, האט ער געגלויבט, וועט ער געווינען דעם צוטרוי פון די אידען אין שוהל...

— טויזענד שקלים בין איך מנדב אויף דער שוהל אויב מיין זוהן, חפני, וועט בעשטימט ווערען אלס פארטרעטער צום קאליף'ס קבלת פנים, — האט אויסגערופען מנשה אבן זמרי.

— די שוהל דארף נישט קיין געלד, — האבען איינעגע שטימען פראַ־טעסטירט.

— פאטער, — האט חפני זיך שטילערהייד אפגערופען צו מנשה, — איך מוז באקומען דעם כבוד, געלד זאל קיין אפהאלט נישט זיין.

— זארג נישט, מיין זוהן, — האט איהם מנשה געזאגט, — איך וועל שוין זעהן, דאס דו זאלסט עס קריגען.

ער האט גאנץ גוט פערשטאנען פאר וואס זיין בן יחיד, חפני, איז אזוי נייגעריג צו קריגען דעם כבוד. ער האט עטליכע מאל באמערקט ווי חפני קוקט ארויף צו די עזרת נשים, דארטען אויבען, צווישען די פרויען איז געווען שמואל אבן ברוך'ס טאכטער, די שעהנע שושנה, און וואס וואלט ער נישט געטהאן אום איהר געפעלען צו ווערען...

חפני האט זעהר שטארק געליעבט שושנה'ן. ער וואלט אלעס אין דער וועלט געטהאן זי זאל איהם נאר שענקען אביסעל אויפמערקזאמקייט, זי זאל איהם נישט אויסמיידען. אה, ווען די שוהל וואלט איהם געגעבען אזא כבוד, און איהם בעשטימען אלס איינער פון די דריי צו פארטרעטען די אידען ביים קאליף'ס קבלת פנים, דאן איז ער זיכער דאס שושנה וואלט אויף איהם אנדערש גע־קוקט, וואלט איינגעזעהען דאס ער איז מיט לייטען גלייך...

— א חוץ די טויזענד שקלים פאר דער שוהל, וויל איך בייששטייערען העלפט פון די קאסטען פון דעם קאליף'ס מתנה, אויב מיין זוהן וועט בעעהרט ווערען מיט דעם כבוד, — האט מנשה נאך אמאל אויסגערופען.

— א העזה פון א שקלאפען הענדלער, — האבען איינעגע שטימען גע־שטורעמט, ער מיינט דאס מיט זיין געלד וועט ער אבקויפען די שוהל.

דער טומעל איז שטארקער געווארען. עס האט זיך געהערט זידלערייען און געשרייען. און דער שמש האט זיך ווידער געמוזט בענוצען מיט דעם הילצערנעם האמער. דער עולם האט זיך איינגעשטילט. דער יונגער חסדאי אבן שפרוט איז ארויף אויף דער בימה און געבעטען ערלויבנים ביים רב צו זאגען עטליכע ווערטער וועגען דיזען עניין.

חסדאי איז געווען א שעהנער יונגערמאן מיט א שלאנקע פיגור, זיין

איידעלע געזיכט איז געווען באצירט מיט א קליין שווארצע בערדעל וואס האט צוגעגעבן א באזונדערען חן צו זיין סימפאטישען אויסזעהן. זיינע קלוגע אויגען האבען ביי אלעמען ארויסגערופען פערטרויאונג און רעספעקט צו איהם.

חסדאי אבן שפרוט איז געווען ר׳ יצחק בן עזרא׳ס זוהן. ער האט געלערנט אין קארדאווא׳ר ישיבה וואו ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גרויסקייט אין תלמוד. ער איז אויך געווען בעוואוסט אלס זאנדערבארער מעדיצין און שפראכען־קענער. זיין נייע מעדיצינישע רפואה־ערפינדונג וואס רופט זיך אז "טריאקע", אדער ווי די אראבער רופען עס "פארוק", מיט וואס ער האט פיעלע מענשען פון טויט געראטעוועט, האט פערשטארקט זיין פאפולאריטעט ביי די אידען און די אראבער. ער האט אויך פיעלע שירים פארפאסט אין אראביש און אין העברעאיש.

די שטילע אנשטרענגונג וואס האט געהערשט אין שוהל איז נאך שארפער געווארען.

— רבותי, — האט חסדאי אנגעפאנגען, — אונזער גרויסער קאליף איז ביי אונז אלעמען טהייער און באליעבט, זיין שמחה איז אונזער שמחה, מיר האבען דא זיך פערזאמעלט צו בעראטהען זיך מיט וואס פאר אן אופן מיר זאלען פייערען דעם קאליף׳ס צוריקקעהר נאך קארדאווא מיט זיין אויסערוועהלטער קאליפין. טו פאר וואס זאלען מיר פארשטערען אונזער שמחה מיט קריגערייען און צאנקערייען. אזוי ווי עס האנדעלט זיך נאר וועגען א דריטען פארשטעהער, א חוץ אונזער רב מיט אונזער פרנס, דאריבער איז מיין עצה דאסביידע צדדים זאלען אויסרופען די נעמען פון די פערזאנען וועלכע זאלען זיי פארטרעטען, און נאכהער וועט דער גאנצער קהל וועגען דעם שטימען, און דער וועלכער וועט קריגען א מעהרהייט שטימען יענער וועט געהן.

די עצה איז אלעמען געפעלען געווארען, א חוץ די שקלאפען־הענדלער.

— חפני אבן זמרי! חפני אבן זמרי! — האבען די שקלאפען־הענדלער אויסגערופען, — די שוהל נויטיגט זיך אין געלד, דאריבער דארף מען אויסקלייבען חפני׳ן.

— חסדאי אבן שפרוט! חסדאי אבן שפרוט! — האט דער אנדערער צד אויסגערופען.

מען האט געשטימט און חסדאי אבן שפרוט איז מיט א גרויסער מעהרהייט אויסגעקליבען געווארען צו פארטרעטען די אידען פון קארדאווא.

חסדאי האט הערצליך בעדאנקט די קהלה פאר דעם כבוד וואס מען האט איהם פערשאפט.

יעצט האט מען בעדארפט בעשליסען וואס פאר א מתנה צו געבען דעם קאליף. דער רב האט זיך וועגען דעם בעראטהען מיט ר׳ שמואל׳ן און חסדאי.

און זיי האָבן בעשלאָסען, אזוי ווי דער קאַליף אבדו ראַחמאַן איז א פאַר־עהרער פון דער אידישער תורה, וועלען זיי איהם פּרעזענטירען מיט א תורה און א גאָלדענע עטרה (קרוין).

דער עולם איז א צופרידענער אוועק אהיים. חפני אבן זמרי איז געווען שטאַרק ענטטוישט; ער האָט געברענט מיט כעס אויף חסדאי׳ן; ער איז איהם געוואָרען זיין גרעסטער שונא.

אהיים געהענדיג האָט זיך ר׳ שמואל אָפּגערופען צו זיין פרוי מרים:
— מיר טהוט גרוים הנאה וואָס חסדאי איז ערוועהלט געוואָרען אנשטאָט דעם שקלאַפען־הענדלער׳ס זוהן. מיט אזא מאַן ווי חסדאי קענען מיר טאַקע שטאָל־צירען פאַר׳ן קאַליף.

שושנה׳ס פּנים איז באַדעקט געוואָרען מיט א בעשיידענע רויטקייט ווען זי האָט געהערט איהר פאָטער לויבען חסדאי׳ן...

ר׳ שמואל אבן ברוך, דער רייכער זייד־סוחר, איז געווען א גרויסער למדן. ער איז געווען געאַכטעט און געשעצט נישט נאָר ביי די אידען, זאָנדערן אויך ביי די גוים. זיין איידעלקייט און גוטסקייט האָט ארויסגערופען ליעבשאַפט און דרך ארץ ביי יעדען וואָס האָט איהם געקענט.

זיין פרוי מרים איז אויך געווען געלערנט, איידעל, געטריי און האַרציג איבערגעגעבען צו איהר מאַן מיט איהרע צוויי קינדער שושנה און איהר קליינער ברודער עמנואל.

שושנה איז אַלט געווען אכטצעהן יאָהר; זי איז געווען גוט ענטוויקעלט, קלוג און וואונדערליך שעהן. זי איז געווען א בליהענדע רויז. איהרע שעהנע שוואַרצע לאָקען מיט איהרע פּרעכטיג, קלוגע קאַרשען אויגען האָבען איהר געגעבען דעם אויסזעהן פון א מלאך. ווען זי איז געגאַנגען אין גאַס, האָבען זיך אַלע אָפּגעשטעלט קוקען אויף איהר און זי שטאַרק בעוואונדערט.

ר׳ שמואל אבן ברוך האָט אליין מיט זיינע קינדער געלערנט תנ״ך און העברעאיש. ער האָט זיי אויך געגעבען א וועלטליכע ערציהונג. שושנה האָט גוט געריידט אראַביש און לאַטיין.

— צוליעב נאָך א זאַך בין איך זעהר צופריעדען וואָס חפני איז נישט ערוועהלט געוואָרען, — האָט זיך אָפּגערופען מרים צו איהר מאַן, ווען שושנה איז דערביי נישט געווען, — געוועהנליך נאָך דעם קבלת פּנים וועסטו דאָך דאַרפען איינלאַדען דיינע מיטגעהער צו זיך אויף ״כבוד״, און ווען חפני וואָלט געווען איינער פון די געסט, וואָלט עס פערשאַפט אונזער ליעבע טאָכטער גרויס עגמת נפש...

— וואָס מיינסטו דערמיט, מרים? — האָט שמואל איהר אנגעקוקט פערוואונדערט, — וואָס פאַר א שייכות האָט חפני מיט אונזער שושנה׳ן?

— איך האב שוין מיט דיר לאנג געוואלט רעדען וועגען דעם, שמואל, — האט זיך מרים אפגערופען, — חפני אבן זמרי האט לעצטענס אנגעפאנגען צו בעלעסטיגען אונזער שושנה'ן, ער לאזט איהר נישט אפ, ער פארפאלגט איהר אויף יעדען שריט און טריט. ווי נאר זי געהט ארויס פון הויז, אזוי וואקסט ער פלוצלינג אויס לעבען איהר און פאנגט אן באשיטען איהר מיט קאמפלימענטען און מיט זיסע רייד... און זי קען זיך קיין ארט נישט געפינען צוליעב איהם...

— פון וואנען ווייסטו עס אלעס? — האט איהר ר' שמואל געפרעגט.

— שושנה האט מיר היינט אלעס דערצעהלט; איך האב איהר געפרעגט, פארוואס זי געהט נישט ארויס א ווייל'ע פאר א קליינעם שפאציר, האט זי מיר אלעס דערצעהלט; זי האט מיר געזאגט ווי נאר זי טרעט ארויס פון הויז קומט איהר חפני אנטקעגען און וויל מיט איהר ריידען. שושנה האסט איהם דער־פאר אזוי אז זי קען אויף איהם נישט קוקען. זי האט נאך אין איהר לעבען, — האט זי מיר געזאגט, — אויף קיין מענשען נישט געטראגען אזא שנאה אין הארצען ווי אויף חפני אבן זמרי'ן. ווען איך בין ארויס מיט איהר א ווייל'ע אין גאס, איז טאקי חפני אונז באלד אנטקעגען געקומען רייטענדיג אויף א פערד און ער האט אונז באגריסט און באלד אוועקגעריטען, אבער ער האט זיך עטליכע מאל אומגעקעהרט און אונז נאכגעקוקט...

ר' שמואל איז שטארק אין כעס געווארען.

— ווי האט ער דאס גאר די העזה, דער נידערטרעכטיגער יונג, דער שקלאפ־ען־הענדלער און דער זוהן פון א שקלאפען־הענדלער, צוצוטרעטען צו אונזער טאכטער! אז איך וועל איהם דערזעהען ארום אונזער הויז, וועל איך איהם מיט א שטעקען פארטרייבען.

— ווי דער טאטע אזוי דער זוהן, — האט געזאגט מרים. — מען דער־צעהלט פוןביידען זעהר נישט קיין שעהנע זאכען...

3טער קאפיטעל

ד ע ר   ב ל ב ו ל

עס איז געווען מאנטאג אין דער פריה אין קארדאווא. די זון האט ארויסגע־שיקט איהרע שעהנע העלע שטראהלען, און מיט איהר ווארימע צערטליכקייט אויפגעוועקט אלע בעשעפענישען. די פייגעלעך האבען זיך צוזונגען, געדאנקט דעם בורא פאר זיין ליעבע שעהנע וועלט. די פאסטוכער, פרישע און מונטערע מיט זייערע לאנגע ווערבעס און פייפעלעך פיהרען לאנגזאם די שאף צום פעלד פאר פאשע. עטליכע יונגע שעפעלאך פארקריכען אן א זייט און שטעלען זיך אפ עסען די גראז פון וועג. זיי קענען זיך נישט דערווארטען ביז וואנען זיי וועלען קומען אין פעלד, באפען זיי דערווייל א ביים אויפ'ן וועג... דער פאסטוך לערנט

זיי דרך ארץ מיט זיין לאַנגע ווערבע, און די שעפּעלאָך מיט א שפּרונג און טאַנץ קומען צוריק אין די רייהען מיט די איבריגע שאָף.

אַלע איינוואָהנער פון קאָרדאָווא און ארום זיינען געווען יום־טוב׳דיג געשטימט און געקליידעט. די גאַסען האָבען געשטראַמט מיט מענשען וועלכע זיינען געגאַנגען צום קאַליף׳ס פּאַלאַץ; יעדען האָט זיך געוואָלט וואָס נעהענטער זיין צום פּאַלאַץ כדי בעסער צו זעהן און הערען זייער ליעבענדען קאַליף מיט די קאַליפין. עס איז געווען נאָך גאָר פריה און ארום פּאַלאַץ זיינען שוין געשטאַנען עטליכע טויזענד מענשען און מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט ווען דער פּאַראַד וועט זיך אָנפאַנגען.

די אידען האָבען געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו מאַרשירען אַלע צוזאַמען פון שוהל־הויף, און כאָטש א סך אידען האָבען זיך אָפּגעטיילט און זיינען אוועק באַזונדער אום צו געפינען א בעסערען פּלאַץ, איז דאָך דער אידישער מאַסען־מאַרש געווען זעהר איינדרוקספאָל: פון פאָרענט איז געגאַנגען דער קאָרדאָווער רב ר׳ נתן און געטראָגען די ספר תורה, וועלכע איז געווען בעציערט מיט א עטרה (קרוין) פון גאָלד און איינגעפאַסט מיט בריליאַנטען. אויף די תורה איז געהאַנגען א גאָלדענע פּלאַטע אויף וואָס ס׳איז געווען אויסגעקריצט די פאָלגענדע אויפשריפט:

למזכרת נצח
למלכנו היקר,
הקליף אבדו רחמן השלישי
באהבה והערצה
מאת כל עדת ישראל בקורדובת.

(צום עוויגען אַנדענקונג אונזער בעליעבטען קעניג, דעם קאַליף אבדו ראַחמאַן דעם דריטען, מיט ליעבשאַפט און ערגעבענהייט פון די אידישע געמיינדע אין קאָרדאָווא).

דער חזן מיט זיינע משוררים האָבען אויפ׳ן וועג געזונגען תפלות און מזמורים לכבוד דעם יום טוב; ר׳ שמואל אבן ברוך און חסדאי אבן שפּרוט זיינען געגאַנגען ביי די זייטען פון רב און געטראָגען א חופה איבער די תורה; נעבען ר׳ שמואל׳ן איז געווען זיין פרוי מרים און זיין טאָכטער שושנה.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום פּאַלאַץ האָבען זיך די אידען צעמישט מיט די איבריגע מענשען. דער רב מיט זיינע בעגלייטער זיינען צוגעגאַנגען צום אריינגאַנג פון פּאַלאַץ און דאָרט שטעהן געבליבען.

דער גאַנצער וועג, פון אריינגאַנג ביז צום פּאַלאַץ, איז געווען פאַרשאָטען מיט בלומען. ביי ביידע זייטען וועג זיינען געשטאַנען, מיט בלויזע שווערדען, דעם קאַליף׳ס לייבוועכטער.

ווי נאָר דער קאַליף און די קאַליפין האָבן זיך באַוויזן אויפ'ן באַלקאָן אום צו באַגריסן זייערע איבערגעבענע און באַליעבטע אונטערטהאַנען, איז אויסגעבראָכן א הילכיג פרעהליך הורראַ געשריי פון א הונדערט טויזענד קעפיגע מענגע.

דער קאַליף מיט זיין פרוי האָבן זיך פאַרנייגט פאַר'ן עולם.

— הורראַ! לאַנג לעבען זאָל אונזער גנעדיגער קאַליף מיט זיין אויסערוועהלטע! הורראַ!

אבדו ראַחמאַן האָט אויפגעהויבען זיין האַנד אלס צייכען דאָס ער וויל עפּעס ריידען.

דער עולם איז גלייך שטיל געוואָרען. יעדער האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויערען צו הערען דעם קלוגען, געלערנטען קאַליף.

אבדו ראַחמאַן, אָננעהמענדיג עז־זאַראַה'ן פאַר'ן האַנד, האָט ער איהר פאָרגעשטעלט פאַר'ן עולם און גערעדט גאַט וואָס ער האָט איהם בעשיצט אויף זיין רייזע און צוגעשיקט זיין באַשערטע, די פּרינצעסין עז־זאַראַה, זיין יעצטיגע פרוי.

— איך פאָרהאָף, — האָט דער קאַליף פאָרענדיגט, — אז דער אלמעכטיגער וועט מיר און מיין טהייערע פרוי געבען גענוג שכל און קלוגשאַפט, אום מיר זאָלען קענען רעגירען מיט גערעכטיגקייט און אויסהיטען אונזער טהייער פאָטערלאַנד פון אומגליקען און צרות. זאָל דער עוויגער פרידען הערשען צווישען אונז אַלעמען.

דער גרויסער עולם האָט נאָך שטאַרקער אַפּלאָדירט און מיט מעהר ענטוזיאַזם אויסגעשריען:

— הורראַ! געבענשט זאָל זיין דער קאַליף מיט די קאַליפין! הורראַ!

דער קאַליף האָט באַמערקט די אידישע באַפאָלמעכטיגטע שטעהענדיג מיט דער ספר תורה; ער האָט גלייך געשיקט זיין בעאַמטען אַז זיי געהייסען אַרויפגעהן צו איהם.

דער רב, ר' שמואל און חסדאי זיינען געשטאַנען אויפ'ן באַלקאָן, נעבען דעם קאַליף און די קאַליפין.

איידער דער רב האָט איבערגעגעבען די ספר תורה צום קאַליף און דער קאַליפין, האָט זיי חסדאי אַדרעסירט אין א שעהן־פּאָליסיגען אַראַביש דאָס פאָלגענדע:

"אונזערע ערהאַבענע און ווירדיגע קאַליף און קאַליפין! אין נאָמען פון די קאָרדאָווער אידישע געמיינדע בעגריסען מיר אייך איבערגעבענסט און הארצליך. מיר פּרעזענטירען אייך מיט א הייליגע ספר תורה וואָס איז ביי אונז דאָס טהייערסטע וואָס מיר פאַרמאָגען. יעדער איד וואָלט געאָפּפערט זיין לעבען פאַר א ספר

תורה... הונדערטע טויזענדע פון אונזערע עלטערן האבן זייערע לעבענס מקריב געווען צוליעב דער תורה. און אין נאמען פון אלע אידען פון קארדאווא ווילען מיר אייך פארזיכערען דאס מיר אלע זיינען גרייט מקריב צו זיין אונזערע לעבענס פאר דעם כבוד פון אונזער קאליף און קאליפין און פאר דעם וואוילשטאנד פון אונזער ליעבעס פאטערלאנד".

דער קאליף איז געריהרט געווארען פון חסדאי'ס הארציגע ווערטער. ער האט איהם בעדאנקט. דער רב האט דעם קאליף איבערגעגעבען די ספר תורה. ר' שמואל האט אנגעטהאן די עטרה אויף דער ספר תורה. א היילינגע שטילקייט האט געהערשט בשעת דער צערעמאניע פון איבערגעבען די ספר תורה. דער רב, ר' נתן, האט אויפגעהויבען זיינע הענד און האט מתפלל געווען די פאלגענדע תפלה:

"היילינגער גאט פון אונזערע אבות אברהם יצחק ויעקב, דו האסט בעשאפען די וועלט מיט די מענשען, דו האסט צעטיילט די מענשען אין פעלקער, און יעדעס פאלק האסטו בעגרעניצט זיין לאנד. דו בעשטימסט קעניגע און הערשער צו רעגירען איבער לענדער, און מיט דיין פיעל גנאדע האסטו געזאלבט פאר קעניג אונזער גוטהערציגען און קלוגען קאליף אבדו ראחמאן דעם דריטען, וועלכער טהוט גערעכטינקייט און גוטעס צו אלעמען און איבערהויפט צו דיין פאלק ישראל, וואס איז געדריקט און געשטיקט, גע'רודף'ט און געפייניגט ביי פיעלע פעלקער; אונזער פאלק זייט עס איז אין גלות האט נאך אין ערגעץ נישט געפונען קיין מקום מנוחה, אויסער אין דיזען טהייערען פאטערלאנד. דאריבער בעט איך דיר, אונזער הער גאט, בענטש אונזער גנעדיגען קאליף אבדו ראחמאן, מיט זיין אויסערוועהלטע קאליפין עז־זאראה, זאל זייער לעבען זיין פול מיט גליק און פרייד, דערלייגער זייערע יאהרען און זאל זייער לעבענס־וועג זיין געפלאנצט מיט רויזען־בלומען, זיי זאלען דערלעבען צו זעהן נחת פון זייערע קינדער און קינדס־קינדער און זאל דער טראהן פארבלייבען ביי זייערע קינדער און קינדס־קינדער ביז די ענדע פון אלע דורות.

"אונזער פאטער אין הימעל, מיר פרעזענטירען אונזער קאליף מיט דיין היילינגע מתנה, די תורה, וואס דו האסט געשאנקען אונז, די אידען, ביים בארג סיני, און מיר בעטען דיך, א, הערשער פון דער וועלט און קעניג איבער אלע קעניגע בעשיץ און בעשירם אונזער טהייער פאטערלאנד, זי זאל נישט וויסען פון מגפות און פלאגען, זי זאל נישט וויסען פון קריעג און צושטערונג; עס זאל צווישען אונז הערשען שלום און פריעדען. שיק אונז דיין געטליכע הילף, און מאך אונזער פאטערלאנד אלס ביישפיעל און מוסטער פאר אלע לענדער אין דער וועלט, אמן".

דער קאליף, וועלכער האט פערשטאנען העברעאיש, איז שטארק געריהרט

געווארען פון דעם רב'ס תפלה. ער האט איהם ווארעם געדריקט זיין האנד און געזאגט:

—"גיב איבער אלע דיינע ברידער אין מיין נאמען דאס זיי זיינען ביי מיר פאררעכענט אלס די בעסטע קינדער און איך וועל אימער זיין אן איבערגעבענער און טרייער פאטער צו זיי".

די אידישע באפאלמכטיגטע האבען מיט פרייד און צופרידענהייט זיך גע־זעגענט מיט דעם קאליף און זיין פרוי, און זיינען ארונטער פון באלקאן וואו זיי האבען זיך צומישט מיט די איבריגע אידען.

ר' שמואל אבן ברוך איז צוגעגאנגען צו זיין פרוי און טאכטער און האט זיי איבערגעגעבען זיינע איינדריקע ביים קאליף'ס קבלת פנים.

פאר דעם רב ר' נתן איז געשטאנען אנגעגרייט א שטוהל וואס דער שמש האט געבראכט, און ער האט זיך געזעצט און נאכגעפאלגט די ווייטערדיגע צע־רעמאניעס פון פאראד.

חסדאי אבן שפרוט איז אוועק אן א זייט וואו ער איז געשטאנען און בע־טראכט מיט וואונדער און ענטוזיאזם דעם קאליף מיט זיין שעהנע קאליפין.

חפני אבן זמרי איז געשטאנען נישט ווייט און האט די גאנצע צייט זיינע אויגען נישט ארונטערגענומען פון דער שעהנער שושנה. זיין הארץ געהט אויס נאך איהר... ער זאל נאר קענען רעדען מיט איהר א פאר ווערטער, וויפיעל גליק דאס וואלט איהם פערשאפט... אט באמערקט ער חסדאי'ן נישט ווייט פון איהם, און זיין כעס צוברענט זיך אין איהם, ער דריקט זיינע פויסטען, ער קריצט מיט זיינע צייהנער... ווי ער דורשט נאך נקמה... ווען נישט דער חסדאי וואלט ער דאך געווייס ערוועהלט געווארען צו געהן צום קאליף, און דאן וואלט זי, שושנה, געקוקט אויף איהם גאר אנדערש... ער וואלט צו איהר צוגעגאנגען און וואלט איהר אלעס דערצעהלט... זי וואלט געזעהן אז אלע אידען האלטען איהם פאר א בכבוד'יגען מיטגליעד פון שוהל... און יעצט קומט דער דאזיגער חסדאי און מאכט צונישט אלע זיינע טרוימען... ווען ער קען נאר וואלט ער גלייך חסדאי'ן אויפ'ן ארט דערשטאכען. ער נעהמט נישט ארונטער זיינע אויגען פון חסדאי'ן. ראבע! א, ווען ער קען זיך דאס אפרעכענען מיט איהם.

חסדאי אבן שפרוט איז אזוי בעגייסטערט געווארען פון דעם קאליף'ס ווארימע אויפנאהמע, אז זיין פאעטישע נשמה איז געריהרט געווארען און די מוזע אין איהם האט ערוואכט; ער האט דערפיהלט ביי זיך אין הארצען א באגעהר אויסצודריקען זיינע געפיהלען אין א פאעטישער פארם, און ארויסנעהמענדיג

פון קעשענע א בליישטיפט און פאפיער, האט ער אויפ׳ן פלאץ געשאפען די פאלגענדע פערזען אין אראביש:

גערייזט האט אונזער קאליף מיט פראכט,
אין דעם מזרח לאנד,
פון דאָרטען זיין פרינצעסין געבראכט,
לויט זיין ראנג און שטאנד.

ווי די ליכטיגע זון, דו ביזט שעהן,
א פרינצעסין מיט הימעלשען חן!
דיין נשמה איז זויבער און ריין,
און דיין פנים — איז ליעבע אליין!

דיין ברכה פון הימעל איהר שיק
גאט, בענטש איהר מיט עוויגען גליק.
און זאָל זי פאר דעם קאליף זיין
זיין הערצענס פרייד און זונען־שיין.

— ניין, — האט חסדאי צו זיך געזאגט, איבערלעזענדיג דיזע פערזען, — זיי דריקען נישט אויס מיינע געפיהלען, די מוזע האט מיר דיזען מאָל פאר־לאזען—און מיט פארדרוס האט ער צוריסען דאס פאפיר אויף צווייען און עס אוועקגעוואָרפען אונטער די פיס...

חפני האט די גאנצע צייט נאָכגעשפירט חסדאי׳ן. ער האט באמערקט ווי חסדאי שרייבט עטוואס אַן אויפ׳ן פאפיער, ווי ער צערייסט עס נאכהער און וואַרפט עס אוועק. ער האט געווארט ביז חסדאי וועט אוועקגעהן; איהם האט זיך שטארק געוואָלט וויסען וואס איז דאס אזוינס וואס חסדאי האט אנגעשריבען און פאר וואס ער האט עס צעריסען.

שושנה וועלכע איז געשטאנען די גאנצע צייט און מיט בעוואונדערונג בע־טראכט די קעניגליכע פאַר, דעם קאליף מיט זיין פרוי, האט פון צייט צו צייט אויך געוואָרפען א בעשיידענעם בליק אין חסדאי׳ס ריכטונג. זי האט פיעלעס געהערט פון דעם זאנדערבארען יונגען מאן חסדאי, אבער די ערשטע געלעגנ־הייט איהם צו זעהן, האט זי געהאט אין שוהל בשעת ער איז ארויף רעדען אויף דער בימה, און יעצט זעהט זי איהם צום צווייטען מאָל.

— אזא מאן ווי ער האט געווים פארדיענט דעם כבוד וואס די אידען האבען איהם געטהאן, — האט זיך שושנה געטראכט. זי האט אויך באמערקט ווי ער שרייבט עפעס אַן, צערייסט עס און וואַרפט עס אוועק...

ווי נאָר חסדאי איז אוועק פון זיין פלאץ, איז חפני דאָרטען צוגעגאנגען. ער האט זיך ארומגעקוקט, און ווען ער האט געזעהען דאס קיינער באמערקט איהם

נישט, האט ער אויפגעהויבען די צוויי שטיקלעך פאפיער וואס חסדאי האט אוועק־געווארפען.

— יעצט וועל איך זיך אן איהם נוקם זיין, — האט חפני געטראכט איבערלעזענדיג די צוויי שטיקלעך פאפיער. די צווייטע שטיקעל פאפיער מיט די לעצטע פיער שורות האט ער צוזאמענגעקנייטשט און אוועקגעווארפען, און צו די ערשטע האלבע פאפיער האט ער, נאכגעמאכט חסדאי'ס האנדשריפט, צוגעשריבען א קללה פאר די קאליפין מיט דיזע פערזען:

דיין קללה פון הימעל איהר שיק
גאט, איך האף זי זאל געהן צוריק
דארטען צו איהר איינענעם לאנד
מיט ערנידערונג, שפאט און שאנד!

חפני האט דאס פאפירעל צוגעטראגען צו איינעם פון דעם קאליף'ס בעאמטע און אנצייגענדיג אויף חסדאי'ן אלס דער מחבר פון די שימפף־ווערטער צו די קאליפין, איז חפני גלייך פארשוואונדען.

נאכ'ן פאראד האט דער בעאמטער געצייגט דעם קאליף דאס אנגעשריבענע פאפירעל און איהם געזאגט דאס חסדאי, דער יונגערמאן וועלכער האט נאר וואס פארטראטען די אידען, האט עס אנגעשריבען.

דער קאליף האט עס איבערגעלייענט און איז געווארען אויסער זיך פון כעס.

— גלייך זאל מען ארעסטירען חסדאי'ן, — האט דער קאליף באפוילען.

צוויי בעאמטע זיינען באלד אוועק אויפזוכען חסדאי'ן.

ר' שמואל אבן ברוך האט איינגעלאדען דעם רב ר' נתן מיט חסדאי אבן שפרוט צו זיך אין הויז אויף כבוד. זיי האבען געמאכט לחיים לכבוד דעם קאליף און די קאליפין. מרים און שושנה האבען דערלאנגט צום טיש צו פארבייסען: איינגעמאכטס, לעקאך טארט און זעמעל.

ר' שמואל האט פארגעשטעלט חסדאי'ן פאר זיין פרוי און טאכטער.

חסדאי איז בעצויבערט געווארען פון שושנה'ס זעלטענע שעהנקייט. ער האט זיך געוואונדערט פאר וואס ער האט איהר ביז אהער נישט באמערקט. אין דעם גרויסען טומעל און אויפרעגונג האט ער דעם אוצר נישט געזעהן...

אלע האבען פארבראכט זעהר פרעהליך ביים טיש.

עמנואל, ר' שמואל'ס צעהן יעהריגער מוזיניק, איז צוגעגאנגען צו חסדאי'ן און האט אויף איהם נייגעריג געקוקט מיט זיינע קינדערשע קלוגע אויגען.

חסדאי האט איהם באמערקט. ער האט איהם מיט ליעבשאפט א קניפ גע־טהאן אין בעקעל און איהם געפרעגט:

— זאג מיר, עמנואל, וואלסטו געוואלט זיין א קאליף ווען דו וועסט עלטער ווערען?

— ניין, — האט עמנואל געענטפערט, — ווען איך וועל עלטער ווערן, וויל איך זיין אזא מאן ווי דו, איך וויל קענען רײדען אזוי שעהן ווי דו.

אלע האבען הארציג געלאכט. און מרים איז צוגעגאנגען און א קוש געטהאן איהר בן יחיד׳ל אין שטערען.

פלוצלינג האט זיך דערהערט א קלאפ אין טהיר. שושנה איז געגאנגען עפענען.

— געפינט זיך דא חסדאי אבן שפרוט, — האט איינער פון די צוויי זעלנער פון קאליף געפרעגט שושנה׳ן.

— יא, — האט שושנא געענטפערט א דערשראקענע, און זיי ארייגגע־פיהרט אין צימער וואו אלע זיינען געזעסען.

— אין נאמען פון אונזער קאליף, ביזטו ארעסטירט, — האט דער עלטסטער זעלנער געזאגט חסדאי׳ן.

— וואס האט פאסירט ? — האט חסדאי געפרעגט מיט איבערראשונג.

— קום מיט אונז צום קאליף, דארטען וועט דיר אלץ קלאהר ווערען, — האבען זיי איהם געענטפערט.

— איך קען נישט בעגרייפען וואס האט פאסירט, — האט חסדאי אויפ־הויבענדיג זיך פון זיין פלאץ געזאגט, — דא מוז זיין א שרעקליכער טעות.

— דאס וועלען מיר זעהן, — האבען זיי איהם געענטפערט.

די זעלנער זיינען מיט איהם ארויס פון הויז.

— דאס מוז זיין א שרעקליכער בלבול אויף איהם, — האט דער רב גע־זאגט, — מיר מוזען גלייך געהן זעהן וואס עס האט פאסירט און אין וואס מען באשולדיגט איהם.

ר׳ שמואל און דער רב האבען זיך אויפגעהויבען צו געהן.

— איך וויל מיטגעהן, — האט שושנה געזאגט איהר פאטער, — פיעלייכט וועל איך קענען בעהילפיג זיין.

די דריי זיינען אוועק צום קאליף׳ס פאלאץ. דארטען האבען זיי זיך דער־וואוסט אז מען באשולדיגט חסדאי׳ן אין אנשרייבען א ליעד מיט שימפף־ווערטער צו די קאליפין.

— איך האב איהם באמערקט עפעס שרייבענדיג פריהער ביים פאראד און דערנאך האט ער עס צעריסען און אוועקגעווארפען, — האט געזאגט שושנה, — אבער איך בין זיכער, דאס אזא מאן ווי ער וועט קיין שימפף־ווערטער נישט שרייבען... עפעס האט איהם דא איינער אפגעטהאן א שפיצעל.

שושנה איז צוגעגאנגען צום פלאץ וואו חסדאי איז געשטאנען, ווען ער האט געשריבען זיין ליעד.

ווען חסדאי איז פארגעבראכט געווארען פאר דעם קאליף, האט איהם

אבדו ראחמאַן, צייגענדיג דעם פּאַפּיער, געפרעגט מיט צאָרן:

— האָסטו עס געשריבען?

חסדאי האָט דערקענט דאָס אבגעריסענע שטיקעל פּאַפּיער און געזאָגט:

— יאָ, מיין האַר קאַליף, איך האָב עס געשריבען.

— דו אומפּאַרשעהמטער, דו נידערטרעכטיגער, — האָט דער קאַליף אויס־געשריען מיט כעס, — ווי וואַגסטו צו שרייבען אזעלכע שימפּפווערטער אויף די קאַליפין! האָט זי דיר דען שלעכטס געטאָן?

חסדאי איז בלאַס געוואָרען; ער האָט אָנגעקוקט דעם קאַליף ערשטוינט.

— גנעדיגער קאַליף, — האָט ער מיט שרעק געזאָגט, — ווי קום איך צו שרייבען שימפּפווערטער אויף די ווירדיגע קאַליפין. דאָ האָט געמוזט פּאַרקומען עפּעס א מיספּערשטענדניס...

— אבער דו האָסט דאָך אליין צוגעגעבען אז דו האָסט דעם פּאַפּיער גע־שריבען.

— יאָ, איך האָב געשריבען א לויב־געזאַנג פאַר דער קאַליפין, אבער נישט קיין זידעל־ווערטער.

— נאַ לעז, — האָט איהם דער קאַליף דערלאַנגט דעם האַלבען פּאַפּיער.

חסדאי'ן איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען ווען ער האָט איבערגעלעזען די צוגעשריבענע שורות...

— מיין טהייערער קאַליף, — האָט חסדאי געזאָגט, — איך האָב טאַקי געשריבען דאָס ליעד, אבער די לעצטע פיער שורות האָט אימיצער אנדערש צוגעשטעלט. איך האָב דאָס ליעד גאַנץ אַנדערש געענדיגט. מיר איז אבער דער קלאַנג פון דער ליעד נישט געפעלען געוואָרען, האָב איך עס צעריסען אויף צווייען און עס אוועקגעוואָרפען. אויב דער קאַליף פּאַרלאַנגט וועל איך צו־שרייבען די ענדע פון דעם ליעד.

חסדאי האָט צוגעשריבען די לעצטע פיער שורות און עס געצייגט דעם קאַליף.

— דו קענסט מיר אַלץ ניט איבערצייגען דאָס דו האָסט די קללה נישט געשריבען, — האָט געזאָגט דער קאַליף.

דערווייל האָט שושנה געזוכט די פּאַפּירלעך וואָס חסדאי האָט אוועק־געוואָרפען. און אין די גראָז האָט זי געפונען א שטיקעל צעקנייטשטע פּאַפּיער. זי האָט עס אויפגעעפענט און איבערגעלייענט די לעצטע פיער שורות מיט די ברכה וואָס חסדאי האָט אָנגעשריבען לכבוד די קאַליפין.

שנעל ווי א בליץ איז זי צוגעלאָפען צו איהר פאַטער, וועלכער איז גע־שטאַנען מיט'ן רב און גערעדט מיט גרויס זאָרג.

— פאַטער, — האָט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיג איהם דאָס פּאַפּירעל, — דאָס האָב איך געפונען אין די גראָז און דאָס האָט געוויס חסדאי געשריבען.

ר׳ שמואל מיט׳ן רב האבען דורכגעקוקט די עטליכע שורות און זיך איבער־געקוקט מיט צופרידענהייט.

— דאס וועט ערקלעהרען דעם גאנצען טעות, — האט דער רב געזאגט. און ביידע זיינען גלייך אוועק צום פאלאץ.

ביים פאלאץ האבען זיי געפרעגט א בעאמטען צי ער ווייס עפעס וועגען דעם אידישען יונגענמאן וועמען דער קאליף האט געלאזען ארעסטירען.

— געוויס ווייס איך, — האט ער געענטפערט מיט א מינע פון פער־אכטונג, — איך האב אליין זיינע שימפף־ווערטער געלעזען און עס איבערגעגעבען צום קאליף... אזא מין נפש זאל זיך דערוואגען צו שילטען די געזאלבטע פון אללאה... ער וועט געהאנגען ווערען פאר אזא נידערטרעכטיגקייט, אויב ער איז שוין נישט געהאנגען געווארען.

— מיר ווילען זעהן דעם קאליף. זייט אזוי גוט און זאג דעם קאליף דאס דער קארדאווער רב און דער פרנס ווינשען אן אודיענץ מיט זיין האחיות, — האט דער רב געבעטען דעם בעאמטען.

— איהר פאלשע בעטריגער, — האט דער בעאמטער געשטורעמט, — פריהער האט אייערער אן אייגענער געלעסטערט און בעליידיגט די קאליפין און יעצט ווילט איהר זיך מיט איהם דורכריידען... ניין, דער קאליף וועט אויף אייך אפילו נישט ווען א קוק טהאן...

ר׳ שמואל מיט׳ן רב זיינען דערשראקען געווארען ווען זיי האבען געהערט אזוינע דבורים פון א שונא ישראל. זיי האבען אבער דעם מוטה נישט פארלארען. זיי זיינען אוועק צו א צווייטען בעאמטען און איהם עפעס "נותן ביד" געווען. ער האט געמאלדען דעם קאליף וועגען דעם.

דער קאליף האט זיי געהייסען אריינקומען.

— וואס האט איהר צו זאגען וועגען דעם דאס איינער פון אייך, וועלכער האט מיר הארצליך באגריסט אין־דער־פריה, זאל נאכהער אזוי שענדליך באליי־דיגען מיין פרוי ? ! . . .

דער רב און ר׳ שמואל האבען זיך פארנייגט :

— אונזער האר, קאליף, — האט דער רב געזאגט, — דא איז פארגעקומען א געמיינער בלבול אויף אן אומשולדיגען מענשען.

— קענט איהר מיר איבערצייגען אין חסדאי׳ס אומשולד ? — האט זיי דער קאליף געפרעגט.

ר׳ שמואל האט דערלאנגט דעם קאליף דאס אבגעריסענע פאפירעל.

— דאס האט מיין טאכטער געפונען, — האט ער געזאגט, — זי האט באמערקט חסדאי׳ן שרייבענדיג אין־דער־פריה, איז זי געגאנגען אויף דעם זעלבען פלאץ און דאס געפונען.

דער קאַליף האָט איבערגעלייענט די עטליכע שורות און האָט צוזאַמענגע־לייגט די צווייי האַלבע בלעטלעך און זיי האָבען זיך געפּאַסט...

זיין פּנים האָט גענומען לייכטען פון פרייד, א גליקליכער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיינע ליפּען. ווי שעהן, פּאָעטיש, גלאַררייך און הערליך ער באַ־זינגט זיין הערצענס־ליעבענדע קאַליפין, ווי געטריי זיין ליעד קלינגט אין די אויערען פון קאַליף. פון די וואונדערבאַרע ברכה וואָס חסדאי בענטשט דאָס גליקליכע פּאָר צום ענדע פון דעם ליעד קען מען זעהן אז דאָס שטראָמט פון זיין ריינעם טיעפען הארצען.

— מיין איבערגעבענער און געטרייער חסדאי, — האָט איהם דער קאַליף געזאָגט, דריקענדיג זיין האַנד, — ענטשולדיג מיר פאַר די אומזיסטע שרעק און אונאַנגענעהמליכקייט וואָס איך האָב דיר פאַראורזאַכט. איך זעה פון דיין שרייבען, אז דו ביזט איינער פון די געלערנטסטע מענשען אין קאָרדאָווא. מיין פּאַלאַץ איז ברייט אָפען פאַר דיר, קום מיר באַזוכען, דו וועסט אימער זיין ווילקאָמען אין מיין פּאַלאַץ.

דער קאַליף האָט זיך אויך ענטשולדיגט פאַר ר׳ שמואל און דעם רב.

— איך וויל אויך באַדאַנקען דיין טאָכטער, ווייל דורך איהר געטרייהייט בין איך אויסגעהיט געוואָרען צו טהאָן א שרעקליכען אומרעכט, — רוף דאָך איהר אריין און איך וועל איהר פאַרשטעלען פאַר די קאַליפין, — האָט זיך דער קאַליף געווענדעט צו ר׳ שמואל׳ן.

א גליקליכער איז ר׳ שמואל ארויסגעגאַנגען און געבראַכט שושנה׳ן און איהר פאַרגעשטעלט פאַר׳ן קאַליף.

— איהר שעהנקייט האַרמאָנירט דאָך מיט איהר גוטהערציגקייט און טרייהייט, — האָט דער קאַליף געזאָגט. ער האָט איהר פאַרגעשטעלט פאַר עז־זאַראַה׳ן.

שושנה האָט די קאַליפין א קוש געטהאָן אין האַנד. עז־זאַראַה האָט שושנה׳ן אריינגעפיהרט אין איהר צימער און מיט איהר פערבראַכט א היבשע ווייל.

דער קאַליף האָט זיך נאָך אמאָל ענטשולדיגט פאַר חסדאי׳ן. ער האָט זיי אַלעמען ארויסבאַגלייט פון פּאַלאַץ און וואַרים געדריקט יעדענס האַנד...

דער בעאַמטער, דער שונא ישראל, האָט באַמערקט ווי דער קאַליף געזעגענט זיך אזוי פריינדליך מיט די אידען, האָט ער אויסגעגלאָצט די אויגען און איז מיט אָן אָפענעם מויל געבליבען שטעהן ווי פּאַראַליזירט. דער צווייטער בעאַמ־טער האָט מיט א צופרידענהייט איבערגעצעהלט די פּאָר ממתקים וואָס ר׳ שמואל האָט איהם אין האַנד געגעבען...

חסדאי אבן שפּרוט האָט קיין ווערטער נישט געהאַט אויסצודריקען זיין דאַנק צו דער שעהנער שושנה׳ן. דער פונק אין זיין הארצען האָט זיך פאַנאַנדער־

בעגליהט און איז געוואָרען א פלאַם־פייער, ניעמאַלס אויסגעלאָשען צו ווערען... ווי גליקליך ער וואָלט זיך געשעצט ווען די שעהנע געטליכע שושנה וואָלט געהאַט עהנליכע געפיהלען צו איהם.

4טער קאַפּיטעל

דער שקלאַפען מאַרק

נישט ווייט פון ר' שמואל אבן ברוך'ן האָט געוואוינט מנשה אבן זמרי. זיין הויז איז געווען די לעצטע פון גאַס און איז געשטאַנען אויף א קליינעם בערגעל. א הויכע אייזערנע אַפּצאַמונג האָט ארומגערינגעלט דאָס הויז. הינטער'ן הויז איז געשטאַנען א קליינע, נידריגע געביידע מיט צוויי קליינע פענסטער פון אייזערנע גראַטעס. דאָס גאַנצע הויז האָט אויסגעזעהן זעהר געהיימניספאָל. פון צייט צו צייט האָט זיך צעטראָגען איבער די שטילקייט פון גאַס א טרויעריגער געוויין און רעווען פון עטליכע מענשען מיט אמאָל... די טרויעריג־קלאָגענדע שטימען זיינען געקומען פון דער קליינער געביידע... קינדער פלעגען מורא האָבען פאַרבייצוגעהן דאָס הויז, און אפילו עלטערע מענשען האָבען ווי ווייט מעגליך אויסגעמיטען יענעם פלאַץ.

חפני, מנשה אבן זמרי'ס בן יחיד, איז געווען עהנליך צו זיין פאָטער אין כאַראַקטער און געשטאַלט. זיינע קליינע פאַרשייטע אויגען, זיין רויט־געזונטער פנים מיט זיינע פלאַקסענע געלבליכע האָר, זיינע פאַרגרעבטע מאַניערען און האַלטונג און דערצו זייענדיג אומוויסענד און גייציג, האָבען צוגעצויגען זעהר ווייניג פון איידעלען אידישען קלאַס מענשען. דערפאַר האָט ער געהאַט זעהר פיעל פריינד פון דער פאַרדאָרבענער געזעלשאַפט. ער איז געווען בעקאַנט מיט פיעלע ים־רויבער און אנדערע פאַרברעכער. יעצט אז זיין פאָטער האָט איהם איבערגעגעבען דעם געשעפט, האָט חפני ביי זיי איינגעהאַנדעלט די שקלאַפען זעהר ביליג.

די שקלאַפען וועלכע חפני האָט איינגעהאַנדעלט זיינען געווען דורכאויס מענער; מיט קיין פרויען־שקלאַפען האָט חפני נישט געהאַנדעלט. דאָס האָט שוין זיין פאָטער נישט דערלאָזען, ווייל ער האָט גוט געקענט זיין בן יחיד'ל, דעם תכשיט און האָט געוואוסט אז עס וועט זיין געזינטער און שעהנער פאַר זיין זוהן צו האַנדלען נאָר מיט מענער־שקלאַפען...

אין א וואָגען איינגעשפּאַנט צו פיער אָקסען זיינען די שקלאַפען געזעסען צונויפגעקייטעלט איינער צום צווייטען. צוויי דיקע געזונטע אראַבער זיינען מיט די אומגליקליכע געווען אויפ'ן וואָגען. די צוויי אראַבער זיינען געווען אנגע־שטעלטע ביי חפני'ן אכטונג צו געבען אויף די "באַוועגליכע סחורה"... איין

אראבער האָט געטריבען די אָקסען, דער צווייטער איז געשטאַנען מיט א בייטש גרייט מכבד צו זיין יענעם שקלאַף, וועמען זיין בעל־הבית, חפני, וועלכער איז געפאָהרען פאַראויס רייטענדיג אויף א פערד, וועט הייסען... אַך און וועה איז געוועזן דעם שקלאַף אויף וועמען חפני האָט געוואָרפען אַן אוֹם׳חן. יענער שקלאַף איז שוין געלעגען א צובלוטיגטער פון די שמיץ וואָס ער האָט פון דעם געזונטען אראבער געקראָגען. איבערהויפּט איז חפני געוועזן זעהר אין כעס אויף דעם שקלאַף וועלכער האָט געוואגט צו וויינען הויך אויפ׳ן קול, אין דער צייט ווען מען האָט זיי געפיהרט איבער די גאסען. פיעלע מענשען, הערענדיג דאָס יאָמערליכע געוויין, פלעגען זיך אָפּשטעלען, שאָקלען מיט׳ן קאָפּ פון רחמנות און ווישען די אויגען... דאָס האָט חפני׳ן זעהר געקרענקט און פאַר דעם האָט ער דעם שקלאַף קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין, און דער געזונטער אראבער האָט איהם שוין דערפאַר גוט באַצאָהלט... די שקלאַפען זיינען אריינגעפיהרט געוואָרען אין דער קליינער געביידע. דאָרטען האָט מען יעדען איינעם צוגעקייטעלט צום וואַנט מיט אַן אייזערנע קייט אויף זיין פוס. אין דער געביידע האָבען די שקלאַפען פאַרבראַכט ביז דאָנערשטאָג אין דער פריה ווען דער מאַרק האָט זיך אָנגעפאַנגען. ווען די שקלאַפען האָבען געיאָמערט און געוויינט אין דער געביידע, האָט עס חפני׳ן נישט שטאַרק געקימערט...

— זאָלען זיי רעווען ווי די אָקסען, — האָט ער זיך געטראַכט, — קיין פרעמדע מענשען הערען דאָך נישט... אָבער ווען דאָס יאָמערען האָט זיך פאַר־שטאַרקט און איהם געשטערט פון זיין רוה, איז ער אַן אויפגערעגטער ארויס פון זיין הויז און א וואונק געטהאָן צו די אויפזעהער, וועלכע האָבען געהיט די שקלאַפען, און יענע האָבען זיי שוין ״איינגעשטילט״...

דער קאָרדאָווער שקלאַפען־מאַרק איז געווען הינטער׳ן שטאָדט. דער מאַרק, א גרויסער און א ברייטער פלאַץ, האָט די גאַנצע וואָך געפוסטעוועט. ווען ניט ווען בראָדזשעט דורך אַן איינזאַמער בעטלער מיט זיין טאָרבע, ער זוכט מיט זיין שטעקען אין א קופּע מיסט... א בילען פון עטליכע כלבים הילכט דורך דעם פלאַץ; זיי בעפאַלען דעם בעטלער. זיי זיינען גרייט איהם דורס צו זיין פאַר זיין ״העזה״ צו קומען אוועקנעהמען זייער פרנסה...

דאָנערשטאָג ווערט דער מאַרק־פלאַץ אויפגעלעבט; אַן ערב רב, א צונויפ־מישעניס פון מענשען פון פערשידענע ראַסען קומען דאָרט צוזאַמען. עס קומען פויערים מיט תבואה און פּרוכט, אַנדערע — מיט בהמות און עופות; קליינע הענדלער ברייגגען זייער וואַרע וואָס באַשטעהט פון זיידענע קאָלירטע שאַלען, לייוועגד, וואָזעם און לייםענע טעפּ. די אַלע סוחרים פאַרנעהמען נאָר די וויטע פון מאַרק־פלאַץ. אין מיטען מאַרק קומט פאַר דער שקלאַפען־האַנדעל. פוהרען, אָנגעלאָדען מיט ״לעבעדיגע סחורה״ פילען אָן דעם פלאַץ. איינציגווייז נעהמט

מען די שקלאפען ארונטער פון די פוהרען. מיט זייערע אייזערנע קייטען ווערען זיי, האלב־נאקעטע צוגעקייטעלט צו די זייטען פון וואגען. צוגעשמידטע שטעהען אייניגע, פערטרויערט מיט געבויגענע קעפּ, טראכטען פון זייערע נאהענטע, פון פרויען און קינדער; געזעגענען זיך מיט זיי אין זייער הארץ פאר אייביג... ווער ווייס אין וועמעס הענד זיי וועלען אריינפאלען... דער לעצטער פונק האפנונג ווערט פערשוואונדען... פון זייערע אויגען סטארטשעט ארויס דער קאלטער, שרעקליכער יאוש... אנדערע שקלאפען, ווידער, שטעהן מעהר אדער וועניגער צופרידען... די בלויע סיניאקעס אויף זייערע נאקעטע לייבער זאגען עדות, אז קיין "האניג" לעקען זיי נישט פון זייערע יעצטיגע בעלי בתים, און ווי שלעכט די ענדערונג זאל נישט זיין, וועט דאך זיין בעטער ווי איצט...

שטעהען די שקלאפען־הענדלער לעבען זייער "סחורה" און רופען אויס אלע מעלות פון זייערע שקלאפען. איינער הויבט אויף דעם שקלאף׳ס א האנד צו ציינען די שטארקע מוסקולען וואס ער בעזיצט; א צווייטער צייגט אן אויף זיין שקלאף׳ס קאפּ וואס בעדייט דאס ער האט געגוג "שכל" אין זיין קאפּ און קען אויפטהאן וואונדער; א דריטער פיהרט דורך זיין האנד איבער דאס נאקעטע לייב פון שקלאף און ווייזט אן ווי שטארק ער איז, און אבי געזונד, קען אזא שקלאף "ציהען" לעבענסלענגליך אונטער די שווערסטע ארבייט...

די ברייט־ביינינע, פעטע און געזונטע קונים בעטראכטען די שקלאפען פון קאפּ ביז די פיס, בעטאפּען זייער יעדעם גליעד... קוקען זיי אין די ציינער נאכהער הויבט זיך אן דאס דינגען... שווערט דער שקלאפען־הענדלער דאס דער שקלאף איז ווערטה צוויי מאל אזוי פיעל וויפיעל ער פערלאנגט פאר איהם, און אז ער דערלעגט צו איהם... נאר וואס דען, ער וויל דעם קויפער האבען פאר א שטענדיגען קונה, לאזט ער איהם דאריבער אזוי ביליג.

אז דער קונה ווערט שוין באלד מושוה מיט׳ן מקח, רופט ער דאן ארונטער זיין ווייב, וועלכע זיצט אין די קארעטע, זי זאל זאגען איהרע "מבינות". די שווער־געוויכטיגע פרוי וועלכע איז בעהאנגען מיט ציערונג פון קאפּ ביז די פיס, גיט א וואונק דאס זי איז גרייט ארונטערצוגעהן. איהר מאן און דער קוטשער העלפען איהר ארויסשטייגען פון קארעטע, און אז איהרע פיס זיינען שוין אויפ׳ן בארען, ווישען ביידע, אי דער מאן און אי דער קוטשער, דעם שוויים פון פנים און קענען קוים כאפּען דעם אטעם פון דער שווערער משא...

די פרוי בעטראכט דעם שקלאף, און ווען זי גיט א שאקעל מיט איהר קאפּ אויף יא, ווערט באלד דאס געשעפט געשלאסען. דער קונה בעצאהלט די סומע געלד, מען הייסט דעם שקלאף זיך זעצען לעבען קוטשער און מען פאהרט אהיים.

אין א ווינקעל פון מארק, ארומגעצאמט מיט א הילצערנעם צוים איז געווען דער פלאץ וואו מען האט פערקויפט פרויען־שקלאפען. דארטען פלעגען קומען

גאַנץ אַנדערע מינים קוגים. קיין סך פּרויען־שקלאַפן זיינען ניט געווען. דעריבער האָט מען זיי ליציטירט (אַקשאַנירט), און ווער עס האָט אָנגעבאָטן די גרעסטע סומע, יענער האָט איהר געקראָגן.

די איינציגע מעלה וואָס מען האָט געזוכט אין פּרויען־שקלאַפן — איז געווען שעהנקייט. פּאָר אַ שעהנע פּרוי האָבען די שקלאַפן־הענדלער געקראָגען אַ גרויסע סומע געלד... שטעהט דאָס אומגליקליכע מיידעל מיט טרויעריג־צושראָקענע אויגען, איינגעהילט אין אַ דורכזיכטיגען ליינווַנד... איהר יונגער שעהנער פּנים דריקט אויס צער און געבעט פאַר רחמנות... דער הענדלער ענט־בלייזט איהר שולטער און ציינט ווי שעהן זי איז. אַ רייכער קונה צוהיצט זיך און לעגט פאַר זיין גאַנצען זעקעל מיט געלד פאַר איהר...

דער שקלאַפען־הענדלער נעהמט ביי איהם דאָס געלד, און דער קונה הויבט אויף דאָס אומגליקליכע מיידעל אויף זיינע הענד, און טראָגט איהר אַוועק צו זיך אין קאַרעטע, ווי איינער טראָגט אַ קליינע אומשולדיגע שעפעלע...

די אידישע שקלאַפען פלעגען אויסגעלייזט ווערען פון דער קאָרדאָווער אידישער קהלה.

פּדיון שבויים (אויסלייזען געפאַנגענע) איז פון אַלע מאָל פאַררעכענט ביי אידען איינע פון די גרעסטע מצוות. די אידישע קהלה אין קאָרדאָווא האָט געהאַט אַ "פּדיון שבויים" געזעלשאַפט וואָס איהר עובדא איז געווען אויסצוזוכען די אידישע שקלאַפען און זיי אויסלייזען. די אידישע געפאַנגענע זיינען דערפאַר זעלטען געבראַכט געוואָרען צום מאַרק, ווייל די שקלאַפען־הענדלער האָבען גע־וואוסט אַז פאַר אַזאַ שקלאַף וועלען זיי פון די אידען ארויסקריגען אַ גרעסערען פּרייז...

יעדען דאָנערשטאָג איז ר׳ שמואל אבן ברוך געקומען צום שקלאַפען־מאַרק אין בעגלייטונג פון זיין פרוי מרים און טאָכטער שושנה. ר׳ שמואל, וועלכער איז אויך געווען דער פיהרער פון דער "פּדיון שבויים" געזעלשאַפט, האָט מיט נאָך אַ פּאָר אידען געזוכט אין מאַרק אידישע "שקלאַפען" וועמען זיי פלעגען אויסלייזען. מרים און שושנה פלעגען אריינגעהן אין דעם פּלאַץ וואו מען פלעגט פערקויפען די פּרויען־שקלאַפען און אַז זיי האָבען געטראָפען אַ אידישע גע־פאַנגענע האָבען זיי איהר אויסגעלייזט.

ר׳ שמואל האָט געהאַט נאָך אַן אורזאַכע פאַרוואָס ער האָט קיין דאָנערשטאָג נישט פאַרפעהלט צו בעזוכען דעם שקלאַפען מאַרק; ער האָט דאָרט געהאָפט צו געפינען זיין פאַרלאָרענעם ברודער יחזקאל, וועלכער איז געפאַנגען געוואָרען ביי די פראַנקען.

יחזקאל איז געווען ר׳ שמואל׳ס אינגערער ברודער. ער איז געווען אַ זעהר געלערנטער יונגערמאַן און געשטודירט מעדיצין אין קאָרדאָווער מעדיצינישע

שולע. מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר צוריק האָט אויסגעבראָכען א מלחמה צווישען די פראַנקען און די מורען. פיעלע אידען וועלכע האָבען געלעבט גליקליך אונטער די מורען, האָבען זיך פרייוויליג אַנגעשלאָסען אין די מורישע ארמייען און גע־קעמפט העלדיש געגען די פראַנקען. צווישען די פרייוויליגע זיינען אויך געווען די ברידער ר' שמואל און יחזקאל אבן ברוך.

עס איז געווען א פירכטערליכע שלאַכט. די מורען האָבען דאַן געזיעגט און די פראַנקען פאַריאַגט. אין דער צייט ווען יחזקאל איז געשטאַנען און געגעבען מעדיצינישע הילף א פערוואונדעטען זעלנער, זיינען פּלוצים, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסען דריי פראַנקישע ריטער. זיי האָבען איהם א נעהם גע־טהאַן און צוזאַמען מיט איהם פערשוואונדען דורכ'ן וואַלד. ר' שמואל און די איבריגע מורען האָבען עס באַמערקט און האָבען זיך גלייך גענומען יאָגען נאָך זיי, אָבער אומזיסט, זיי זיינען ווי אין וואַסער אריין.

ר' שמואל איז זיכער, דאָס זיין ברודער איז פון זיי פאַר א שקלאַף פאַר־קויפט געוואָרען, ווייל יחזקאל איז געווען א געזונטער און געבילדעטער יונגערמאַן פאַר וועמען זיי וואָלטען פיעל געלד געקראַגען. כאָטש פינף־און־צוואַנציג יאָהר זיינען פאַראיבער זייט דאַן, דאָך צו יעדען שקלאַפען־מאַרק־טאָג קומט ר' שמואל מיט א פונק האָפנונג צו געפינען זיין ברודער יחזקאל צווישען די שקלאַפען.

דאָנערשטאָג אין דער פריה, און ר' שמואל איז, ווי זיין שטייגער, אוועק צום מארק גאַנץ פריה. עטוואָס שפּעטער זיינען אויך אַוועק מרים און שושנה. אויפ'ן וועג האָבען זיי באַגעגענט הפני'ן, וועלכער האָט געריטען אויף זיין פערד, הינטער איהם איז געפאָהרען זיין וואָגען אָנגעלאָדען מיט שקלאַפען פאַר'ן מאַרק. צווישען די שקלאַפען איז געווען איינער נאָך גאָר א יונגערמאַן און כאָטש ער איז געווען שרעקליך בעוואַקסען און זיינע קליידער זיינען געווען צוריסען, האָט מען דאָך געקענט באַמערקען זיין אריסטאָקראַטיש־אײדעלען שטאַם... ער איז געשטאַנען אין וואָגען און יאָמערליך הויך געוויינט.

חפני איז שטאַרק אין כעס געוואָרען וואָס דער שקלאַף האָט ארויסגערופען די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען. ער האָט א וואונק געטהאַן צום אראַבער מיט'ן בייטש, און יענער האָט איהם גענומען מכבד זיין...

זיין ביטער געוויין און געשריי האָט זיך פאַרשטאַרקט און יעדען פאַרביי־געהער גענומען ביים האַרצען... אפילו די אָקסען וועלכע האָבען די שקלאַפען געפיהרט, האָט אויסגעוויזען, זיינען אויך געריהרט געוואָרען פון דעם טרויעריגען יאָמערליכען געוויין, ווייל זיי האָבען זיך פער'עקשן'ט און זיך נישט געוואָלט ריהרען פון אָרט... זיי האָט נישט געהאָלפען די קלעפּ פון זייער טרייבער.

דער שקלאַף האָט גענומען טענה'ן און בעטען... ער האָט גערעדט לאַטיין. שושנה וועלכע האָט פאַרשטאַנען לאַטיין, האָט איבערגעגעבען איהר מוטער ווי

דער שקלאַף בעט זיך מען זאָל אויף איהם רחמנות האָבען און באַפרייען. ער האָט אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער אין זיין געבורטס־לאַנד... ער איז גענוג רייך אין זיין היים...

— אַה, ווי אומגליקליך דער מאַן איז, — האָט שושנה געזאָגט צו איהר מוטער — און ווי אומגליקליך איז זיין פרוי מיט זיינע קליינע קינדער, ווי זיי בייַנקען נאָך זייער פאַרלאָרענעם מאַן און פאָטער...

— יאָ, מיין טאָכטער, — האָט מרים געווישט די אויגען, — ער זעהט זיך אָן צו זיין אַ פיינער איידעלער מאַן. אָט אַזוי, נעבעך, פאַלען אריין צו רויבער אין די הענד פאָטערס פון קינדער און גאַנצע פאַמיליעס ווערען רואינירט.

— מוטער! — האָט שושנה געזאָגט מיט טרעהרען אין איהרע שעהנע אויגען, — מיר מוזען דעם אומגליקליכען העלפען. מיר ווילען בעצאָהלען פאַר איהם און נאָכהער איהם באַפרייען. איך בין זיכער דאָס ער איז רייך אין דער היים און וועט אונז נאָכהער אָפּשיקען דאָס געלד.

— צי ער וועט אונז אָפּשיקען דאָס געלד צי ניט, מיר דאַרפען אַזאַ מאַן ווי איהם העלפען, — האָט געזאָגט די מוטער.

שושנה איז צוגעגאַנגען צו חפני׳ן און געזאָגט:

— מיין הארר, איך בעט דיר, זאָג דאָך דיין אַראַבישען דיענער נישט צו שלאָגען דעם אומשולדיגען מאַן, איך וויל איהם פון דיר קויפען.

חפני איז אַרונטער פון פערד און האָט זיך פאַרנייגט.

— דו פוילער יונג, — האָט ער אַ געשריי געטהאָן צום אַראַבער מיט׳ן בייטש, —פאַר וואָס שלאָגסטו דעם אומשולדיגען מאַן!

— וויפיעל מאָל האָב איך זיי אָנגעזאָגט נישט צו שלאָגען די שקלאַפען, — האָט חפני געזאָגט שושנה׳ן, און זיין פנים האָט געפלאַמט פון שאַנדע, — ווי נאַר איך קעהר זיך אום, אַזוי טהוען זיי זייערינע און שלאָגען די שקלאַפען...

ער האָט זיך נאָך אַמאָל פאַרנויגט פאַר שושנה׳ן און געזאָגט:

— געטליכער מלאך! — אַלעס וואָס דו פאַרלאַנגסט פון דיין קנעכט וועט ערפילט ווערען.

חפני האָט גלייך באַפוילען צו בעפרייען דעם שקלאַף פון זיינע קייטען, און ער האָט געבראַכט דעם שקלאַף בעפאַר שושנה׳ן און איהר מוטער.

— וויפיעל פערלאַנגסטו פאַר דעם מאַן, מיין האַר, — האָט זיך שושנה אָפּגערופען צו חפני.

אַ ווייַלע איז חפני געוואָרען צוטומעלט... אָט שטעהט בעפאַר איהם די בילד שעהנע שושנה פון וועמען ער טרוימט טאָג ווי נאַכט.

— אַלעס אין דער וועלט וואָלט איך אָפּגעגעבען, ווען איך זאָל נאַר קענען

אנריהרען דיזע שעהנע געטליכע בלום, — האט זיך חפני געטראכט, נישט אראפנעהמענדיג זיינע אויגען פון איהר.

זיינע שטארקע בליקען האבען שושנה'ן זעהר אונאנגענעהם געמאכט און זי האט זיך צו איהם ווידער אפגערופען:

— דו וועסט מיר דאך זאגען, מיין האר, וויפיעל דו פערלאנגסט פון אונז פאר דעם מאן...

— געבענשטע פון גאט — האט חפני געזאגט, און זיין פנים איז נאך רויטער געווארען, — עס זאל נאר זיין דיין וואונש, דאן בעפריי איך אלע שקלאפען...

— דאס איז דיין זאך, מיין האר, מיר אבער זיינען יעצט פאראינטערעסירט אין דעם מאן און מיר וואלטען וועלען וויסען זיין פרייז, — האט שושנה אונגעדולדיג געזאגט.

— עס וועט מיר פארשאפען דעם גרעסטען פארגעניגען, ווען דו, שעהנסטע צווישען פרויען, וועסט פון מיר דיזען שקלאף אלס מתנה נעהמען...

מרים איז דערהוייל אריין אין מארק און דארט אויפגעזוכט איהר מאן, און האט איהם דערצעהלט וועגען וואס עס האנדעלט זיך דא.ביידע זיינען צוגעקומען צום פלאץ וואו שושנה און חפני זיינען געשטאנען.

— פאטער, — איז שושנה צו איהם צוגעלאפען און איהם שטילערהייד געזאגט, — בעצאהל דאך איהם פאר דעם שקלאף.

ווען חפני האט דערזעהען ר' שמואל'ן האט ער זיך גאר פארלארען. ער האט זיך נישט געוואוסט וואו אהינצוטהאן... ער האט ארונטערגעלאזען דעם קאפ און פאמעלעך זיך געוואלט אוועקרוקען...

— וואס קומט דיר? — האט איהם ר' שמואל געפרעגט.

— המ... המ... ער קאסט מיר דרייסיג שקלים, און איך וויל אן איהם גארנישט פארדיענען.

ר' שמואל האט אפגעצעהלט דרייסיג שקלים און האט איהם דערלאנגט.

חפני האט גענומען די געלד, זיך פארנייגט און ער איז ארויף אויף זיין פערד. ער האט א וואונק געטהאן צו זיינע אראבער און מיט די הילכיגע געשרייען און געוויינען פון די איבריגע שקלאפען וועלכע האבען שטארק מקנא געווען זייער גליקליכען חבר, זיינען זיי ארייגעפאהרען אין מארק.

דער שקלאף איז געפאלען אויף זיינע קניע פאר זיינע בעפרייער פון חפני'ס הענד... דאס הארץ האט איהם געזאגט, דאס דורך דיזע נאבעלע מענשען וועט ער ענדליך אין גאנצען באפרייט ווערען. א ליכטיגער שטראהל האט באגאסען זיין פנים, זיינע אויגען האבען אויסגעדריקט דאנקבארקייט און האפנונג, זיינע ליפען האבען ארויסגערעדט:

—"פאקס וואביסקום, עט דייאום וואביסקום" (פרידען מיט אייך, און גאט זאל זיין מיט אייך).

— זאג איהם ער זאל געהן מיט אונז אהיים, — האט מרים געזאגט שושנה'ן.

שושנה האט זיך אפגערופען צום אומגליקליכען אין לאטייניש:

— קום דאך, אומבעקאנטער, מיט אונז אהיים, איך האף צום אלמעכטיגען, דאס ער וועט דיר אומקעהרען צו דיין געבורטסלאנד און צו דיין פאמיליע.

דער שקלאף האט פערוואונדערט אנגעקוקט שושנה'ן. ער האט אויסגע־סטארטשט זיינע אויגען און פון גרויס איבערראשונג צו הערען זיין אייגענע שפראך פון דעם מויל פון זיינע רעטער אין דער פרעמד, איז ער ווי צוגעשמידט געוואָרען צו זיין פלאץ און זיך פון ארט נישט גערירט.

— האב קיין מורא, קיין שלעכטס וועט דיר ניט געשעהן ביי אונז, — האט זיך שושנה ווידער אפגערופען מיט א שטימע פול רחמנות און סימפאטיע.

דער שקלאף איז מיט זיי מיטגעגאנגען.

ביי ר' שמואל'ן אין הויז זיינען אלע געוועזן שטארק פארנומען, יעדער האט געטהאן וואס נאר מעגליך צו טרייסטען דעם געפאנגענעם און מאכען איהם באקוועם.

שושנה איז געוועזן די דאלמעטשערין. זי האט איבערזעצט יעדעס ווארט וואס דער געפאנגענער האט געזאגט אין לאטייניש. מרים האט איהם דערלאנגט א גוטען פריהשטיק וואס ער האט געגעסען מיט א גרויסען אפעטיט, ווייל ער האט שוין לאנג קיין עסען נישט פארזוכט, עס איז איהם פשוט אין האלז ניט געקראכען. נאך דעם עסען האט ער זיך ארומגעשארען און ארומגעוואשען און ר' שמואל האט איהם געגעבען איינעם פון זיינע שבת'דיגע אנצוגען. ווען ער האט זיך איבערגעטהאן האבען אלע ערשט געקענט זעהן דאס דער שקלאף קומט פון א יחוס'דיגע קריסטליכע פאמיליע.

— ענטשולדיגט מיר, — האט דער געפאנגענער געזאגט צו אלעמען, — איך ווייס נישט צי עס איז ריכטיג פון מיין זייט צו זאגען א דאנק תפלה צו מיין גאט אין דעם הויז פון מיינע וואהלטהעטער וועלכע זיינען פון אנאנדער רעליגיאן, אבער איך פיהל, אז איידער איך דערציעהל אייך ווער איך בין און וואס מיט מיר האט פאסירט, מוז איך פריהער אפגעבען א לויב צו מיין גאט פאר דער גנאדע וואס ער האט מיט מיר געטהאן. און אויב מיין תפלה, אין אייער הויז, וועט פיעלייכט נישט זיין אין איינקלאנג מיט אייער רעליגיאן, ערלויבט דאך מיר אויסצוגיסען מיין הארץ פאר גאט אין דרויסען.

— מיין האר, — האט זיך ר' שמואל אפגערופען, — מיר אידען גלויבען אז יעדער מאן וועלכער איז געבארען און ערצויגען געווארען אין וועלכע עס איז רעליגיאן איז בארעכטיגט מתפלל צו זיין צו דעם גאט פון זיינע עלטערן וואו

נאָר ער געפינט זיך. מיט שטאָלץ קענען מיר זאָגן, אז נאָך מיט פופציהן הונ־דערט יאָהר צוריק, האָט שוין אונזער גרויסער היילינגער נביא מיכה געזאָגט:

"כל העמים ילכו איש בשם אלהיו ואנחנו נלך בשם ה' אלהינו" (אלע פעלקער זאָלען געהן, יעדער אין נאָמען פון זיין גאָט און מיר וועלען געהן אין נאָמען פון אונזער גאָט). זיי דאָך מתפלל צו דיין גאָט אין מיין הויז, און זאָל דיר דער באשעפער פון דער וועלט באשיצען אין אלע דיינע וועגען און אומקעה־רען דיך בשלום אהיים צו דיין פאטערלאנד און דיין הויזגעזינד.

דער פרעמדער האָט זיך פארנייגט, ער האָט בעדאנקט ר' שמואל'ן. ער איז צוגעגאנגען אין א ווינקעל פון הויז, ער איז געפאלען אויף זיינע קניע און אויס־געגאָסען זיין הארץ אין א ריהרענדע תפלה. מרים און שושנה האָבען געווישט די אויגען... די אלטע דבורה, שושנה'ס ערציהערין האָט זיך נישט געקענט איינהאלטען, איז אריין אין קיך און דאָרט זיך שטארק פאנאנדערגעוויינט...

דער קליינער עמנואל האָט אויך ביי זיך אין הארצען שטאַרק בעדויערט דעם פרעמדען. ער האָט אויף איהם גרויס רחמנות געהאַט, נישט אזוי דערפאר וואָס ער איז אין דער פרעמד, נאָר צוליעב דעם וואָס אזא גוטער, עדעלער מאן איז נישט קיין איד און וועט נישט קענען האָבען קיין עולם הבא...

— פאָטער, — האָט עמנואל געזאָגט צו ר' שמואל'ן, — עס איז א גרויסער רחמנות אויף דעם פרעמדען מאן וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען א גוי, און צו־ליעב דעם וועט ער נישט קענען קריגען קיין עולם הבא. ער איז דאָך אזא גוטער מאן... איך בין בערייט איהם אפצוגעבען א טהייל פון מיין עולם הבא... וועט מיר דער ליעבער גאָט דאָס ערלויבען צו טהאָן, פאָטער?

— קינד מיינס, — האָט ר' שמואל געענטפערט זיין מוזיניקעל — אונזערע היילינגע חכמים האָבען געזאָגט, אז די "חסידי אומות העולם" (גוטע גויים) ווע־לען אויך האָבען עולם הבא. און אונזער גאַסט איז דאָך א גוטער גוי, וועט ער האָבען עולם הבא אויף זיין אייגענעם חלק.

— וועט ער אויפשטעהען תחית המתים און מיטגעהן מיט אונז אין ארץ ישראל? — האָט עמנואל ווידער געפרעגט.

— געוויס, מיין זוהן, — האָט ר' שמואל איהם געענטפערט א צופרידענער וואָס זיינע קינדער זיינען אזוי גוטהארציג, — אלע גוטע מענשען, צי אידען צי ניט־אידען, וועלען געניסען פון גאָט'ס בענטשונג ווען משיח וועט קומען.

ווען דער פרעמדער האָט פארענדיגט זיין תפלה האָט ער זיך אפגערופען צו ר' שמואל'ן:

— "מיין גנעדיגער הער, איך האָב נישט גענוג ווערטער אויסצודריקען מיין דאנקבארקייט צו אייך אלעמען. איך שווער אָבער ביי דעם אלמעכטיגען גאָט, אז כל זמן איך וועל לעבען וועל איך קיינמאָל נישט פארגעסען די גרויסע

נגארע וואס איהר האט מיט מיר געטהאן. איך וועל נישט רוהען ביז גאט וועט מיר געבען די מעגליכקייט צו בעצאהלען אייך פאר דעם חסד וואס איהר האט געטהאן מיט אייער קנעכט".

— אונזער לוין וועט זיין דאס, אויב מיר וועלען וויסען אז גאט האט דיך געבראכט בשלום צוריק צו דיין פרוי און קינדער.

מרים האט געגרייט צום טיש פאר מיטאג, און געהייסען שושנה'ן איינלאדען דעם גאסט עסען מיט זיי. ווען שושנה האט דאס איהם געזאגט, האט ער זיך אפגערופען:

— איך דאנק אייך, גוטע מענשען, אבער איך וועל מעהר ביי אייך קיין ביסען נעהמען ביז וואנען איך וועל אייך דערצעהלען ווער איך בין און וואס מיט מיר האט פאסירט.

— זעהר גוט, — האט געזאגט ר' שמואל, — מיר וועלען אריינגעהן אין גארטען־שטיבעל, וואו עס איז קיהל, און דארטען וועסטו אלעמען דערצעהלען.

דאס שטיבעל איז געווען געפלאכטען פון צווייגען און גרינע בלעטער. דארטען איז געווען זעהר קיהל אפילו אין א הייסען טאג. אהין זיינען אלע אריין, זיך ארומגעזעצט ארום דעם טיש און אלע האבען אנגעשטרענגט זייערע אויערען צו הערען דעם גאסט'ס לעבענס־געשיכטע.

5טער קאפיטעל

דער געפאנגענער איז פערהייראטה צו א אידישע טאכטער

— מיין נאמען איז גאיוס, — האט דער געפאנגענער אנגעפאנגען, — מיין געבורטסלאנד איז איטאליען. איך בין געבארען געווארען אין דער שטאדט פאדוא, נישט ווייט פון ווענעדיג. מיינע עלטערען זיינען געווען זעהר רייך, און מיין משפחה, פון די אנגעזעהענסטע אין פאדוא.

אין דער שולע וואו איך האב שטודירט, האב איך זיך בעקאנט מיט איינעם פון די שילער מיט'ן נאמען רופוס. איך קען ביז יעצט ניט פארשטעהן וואס איך האב אין איהם געפונען וואס האט מיר געצויגען צו איהם אזוי שטארק; נישט זיין כאראקטער און נישט זיין פערזענליכקייט האט אין זיך געהאט עפעס צוציהענדעס. זיין פנים האט אויסגעדריקט גרויזאמקייט און זיינע אויגען האבען געווארפען א שרעק אויף יעדען וואס האט אין זיי אריינגעקוקט... אין שולע איז ער געווען איינער פון די ערגסטע שילער; עס האט נישט געהאלפען די שטראף־ווערטער פון די לעהרער און פון זיינע עלטערען. ער האט זיך זעהר שלעכט אויפגעפיהרט. מיר ביידע אבער, זיינען געווארען אזוי צוגעבונדען איינער צום צווייטען, אז עס איז נישט אוועק א טאג וואס מיר זאלען זיך נישט האבען

געזעהן לכל הפחות דריי מאל. אונזער פריינדשאפט איז געוואקסען פון טאג־צו־טאג. מיינע ליעבע עלטערען האט עס פון אנפאנג שטארק באנג געטהאן; זיי זיינען געווען דאגעגען איך זאל זיך מיט איהם חבר'ן, ווייל זיי האבען געהערט פון זיינע פארדארבענע זיטען. ווען אבער זיי האבען דערזעהען, אז איך האב אויף איהם אזוי שטארק געווירקט דאס ער האט זיך אין גאנצען געענדערט צום גוטען, האבען שוין מיינע עלטערען גארנישט געהאט דאגעגען.

איך און רופוס זיינען געווען ווי צוויי קערפערס מיט איין נשמה. עס זיינען צווישען אונז קיינע סודות נישט געווען. רופוס האט פארבראכט אין מיין הויז מעהר ווי ביי זיינע עלטערען. אין איין בעט האבען מיר געשלאפען, ביז האלבע נאכט פלעגען מיר זיך דערצעהלען נישט נאר וואס האט פאסירט מיט אונז, אבער אויך אונזערע געדאנקען האבען מיר זיך געטיילט צוזאמען.

איינמאל, ווען מיר זיינען ביידע געפאהרען רייטענדיג אויף אונזערע פערד, האט זיך רופוס'ס פערד פאר עפעס דערשראקען און לויפענדיג זעהר שנעל, האט ער רופוס'ן ארונטערגעווארפען. מיין חבר איז פערוואונדעט געווארען. איך האב מיין חבר גלייך אוועקגעפיהרט צום דאקטאר קארנעליוס, וועלכער האט געוואהנט דערביי.

דאקטאר קארנעליוס וועלכער האט זיך נישט לאנג באזעצט מיט זיין איינציגע טאכטער אין פאדוא, איז געווען בעוואוסט פאר א גרויסען דאקטאר. ער איז באליעבט געווען ביי אלעמען פאר זיין גוטהערציגקייט. ארימע מענשען האט ער געהיילט אהן געלד, און ער אליין האט זיי באזארגט מיט די נויטיגע מעדיצין. ער האט זיך געלעבט אפגעזונדערט פון אלעמען, ניט האבענדיג קיין מגע ומשא מיט קיינעם, א חוץ זיינע פאציענטען. אפילו אין קירכע, צו גאטעסדיענסטע, איז ער געזעסען מיט זיין טאכטער אפגעזונדערט פון אלעמען...

דער דאקטאר האט גוט בעטראכט מיין חבר און האט אונז מיט א בארוהיגטען טאן געזאגט:

— עס איז גארנישט, קיין זאך נישט צובראכען, ער וועט שנעל געזונט ווערען. איך וועל באנדאזשירען זיין קאפ און איהר וועט גלייך קענען אהיים פאהרען.

— קלארים, ברייננ מיר די באנדאזשען, — האט דער דאקטאר געזאגט צו זיין טאכטער, וועלכע איז געווען אין א צווייטען צימער. קלארים האט געבראכט די באנדאזשען און האט געהאלפען איהר פאטער צו פארבאנדיזשירען מיין חבר... זי איז געווען אויסערגעוויינליך שעהן און צערטליך, א געטליכקייט איז אויף איהר געלעגען. איך האב שטארק מקנא געווען מיין חבר. איך האב געוואלט זיין אויף מיין חבר'ס פלאץ און איהרע צערטליכע פינגער זאלען מיין קאפ אנריהרען... מיין פערוואונדעטער חבר האט פארגעסען אין זיינע וועהטא־

נען... אין זיינע אויגען האב איך געקענט לעזען דיזעלבע געפיהלען וועלכע האבען מיר באהערשט...

מיר זיינען געווארען דעם דאקטאר'ס אפטע געסט; יעדעס מאל זיינען מיר געקומען מיט אן אנדער תירוץ... מיין חבר האט זיך באקלאגט אז די וואונד טהוט איהם שטארק וועה... איך האב אויך געפונען אויף וואס זיך צו באקלאגען...

מיין ליעבע צו קלארים האט זיך פאנאנדערגעפלאקערט און איך האב נישט געקענט איבערלעבען א טאג איך זאל כאטש נישט פארבייגעהן דאס הויז וואו קלארים געפינט זיך...

איהר קענט זיך פארשטעלען מיין פעהצוויפלונג און אנגסט, ווען מיין חבר, רופוס, רופט זיך אפ צו מיר איין אוונט מיט די פאלגענדע ווערטער:

—"מיין טהייערער חבר, גאיוס, איך האב דיר א הייליגען סוד צו ענט־דעקען. איך האף אז דו וועסט מיר באהילפיג זיין ווי ווייט דו וועסט קענען. איך בין שטארק פארליעבט אין קלארים, אהן איהר וועט מיין לעבען נישט ווערטה זיין די שטויב אויף וועלכע מיר טרעטען... גיב מיר דאך אן עצה, טהייערער חבר, ווי איך זאל צו איהר צוטרעטען און ווי אזוי איך קען איהר הארץ געווינען...

איך בין ווי פאראליזירט געווארען... מיינע אויגען האבען מיר אנגעהויבען שווינדלען; אלעס איז פאר מיר פינסטער געווארען... אין מיין קאפ האבען האמערס געקלאפט... מיין גאנצער קערפער האט גענומען ציטערען און מיין פנים איז געווארען וויים ווי שנעע. איך בין באגאסען געווארען מיט א קאלטען שוויים...

— וואס איז מיט דיר, ביזטו קראנק? — האט מיין חבר צו מיר געזאגט, און שנעל מיר וואסער געבראכט.

המ... המ... קלא... קלארים... האב איך קוים ארויסגעשטאמעלט... איך ליעב קלארים'ן ווי מיין לעבען, אויב איך קריג איהר נישט וועל איך געוויס שטארבען...

— קלארים איז מיינע! דו האסט קיין רעכט ניט איהר צו ליעבען, ווייל זי באלאנגט צו מיר, — האט מיין חבר אויסגעשריען. זיינע אויגען האבען זיך אנגעצונדען וויא פייער, ער האט געקריצט מיט די צייהנער, ער האט געביסען זיינע ליפען און מיט א כעס פול מיט שנאה און ביטערקייט האט ער צו מיר ווידער געזאגט:

— קלארים בעלאנגט צו מיר, דו הערסט! דו זאלסט זיך נישט דערוועגען מיט איהר א ווארט צו ריידען, דו הערסט! ניין! ניין! ניין!

ווען מיר האבען זיך אביסעל בארוהיגט האב איך זיך צו איהם אפגערופען:

— מיין טהייערער רופוס! לאמיר די זאך גוט בעטראכטען; מיר זיינען ביידע שטארק פערליעבט אין קלארים. איך קען דיר מיטפיהלען, ווייל איך אליין

לעב איבער דיזעלבע געפיהלען. די פראגע אבער איז, האט קלארים דיזעלבע געפיהלען צו איינעם פון אונז ? עס קען מעגליך זיין, אז זי ליעבט דיר אדער מיר, עס איז אבער אויך מעגליך, דאס קלארים ליעבט נישט מיר און נישט דיר... און מיר טראגען זיך ביידע ארום מיט פוסטע חלומות און ווילדע פאנטאזיעס... מיין עצה איז דאריבער, אז פריהער זאלען מיר ביידע צוזאמען זיך נעהענטער באקענען מיט איהר, און נאכהער, ווען אונז זי וועט אויסערוועהלען וועט זיין דער גליקליכער, און דער צווייטער זאל זיך פארפליכטען אנצונעהמען גוטמוטהיג איהר באשלוס, און מיר וועלען בלייבען דיזעלבע גוטע חברים.

רופוס האט צו מיין פארשלאג איינגעשטימט. איך האב אבער באמערקט, אז זיין פריינדשאפט צו מיר איז אפגעקיהלט געווארען. עטליכע מאל נאכדעם האבען מיר דעם דאקטאר בעזוכט, מיט דעם צוועק צו זעהן קלארים׳ן. אבער נישט יעדעס מאל איז אונז געלונגען איהר צו זעהן. די איינינגע מאל וואס מיר האבען איהר יא געזעהן האט געמאכט יעדען פון אונז דענקען, אז נאר איהם ליעבט זי...

מיר זיינען ארומגעגאנגען ווי וואהנזיניגע. א שווערענים האט געדריקט אונזערע הערצער... מיר האבען בעשלאסען אויסצוגיסען אונזערע געפיהלען צו די געטליכע קלארים אין א בריעף. מיר האבען דארט געשריבען אזוי ווי מיר ביידע זיינען די בעסטע חברים און יעדער פון אונז איז אין איהר שטארק פארליעבט, נאר מיר פארלאזען זיך אויף איהר אויסוואהל; ווען זי וועט איינעם אויסקלייבען זאל דער צווייטער אפטרעטען, נישט טראגענדיג קיין שנאה און קנאה צום גליקליכען; טאמער אבער געפינט זי אז קיינער פון אונז איז נישט ווערטה איהר ליעבע, דאן שווערען מיר, קיינמאל זי נישט צו באלעסטיגען...

דעם בריעף האבען מיר ביידע גע׳חתמ׳עט מיט אונזערע נעמען: רופוס און גאיוס.

מיר האבען אויסגעמארקירט א צייט ווען דאקטאר קארנעליום איז נישט געווען צו הויז. מיר זיינען ביידע אוועק צו דעם דאקטאר׳ס הויז. קלארים האט אונז געעפענט די טהיר. זי איז געווען אזוי רייצענד שעהן און ליעבליך... זי האט אונז באגעגענט מיט א זיסען שמייכעל און העפליך געזאגט:

— דער דאקטאר איז יעצט ניטא צו הויזע, עס איז מעגליך אז ער וועט באלד קומען. אויב ביידע הערהען ווילען ווארטען, זעצט זיך אט דא, — האט זי אונז אנגעצייגט אויף צוויי שטוהלען.

מיר האבען זיך געזעצט. קלארים האט זיך ענטשולדיגט און איז אריין אין איהר צימער.

א ווייל׳ע האבען מיר געווארט. מיר האבען געהאט דעם בריעף ביי זיך און נישט געקענט בעשליסען וואס צו טהאן. רופוס האט גע־

פאסט מוטה, ער איז צוגעגאנגען צום טהיר פון איהר צימער און אוועקגעלייגט דעם בריעף אין שפאלט פון טהיר... באלד האָבען מיר דערהערט טריט... דער בריעף איז פערשוואונדען געוואָרען פון אונזערע אויגען... יא, זי האט איהם שוין!... זי לעזט איהם... אונזערע פּנים'ער האָבען געפלאַמט... די אויגען געפינקעלט און די הערצער געקלאפּט...

די טהיר האט זיך געעפענט און דער דאָקטאָר איז אריין.

— נו, וואָס מאכסטו? — האט ער זיך געווענדעט צו רופוס'ן.

— איך פיהל נישט אזוי גוט, — האט רופוס געזאָגט.

— און איך בין אויך נישט מיט אלעמען, — האָב איך זיך בעקלאָגט פאר'ן דאָקטאָר.

ער האט אונז ביידען בעטראַכט, געמאָסטען אונזער היץ... ער האט א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס און אונז געזאָגט:

— איהר האָט ביידע שטאַרקע היץ, איהר מוזט גלייך געהן אהיים און זיך לעגען אין בעט...

אונזערע בליקען זיינען געפאלען אויף קלאַרים'ס טהיר... מיר האָבען זיך געזעגענט מיט'ן דאָקטאָר און אוועק אהיים, יעדער מיט די האָפנונגען, דאָס ער וועט זיין דער גליקליכער...

צוויי וואָכען זיינען פאַראיבער און מיר האָבען פון קלאַרים'ן נישט געהערט. איך בין געווען שטאַרקער פון אייזען אז איך האָב זיך געקענט איינהאַלטען און נישט פאַרבייגעהן איהר הויז. איך בין ארומגעגאנגען ווי א צומיישטער. יעדער טאָג איז פאר מיר א יאָהר געווען. איך האָב אין גאַנצען פאַרלאָרען מיין אפּעטיט. רופוס איז ארומגעגאנגען פאַרכמורעט און איך בין געוואָרען זעהר מרה שחורה'דיג... מיר זיינען דורך די צוויי וואָכען ווייניג וואָס געווען צוזאַמען. און ווען אפילו מיר האָבען שוין יא זיך געזעהען האָבען מיר ווייניג וואָס גערעדט. מיר האָבען מורא געהאַט אָנצורירען אונזערע הייליגע געפיהלען... יעדער פון אונז האָט געליטען און געשוויגען... ביידע אָבער האָבען מיר געהאַלטען אונזער אָפּמאַך נישט צו זעהן קלאַרים'ן איידער מיר וועלען פון איהר הערען.

עס איז געווען א הייסער נאָכמיטאָג. איך האָב זיך צוגעלעגט אָברוהען. איך ליג אין מיין בעט מיט א טרויעריגען געמיטה און א צובראָכען האַרץ. איך טראַכט פון די שעהנע, ליעבע קלאַרים. מיין בענקעניש נאָך איהר איז געווען אזוי שטאַרק, אז איך האָב מורא געהאַט איך זאָל פון זינען נישט אראָנטער ווען איך וועל איהר אין גיכען נישט זעהן... פּלוצים דערהער איך א קלאַפּ אין מיין טהיר... דעם דאָקטאָרס דיענסט איז אריין און האָט מיר איבערגעגעבען א בריעף. ווען איך האָב איהם געעפענט, איז מיר ליכטיג געוואָרען

אין מיין אויגען... דער מאָמענט איז פאַר מיר דער גליקליכסטער געווען... איך בין פול געוואָרען מיט לעבען און ענערגיע. א קליינינקייט אזא גליק! קלאַרים שרייבט מיר, דאַס זי וועט אויף מיר וואַרטען אין איהר גאָרטען נאָכ'ן אָווענד־ברויט. זי בעט מיר ענטפערען דורך דער דיענסט צי איך וועל זיין.

-- געוויס וועל איך זיין, — האָב איך געענטפערט מיט שמחה.

איך האָב מיט זיך נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן פון גליק... איך בין צוגעלאָפען צו מיין פאָטער (מיין מוטער איז שוין דאַן נישט געווען צווישען די לעבעדיגע) און איהם געגומען האַלזען און קושען...

— פאָטער, איך בין דער גליקליכסטער אין דער וועלט, שפּעטער וועל איך דיר אַלעס דערצעהלען, פרעג מיר יעצט גאָרנישט!...

איך האָב אומגעדולדיג געוואַרט אויף דעם אָבענד. יעדער רגע איז פאַר מיר א יאָהר הונדערט געווען...

ווען איך בין געקומען אין גאָרטען, האָט מיר קלאַרים זעהר פריינדליך באַגריסט. א ווײלע בין איך געשטאַנען און נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט זיך... איך האָב קיין פּלאַץ נישט געפונען פאַר מיינע אויגען, פאַר מיינע הענד... איך בין געווען איבערהפילט מיט גליק... אָט בין איך אַליין מיט קלאַרים'ן... איך זעה איהר געטליך פּנים; איך הער איהר צויבער זיסע שטימע... און רופוס איז דערביי ניטאָ!...

— גאַיוס, — האָט זיך קלאַרים צו מיר אָפּגערופען, — דו האָסט מיך ליעב מיט אַן אמת?...

— קלאַרים, טהייערע, — האָב איך איהר געענטפערט, — איך ליעב דיר מיט מיין גאַנצען לעבען און נשמה!... אָהן דיר איז מיין לעבען גאָרנישט ווערטה...

— ליעבער גאַיוס, — האָט קלאַרים צו מיר געזאָגט שטיל־ערהייד, — דו ליעבסט מיר, ווייל דו ווייסט נישט ווער און וואָס איך בין... ווען דו וועסט אָבער זיך דערוויסען פון מיין געהיימנים, דאַן וואָלסטו נישט נאָר אויפגע־הערט מיך צו ליעבען, נאָר דו וואָלסט מיר זאָגאָר געהאַסט!...

— געטליבער מלאך! — האָב איך זיך אָפּגערופען מיט טרעהרען, — איך שוואָער דיר ביי מיין היילינע ליעבע צו דיר, מעג דיין געהיימנים זיין וואָס עס איז, אָבער מיין ליעבע צו דיר וועט נישט אָפּגעשוואַכט ווערען.

— דו וועסט זיין דער איינציגער, — האָט מיר קלאַרים געזאָגט, — וואָס וועט וויסען מיין סוד. איידער איך דערצעהל דיר מיין געהיימנים, וויל איך האָבען פון דיר דיין עהרען־וואָרט, אז אפילו נאָכדעם ווי מיין סוד וועט אַנטפּלעקט ווערען פאַר דיר און דו וועסט מיר מעהר נישט קענען ליעבען, זאָלסטו עס

קיינעם נישט דערצעהלען, ווייל ווי נאָר דו דערצעהלסט עס אימיצען, אזוי זיינען מיר, איך און מיין ליעבער פאטער, פארלאָרען...

איך האָב איהר געגעבען מיין עהרען־וואָרט און מיט גרוים נייגעריגקייט געוואַרט אויפ׳ן "שרעקליכען" געהיימניס...

—"זיי וויסען, — האָט זי אָנגעפאַנגען, — אז איך בין נישט פון די זעלבע רעליגיאָן ווי דו, איך און מיין ליעבער פאטער זיינען אידען. איידער מיר זיינען געקומען אהער, האָבען מיר געוואָהנט אין עלזאס, דייטשלאַנד. געווען דאָרט זעהר גליקליך. מיין פאטער איז דאָרטען אויך געווען א בעוואוסטער דאָקטאָר; ער איז געווען געליעבט און געאַכטעט נישט נאָר ביי דער אידישער געמיינדע, נאָר זאָגאַר ביי קריסטען אויך. איינמאָל, א וואָך פאַר פסח איז מיין פאטער גערופען געוואָרען צו א קראַנקען. מיין פאטער האָט געטהאָן אַלעס אין זיין מעגליכקייט צו ראַטעווען דעם חולה; אָבער אומזיסט... ער איז געווען זעהר געפעהרליך און אין צוויי טאָג שפּעטער איז ער געשטאָרבען. באַלד האָט זיך פארשפּרייט א קלאַנג, אז דער אידישער דאָקטאָר האָט געטויטעט דעם קראַנקען, כדי ער זאָל זיך בענוצען מיט זיין בלוט אויף פסח... דער צעווילדעוועטער המון איז בעפאַלען אונזער הויז און אונז געדראָהט צו פערניכטען... מיין מוטער איז ארויס פון הויז און זיי גענומען ערקלעהרען ווי פאַלש די קלאַנגען זיינען און זיי געבעטען אָפּצוטרעטען. איינער פון המון האָט מיין אָרימע מוטער א שטאַרקען שטויס געטהאָן. מיין מוטער איז אומגעפאַלען און אין א פּאָר טעג ארום איז זי געשטאָרבען פון פאַל און שרעק... אונז האָט מען געגעבען די ברירה זיך צו שמד׳ן און בלייבען וואָהנען אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ, אָדער מיר פארלירען אונזער גאַנצען פארמעגען און בירגער־רעכט, און אין צעהן טעג פארלאָזען די שטאָדט. מיר האָבען געוואוסט, אז דער צווייטער פאָרשלאָג מיינט פאַר אונז טויט... ווייל ווי נאָר מיר פארלירען אונזער בירגער־רעכט, וועלען זיך געפינען פיעלע בעלנים אונז צו הרג׳ענען, נישט בעשטראָפט צו ווערען... מיר האָבען אומגעביטען אונזער רעליגיאָן, אָבער אין הארצען זיינען מיר דיזעלבע אידען. צוויי יאָהר האָבען מיר נאָך פארבראַכט אין עלזאס. די טרויעריגע פּאַסירונגען האָבען שטאַרק געווירקט אויף מיין פאטער און ער האָט בעשלאָסען צו פארלאָזען עלזאס אויף אימער. מיר האָבען זיך באַזעצט דאָ אין פּאַדואַ צייטווייליג, מיט דער האָפנונג צו פאָהרען אין א לאַנד, וואו די אידען זיינען נישט אזוי געדריקט און געשטיקט. אין פּאַדואַ זיינען מיר געווען די איינציגע אידען. מיר האָבען דאַריבער זיך דאָ באַזעצט אלס קריסטען. מיר לעבען דאָ זעהר רוהיג, אָבער מיר זיינען אומגליקליך, ווייל מיר זיינען געצוואונגען צו לעבען אונטער א מאַסקע..."

— יעצט ליעבער גאיום, — האָט קלארים פארענדיגט מיט טרעהרען אין

די אויגען, — דו זעהסט דאך, אז מיר ביידע קענען זיך קיינמאל נישט פאר־בינדען. פארגעס דאך מיר, איך בעט דיר, און מיר וועלען בלייבען פריינד ווי פריהער, און זאל מיין סוד בלייבען ביי דיר אין הארצען פארזיגעלט אזוי לאנג ווי מיר וועלען פארבלייבען אין פאדוא...

— געטליכע קלארים, — האב איך אויסגערופען פאלענדיג אויף די קניע און קושענדיג איהרע הענד, — מיין ליעבע צו דיר איז נאך גרעסער געווארען... איך שווער דיר ביי אלעם וואס איז הייליג, אז איך וועל דיר ליעבען מיין גאנצען לעבען מעהר ווי זיך זעלבסט. און ווען מיר וועלען אוועקפאהרען פון דאנען און זיך באזעצען צווישען אידען, וועל איך זיך שעצען גליקליך צו ווערען א מיטגליעד פון די נאבעלע און שטאלצע נאציאן וועלכע בעזיצט אזעלכע ערהאבענע פער־זאנען ווי דו און דיין פאטער.

קלארים האט מיך געבעטען צוווארטען א ווייל אין גארטען, ביז וואנען זי וועט רעדען מיט איהר פאטער.

די קורצע ווייל וואס איך האב געווארט איז ביי מיר געווען ווי אן אייביג־קייט... מיין הארץ האט געפלאטערט... איך האב געציטערט פיעלייכט וועט איהר פאטער זיין דאגעגען... אבער צו מיין גרויסען גליק האט אונז דר. קאר־נעליוס געגעבען זיין בענטשונג... שטילערהייד, ביי זיך אין הויז האט ער אונז פערהייראט לויט דעם אידישען דין, און נאכהער, יוצא צו זיין פאר אלעמען, זיינען מיר געגאנגען אין קירכע..

ווען רופוס האט זיך דערוואוסט וועגען מיין הייראטה, האט ער מיר בע־שולדיגט דאס איך בין געגאנגען צו קלארים'ן איידער זי האט מיר איינגעלאדען און דערמיט געבראכען אונזער אפמאך. ער האט זיך בשום אופן נים געלאזט איבערצייגען אין זיין טעות...

רופוס האט געשווארען צו נעהמען ראכע פון מיר...

ער איז באלד פערשוואונדען געווארען פון שטאדט. שפעטער האב איך זיך דערוואוסט דאס ער איז געווארען א קאפיטאן פון א רויבער־שיף...

דריי גליקליכע יאהרען זיינען אוועק, מיין ליעבע פרוי, קלארים, האט מיר געבארען צוויי שעהנע געראטענע קינדער, א אינגעל און א מיידעל. דעם אינגעל האט מיין שווער געאידישט. פון צייט צו צייט פלעג איך בעקומען בריעף פון רופוס וואו ער האט מיר געסטראשעט זיך נוקם צו זיין אין מיר און אין מיין פאמיליע... מיר האבען איינגעזעהען דאס ווייטער פארבלייבען אין פאדוא איז אונמעגליך. ווייל א חוץ דאס לעבען אין שרעק, האבען מיר געוואלט געבען אונ־זערע קינדער א אידישע ערציהונג, אבער זייענדיג אין פאדוא האבען מיר עס נישט געקענט, כדי מען זאל נישט אויסגעפינען אונזער סוד... מיר האבען דאריבער בעשלאסען צו פערלאזען פאדוא. וואוהין צו פאהרען האבען מיר געווי נישט גע־

וואוסט. מיר האבען געהערט אז די אידען לעבט זיך רוהיג אין אראביש־שפאניען, אבער זיכער זיינען מיר נישט געווען. איך האב דאריבער בעשלאסען אליין צו פאהרען אויסצוגעפינען א פאסענדען פלאץ פאר מיר און מיין פאמיליע, זיך צו באזעצען. איך האב זיך גלייך גענומען גרייטען צו דער רייזע.

שווער איז מיר געווען זיך צו שיידען פון מיין ליעבע. טרייע פרוי און קינדערלאך. דער געדאנק אבער אז דאס וועט אונז ברייענגען צום ריכטיגען גליק האט מיר געשטארקט... איך האב מיט זיך גענומען גענוג געלד. אונזערע בעקאנטע און פריינד האבען מיר געזאגט דאס איך פאהר האנדלען... איך האב זיך געזעגענט מיט מיין ליעבענדע קלארים..."

גאיום האט זיך דא אפגעשטעלט... זיינע אויגען זיינען אנגעפילט געווארען מיט טרערען... זיין פנים האט אויסגעדריקט שטארקע בענקשאפט, צער און זארג...

א ווייל האט געהערשט אן אנגעשטרענגטע שטילקייט... גאיום'ס צוהערער זיינען געזעסען בעוועגלאז... זיי האבען איהם מיטגעפיהלט און גרויס מיטלייד געהאט מיט איהם.

—"יא, —"האט גאיום פארטגעזעצט, אונטערברעכענדיג די שטילקייט, — איך האב זיך געזעגענט מיט מיינע קינדערלעך און מיט'ן שווער. איך האב זיך געזעצט אויף א שיף וואס איז געפאהרען נאך שפאניען.

אויפ'ן דריטען טאג ווען מיר זיינען שוין אריינגעפאהרען ווייט אין מיטעללענדישען ים, האט דער קאפיטאן פון דער שיף אונז מודיע געווען מיט שרעק, דאס א רויבער שיף פאלגט אונז נאך...

דאס הארץ האט ביי יערען גענומען ציטערען...

— מיר זיינען אין געפאהר געזונקען צו ווערען פון די פיראטען. מיר וועלען זיך מוזען אונטערגעבען, — האט אונזער קאפיטאן געזאגט.

עס איז געווארען א טומעל, א געלאף און א בהלה. טויט־בלאסע און צושראקענע זיינען מיר אלע ארומגער און געזוכט א פלאץ וואוהין זיך צו פארבארגען. פרויען און קינדער האבען היסטעריש געוויינט... אונזער שיף האט זיך פערדאנקערט אין מיטען ים. אונזער קאפיטאן מיט די מאטראזען זיינען ארום אויפ'ן דעק און אויפגעהויבען ווייסע פלאגען...

די רויבער־שיף איז גלייך צוגעקומען צו אונז. דער קאפיטאן פון דער רויבער־שיף האט אויסגעשריען אין דער הויך:

— מיר וועלען אייך קיין שלעכטס ניט טהאן. מיר זוכען דא ביי אייך איין מאן, ווי נאר איהר וועט איהם אונז ארויסגעבען, אזוי קענט איהר פאהרען אייער וועג.

שטעלט זיך פאר ווי גרויס מיין שרעק איז געווען, ווען איך האב דערקענט

דעם קאַפּיטאַן פון די רויבער־שיף אַלס מיין אַמאָליגען חבר, רופוס. אונזער קאַפּיטאַן האָט אָלעמען באַפוילען צו שטעהען אין רייהע. רופוס מיט זיינע מאַטראָזען זיינען דורכגעגאַנגען די רייהע... ער האָט מיך גלייך באַמערקט, און געהייסען זיינע מאַטראָזען מיר אַריבערנעהמען אויף זיין שיף...

ווען איך בין שוין געווען אויף זיין שיף, האָב איך געהערט ווי רופוס האָט געזאָגט צום קאַפּיטאַן:

— יעצט קענסטו פאָהרען דיין וועג, איך האָב געקראָגען דעם וועמען איך האָב געזוכט...

די שיף וואו איך בין געווען פריהער האָט גענומען פאַרשווינדען פון מיינע אויגען, צוזאַמען מיט מיינע האָפנונגען און גליק...

אויסדערצעהלען אייך אַלע מיינע ליידען און צרות וואָס איך בין אויסגעשטאַנען פון מיין אַמאָליגען חבר רופוס, איז אונמעגליך. איין זאַך האָט רופוס געוואָלט פון מיר אַרויסקריגען. און דאָס איז אַ שריפט צו מיין פרוי, אַז מיין גאַנצער פאַרמעגען זאָל פאַרקויפט ווערען אום מיר אויסצולייזען. איך האָב דאָס בשום אופן נישט געוואָלט טהאָן... איך האָב געוואוסט, אַז ווי נאַר איך וועל איהם אַזאַ שריפט געבען, דאַן מאַך איך מיין גאַנצע פאַמיליע אומגליקליך, און דאָס איז געווען זיין וואונש. ער האָט מיר אָנגעטהאָן אַלערליי יסורים און נגישות. פינף טעג האָט מען מיר געהאַלטען צוגעשמידט צום באָדען פון שיף און מיר גאָרנישט געגעבען צו עסען און צו טרינקען. רופוס האָט ביי מיר אַלעס צוגענומען. אפילו דעם רינג וואָס קלאַרים האָט מיר געגעבען האָט ער מיט רציחה אַרונטערגעריסען פון מיין פינגער...

ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבען אַ האַפען, איז רופוס באַגעגענט געוואָרען פון אַ באַנדע מענער. זיי האָבען מיר געבונדען די הענד, פאַרדעקט מיינע אויגען מיט אַ טיכעל און זיי האָבען מיר אַריינגעזעצט אין אַ וואָגען צוזאַמען מיט נאָך עטליכע געפאַנגענע. איך האָב געהערט ווי רופוס רעדט צו דער באַנדע אין אַראַביש... ווען ער איז מיין חבר געווען האָט ער קיין אַראַביש ניט געקענט. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען דאָס ער איז אויך דער הויפּט־אָנפיהרער פון דער אַראַבישער שקלאַפען פאַנגער־באַנדע.

ווען מען האָט אַראָפּגענומען דאָס טיכעל פון מיינע אויגען, האָב איך באַמערקט דאָס איך געפין זיך אין אַ פינסטערער הייהל. פון דעם שיין פון אַ חלב'ענע ליכטעל וואָס האָט געברענט אין אַ ווינקעל, האָב איך באַמערקט אויף די וועגד פערשידענע כלי־זיין, שווערדען, שפּיזען, העק און מעסערס...

רופוס איז צו מיר צוגעגאַנגען און מיר ווידער געסטראַשעט מיט טויט. ער האָט מיר נאָך אַמאָל געגומען צווינגען איך זאָל שרייבען דעם בריעף צו מיין פרוי. ער האָט צוגערופען אַן אַראַבער און האָט איהם עפּעס געזאָגט אין אַראַביש.

דער אראבער האט מיר צוגעבונדען צו א סלופ און מיר גענומען מערדערליך שלאגען.

— טויט מיר, — האב איך זיך געבעטען ביי רופוס'ן, — שטעך מיר מיט דיין שווערד און לאז מיר שטארבען! . . .

—"טויטען דיר?! — האט רופוס געזאגט מיט כעס, — ניין, דער טויט איז צו גוט פאר דיר... דו מוזט לעבען בלייבען, אבער דיין לעבען וועט זיין א לעבען פון שאנדע און יסורים... א שקלאף, א נידעריגע בעשעפעניס וועסטו בלייבען ביז די ענדע פון דיין לעבען"...

אין עטליכע טעג ארום האט ער מיר פארקויפט פאר א שקלאף צו דעם מאן פון וועמענס גרויזאמע הענד איהר האט מיר אויסגעלייזט. ער האט נישט געקענט פערליידען מיין צו פיעל טרויערען נאך מיין ליעבע פרוי און קינדער; ער האט באפוילען זיינע קנעכט מיר צו שלאגען... ווען מען האט מיך געפיהרט צום מארק מיט די איבריגע שקלאפען, האב איך שוין געוואוסט, אז אלע מיינע האפנונגען זיך אמאל צו זעהן מיט מיין פאמיליע, ווערען פארלארען. עס האט מיר פארדריקט ביים הארצען און איך האב ביטערליך געוויינט... און דא האט מיר דער ליעבער גאט צוגעשיקט זיינע צוויי גוטע מלאכים, — האט גאיום געזאגט אנצייגענדיג אויף שושנה'ן און איהר מוטער, — און זיי האבען מיר פון אלע מיינע צרות אויסגעלייזט..."

ווען גאיום האט געענדיגט זיין געשיכטע איז ער געפאלען אויף זיינע קניע און מיט טרעהרען פון גליק געזאגט:

— איך ווייס נישט מיט וואס אייך צו בעדאנקען פאר אייער גוטסקייט. זאל אייך דער עויגער דערפאר באלוינען. איך וועל אייך בעטען איהר זאלט מיר אוועקפיהרען צו אייער רב. איך וויל זיך מגיר זיין און איך וועל אהיים נישט פאהרען ביז וואנען איך וועל דא גרינדליך ערלערנען די אידישע רעליגיאן, און נאכהער אז איך וועל זיך קומען בעזעצען מיט מיין פאמיליע דא אין קארדאווא, וועל איך קומען אלס ריכטיגער איד.

ר' שמואל האט אויפגעהויבען זיינע הענד און געזאגט:

"געלויבט איז גאט וואס ער האט דיך געבראכט צו אונז, און דאמיט אונז געגעבען די געלעגענהייט מקיים צו זיין די גרויסע מצוה פון פדיון שבויים. איך בעט דיר, א, אלמעכטיגער גאט, צוליעב דעם זכות פון דער מצוה פון פדיון שבויים זאלסט מיר אומקעהרען מיין פארלארענעם ברודער יחזקאל".

ר' שמואל האט דערצעהלט גאיום'ן ווי אזוי זיין ברודער יחזקאל איז געפאנגען געווארען מיט פינף-און-צוואנציג יאהר צוריק, און אז ער האט נאך נישט אויפגעגעבען זיין האפנונג דאס ער וועט נאך איהם געפינען.

נאך מיטאג איז ר' שמואל אוועק מיט גאיום'ן צום רב ר' נתן.

דער רב האט איהם, ווי דער דין איז, געזאגט, די שווערינקייטען וואס ליגט אין אידישקייט און ער זאל זיך גוט מיישב זיין איידער ער מאכט דעם שריט...

א שעהנע צערעמאניע איז געפראוועט געווארען אין דער קארדאווער שוהל ביים אריינברייננגען דעם גר גאיום לבריתו של אברהם אבינו. מען האט איהם א נאמען געגעבען: אברהם בן אברהם. און ער איז געווארען א נייער מיטגליעד פון דער קארדאווער אידישער קהלה.

6טער קאפיטעל

די פערשווערונג.

זינט דעם דאנערשטאג, ווען חפני אבן זמרי האט געהאט זיין ערשטע געלעגענהייט צו ריידען מיט דער שעהנער שושנה, איז ער אין גאנצען פאר־ענדערט געווארען... דער שקלאפען־האנדעל איז איהם נמאס געווארען. ער האט זיך ארומגעזעהן אז דאס איז א נידעריגע בעשעפטיגונג. ער האט באמערקט מיט וואס פאר א פעראכטונג שושנה האט אויף איהם געקוקט, ווען זי האט מיט איהם פערהאנדעלט וועגען גאיום'ן. חפני האט געפיהלט דאס אויב ער וועט פארטזעצען דעם שקלאפען־האנדעל, וועט ער קיינמאל נישט האבען די מעגליכ־קייט צוצוטרעטען צו דער נאבעלער שושנה... און טאקע דעם זעלבען דאנערשטאג האט ער פערקויפט אלע זיינע שקלאפען אהן פערדיענסטען...

— וואס ביזטו אזוי צוטראגען און פארזארגט, — האט איהם מנשה, זיין פאטער געפרעגט ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון מארק, — וואס איז מיט דיר געשעהן? ביזטו פון זינען ארונטער?!... וואס הייסט, דו נעהמסט און פערקויפסט אלע שקלאפען אהן ריוח! . . .

— פאטער, — האט חפני געשטאמעלט, — אי... אי... איך האב אנגע־וואוירען מיין גאנצען חשק צו דעם שקלאפען־האנדעל. דו זעהסט דאך אליין, ווי אלע אידען קוקען אויף שקלאפען־הענדלער ווי אויף נידעריגע בעשעפענישען. איך וואלט זיך וועלען צוריקציהען פון דיזער בעשעפטיגונג.

— זינט ווען ביזטו עם געווארען אזא צדיק? — האט איהם דער פאטער געזאגט מיט אן איראנישען שמייכעל, — אפשר וואלט געווען א פלאן פאר דיר אריינצוטרעטען אין דער קארדאווער ישיבה און נאכהער ווערען א מורה הוראה בישראל?... ניין, מיין זוהן, דו מאכסט א גרויסען טעות, ווי נידעריג די אידען בעטראכטען א שקלאפען־הענדלער, שטעהט דאך א רייכער שקלאפען־הענדלער א סך העכער פון א קבצן וועלכער האנדעלט נישט מיט שקלאפען.

— אבער פאטער, — האט חפני ווידער געזאגט, — מיר זיינען דאך גענוג רייך, און מיר קענען גאנץ גוט בעהויפטען אויפצוגעבען דעם שקלאפען־האנדעל...

— דערנקסמו, מיין זוהן, אַז דו וועסט אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל, וועט מען זיך צו דיר בעסער פאַרטראָגען? דו וועסט אַלע מאָל בלייבען דער־זעלבער שקלאַפען־הענדלער. אַבער ווען דו וועסט רייכער ווערען וועלען טאַקע אַלע האָבען מעהר דרך ארץ פאַר דיר... נאָר וואָס איז דאָ מיט דיר צו ריידען, — איז שוין מנשה אין כעס געוואָרען, — איך האָב דיר דעם געשעפט איבער־געגעבען דו זאָלסט עס גרעסער מאַכען, צום סוף ווילסטו עס אין גאַנצען רו־אינירען... אויב אַזוי מיין זוהן, וועל איך עס פון דיר צונעהמען, און דו קענסט זיך אויסקלייבען וואָס פאַר אַ בעשעפטיגונג דו ווילסט...

חפני האָט געשוויגען. זאָל ער דערצעהלען זיין פאָטער וועגען זיין ליעבע צו שושנה . . . וועט ער איהם דען פערשטעהען? . . .

ווען זיין מוטער האָט איהם גענומען פרעגען פאַרוואָס ער איז אַזוי אומע־טיג און פאַר וואָס ער עסט ווינציג, האָט חפני בעשלאָסען אויסצוגיסען זיין הארץ פאַר איהר:

— טהייערע מוטער, — האָט איהר חפני געזאָגט, — איך ליעב שושנה׳ן, ר׳ שמואל אבן ברוך׳ס טאָכטער. אָהן איהר איז מיר מיין גאַנצער לעבען נים ניחא. איך מוז איהר קריגען פאַר מיין פרוי... איך וויים אַבער, אַז כל זמן מיר וועלען זיך בעשעפטיגען מיט שקלאַפען־האַנדעל, וועל איך מיין ציעל נישט קענען עררייכען. איך האָב בעשלאָסען זיך צוריקצוציהען פון דיזער בעשעפטיגונג. יעצט ליעבע מוטער, בעט איך דיר, דו זאָלסט איבעררעדען מיט דעם פאָטער, דאָס ער זאָל צושטימען אויפצוגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל... דאַן... דאַן בין איך זיכער אַז איך וועל האָבען אַ בעסערע געלעגענהייט שושנה׳ס הארץ צו געווינען . . .

— מיין ליעבער זוהן, — האָט זיך זיין מוטער אָפּגערופען, — דו רעדסט זיך איין אַן אונמעגליכקייט!... ווי קומסטו צו ר׳ שמואל׳ס טאָכטער. יענע איז שעהן, איידעל און געבילדעט, און איז אויך פון אַ מיוחס׳דיגער משפחה. דער בעסטער יונגערמאַן פון קאָרדאָווא איז נישט גוט גענוג פאַר איהר, און דו קומסט און רעדסט זיך איין אַזא נאַרישקייט. שלאָג זיך דאָס ארויס פון דיין קאָפּ, מיין זוהן, ווייל דאָס וועט דיר שטאַרק שאַדען צו דיין געזונד און וועט דיר צו קיין ציעל נישט ברייננען...

— שושנה מוז מיינע ווערען, — האָט חפני געשטורעמט, — קיין זאַך קען מיר אין וועג נישט שטעהן צו קריגען שושנה׳ן פאַר מיין פרוי... איך פערלאַנג דאָס מיין פאָטער זאָל אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל!...

— געדענק מיין זוהן וואָס איך זאָג דיר, דו וועסט בלייבען צום נאַרען אַם ענדע, — האָט איהם די מוטער געזאָגט ווען חפני האָט געסטראַשעט צו פאַרלאָזען דאָס הויז.

חפני האָט גענומען נאָכשפּירען שושנה'ן. ער האָט געוואוסט וועלכע צייט זי געהט ארויס פאר א שפּאציער. יעדעס מאָל איז ער אויסגעוואקסען נעבען איהר... ער האָט זיך פערנייגט און געוואָלט אריין מיט איהר אין א געשפּרעך. שושנה האָט איהם אָבער אויסגעמידען. ווי זי פלעגט איהם דערזעהן, אזוי איז זי צוריק געגאַנגען אהיים.

— דו איידעלע פרוי, — האָט חפני איינמאָל אָנגעפאנגען צו רעדען צו שושנה'ן, — איך פיהל זיך זעהר נידערגעשלאָגען וואָס איך האָב ביי דיין פאָטער גענומען די דרייסיג שקלים פאר דעם פרעמדען מענשען, וועגען וועמען איך האָב געהערט דאָס ער איז געוואָרען א איד. און אלס איד בין איך דאָך מחויב איהם אויסצולייזען... זיי דאָך אזוי גוט און נעהם פון מיר די דרייסיג שקלים און גיב זיי צום מאַן, וועלבער איז גליקליך גענוג צו געפינען זיך אין איין הויז מיט דיר... און זאָג דאָך איהם אין מיין נאָמען דאָס איך בין איהם אימער גרייט צו העלפען. איך וועל איהם בעזאָרגען מיט אלע הוצאות פאר זיין רייזע אהיים.

— עס איז זעהר שעהן און פריינדליך פון דיר דאָס צו טהאָן, אָבער מיין פאָטער האָט איהם מיט אלעם בעזאָרגט און איך גלויב נישט צו ער וועט זיך אין עפּעס נויטיגען, — האָט איהם שושנה געזאָגט און גלייך אהיים געגאַנגען.

חפני'ן האָט זעהר געקרענקט וואָס שושנה מיידט איהם אויס... און וואָס מעהר זי האָט איהם אויסגעמידען, אלץ מעהר איז ער איהר נאָכגעגאַנגען... ער האָט זיך אימער געפונען ארום איהר הויז. ער האָט אָפּגעהיט די צייט ווען שושנה געהט פון הויז ארויס, און געזוכט א געלעגענהייט מיט איהר א געשפּרעך צו פאַרפיהרען...

איינמאָל ביי אזא געלעגענהייט האָט חפני פרובירט צוצוגעהן צו שושנה'ן מיט א ליעבעס־ערקלעהרונג:

— שעהנסטע בלום פון קאָרדאָווא, — האָט ער איהר געזאָגט, — זיי וויסען, אז איך בין א גאַנץ אַנדער מענש געוואָרען. זינט דאָן, ווען דיין פאָטער האָט פון מיר דעם שקלאַף אויסגעלייזט, האָב איך אָנגעוואוירען דעם חשק צום שקלאַפען־האַנדעל. איך האָב זיך איבערציינט אז אויך צווישען די שקלאַבען זיינען פאַראַן איידעלע מענשען. אינגיכען וועל איך אין גאַנצען אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל. איך בין גענוג רייך און איך קען זיך אָהן דעם באַגעהן... טהייערע שושנה, איך וועל זיך שעצען זעהר גליקליך ווען דו וועסט האָבען ווע־גען מיר א בעסערע מיינונג... דעם שקלאַפען־האַנדעל גיב איך אויף, טאָקע צוליעב דיר, טהייערע שושנה, ווייל דיין גוטעס, איידעלעס הארץ קען נישט פאַרטראָגען מענשליכע ליידען און אנגסטען...

שושנה האָט איהם גאַרנישט געענטפערט. זי האָט אויף איהם א קוק גע־טהאָן מיט האס און פעראַכטונג און איז גלייך פון איהם אוועקגעגאַנגען...

פון דאַן אָן האָט זיך שושנה זעלטען בעוויזען אין גאַס אַליין; זי איז געגאַנגען אין בעגלייטונג פון איהר מוטער אָדער איהר ערציהערין, דבורה.

חפני איז געווען גוט בעפריינדעט מיט אבו נאסיף, דער פיהרער פון אַ באַנדע שקלאַפען־פאַנגער. פון איהם האָט ער אָפּגעקויפט אַלע שקלאַפען פאַר'ן מאַרק.

אבו נאסיף איז אויך געווען דער קאַפּיטאַן פון אַ פּיראַטען שיף; פיער מאָנאַטען אין יאָהר פלעגט ער אַרומפאָהרען אין מיטעללענדישען ים, וואו ער פלעגט בעפאַלען פריעדליכע שיפען, זיי בערויבען און די מענשען נעהמען געפאַנגען פאַר שקלאַפען. אַלס פּיראַט איז ער בעוואוסט געווען אונטער'ן נאָמען אבן רומחים. אַך און וועה איז געווען צו די מענשען פון דער שיף וועלכע זיינען אַריינגעפאַלען אין זיינע אַכזריות'דיגע הענד. אַלטע, שוואַכע מענשען און קליינע קינדער, פון וועמען ער האָט געזעהען דאָס ער וועט קיין נוצען נישט האָבען, האָט ער אָהן רחמנות אַריינגעוואָרפען אין ים. די געזונדע מענשען האָט ער צוגענומען צו זיך אויפ'ן שיף וואו זיי האָבען געמוזט אַרבייטען שווער און ביטער ביז וואַנען ער האָט זיי פערקויפט אַלס שקלאַפען.

דער נאָמען אבן רומחים האָט געוואָרפען אַ שרעק אויף אַלע ים־פאָהרענדע מענשען...

די איבריגע צייט פון יאָהר האָט אבן רומחים פאַרבראַכט אויף דער יבשה אונטער'ן נאָמען אבו נאסיף. זיין הויפּט־קוואַטיר איז געווען הינטער'ן וואַלד, נישט ווייט פון קאָרדאָוואַ. דאָרטען אין אַ פאַרבאָרגענעם פּלאַץ איז געווען אַ גרויסער היכל, וואו אַלע געפאַנגענע זיינען געהאַלטען געוואָרען ביז וואַנען די שקלאַפען־הענדלער פלעגען זיי אָפּקויפען פון אבו נאסיף. אַהין פלעגען אבו נאסיף'ס שלוחים ברייגנען אַלע קרבנות...

געפאַנגענע שעהנע פרויען האָט אבו נאסיף אָפּגעשטעלט פאַר זיך און פאַר זיין באַנדע שקלאַפען־הענדלער, וועלכע פלעגען צוזאַמענקומען אַ פּאָר מאָל אַ וואָך פאַרברייינגען ביי אַ גלעזעל וויין. זיי פלעגען דאָרט זויפען און הוליען גאַנצע נעכט... און נישט זעלטען איז דאָרטען פאַרגאָסען געוואָרען בלוט ווען די באַנדע האָט זיך גוט צעשכור'ט און צעיושעט...

חפני פלעגט גאַנץ אָפט בעזוכען דעם געהיימניספאָלען פּלאַץ וואו ער פלעגט אַ הוליע טהאָן מיט אבו נאסיף'ן און זיין באַנדע.

חפני האָט ביי אבו נאסיף'ן אָפּגעקויפט מעהר שקלאַפען ווי די איבריגע הענדלער. דאַריבער איז ער מיט אבו נאסיף געווען זעהר בעפריינדעט. חפני האָט איהם אַלע זיינע סודות פאַרטרויט און אבו נאסיף האָט איהם געגעבען זיינע עצות...

— דו ווייסט, גוטער ברודער, — האט זיך חפני איינמאל צו איהם אפגע־רופען, — איך געה אויפגעבען דעם שקלאפען־האנדעל!

— וואס?! — האט איהם אבו נאסיף אנגעקוקט, — מאכסטו דען נישט גענוג געלד?

— איך וועל דיר זאגען דעם ריינעם אמת, — ענטפערט איהם חפני, — דער האנדעל איז מיר זעהר גוט געפעלען, און איך האב זיך ניט פארוואס צו באקלאגען. איך מאך גענוג געלד פון דעם... אבער, איך וועל דיר פארטרויען א סוד... איך בין פערליעבט אין איינע פון די שעהנסטע מיידלעך פון קארדאווא, אין שושנה אבן ברוך. און איך בין זיכער, דאס זי מיידט מיך אוים צוליעב דעם וואס איך בעשעפטיג זיך מיט דעם שקלאפען־האנדעל. דאריבער וויל איך דעם שקלאפען־האנדעל אויפגעבען, און דאן בין איך זיכער וועל איך איהר קריגען פאר מיין פרוי.

— הער זיך איין חפני, — האט איהם אבו נאסיף געזאגט, — קיין פרוי אין דער וועלט איז נישט ווערטה אז מען זאל צוליעב איהר אויפגעבען א גוטען געשעפט... נאר אויב דיר ווילט זיך איהר פארט קריגען פאר דיין פרוי, האב איך א בעסערע עצה...

— וואס? — האט חפני א צוהיצטער געזאגט, — דו האסט אן עצה ווי אזוי איך קען קריגען די שעהנע שושנה׳ן פאר מיין פרוי? — זאג דאך מיר, אבו נאסיף, איך בעט דיר, זאג מיר שנעל דיין עצה!

— אויב דו וועסט זיך לאזען קאסטען עטליכע שקלים, דאן פארזיכער איך דיר, אז דו וועסט איהר קריגען פאר דיין פרוי....

— עטליכע שקלים!?... — מיין גאנצען פארמעגען וואלט איך אפגע־געבען נאר איהר צו קריגען פאר מיין פרוי.

— יעדע פרוי, — האט זיך אבו נאסיף אפגערופען געלאסען, — האט זעהר ליעב א העלר, מעג דער מאן זיין וואס ער איז, צייגט ער דער פרוי עפעס א העלדישקייט, אזוי פארגעטערט זי איהם און פארליעבט זיך אין איהם. א העלדענ־טהאט פון איהר געליעבטען! — דאס איז דער טרוים פון יעדעס מיידעל. ווי נאר דו וועסט איהר קענען צייגען א העלדישקייט וועט זיך דיין שושנה אין דיר פערליעבען ביז איבער די אויערען...

— וואס פאר א העלדישקייט קען איך איהר צייגען, — האט חפני אומגעדולדיג געפרעגט.

— ווייסטו די צייט ווען שושנה געפינט זיך אליין אין דרויסען?

— יא, — האט חפני געענטפערט, — יעדען פארנאכט געהט שושנה אין איהר גארטען באגיסען די בלומען.

— הער זיך גוט איין צו מיין עצה, — האט אבו נאסיף געזאגט, — איך

וועל אָנזאָגען מיינע צוויי קנעכט, אבדו מאלעך און מוק טאראב, זיי זאָלען אָפּהיטען שושנה'ן אין איהר גאָרטען, נעהמען איהר געפאַנגען און פיהרען איהר צו די טויערען פון שטאָדט... דו, חפני, זאָלסט זיך ארומפאָהרען אויף דיין פערד הין און צוריק. ווי דו זעהסט מיינע קנעכט, די צוויי אראבער, מאַכסטו זיך כלומרשט אז דו פארדעכטיגסט אבו מאלעך'ן ווען עלבער ווען האלטען שושנה'ן אונטער זיין ברייטען מאַנטעל... דו פרעגסט איהם וואָס ער האלט דאָרטען פאַרבאָרגען, און ער, אבדו מאלעך, וועט דיר נישט וועלען ענטפערען. מוק טאראב וועט דערוויל ארונטער פון זיין אייזעל און זיך נעהמען שלאָגען מיט דיר. דו וועסט איהם צובלוטיגען ווי א חזיר און לאָזען איהם א צומית'טען ליגען אויף דער ערד... נאכהער וועסטו זיך נעהמען צו אבדו מאלעך. דו וועסט איהם אנברעכען די ביינער און "ראטעווען" שושנה'ן, דו וועסט איהר אוועקזעצען אויף דיין פערד און איהר אהיימברייגען. אויב דו וועסט אלעס ריכטיג טהאָן, דאן איז שושנה דיינע, אפילו ווען דו בלייבסט דער זעלבער שקלאַפען-הענדלער.

— וואָס וועט זיין אז זי וועט פארשטעהען אז דאָס איז אן אָפּגעמאכטע זאך? — האָט חפני א דערשראָקענער געפרעגט.

— אז דו וועסט האנדלען ריכטיג ווי איך זאָג דיר, וועט זי זיך קיינמאָל נישט כאַפּען. דו גיב מאלעך'ן און מוק טאראב'ן פינף הונדערט שקלים יעדען, און זיי וועלען זיך לאָזען פון דיר צומית'ן, אז זיי זאָלען קוים די נשמה ערהאַלטען... און אז זי וועט דיר דערזעהן ווי "העלדיש" דו פערטיידיגסט איהר, וועט זי קיין פארדאכט נישט האָבען און וועט דיר אלס איהר רעטער און העלד קרוינען... ווילסטו זיך לאָזען קאָסטען א טויזענד שקלים, טו ברייננג מאָרגען דאָס געלד.

— גוט, איך וועל ברייננגען, — האָט חפני אויסגערופען מיט פרייד.

אויף מאָרגען האָט חפני געבראכט דאָס געלד.

ווען אבדו מאלעך און מוק טאראב האָבען דערזעהען דאָס גלאנצען פון די גאָלדענע מטבעות האָבען זיי אויסגעגלאָצט זייערע אויגען... זיי זיינען געווען גרייט צו טהאָן אלעס וואָס מען וועט זיי הייסען...

— איהר זאָלט זיך אזוי שנעל נישט אונטערגעבען, — האָט זיי אבו נאסיף באַפוילען, — מאכט זיך ווי איהר שלאָגט צוריק, איהר ראנגעלט זיך מיט איהם זעהר שטארק, אבער היט זיך נישט צו בעשעדיגען חפני'ן...

7טער קאַפּיטעל

שושנה ווערט "געפאַנגען"

עס איז געווען א פריהלינג בין השמשות. דער בלויער קריסטאַל-קלאָהרער הימעל האָט גענומען רויט ווערען פון דעם באַלדיגען זונען-אונטערגאַנג. די זון,

וואָס איז געוואָרען א רויט פייערדיגער קוגעל און האָט אויסגעזעהען ווי זי אליין איז די איינציגע הערשערין איבער'ן לויטערען הימעל, האָט געשיקט איהרע לעצטע ליעבליכע ווארימע שטראַהלען. באַלד, באַלד זאָגט זי א גוטע נאַכט צו אלע ערדישע באַשעפעניסען, צו אלע פרוכטען און בלומען.

— ווי פּרעכטיג און שעהן איז די נאַטור, ווי אַנגענעהם און זיס איז גאָטעס וועלט!... אַט די געדאַנקען און געפיהלען האָבען בענומען שושנה'ן ווען זי איז געשטאַנען אין איהר גאָרטען מיט א קרוג וואַסער און בעטראַכט די הערליכע זונען־אונטערגאַנג...

דער רייץ פון דער נאַטור האָט איהר ווי פערשכור'ט... איהרע געדאַנקען וואַנדערען אריבער צו חסדאי'ן... זי זעהט דעם העלדישען געלערנטען יונגען חסדאי. זי הערט זיינע קלוגע ווערטער... איהר האַרץ געהט אויס נאָך איהם... א געפיהל פון צערטליכקייט און ליעבע נעהמט איהר דורך... און אונבעוואוסט־זיניג רעדען איהרע ליפען אַרויס שטילערהייד: חסדאי... חסדאי!...

איהרע געדאַנקען זיינען איבערגעריסען געוואָרען ווען זי האָט פּלוצלינג דער־הערט ווי אימיצער גריסט איהר לעבען טויער פון גאָרטען...

דער טויער האָט זיך לאַנגזאַם געעפענט און אַן אַראַביש געקליידעטער מאַן איז אריין אין גאָרטען און איז געגאַנגען אין די ריכטונג וואו שושנה איז גע־שטאַנען. זי האָט אין דער טונקעלהייט נישט געקענט ריכטיג באַמערקען זיין אויסזעהן, אָבער זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און אָפּגעטראָטען אויף צוריק. דער פרעמדער האָט זיך העפליך פערנויגט און געזאָגט:

— ענטשולדיג, געטליכע בלום, פאַר מיין שטערען דיר. איך בין א פרעמדער, און איך בלאָנדזשע דאָ אַרום א לענגערע צייט און איך ווייס נישט דעם וועג צו די טויערען פון שטאָדט. אויב איך האָב געפונען גנאָדע אין דיינע אויגען, און אויב עס איז דיר ניט שווער, זיי אזוי גוט און צייג דיין קנעכט דעם ריכטיגען וועג. און זאָל דיר דער האַר וואָס רוהט אין די הימלען בעצאָהלען פאַר דיין גוט האַרץ.

שושנה'ס שרעק איז פאַראיבער און זי האָט זיך א בערוהיגטע אָפּגערופען:

— געוויס, מיין האַר, וועל איך דיר צייגען דעם וועג, עס איז נישט גאַנץ ווייט.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון גאָרטען. שושנה האָט גענומען צייגען דעם אַראַבער דעם וועג. ווען זי האָט אומגעדרעהט איהר קאָפּ, האָט זי דערזעהען ביים זייט פון טויער שטעהט א צווייטער מאַן, אויך אַן אַראַבער, און קוקט אויף איהר מיט זיינע ביסטרע שרעקליכע אויגען...

שושנה האָט א געשריי געטהאַן און געוואָלט אַנטלויפען. אָבער דער ערשטער

אראבער, וועמען זי האָט דעם וועג געצייגט, האָט איהר געוויזען א גלאַנצענדען שאַרפען מעסער און געזאָגט:

— אויב דו וואַנסט צו אַנטלויפען אָדער שרייען, שטאַרבסטו דאָ אויפ'ן אָרט!

שושנה האָט זיך גענומען בעטען ביי זיי:

— האָט רחמנות, לאָזט מיר אָפּ, כ'האָב קיינעם קיין שלעכטס נישט געטהאָן, — האָט זי ביטער געוויינט, — אך! לאָזט מיר גיהן אהיים...

די צוויי אראַבער האָבען איהר א נעהם געטהאָן, איהר פאַרשטאָפּט דאָס מויל און ארויפגעזעצט אויף איינעם פון די צוויי אייזלען וועלכע זיינען געשטאַנען דערביי. שושנה האָט זיך געראַנגעלט און געוואָרפען. איינער פון די אראַבער איז ארויפגעשפרונגען אויפ'ן אייזעל, האָט איהר פעסט צוגעהאַלטען און האָט איהר בעדעקט מיט זיין ברייטען מאַנטעל. דער צווייטער אראבער איז ארויף אויף דעם צווייטען אייזעל און צוזאַמען זיינען זיי פערשוואונדען געוואָרען פון דער גאַס...

די אראבער האָבען זיך געלאָזט געהן ווייטער ביז זיי זיינען געקומען הינטער'ן שטאָדט. עס איז געוואָרען גאַנץ טונקעל. די לבנה האָט געשיקט איהרע בלאַסע שטראַהלען און עטוואָס בעלויכטען די טונקעלהייט...

חפני, רייטענדיג אויף זיין פערד איז אַנגעקומען אַנטקעגען די אראבער.

— דו קוקסט מיר אויס פאַרדעכטיג, — האָט חפני אָפּגעשטעלט אבדו מאַלעך'ן, — זאָג מיר וואָס פאַרבאַרגסטו אונטער דיין מאַנטעל?...

שושנה האָט זיך שטאַרקער גענומען ראַנגלען. זי האָט געוואָלט שרייען, אָבער דעם אראבער'ס האַנד איז געווען איבער איהר מויל...

— געה זיך דיר דיין וועג, דו פּוסטער מענש, דו מוזט זיין גוט בערוישט פון שטאַרקען וויין, — האָט מוק טאַראַב געענטפערט חפני'ן און געוואָלט געהן ווייטער.

— ניין, איהר קענט ווייטער נישט רייטען... איך וועל אייך נישט לאָזען ריהרען פון פּלאַץ ביז וואַנען איך וועל אויסגעפינען וואָס פאַר א געהיימניס איז פאַרהילט אונטער דיין מאַנטעל, — האָט חפני דראָהענדיג געזאָגט צו מאַלעך'ן, פאַרשטעלענדיג איהם דעם וועג.

מוק טאַראַב איז אַרונטערגעשפּרונגען פון זיין אייזעל, איז צוגעגאַנגען צו חפני'ס פערד, איהם אָנגענומען פאַר'ן צוים און געוואָלט אוועקפיהרען אָן א זייט.

ווי א ווילדע חיה האָט זיך חפני א וואָרף געטהאָן אויף מוק טאַראַב'ן. ער האָט איהם מיט א שטאַרקען זעץ אין פּנים אַנידערגעשליידערט אויף דער ערד.

און איהם צוקיילט און צובייזט... דאס האט שוין אבו מאלעך נישט געקענט צוזעהן. ער איז ארונטער מיט שושנה'ן פון אייזעל.

— שטעה דא, — האט ער באפוילען שושנה'ן — ריהרסטו זיך פון פלאץ, דאן ווערסטו געשטאכען.

— אוי... אוי... אוי !... — האט שטילערהייד געקרעכצט מוק טאראב, — נישט אזוי שטארק, ברודער, אוי... אוי... דו וועסט דאך מיר צום טויט שלאגען ! פאר דיינע פינף הונדערט שקלים וועסטו מיר פאר א קאליקע מאכען ! אוי וועה....

חפני האט זיך געמאכט נישט הערענדיג און געשניטען אויף רעכטס און אויף לינקס.

— אבדו מאלעך האט ארויסגעצויגען זיין שארפען מעסער און איז צוגעגאנגען "העלפען" זיין פריינד.

חפני האט איבערגעלאזען מוק טאראב'ן א צובלוטיגטען אויף דער ערד און איז ארויפגעפאלען אויף אבדו מאלעך'ן... ער האט פון איהם ארויסגעריסען זיין מעסער און עס א שלײדער געטהאן צווישען די בוימער. דאס ראנגלען זיך האט אנגענומען אן ערנסטען כאראקטער; א ווײלע איז אבדו מאלעך געלעגען אויף חפני'ן און האט איהם "געשלאגען". חפני האט זיך אבער שנעל א הויב געטהאן און אנידערגעווארפען אבדו מאלעך'ן און מיט זיינע פויסטען האט ער איהם גענומען קלאפען איבער זיין געזיכט ביז בלוט... מוק טאראב איז קוים צוגעקראכען צו "העלפען" זיין חבר, אבער חפני האט איהם א בריק געטהאן מיט זיין פוס אין בויך, אז ער האט זיך דריי מאל איבערגעקעהרט און איז געבליבען ליגען אויף דער ערד ווי א שטיק האלץ...

שושנה איז געשטאנען א צוטומעלטע און זיך געטרייסעלט פון שרעק... אט זעהט זי חפני'ן, דעם מאן וועמען זי האסט אזוי, חפני דער אומוויסענדער פארגרעבטער שקלאפען־הענדלער, שטעלט אזוי העלדיש איין זיין לעבען פאר איהר... ווי גאלאנט און בראוו ער פערטיידיגט זי ! אט זעהט זי וויביידע אראבער ליגען צובלוטיגטע און קענען זיך נישט ריהרען פון ארט... איהרע אויגען שווינדלען, דער קאפ דרעהט זיך איהר... חפני איז צו איהר צוגעגאנגען און מיט גרויס צערטליכקייט צו איהר געזאגט :

— קום דאך, געבענשטע פון גאט, — איך וועל דיר אהיים פיהרען. דער ליעבער גאט האט מיר אין דער ריכטיגער צייט געשיקט אום דיר צו ראטעווען פון דיזע אומווירדיגע מענשען, — האט ער געזאגט אנצייגענדיג אויף די צוויי צובלוטיגטע אראבער, וועלכע זיינען געלעגען אויף דער ערד און פון גרויסען וועהטאג זיך פון ארט נישט געקענט ריהרען.

חפני האט שושנה'ן אויף זיין פערד ארויפגעזעצט און מיט איהר רייטענדיג געפאהרען צו איהר הויז...

ביי ר' שמואל'ן איז הויז איז דער טיש געווען געגרייט פאר אווענט־ברויט.

— וואו איז שושנה? — האט געפרעגט ר' שמואל זיין פרוי מרים.

— שושנה האט גענומען א קרוג וואסער און איז ארויסגעגאנגען באגיסען די בלומען אין גארטען, — האט מרים געזאגט, — נאר זי זאמט זיך עפעס צו לאנג. איך וועל שיקען דבורה'ן איהר רופען און מיר וועלען גיין עסען.

דבורה איז געווען שושנה'ס ערציהעריןֿ, ווען שושנה איז א קליין קינד געווען. זי האט איהר ליעב געהאט ווי אן אייגען קינד. ווען דבורה איז אריין אין גארטען און געפונען דעם קרוג וואסער נישט געריהרט, האט איהר א ציטער געטהאן דאס הארץ... זי האט גענומען רופען: שושנה, שושנה! אבער קיינער האט נישט געענטפערט.

א דערשראקענע איז זי ארויס פון גארטען און איהר גענומען זוכען אין גאס, זי האט איהר גערופען ביים נאמען, אבער אומזיסט.

א צושראקענע און א בלאסע האט זיך דבורה צוריקגעקעהרט אין הויז.

— וואו איז שושנה? — האבען ביידע, פאטער און מוטער מיט אמאל א פרעג געטהאן.

— ש־ש־שושנה איז ניטא אין גארטען, — האט דבורה אויסגעשריען מיט שרעק, — דער קרוג וואסער איז נישט געריהרט... איך האב איהר גערופען, אין גאס געזוכט, און ניטא...

— וואס?!! — האט ר' שמואל א זאג געטהאן מיט שרעק, — שושנה איז ניטא...

— אוי, מיין גאט! עפעס שרעקליכעס האט דא פאסירט, — האט מרים אויסגעשריען.

פאטער און מוטער זיינען שנעל ארויס פון הויז און געלאפען זוכען זייער טאכטער...

ר' שמואל און זיין פרוי האבען געזוכט שושנה'ן אין גארטען און אין גאס. זיי האבען איהר גערופען ביים נאמען, זיך נאכגעפרעגט ביי דורכגעהער, אבער אומזיסט, שושנה איז ניטא...

— אפשר חפני?... — האט מרים געזאגט א צושראקענע.

— חפני?!... — האט ר' שמואל ערשטוינט געפרעגט, — לאמיר גלייך אריבערגעהן צו זיי.

מרים מיט איהר מאן זיינען געלאפען צו מנשה אבן זמרי'ס הויז.

— איז חפני דא? — האט ר' שמואל געפרעגט.

— חפני?! — האט מנשה זיי איבערגעפרעגט, — הם... עה... צו וואס דארפט איהר חפני'ן?

חפני׳ס מוטער איז גאַר צוטומעלט געוואָרען פון איבערראַשונג. ר׳ שמואל און מרים אין איהר הויז...

— ווער ווייס, — האָט זי געטראַכט, — אפשר זיי זיינען טאַקע געקומען וועגען דעם וואָס איהר זוהן חפני האָט מיט איהר נישט לאַנג צוריק גערעדט... זי איז צו זיי צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— איהר זייט טהייערע געסט, זיצט! חפני וועט מסתמא באַלד אריינקומען.

— אַה, ניין! — האָט מרים אויסגעשריען, — עפּעס שרעקליכעס האָט דאָ יעצט פּאַסירט. מיין טאָכטער שושנה איז ארויס אין איהר גאַרטען באַגיסען די בלומען און זי איז פּלוצלינג פאַרשוואונדען געוואָרען... מיר זיינען געקומען פרעגען אפשר ווייס אייער חפני עטוואָס פון דעם...

— מיין חפני, ווי קומט ער צו אייער טאָכטער? — האָט מנשה אויסגעגלאָצט זיינע מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגען, — אָבער אויב איהר זייט צופריעדען מיט מיין יחוס, וועל איך געוויס זיין צופריעדען. איך וועל עס האַלטען פאַר׳ן גרעסטען כבוד מיט אייך מחותנים צו ווערען... — האָט מנשה געזאָגט מיט א שמייכעלע.

— דו טרייבסט לצנות און שיטסט זאַלץ אויף אונזערע וואונדען. ווי וואַגסטו צו שפּאַסען אין דער צייט וואָס אונז האָט אזא אומגליק פּאַסירט! — האָט זיך ר׳ שמואל אָפּגערופען מיט גרויס כעס.

מרים האָט זיך אויך עטוואָס דערשראָקען פון זיין כעס. זי האָט איהם נאָך קיינמאָל נישט געזעהען אין אזא צאָרן ווי איצט.

— ענטשולדיגט, — האָט מנשה געענטפערט, — איך האָב דאָ גאַר נישט געמיינט; איהר זייט געקומען מיך פרעגען וועגען מיין חפני׳ן אין צוזאַמענהאַנג מיט אייער שושנה׳ן, האָב איך געדענקט פיעלייכט קומט עפּעס פאַר צווישען זיי... אָבער איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איהר נעהמט די זאַך אזוי ערנסט.

— שאַ... זאָרגט נישט, — האָט שוין מנשה׳ס פרוי זיך אריינגעמישט, — עס קען מעגליך זיין, אַז זיי שפּאַצירען ערגעץ־וואו, און וועלען באַלד צוריקקומען... איך מוז אייך זאָגען דעם אמת: מיין זוהן האָט מיר געזאָגט אַז ער ליעבט אייער שעהנע טאָכטער מעהר ווי זיין לעבען; עס איז דאָך מעגליך, אַז זי ליעבט איהם אויך, האָבען זיי ביידע מסתמא גענומען א שפּאַציער און זיך נישט ארומגעזעהען ווי שפּעט עס איז געוואָרען.

— וואָס? — האָט זיך מרים אָפּגערופען, — מיין טאָכטער שפּאַצירט מיט חפני׳ן?... אַה, ניין! מיין שושנה ליעבט נישט חפני׳ן און זי האָט זאָגאַר מורא געהאַט ארויסצוגעהן אליין פון הויז, טאָמער וועט איהר חפני באַלעסטיגען... טו ווי קומט זי מיט איהם שפּאַצירען געהן?!...

— עס קען אַלץ מעגליך זיין, — האָט חפני׳ס מוטער געזאָגט א צופריעדענע,

— זיי זיינען דאך ביידע יונגע קינדער מיט פיהלענדע הערצער... איך בין כמעט זיכער, אז אויב זיין פערד איז דא אין שטאהל, שפאצירט ער מיט אייער שושנה׳ן. אנו מנשה, — האט זי זיך אפגערופען צו איהר מאן, — געה ארויס און גיב א קוק צי חפני׳ס פערד איז דא אין שטאהל...

מנשה איז ארויסגעגאנגען פון הויז און איז אריין אין שטאהל. דער פערד איז דארטען נישט געווען...

— חפני׳ס פערד איז ניטא אין שטאהל, — האט געזאגט מנשה צוריק־קעהרענדיג זיך אין הויז.

— אויב אזוי, — האט מנשה׳ס פרוי געקוועטשט מיט די פלייצעס, — אויב אזוי ווייס איך שוין נישט... איהר זעהט דאך אז מיין חפני איז ארויס־געפאהרען רייטענדיג אויף זיין פערד...

ר׳ שמואל און זיין פרוי האבען פארלאזען מנשה׳ס הויז. מרים האט גע־יאמערט און געוויינט:

"— מיין טהייערע, ליעבע שושנה, וואו ביזטו, מיין זיסע קינד ?!"

— בארוהיג זיך, מיין געטרייע מרים, — האט ר׳ שמואל זיך באמיהט צו טרייסטען זיין פרוי, — לאמיר האפען צו גאט, אז ער וועט אונז פיהרען אין דעם ריכטיגען וועג און דאס עם וועט בעשיצען אונזער ליעבע טאכטער אז קיין בייז זאל איהר נישט געשעהן. געה, מרים, אריין אין הויז. איך וועל דערווייל אריבער־לויפען צו אונזער רב ר׳ נתן און מיט איהם זיך בעראטהען וואס צו טהאן. פיעלייכט וועלען מיר שיקען דעם שמש צונויפרופען אלע אידען צו קומען העלפען זוכען אונזער טאכטער.

מרים איז א פארוויינטע און פול מיט צער אריין אין הויז.

דבורה און עמנואל זיינען צו איהר צוגעלאפען.

— מוטער, וואו איז מיין שוועסטער, — האט עמנואל געוויינט.

— גארנישט געהערט פון שושנה׳ן ? — האט דבורה טרויעריג געפרעגט.

— מיין טהייערע טאכטער, מיין ליעבע שושנה, וואו ביזטו ?!... — האט מרים אויסגעשריען היסטעריש און איז געפאלען אין חלשות...

דבורה האט איהר קוים דערמינטערט און האט איהר גענומען בארוהיגען.

ר׳ שמואל איז אריינגעקומען אין ר׳ נתן׳ס הויז און האט איהם דארטען געטראפען לערנענדיג תורה מיט דעם גר אברהם בן אברהם (גאיום).

— וואס איז געשעהן ? — האט ר׳ נתן א פרעג געטהאן ר׳ שמואל׳ן, ווען ער האט איהם געזעהען אריינקומענדיג מיט האסט, א צוטראגענער און בע־זארגטער...

— מיין טאכטער שושנה איז פלוצלינג פערשוואונדען געווארען, — האט ר׳ שמואל א טויט־בלאסער קוים ארויסגערעדט. זי איז ארויס אויף א ווילע צו

באַגיסען די בלומען פון גאָרטען, און עס איז שוין באַלד צוויי שטונדען ווי זי איז פאַרשוואונדען געוואָרען . . .

— וואָס ?! שושנה פאַרשוואונדען !... — איז גאַיום אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ אַ דערשראָקענער, — אַה, מיין גאָט, בעשיץ דאָך איהר פון אומגליק...

ר׳ נתן האָט געשיקט רופען דעם שמש און איהם געהייסען צוזאַמענרופען אַלע אידען אין שוהל כדי זיי צו מודיע זיין וועגען גרויסען אומגליק וואָס איז באַפאַלען זייער פרנס, ר׳ שמואל אבן ברוך, און דאָס יעדער איינער זאָל, ווי ווייט מעגליך, העלפען ר׳ שמואל׳ן זוכען זיין טאָכטער.

דער רב און ר׳ שמואל זיינען אַוועק גלייך מעלדען די פּאָליציי פון שטאָדט.

* * *

חפני האָט געהאַלטען די צושראָקענע און צומומעלטע שושנה שטאַרק צו־געדריקט צו זיך... זיינע באַקען האָבען אָנגעריהרט איהרע האָר... ער האָט איינ־געהאַלטען דאָס פערד אַז עס זאָל געהן לאַנגזאַם... חפני האָט זיך געפיהלט אַזוי גליקליך... ער וואָלט וועלען דאָס די מינוטען זאָלען זיך אַזוי ציהען און ציהען... ער זעהט דאָס זיין אַרבייט איז איהם געלונגען... ער איז זיכער דאָס שושנה איז זיינע... זי וועט איהם קיינמאָל נישט חושד זיין.

אַ שמייכעל באַוויזט זיך אויף זיינע ליפּען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט אָנגעבראָכען די ביינער פון די אַראַבער.. אי האָבען זיי געקרעכצט... ער דריקט איהר נאָך שטאַרקער צו זיך. שושנה טהוט אַ ציטער... זי איז ווי צו־טומעלט און בעגרייפט נישט וואָס מיט איהר טהוט זיך.

— יעצט דאַרפסטו זיך שוין מעהר ניט שרעקען, — האָט איהר חפני געזאָגט, — יענע רשעים האָבען שוין בעקומען זייער פּסק. זיי וועלען שוין מעהר קיינמאָל נישט וואַגען דיר פּלאָגען...

עמנואל, וועלכער איז יעדע רגע אַרויס פון הויז צו זוכען זיין שוועסטער, האָט פּלוצים באַמערקט ביי דער שיין פון דער לבנה ווי שושנה קומט אָן ריי־טענדיג מיט חפני׳ן אויפ׳ן פערד... ער איז שנעל אין הויז אַריינגעלאָפען און מיט פרייד אויסגעשריען :

— שושנה קומט !...

— שושנה ! — האָט מרים אויסגעשריען, — און זיך גלייך געלאָזען צום טהיר.

חפני האָט געהאָלפען שושנה׳ן אַרונטערשטייגען פון פערד...

— מיין ליעבע טייערע טאָכטער, — איז מרים אַרויפגעפאַלען אויף שושנה׳ן און איהר גענומען האַלזען און קושען, — זאָג מיר וואָס איז מיט דיר געשעהן ?... וואו ביזטו עס געווען די גאַנצע צייט ?...

— וואָס ווילסטו פון מיין טאָכטער ? — האָט זי זיך אָפּגערופען צו חפני׳ן,

וועלכער איז געשטאַנען נעבען זיין פערד און נישט אַרונטערגענומען די אויגען פון שושנה'ן, — דו זאָלסט מעהר נישט וואַגען צוצוקומען נעבען מיין טאָכטער, דו הערסט !...

— ליעבע מוטער, — איז שושנה צו זיך געקומען, — בעדאַנק דאָך חפני'ן. ער האָט מיין לעבען געראַטעוועט, ער האָט העלדיש געקעמפט געגען מיינע פאַנגער...

— אָה, ענטשולדיג, — האָט זיך מרים אָפּגערופען אַ צוטומעלטע, — איך בין צו האַסטיג געווען... איך בין אַזוי ערשיטערט אַז איך וויים נישט וואָס איך רייד... קום דאָך אַריין אין הויז, חפני, און דערציהל מיר וואָס ס'איז געשעהן.

זיי זיינען אַלע אַריין אין הויז.

— געה, עמנואל, שנעל אַריבער צום רב. דאָרטען וועסטו טרעפען דעם פאָטער, זאָג איהם דאָס שושנה איז דאָ.

עמנואל איז באַלד אַריבער צום רב. דאָרטען האָט מען איהם געזאָגט, אַז זיין פאָטער איז געגאַנגען מעלדען דער פּאָליציי. עמנואל איז אַהין געלאָפען. אויפ'ן וועג האָט איהם געטראָפען גאַיוס, וועלכער איז אויך געגאַנגען זוכען שושנה'ן, ער האָט אויסגעזעהען זעהר צובראָכען פון דעם אומגליק. ווען עמנואל האָט איהם געזאָגט אַז שושנה איז דאָ, האָט גאַיוס אויפגעלעבט. פון גרויס שמחה האָט ער גענומען קושען דעם קליינעם עמנואל און געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, גאָט, פאַר דעם גרויסען חסד וואָס דו טהוסט מיט די מענשען וועלכע האָבען מיר אַזוי פיעל גוטעס געטהאָן.

דערווייל איז אין דער שטאָדט קאָרדאָווא געוואָרען אַ טומעל. אַ קליינקייט, ר' שמואל'ס איינציגע טאָכטער איז פערשוואונדען געוואָרען. די אידען האָבען זיך צעשפּרייט איבער'ן שטאָדט זוכען שושנה'ן.

חסדאי אבן שפּרוט איז געוואָרען שטאַרק ערשיטערט פון די נייעס. שושנה איז איהם געווען אַזוי ליעב און טהייער. טאָג און נאַכט פלעגט ער פון איהר טראַכטען... ער האָט געזוכט אַ געלעגענהייט ווען ער זאָל איהר קענען קומען בעזוכען. פיעלע מאָל פלעגט ער פאַרביי געהן איהר הויז, מיט דעם געדאַנק אפשר וועט ער איהר טרעפען, אָבער זינט דאַן ווען זי האָט אויפגעדעקט דעם בלבול אויף איהם, האָט ער איהר נאָך נישט געזעהן... זיין האַרץ האָט איהם געשראָקען טאָמער האָט אַן אומגליק פּאַסירט. שושנה איז דאָך אַזוי וואונדערליך שעהן, ווער ווייס וואָס פאַר אַ פאַרשווערונג עס איז געגען איהר געמאַכט געוואָרען...

חסדאי האָט געבעטען צוויי פּאָליציי בעאַמטע העלפען איהם זוכען שושנה'ן און צוזאַמען האָבען זיי זיך געזעצט אויף זייערע פערד און אַוועקגעריטען הינטער'ן שטאָדט.

אין אַ זייטיגען וועג אויף די גראָז זיינען געזעסען אבדו מאַלעך און מוס טאַראַב און זיך קוים געקענט ריהרען פון פּלאַץ... אבדו מאַלעך האָט געטאַפּט

זיין פּאַרבלוטיגטע מויל און זיינע געשוואָלענע באַקן. ער האָט אַרויסגענומען פון מויל דריי ציינער וואָס חפני האָט איהם אויסגעהאַקט.

— אוי, — האָט ער געקרעכצט, — ער האָט דאָך דעם כח פון אַ שד... ער האָט מיר דריי ציינער אַרויסגעהאַקט און אַלץ פאַר די פינף הונדערט שקלים. איך קען זיך פון אָרט נישט ריהרען.

— פאַרשאָלטען זאָל ער ווערען פון אַלאַה! ער האָט דאָך מיר כמעט בלינד געמאַכט, — האָט מוק טאַראַב זיך בעקלאָגט, האַלטענדיג זיין האַנד איבער די אויגען. — ער האָט מיר אויך צוויי פינגער צובראָכען, דער פערפלוכטער חפני...

— ברודער, — האָט זיך אַבדו מאַלעך געגומען אויסגלייכען זיינע ביינער, — מיר מוזען אַפּווישען די ליפּען און שווייגען, ווייל טאָמער דערוויסט זיך אַבו נאַסיף דאָס מיר האָבען עטוואָס גערעדט פאַר אימיצען, דאַן זיינען מיר און אונזערע פרויען און קינדער פאַרלאָרען...

— אַזוי פיעל יסורים פאַר פינף הונדערט שקלים, — האָט זיך מוק טאַראַב געפּרוּווט שטעלען, — ניין, ער וועט מוזען דערפאַר טהייערער בעצאָהלען... אוי, מיינע ביינער! אַלע מיינע גליעדער טהוען מיר וועה!

— שאַ... שאַ... איך הער טריט... מען קומט... שנעל לאָמיר לויפען!...

— לויפען?... איך קען זיך פון אָרט נישט ריהרען. העלף מיר, ברודער, זיך שטעלען, — האָט אַבדו מאַלעך אויסגעשטרעקט זיין האַנד... אָט אַזוי... אוי... אוי וועה!...

— אָה, מען קומט! גערענק־זשע, "רויבער זיינען אונז בעפאַלען," דו הערסט, — האָט איהם מוק טאַראַב געזאָגט שטילערהייד.

— ווער זייט איהר און וואָס טהוט איהר דאָ, — האָט חסדאי זיי געפרעגט אָראָפּשטייגענדיג פון פערד.

— געבענשט זיי אַלאַה, — האָט אַבדו מאַלעך געזאָגט, — אַ גרויסער אומגליק האָט אונז געטראָפען, רויבער זיינען אונז בעפאַלען.

— אָה, הייליגער נביא, מחמד, העלף מיר, די רויבער האָבען מיין געלד גערויבט און מיך מערדערליך געשלאָגען, — האָט מוק טאַראַב געקלאָגט.

— האָבען פיעלייכט די רויבער מיט זיך געפיהרט אַ יונגע מיידעל? — האָט זיי חסדאי געפרעגט.

— אַ יונגע מיידעל! אָה, ניין, ניין... זיי האָבען מיט זיך קיין מיידעל נישט געפיהרט, — האָט אַבדו מאַלעך אַ ציטער געטהאָן.

— און מיר דוכט זיך אַז זיי האָבען יאָ געפיהרט אַ מיידעל... ווייל ווען זיי זיינען אַוועק פון אונז, האָב איך געהערט אַ פרויען־שטימע, — האָט מוק טאַראַב געזאָגט.

— זיי זיינען פאַרדעכטיגע פּערזאָנען, — האָט איינער פון די פּאָליציי

בעאמטע געזאגט, — איהר האט נאך אלץ נישט געענטפערט אויף די ערשטע פראגע: ווער זייט איהר און ווי קומט איהר אהער יעצט?

— מיר זיינען אבי נאסיף'ס קנעכט, — האט אבדו מאלעך געזאגט.

— און מיר זיינען געפאהרען אויף אונזערע אייזלען צו אונזער האר, — האט איהם אונטערגעהאלפען מוק טאראב.

— וואו זיינען אייערע אייזלען אהינגעקומען? — האט דער צווייטער פאליציי בעאמטער זיי געפרעגט.

— הם... די רויבער האבען זיי פון אונז אוועקגערויבט, — האט געשטאמעלט אבדו מאלעך.

— אויף וועלכען וועג זיינען די רויבער אוועק, — האט זיי חסדאי געפרעגט.

— אויף דיזען וועג, — האט מאק טאראב אנגעצייגט דעם וועג וואס פיהרט צום שטאדט...

— איהר וועט מיט אונז מוזען צוריקפאהרען אין שטאדט, אפשר וועט איהר דערקענען די רויבער... — האט חסדאי געזאגט און א וואונק געטהאן צו די פאליציי בעאמטע.

די פאליציי בעאמטע האבען די צוויי אראבער ארויפגעזעצט אויף זייערע פערד און אוועקגעריטען אין שטאדט...

* * *

אין הויז ביי ר' שמואל'ן איז געווארען א יום טוב. אלעמענס פנים'ער האבען געלויכטען פון שמחה. א חוץ ר' שמואל'ס פאמיליע זיינען ביי איהם אין הויז געווען דער רב ר' נתן און די בכבוד'יגע בעלי בתים פון קארדאווא. שושנה האט אלעמען דערצעהלט וואס מיט איהר האט פאסירט, ווי העלדיש הפני האט געקעמפט פאר איהר מיט די צוויי אראבער, ווי ער האט זיי צובלוטיגט ביז זיי האבען קיין כח נישט געהאט פון ארט זיך צו ריהרען.

הפני, וועלכער האט זיך געפיהלט ווי א ריכטיגער העלד, האט פון זיין זייט אויך דערצעהלט ווי עס איז פארגעקומען.

— יערען אבענד איז מיין שטייגער זיך דורכצופאהרען רייטענדיג אויף מיין פערד. און היינט אויך בין איך אזוי געפאהרען רייטענדיג הינטער'ן שטאדט. די זון האט גענומען אונטערגעהן, און עס האט אנגעפאנגען ווערען טונקעל. איך האב בעשלאסען זיך אומצוקעהרען אין שטאדט... פלוצים דערזעה איך צוויי אראבער רייטענדיג אויף אייזלען קומען מיר אנטקעגען. איינער איז מיר גלייך געווארען פארדעכטיג, עפעס האט ער געהאלטען פארבארגען אונטער זיין ברייטען מאנטעל. מיט זיינע דיקע הענד האט ער עס פעסט צוגעהאלטען כדי די פארבארגענע זאך זאל זיך נישט ראנגלען. איך האב איהם אפגעשטעלט און געפרעגט וואס ער פיהרט דא אונטער זיין מאנטעל. ער האט פון מיר חוזק געמאכט, און אז איך

האָב איהם ווייטער נישט געלאָזען פאָהרען ביז וואַנען ער וועט מיר ציינען וואָס ער האַלט פאַרבאָרגען אונטער זיין מאַנטעל, איז דער צווייטער גראָבער אָראָפּ־געשפּרונגען פון אייזעל און זיך גענומען מיט מיר שלאָגען, נו, זאָלען אַזוי אַלע אונזערע שונאים צושלאָגען ווערען ווי ער איז ביי מיר געשלאָגען געוואָרען... ווען דער צווייטער, וואָס האָט געהאַלטען שושנה׳ן, איז אַרונטער העלפען זיין חבר, האָט ער נאָך פון מיר געכאַפּט אַ גרעסערע מפּלה ווי זיין חבר... צו־בלוטיגטע און צושלאָגענע האָב איך זיי ביידען איבערגעלאָזען. איך האָב אַרויפ־גענומען שושנה׳ן אויף מיין פערד און איהר אַהיים אָפּגעפיהרט. יעצט דאַנק איך גאָט וואָס ער האָט מיר פאַר דעם שליח געמאַכט צו ראַטעווען די נאָבעלע און שעהנסטע טאָכטער פון קאָרדאָווע!

ר׳ שמואל און זיין פרוי מרים האָבען הערצליך בעדאַנקט חפני׳ן פאַר זיין העלדענטהאַט.

— דו ביזט ווילקאָמען אין אונזער הויז צו יעדער צייט, — האָט איהם ר׳ שמואל געדריקט די האַנט.

— גאָט זאָל דיר בענשען, מיין זוהן, פאַר דיין נאָבעלע טהאַט, — האָט דער רב ר׳ נתן געזאָגט.

אין הויף האָט זיך פּלוצלינג געהערט אַ גערויש. די טהיר פון הויז האָט זיך געעפענט און חסדאי אבן שפּרוט איז אריינגעגאַנגען.

באַלד נאָך איהם זיינען אריין די פּאָליציי וועלכע האָבען געפיהרט אבדו מאַלעך און מוק טאַראַב געשמידט אין קייטען....

— געלויבט איז דער אַלמעכטיגער וואָס ער האָט דיר בעשיצט פון שלעכ־טעס, — האָט חסדאי אַ גליקליכער געזאָגט צו שושנה׳ן. — ווען איך האָב געהערט פון אומגליק, — האָט ער זיך אָנגערופען צו ר׳ שמואל׳ן און מרים׳ן, — בין איך אוועק הינטער׳ן שטאָדט מיט די פּאָליציי זוכען אַ שפּור פון די פאַנגער. אויפ׳ן וועג האָבען מיר באַמערקט ווי צוויי מענשען ליגען צובלוטיגטע, צוקאַלעטשעטע. ווען מיר זיינען צוגעקומען נעהענטער האָבען זיי זיך געוואָלט אויפשטעלען און אַנטלויפען. מיר האָבען זיי פערהאַלטען און געבראַכט אין שטאָדט. דאַ האָבען מיר זיך באַלד דערוואוסט דאָס שושנה איז געפאַנגען געוואָרען ביי צוויי מענשען, און אַז חפני אבן זמרי האָט איהר געראַטעט פון זייערע הענט און דערצו גוט צושלאָגען, איז מיר באַלד געפאַלען אַ חשד, פיעלייכט זיינען זיי דאָס די מענשען וועלכע האָבען געפאַנגען אייער טאָכטער, איך האָב געהייסען די פּאָליציי צו ברייגגען זיי אַהער, כדי אייער טאָכטער זאָל זיי דערקענען.

חפני איז געבליבען שטעהן אָהן לשון. ער איז געוואָרען בלאַס און רויט, און האָט זיך קיין פּלאַץ נישט געפונען...

— דאס זיינען זיי, — האט אויסגעשריען שושנה, — און איז צוגעלאפען צו איהר מוטער ווי זי וואלט זיך וועלען בעשיצען פון ווילדע חיות...

חפני'ס הארץ האט גענומען קלאפען זעהר שנעל און שטארק, הענד און פיס האבען איהם גענומען ציטערען... באלד, באלד, וועט אלעס ענטדעקט ווערען... ער האט אבער געפאסט מוטה און געזאגט:

— יא, דאס זיינען זיי, די הוליגאנעס, די נידערטרעכטיגע יונגען...

— איהר רשעים, — האט ער זיך געווענדעט צו אבדו מאלעך און מוק טאראב, — וואס האט איהר געהאט צו דער אומשולדיגער שושנה? ווארום האט איהר זי גענומען געפאנגען? איז דאס געווען א געפלאנטע זאך פון א באנדע רויבער און פאנגער?

אבדו מאלעך און מוק טאראב האבען ארונטערגעלאזען די קעפ און גע־שוויגען...

— ווער איז אייער האר און ביי וועמען זייט איהר אנגעשטעלט, — האט חפני ווידער אויף זיי געשטורעמט.

— מיר זיינען אבו נאסיף'ס קנעכט, — האט מוק טאראב געענטפערט, — מיר האבען דעם פארברעכען בעגאנגען אין א שכור'ן צושטאנד, אבער אז אונזער האר זאל זיך דערפון דערוויסען, דאן זיינען מיר, אונזערע פרויען און קינדער, פארלארען . . .

— איהר פיהרט זיי אין געפענגניס, — האט חפני באפוילען דער פא־ליציי, — און איך וועל אוועקגעהן צו אבו נאסיף'ן; ביי איהם, האף איך, וועל איך אויסגעפינען מעהר איינצעלהייטען וועגען די כאראקטערען און די פלענער פון זיינע קנעכט, ער וועט פון מיר קיין זאך נישט פארלייקענען, ווייל איך האב מיט איהם געהאנדעלט און איהם געפונען צו זיין אן עהרליכער מאן.

די פאליציי האט די אראבער אוועקגעפיהרט אין געפענגניס.

ווען חסדאי האט געהערט די גאנצע געשיכטע ווי אזוי חפני האט געראטעוועט שושנה'ן, איז ער צוגעגאנגען צו חפני'ן און דריקענדיג זיין האנד, האט ער געזאגט:

— דיין העלדישקייט און מסירת נפש בעווייזט דאס דו ביזט ראוי אנגע־רופען צו ווערען אן אייניקעל פון די מאקאבעער...

כאטש א שטיקעל קנאה האט זיך פאר'גנב'עט ביי חסדאי'ן וואס ער איז נים גליקליך געווען גענוג צו ווייזען זיין העלדישקייט פאר שושנה'ן, דאך איז ער געווען דאנקבאר חפני'ן מיט זיין גאנצען הארצען פאר זיין העלדישקייט.

אויף מארגען איז חפני אוועקגעגאנגען צו אבנו נאסיף'ן.

— גוטער ברודער, — האט זיך חפני אפגערופען צו איהם, — דו האסט

מיד אריינגעשלעפּט אין א גרויסען אומגליק. מוק טאראב און אבדו מאַלעך זייּ־נען געכאַפּט געוואָרען ביי דער פּאָליציי און מען האָט זיי איינגעשפּארט אין געפענגנים. דאָרטען וועט מען זיי מסתמא אזוי פּיעל פּייניגען ביז זיי וועלען זיך מוזען מודה זיין אז דאָס האָב איך זיי אָנגעשטעלט... און דאַן בין איך א פארלוירענער אויף אייביג...

— נישט געזאָרגט, חפני, — האָט איהם אבו נאסיף געקלאָפּט איבער'ן פּלייצע, — מיט געלד וועט אלץ רעכט ווערען, דו וועסט דארפען בעזאָרגען זייערע פרויען און קינדער, און דערצו נישט זשאַלעווען קיין געלד זיי צו באפרייען. איך וועל געהן אין געפענגנים, כלומרשט זיי אויספּארשען און איך וועל זיך מיט זיי דורכריידען, און דאַן מעגסטו זיכער זיין, דאָס אויב מען זאָל זיי אפילו שניידען שטיקערווייז, וועלען זיי נישט אויסזאָגען. דו ברייננ מיר זיבען טויזענד שקלים, צוויי טויזענד וועל איך אָפּגעבען זייערע פרויען, און די פינף טויזענד שקלים וועל איך האַלטען און זעהן ווי אזוי איך וועל זיי קענען אויסלייזען פון געפענגנים.

ווען חפני האָט איהם דאָס געלד געבראַכט איז אבו נאסיף מיט איהם אוועק צו די פרויען פון די ארעסטירטע אראבער און האָט זיי געזאָגט, אז זייערע מענער זיינען ארעסטירט, און דאָ האָבען זיי געלד אויף צום לעבען ביז וואַנען מען וועט זיי באפרייען.

נאכהער איז אבו נאסיף אוועק מיט חפני'ן אין געפענגנים. חפני האָט געזאָגט צום שומר, אז דאָס איז דער האַר פון די ארעסטירטע, און ער האָפט צו האָבען די מעגליכקייט צו ריידען מיט זיי אליין, וועט ער אלעם אויסגעפינען פון זייער געהיימנים. מען האָט אבו נאסיף'ן ערלויבט אריינצוגעהן אין קליינעם פארשלאָסענעם צימער וואו די צוויי אראבער זיינען געזעסען.

— ווי זייט איהר דאָס געווען אזוי אומגעלומפּערט אז מען האָט אייך געכאַפּט? — האָט זיי אבו נאסיף געפרעגט.

— אוי, אוי... — האָט אבדו מאַלעך געקרעכצט, האַלטענדיג זיך ביים מויל, — חפני האָט מיר אזוי צו'ממית'ט אז איך האָב זיך פאר א שטונדע פון ארט נישט געקענט ריהרען... דריי ציינער האָט ער מיר אויסגעזעצט... אוי, וועה.

— ער האָט מיר אונטערגעהאַקט מיינע אויגען און צוויי פינגער צו־בראָכען, און אלץ פאר פינף הונדערט שקלים, — האָט געיאָמערט מוק טאראב.

— נישט געזאָרגט, חברה, חפני וועט פאר אלעם בעצאָהלען. ער איז געננג רייך... אייערע קינדער און פרויען זיינען גוט בעזאָרגט, מיר וועלען אייך פון דאַנען אין גיכען בעפרייען, און איהר וועט קריגען פון חפני'ן געננג געלד פאר אלע אייערע וואונדען... אָבער איהר מוזט האַלטען דאָס מויל... ווי נאָר איהר דערמאָהנט חפני'ס נאָמען, דאַן זייט איהר האָט אייערע פרויען

און קינדער פארלארען... געדענקט זשע !... וואס פאר א יסורים מען זאל אייך אנטהאן זאלט איהר זיך האלטען ביי דעם דאס איהר זייט געווען שבור און איהר האט זיך געוואַמטען מיט אייערע חברים אז ווען איהר ווילט קענט איהר פאנגען די שעהנסטע מיידעל אין קארדאווא, און איהר האט איהר געפאנגען מיט דעם געדאנק גלייך צו בעפרייען.

— איך האב שוין אלעם רעכט געמאכט, זיי וועלען דיר שוין נישט פערראטהען, — האט זיך אבדו נאכיף אפגערופען צו חפני'ן, ווען ער איז ארוים פון זיין באזוך אין געפענגנים, — אבער זאג דאך מיר, ווי האסטו דאס זיי אזוי מעהרערליך געשלאגען, נאך איין האר און דו וואלסט דאך זיי אוועק־געשיקט אויף יענער וועלט !...

— פארשטעהסטו מיך, — האט זיך חפני פארענטפערט, — ווי איך האב דערזעהן די שעהנע שושנה, האב איך זיך פארלארען און פארגעסען אז דאס איז ביי אונז אן אפגעמאכטע זאך, און ביים געשלעג האב איך זיך אזוי צו־היצט, אז איך האב זיי אויף אן אמת'ן געשלאגען.

— שעהן געשלאגען, — האט אבו נאסיף געלאכט, — איינעם האסטו דריי צייהנער אויסגעבראכען, און דעם צווייטען געשוואלענע בלויע אויגען געמאכט און דערצו נאך צוויי פינגער איהם צובראכען, דו וועסט מוזען זיי גוט באפרידיגען און בערוהיגען...

— פון געלד זארג נישט, וויפיעל דו וועסט מיר הייסען וועל איך זיי בעצאהלען, איך זאל נאר קריגען מיין שושנה'ן ! — האט חפני געזאגט. און א פרעהליכער איז ער אוועק צו זיך אהיים.

8טער קאפיטעל

שבת

עס איז געווען פרייטאג נאכמיטאג. אין ר' שמואל'ס הויז האט מען נאר־וואס צוגעביסען; פרייטאגדיגער מיטאג־מאלצייט איז זעהר קליין; עס איז א מצוה וואס ווייניגער צו עסען ערב שבת, כדי מען זאל האבען א גוטען אפעטיט פרייטאג־צו־נאכטס... איבער'ן גאנצען הויז האט זיך צוטראגען א געשמאקער אנגענעהמער ריח פון די פריש געבאקענע חלה. מרים האט צורעכט געמאכט די פיש און צוגעגרייט דעם טשאלענט. דבורה האט גענומען רייניגען דאס הויז ; זי האט איבערגעצויגען די בעט־געוואנד מיט ווייסע ציכעלעך און ליילעכער. מיט א קלאר־ווייסען טישטוך האט זי בעדעקט דעם טיש.

שושנה האט באציערט דעם טיש מיט די גלענצענדע זילבערנע לייכטער. די צוויי גרויסע געפלאכטענע חלות האט זי באדעקט מיט א סערוועטקע אויף

וועלכע עס איז געווען אויסגענייט מיט העברעאישע בוכשטאַבן: "חלות של שבת". זי האָט צושטעלט די טעלער, לעפל, מעסער און גאָפּלען פאַר יעדן באַזונדער.

ר' שמואל האָט זיך אויך מיט עפּעס באַשעפטיגט לכבוד שבת; ער האָט אָנגעריבן דעם חריין, ער האָט צורעכט געמאַכט די לאָמפּן, אָרומגעשניטן די קנויטן. די דינער האָבן שוין געוואוסט אַז ערב שבת דאַרפן זיי די אַרבייט איבערלאָזן פאַר זייער בעל-הבית.

אַפילו דער גר, גאיוס, אָדער ווי ער האָט זיך יעצט גערופן, אַברהם בן אַברהם, האָט זיך אויך מיט עפּעס באַשעפטיגט לכבוד שבת. ווען דער גר האָט געוואָלט מיט עפּעס אַרויסהעלפן אין די וואָכענדיגע טעג, האָבן איהם ר' שמואל און מרים ניט דערלאָזן; זיי האָבן נישט געוואָלט אַז אַזאַ חשוב'ער גאַסט זאָל טהאָן אַ הויז-אַרבייט... דאָס וואָלט געווען אַ באַליידיגונג פאַר זיי. ערב שבת אָבער, האָט שוין ר' שמואל אַליין געפונען פאַר איהם עפּעס צו טהאָן. ער האָט איהם געוואָלט מהנה זיין מיט דער מצוה זיך עוסק צו זיין לכבוד שבת.

דער הייליגער שבת, דער טהייערער, ווירדיגער גאַסט קומט לאַנגזאַם אָן... אַלעס אין הויז גלאַנצט און שיינט לכבוד איהם. דער רויטער ווייז פינקעלט אין פלאַש... דער בעכער שטעהט נעבן פלאַש און וואַרט אויף קידוש... די פערשידענע געשמאַקע מאכלים צוטראָגן זיך איבער דעם גאַנצן הויז. דער ריח פון די געפעפערטע געפילטע פיש רייצט שטאַרק דעם אַפּעטיט...

דער טשאָלענט איז שוין פאַררוקט, און ר' שמואל נעהמט פאַרקלעפּן דעם אויווען מיט ליים, כדי די היץ זאָל נישט אָבגעקיהלט ווערן ביז מאָרגען, מיטאָג, ווען מען וועט עסן דעם טשאָלענט... אַ שבת'דיגער גייסט הערשט אין הויז. אַלעס איז פאַרטיג, און די שעהנע טהייערע מלכה-שבת וואָס אָט באַלד, באַלד קומט זי אָן וועט זיכער נישט פאַרשעהמט ווערן...

ר' שמואל, זיין זוהן עמנואל און אַברהם בן אַברהם האָבן זיך נאָר וואָס צוריקגעקעהרט פון מרחץ, האָבן אָנגעטהאָן שבת'דיגע בגדים, און גענומען זינגען דעם שיר השירים.

דעם גר אַברהם איז שווער נאָכצוהאַלטען מיט זיי, כאָטש אין דער קורצער צייט וואָס ער געפינט זיך ביי ר' שמואל אין הויז, האָט ער געמאַכט פיעל פאָרטשריט אין אידישקייט און אין העברעאיש. עס איז איהם אָבער שווער צו זאָגען מיט אַזאַ שנעלקייט ווי ר' שמואל און זיין זוהן זאָגען.

ר' שמואל ערקלעהרט איהם די בעדייטונג פון שיר השירים:

— שיר השירים איז אַ ליעבעס-געזאַנג צווישען גאָט און די אידען; שולמית איז דאָס פאָלק ישראל, די געליעבטע און אויסערוועהלטע כלה פון גאָט; דער חתן

איז גאָט אַליין כביכול... באַריהמט זיך די כלה פאַר'ן חתן און זאָגט: "אני חבצלת השרון שושנת העמקים" (איך בין די לילי פון שרון, די רויז פון די טהאָלען), און דער חתן גיט דער כלה א קאָמפּלימענט און זאָגט: "כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות (ווי די רויז איז צווישען דערנער אַזוי איז מיין געליעבטע צווישען טעכטער).

שושנה איז אָנגעטהאָן אין א שבת'דיגע זיידענע קלייד. איהר פּנים לייכט ווי די ליכטיגע זון. איהרע פּעך שוואַרצע לאָקען, וואָס זיינען נאָך פייכט פון דאָס וואַשען, גלאַנצען. זי שטעהט און הערט זיך איין צו דעם געזאַנג פון שיר השירים...

ווי זיס און הערליך קלינגט דער ניגון פון שיר השירים; ווי ליעב און אָנגענעהם זיינען די ווערטער פון ריינע, הייליגע ליעבע וועלכע שלמה דריקט אויס צו זיין שולמית...

איהר דוכט זיך: זי איז דאָס שולמית און חסדאי זאָגט איהר: קומי לך רעיתי יפתי ולכי לך, כי הנה הסתיו עבר הגשם חלף הלך לו: הנצים נראו בארץ עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו (קום מיין געליעבטע, מיין שעהנהייט, לאָמיר געהן; דער ווינטער איז פאַראיבער, דער רעגען איז אַוועק, בלומען האָבען זיך באַוויזען אין לאַנד. די צייט פון פויגעל געזאַנג איז געקומען).

שושנה'ס הארץ ווערט פול מיט ליעבע... אין איהר פאָרשטעלונגס־קראַפט זעהט זי איהם, וועמען איהר הארץ ליעבט... ער איז נאָבעל, איידעל, ער איז צערטליך און ווייכהארציג... זי דערמאָהנט זיך אין חפני'ן... ער איז דער חיפּוך פון חסדאי; ער איז אומוויסענד, פאַרגרעבט און גרוויזאַם... אמת, ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבען פאַר איהר, ער האָט איהר געראַטעוועט פון שאַנדע און אפשר פון טויט... זי מוז איהם דאַנקבאַר זיין, אָבער אָפּפערען איהר לעבענס־גליק, א קרבן פאַר דאַנקבאַרקייט... ניין, גלייבער שטאַרבען איידער אַזא קרבן ברייננגען... אַלעס אין דער וועלט וואָלט זי אָפּגעגעבען אויס דאַנקבאַרקייט צו חפני'ן, אָבער נישט איהר גליק, איהר אידעאַל... זי ווייס אַז חפני ליעבט איהר און ער וואָלט אַלעס געטהאָן צוליעב איהר... אָבער ווי קען זי איהם ליעבען?... זיינע נאַרישע אומגעלומפּערטע ווערטער גרילצען איהרע אויערען... חפני איז יעצט געוואָרען אַן אָפּטער גאַסט אין איהר הויז... יעצט קען ער איהר בעלעסטיגען מיט זיינע ליעבעס־ערקלעהרונגען אונגעשטערט... א שוידער לויפט דורך איהר לייב...

מרים האָט באַמערקט ווי שושנה האָט זיך א טרייסעל געטהאָן, זי איז צו איהר צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— וואָס איז דיר, טאָכטער מיינע? פיהלסטו נישט גוט? איז דיר קאַלט וואָס דו האָסט א ציטער געטהאָן?

— אָה, ניין, מוטער, עס איז גאָרנישט, איך האָב זיך אין עפּעס דערמאָהנט.

מרים פארשטעהט איהר טאכטער'ס געדאנקען... זי האט געוואוסט וואס דער שוידער בעדייט... זי האט איהר דאריבער מעהר גארנישט געפרעגט. אין הארצען האט איהר שטארק וועה געטהאן... יא, חפני איז דרייסטער געווארען, ער פיהלט זיך יעצט היימיש אין הויז, אבער וואס קען מען טהאן? זיי האבען דאך איהם פארגעלעגט א גרויסע בעלאהנונג אלס דאנקבארקייט פאר ראטעווען זייער ליעבע טאכטער; ער, חפני, אבער, האט זיך ענטזאגט עס צו נעהמען.

— מיין בעלוינונג וועט זיין, — האט ער זיי דאן געענטפערט, — ווען איך וועל בעזיצען דעם טהייערען אוצר פאר וועמען איך האב מיין לעבען איינגעשטעלט, און וועמען איך האב פון א זיכערען טויט געראטעט.

זיי האבען דאן געשוויגען... וואס האבען זיי איהם געקענט ענטפערען?... ער האט דאך פארט זיין לעבען אין געפאהר געשטעלט און אזוי העלדיש און בראוו פארטיידיגט זייער טאכטער... איינער אנטקעגען צוויי געזונטע אראבער! אבער זייער שעהנע, קלוגע און טהייערע טאכטער זאל בעלאנגען צו אזא מאן... ניין, דאס איז אונמעגליך!...

— שושנה, — האט זיך מרים אפגערופען, וועלענדיג אפווענדען איהר טאכטער פון איהרע געדאנקען, — געה זעה אויב די זון פארגעהט שוין, וועל איך געהן בענטשען ליכט.

שושנה איז ארויס אין פארהויז און בעטראכט דעם הימעל.

— איך גלויב אז עס איז נאך צייט, — האט שושנה געזאגט צו איהר מוטער.

דער שמש איז צוגעגאנגען צו ר' שמואל'ס הויז און האט מיט זיין הילצערנעם האמער געגעבען צוויי קלעפ אויפ'ן טויער.

— וואס איז דאס?! — האט זיך ר' שמואל אפגערופען א דערשראקענער, — צוויי קלעפ מיט'ן האמער, עפעס אן אומגליק האט געמוזט פאסירען.

ער איז גלייך ארויסגעגאנגען פרעגען דעם שמש וואס האט פאסירט.

ר' שמואל האט זיך צוריקגעקעהרט מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען.

— אומזיסטע שרעק האב איך געהאט, — האט ער געזאגט, — דער שמש האט געזאלט געבען דריי קלעפ ווי זיין שטייגער איז ווען ער רופט אין שוהל אריין דאווענען. ווען ער האט אויפגעהויבען זיין האנד צו געבען דעם דריטען קלאפ האט ער אנגעפאנגען צו ניסען, און ער האט פארגעסען אין דריטען קלאפ.

אברהם בן אברהם האט נישט פארשטאנען וואס דא קומט פאר.

— איך וועל דיר ערקלעהרען, — האט איהם ר' שמואל געזאגט, — ווען דער שמש רופט אין שוהל אריין צום דאווענען אדער צו אן אסיפה, גיט ער דריי קלעפ מיט זיין האמער; ווען עס טרעפט זיך אן אומגליק, חלילה, צי איינער פון די בעלי בתים איז געשטארבען לאזט דער שמש צו וויסען ווען ער גיט נאר צוויי קלעפ מיט'ן האמער אנשטאט דריי. ווען איך דערהער נאר צוויי קלעפ,

ציטערט אין מיר מיין האַרץ... און יעצט איבער דעם שמש ניסען האָט מיר גע־מאַכט מיין האַרץ ציטערן...

אַלע האָבן זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט.

— איך בין העכסט גליקליך דאָס פון מיין שרעק איז אַ שפּאַס געוואָרן.

— האָט ר' שמואל געזאָגט, — יעצט וועלען מיר גיכן אין שוהל מקבל שבת זיין.

פון שוהל איז ר' שמואל געקומען מיט אַ נייעם אורח אויף שבת.

דער טיש איז געווען גרויסאַרטיג געגרייט לכבוד שבת. דאָס הויז איז געווען ציכטיג און ליכטיג. דער ריח פון די שבת'דיגע מאכלים האָט די הונגעריגע מעהר הונגעריג געמאַכט... ר' שמואל איז אַרומגעגאַנגען אין הויז הין און צוריק און געזונגען "שלום עליכם מלאכי השרת". אברהם בן אברהם און עמנואל האָ־בען עס געזאָגט פון סידור. דער נייער אורח האָט נאָכגעזאָגט שטילערהייד.

ר' שמואל האָט געמאַכט קידוש אויפ'ן גאָלדענעם בעכער וויין און געגעבען אַלעמען פאַרזוכען פון דעם בעכער. עמנואל האָט אָבער נישט פאַרזוכט פון דעם וויין. ער האָט נישט געוואָלט יוצא זיין מיט זיין פאָטער'ס קידוש. ער האָט אַליין געמאַכט קידוש איבער די צוויי קליינע חלה'לעך וואָס מרים האָט ספּעציעל גע־באַקען פאַר איהר קליינעם זוהן.

מען האָט זיך געוואַשען און אַלע האָבען זיך געזעצט אַרום גרויסען טיש צום עסען. שבת האָבען אַלע באַדיענער פון טיש געגעסען צוזאַמען מיט זיי ביי איין טיש.

נאָך די פיש האָט מען אָנגעפאַנגען צו זינגען זמירות. שושנה מיט איהר זיסע שטימע האָט מיטגעהאָלפען. אַ הערליכקייט און הייליגקייט האָט געהערשט אין הויז. אַלעמענס פּנים'ער האָבען געלויכטען... דער אורח, וועלכער איז גע־ווען אַ איד אין די מיטעלע יאָהרען, מיט אַ גרויליך לאַנגער באָרד, איז ענטציקט געוואָרען פון דעם הייליגען שבת'דיגען גייסט וואָס הערשט אין הויז.

— אונזערע הייליגע חכמים, — האָט זיך דער אורח אָפּגערופען, — זיינען געווען גערעכט ווען זיי האָבען געזאָגט אַז "שבת אחד מששים לעולם הבא" (שבת איז אַ זעכציגסטע טהייל פון גן עדן) און מיר דוכט זיך נאָך אַז דער עונג שבת וואָס הערשט אין דיזען הויז, איז די גאַנצע זעכציג טהייל פון גן עדן...

ר' שמואל האָט פערשטאַנען פון די עטליכע ווערטער וואָס זיין אורח האָט אַרויסגערעדט, אַז ער איז אַ איד אַ יודע תורה, און איז מיט איהם אַריין אין אַ געשפּרעך.

— פון וואַנען קומסטו, — האָט איהם ר' שמואל געפרעגט.

— איך קום יעצט פון פראַנקרייך, — האָט איהם דער אורח געענטפערט.

— די אידען אין פראַנקרייך האָבען ביז נישט לאַנג זיך געלעבט צופרידען, אָבער לעצטענס האָט זיך אַ שוואַרצער וואָלקען גענומען פאַרשפּרייטען איבער

די אידישע הימלען אין פראַנקרייך ווי אויך די איבעריגע לענדער פון איירּאָפּאַ. דער רעליגיעזער קריסטליכער פאַנאַטיזמוס האָט זיך גענומען שטאַרק פערשפּריי־טען. די קירכע האָט גענומען איינפלאַנצען אידען־האַס אין די הערצער פון די פעלקער. אידען ווערען שוין מעהר נישט בעטראַכט מיט מענשען גלייך. דער פראַנצויזישער קעניג האָט אונז אָנגעפאַנגען צו דריקען און צו שטיקען. יעדער איד וועלכער האָט נאָר די מעגליכקייט אַנטלויפט פון פראַנקרייך, פיעלע אַנט־לויפען נאָך ענגלאַנד. מיר האָבען געהערט ווי גליקליך די אידען לעבען אין שפּאַניען אונטער די קאַליפען. איך האָב אייסגעהקויפט אַלע מיינע גיטער, און איך, מיט מיין פרוי און קינדער זיינען נאָך פיעלע שוועריגקייטען און צרות הדרך אָנגעקומען אין קאָרדאָווא. יעצט, א דאַנק דעם עווינען, האָבען מיר אויסגעפונען אַז די אידען לעבען דאָ נאָך גליקליכער ווי מיר האָבען זיך פאָר־געשטעלט.

— יאָ, די אידען אונטער די גנעדיגע קאַליפען פיהלען זיך העכסט גליקליך, זאָל דער אלמעכטיגער נישט אָפּטהאָן פון אונז זיין חסד אויף ווייטער, — האָט ר׳ שמואל געזאָגט. — וואו איז אָבער דיין פרוי און דיינע קינדער?

— מיין פרוי און מיינע קינדער זיינען איינגעלאַדען געוואָרען אויף שבת ביי א צווייטען אידען. מיר וועלען זיך מאָרגען טרעפען אין שוהל, — האָט דער אורח געענטפערט.

— פאָטער, — האָט זיך אָפּגערופען די גוטהערציגע שושנה שטילערהייד,— פיעלייכט וואָלט מעגליך געווען דאָס אונזער גאַסט׳ס פרוי און קינדער זאָלען מאָרגען ביי אונז זיין צוזאַמען? עס איז דאָך א רחמנות אַז די פאַמיליע זאָל צוטיילט זיין אין צוויי פאַרשידענע הייזער און דאַמיט צושטערען די הייליגקייט פון זייער שבת.

— דו ביזט גערעכט מיין טאָכטער, — האָט דער פאָטער איהר אויך נע־ענטפערט שטילערהייד, — אָבער פאַרגעסט נישט אַז עס וועט נישט זיין רעכט פון מיין זייט אָוועקצורייבען ביי יענעם די מצוה פון הכנסת אורחים; נעקסטען שבת, האָף איך, וועט ער זיין ביי אונז צוזאַמען מיט דער פרוי און קינדער.

עמנואל, וועלכער האָט מיטגעהאָלפען זינגען זמירות איז, נאָך די געפּעפּערטע פיש, שטאַרק דורשטיג געוואָרען. ער האָט געבעטען איינע פון די דיענסטען, זי זאָל איהם ברייננען א טרונק וואַסער.

ר׳ שמואל האָט זיך אָנגעבייזערט אויף עמנואל׳ן און איהם גוט אויסגע־מוסר׳ט:

— שבת איז דער רוהע־טאָג פון אַלעמען און דו טאָרסט קיינעם נים באַ־לעסטיגען אפילו מיט א קליינינקייט.

עמנואל האָט זיך פאַרשעהמט און זיך ענטשולדיגט. ווען די דיענסט האָט

איהם דאס וואסער געבראכט, האט ער איהר באדאנקט, אבער ער האט עס ניט געטרונקען. ער איז אליין געגאנגען און גענומען וואסער...

נאכ'ן עסען האט מרים צוגעגרייט די בעט פאר'ן אורח, דאס איז געווען איהר מצוה. א ווײלע האבען נאך אלע פארבראכט, דער אורח האט דערצעהלט זיינע איבערלעבונגען אין וועג. די לאמפען האבען גענומען טונקעלער ווערען, די ליכט זיינען אויסגעגאנגען. אלעס ארום ווערט שטיל... די מלכה שבת געהט זיך אפרוהען פאר די נאכט...

שבת גאנץ פריה זיינען די אידען געגאנגען אין שוהל. ביסלעכווייז ווערט די שעהנע און גרויסע שוהל אנגעפילט. מען שטעלט זיך דאווענען שחרית. ר' שמואל, עמנואל און אברהם בן אברהם זיצען אין מזרח און דאווענען.

ר' שמואל האט צוגערופען דעם שמש און איהם געזאגט, דאס מפטיר זאל מען היינט געבען זיין גאסט, דעם גר, אברהם בן אברהם.

— דאס איז דער לעצטער שבת וואס אונזער גר פארווײלט דא מיט אונז, — זאגט איהם ר' שמואל, — ער פאהרט אפ די וואך נאך זיין חיים צו זיין פרוי און קינדער. איך וויל דו זאלסט איהם מאכען "מי שברך" און זאגען איהם א פיינעם "צאתך לשלום".

דער שמש האט געווארפען זיין בליק אויפ'ן גר און האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ אויף יא.

אברהם בן אברהם איז געשטאנען מיט'ן טלית איבער'ן קאפ און געדאווענט מיט גרויס כונה. די אידען ארום האבען שטארק בעוואונדערט די פרומקייט פון גר. אין אזא קורצער צייט וואס ער געפינט זיך אין קארדאווא איז ער געווארען אן אמת'ער איבערגעבענער איד. ער רעדט העברעאיש און פארשטעהט די פרוש המלות.

דער חזן האט געענדיגט די שמונה עשרה פון שחרית, און דער שמש איז צוגעגאנגען צו עפענען דעם ארון קודש ארויסצונעהמען די תורה.

פלוצלינג איז צום ארון קודש צוגעלאפען א איד און נישט געלאזען דעם שמש "אויסנעהמען".

— איך וועל מעכב הקריאה זיין, — האט דער איד אויסגעשריען, — ביז וואנען קהל וועט באשליסען וואס מען זאל טהאן!

ער איז ארויף אויף דער בימה און האט גענומען רעדען:

"רבותי! מיר אלע ווייסען די וויכטיגקייט פון דער גרויסער מצוה פדיון שבויים. ווען מען קומט אונז דערצעהלען אז א איד איז געפאנגען געווארען און אויב מען וועט איהם נישט אויסלייזען וועט מען איהם פאר א קנעכט פערקויפען, זיינען מיר אידען רחמנים בני רחמנים, יעדער פון אונז גיט ווי וויט זיין מעג־ליכקייט ערלויבט איהם און מיר לייזען אויס דעם אומגליקליכען, אבער ווען

מיר בעפרייען איהם, אזוי לאַזען מיר איהם איבער גאָט׳ס באראט, און מיר זאגען זיך נישט מעהר פאַר איהם. ער קען אויסגעהן פון הונגער, אבער קיינעם קימערט נישט וועגען איהם, אבי מיר האָבען מקיים געווען די מצוה פון פדיון שבויים... הונדערטער אזוינע "באַפרייטע" אידען וואַנדערען ארום אין קאָרדאָווע, אָהן א פּלאַץ וואו דעם קאָפּ אוועקצולעגען. הונגעריג און דורשטיג, און די נויט צווינגט זיי צו ווערען בעטלער. עס איז אונזער פליכט צו טהאָן עטוואָס פאַר די אומ־גליקליכע און דאמיט אָפּצוואַשען דעם שענדליכען פלעק פון דער גרויסער אידישער קהלה אין קאָרדאָווע... איך וועל נישט דערלאָזען לייענען די תורה ביז וואַנען מען וועט דאָ באַשליסען וואָס צו טהאָן".

— עס וועט דאָך קיין ענדע נישט נעהמען, — האָט זיך א צווייטער איד צושריען, — וואָס מעהר געפאַנגענע אידען מיר לייזען אויס אלץ מעהר ווערען זיי געפאַנגען. די פאַנגער זעהען אז מיר זיינען צו נייגעריג אויסצולייזען אונזערע אומגליקליכע ברידער, שטעלען זיי גרויסע פאָדערונגען. די קאָרדאָוואַ׳ר קהלה וועט דאָך פאַראָרימט ווערען פון די טאַקסעס וואָס ווערט אויף אונז ארויפגע־ליגט יעדעס מאָל ווען א געפאַנגענער איד ווערט געבראַכט אהער. איינמאָל פאַר אלע מאָל מוז דאָ יעצט בעשלאָסען ווערען וואָס פאַר א שריטע צו נעהמען און צו פאַרקלענערען די צאָהל פון די אידישע געפאַנגענע און ווי אזוי צו בעזאָרגען אָט די אלע וועלכע געפינען זיך צווישען אונז זיי זאָלען נישט זיין געצוואונגען ארומצוגעהן און בעטלען, און דערמיט צו מאַכען דעם חלול השם זעהר גרויס. עס מוז נעהמען אן ענדע דערצו! מיר וועלען מעכב הקריאה זיין ביז וואַנען דאָס אלעס וועט ערלעדיגט ווערען.

א שטילקייט האָט געהערשט אין שוהל. אלע מתפּללים׳ס אויגען זיינען געווען געווענדעט צו דעם אידען וואָס איז געשטאַנען אויף דער בימה און גע־וואַרט אויף אן ענטפער...

חסדאי אבן שפּרוט האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און ארויף אויף דער בימה. א ווייַלע איז ער געשטאַנען און בעטראַכט די מתפּללים. אלע האָבען אָנגעשטעלט זייערע אויערען און מיט אָפענע מיילער זיינען זיי גרייט געווען צו שלינגען יעדעס וואָרט פון זיין מויל.

חסדאי האָט אָנגעפאַנגען:

"געעהרטע געמיינדע! עס איז יעצט אנגעריהרט געוואָרען א זעהר אנגע־וועהטאָגטער וואונד, און דאָס איז די פראַגע פון די אידישע געפאַנגענע. פון איין זייט ווערט די קאָרדאָוואַ׳ר קהלה באַשולדיגט אז זי פערנאַכלעסיגט איהרע אויסגעלייזטע געפאַנגענע און פון דער צווייטער זייט באַשולדיגט מען אונז, אז מיר ציינען ארויס גרויס נייגעריגקייט אויסצולייזען אונזערע געפאַנגענע ברידער, און דערמיט קריגען די מענשען־רויבער מעהר מוטה צו פאַנגען וואָס מעהר אידען

און אויך פארלאנגען זיי גרויסע סומען אויסלייז געלד.ביידע באשולדיגונגען זיינען ריכטיגע, נאר איידער מיר וועלען קורירען די וואונד מוזען מיר אויסגעפינען די אורזאכען וואס האבען געבראכט די וואונד. ביי אונז אידען איז דער שקלאפען־האנדעל זעהר פארהאסט. אונזער הייליגע תורה הייסט בעשטראפען מיט טויט פאר גנב׳ענען און פארקויפען א מענשען. ״וגונב איש ומכרו ונמצא בידו מות יומת״ (ווען איינער גנב׳עט א מענשען און פארקויפט איהם און מען האט איהם געכאפט ביים האנד זאל ער געטויטעט ווערען). אמת, מיט שטאלץ קענען מיר זאגען, אז צווישען אונז אידען זיינען קיין מענשען־גנבים אדער מענשען־פאנגער ניטא, אבער צום גרויס בעדויערען מוזען מיר צוגעבען, אז פיעלע פון אונזערע ברידער העלפען די מענשען־רויבער אנצוגעהן מיט זייער שווידערליכע ארבייט, און גערעכט זיינען געווען אונזערע חכמים פון תלמוד, ווען זיי האבען געזאגט: ״לא עכברא גנבא אלא חורא גנבא״, (נישט די מויז איז דער גנב, נאר די לאך איז דער גנב), און אז די מענשען־פאנגער וואלטען נישט געהאט וואו אהין צו טהאן זייער לעבעדיגע סחורה, וואלטען זיי נישט געפאנגען קיין מענשען. ווי טרויעריג עס זאל ניט זיין, מוזען מיר דאך אבער צוגעבען, אז די פארמיטלער פון שקלאפען־האנדעל זיינען אידען. אונזערע אייגענע ברידער קויפען אפ די שקלאפען פון די מענשען־רויבער און מאכען דערפון מסחר; זיי פערקויפען זיי מיט גרויסע פראפיטען אויפ׳ן שקלאפען־מארק, און כאטש זיי האנדלען נישט מיט קיין אידישע שקלאפען, איז די עבירה דיזעלבע, אונזער תורה פארבאט צו גנב׳ענען א מענשען, און מענשען זיינען אלע גלייך, צי אידען צי נישט־אידען. ווען די מענשען־רויבער וואלטען נישט געהאט צו וועמען צו פערקויפען זייערע געפאנגענע, וואלטען זיי אויפגעהערט צו פאנגען, און אידען ווי נישט־אידען וואלטען זעהר ווייניג געפאנגען געווארען.

״— ברידער, — האט חסדאי פארטגעזעצט זיין פייערדיגע רעדע, — מיר, די אידען פון אראבישען שפאניען זיינען די גליקליכסטע אין דער גאנצער וועלט. מיר ווערען געשיצט ביי די גנאדע פון אונזערע קלוגע און געלערנטע קאליפען. מיר זיינען פרייע, גלייכע בירגער אין דיזען טהייערען לאנד. מיר געניסען אלע רעכטע, אלע פארגעניגענס פון לאנד; מיר מעגען האנדלען מיט וואס מיר ווילען. פאר וואס זאלען זיך פיעלע פון אונזערע ברידער בעשעפטיגען מיט אזא שענדליכער בעשעפטיגונג ווי שקלאפען־האנדעל? איך בין זיכער, דאס איינע פון די אורזאכען פארוואס אונזער גוטע רעגירונג מישט זיך ניט אריין אפצוהאלטען דעם פלוס פון שקלאפען דא אין לאנד, איז, ווייל זי וויל נישט שטערען דעם פרייען האנדעל פון איהרע בירגער. איך בין איבערצייגט, אז ווען אונזערע אידען וואלטען אויפגעגעבען דעם שקלאפען־האנדעל, וואלט אונזער רעגירונג גענומען די נויטיגע שריטע צו באשטראפען די מענשען־פאנגער, און דורכדעם פארקלע־

נערט די צאהל געפאנגענע. איך וואלט דאריבער געראטען אונזער הייליגע גע־מיינדע פון דער שטאדט קארדאווא, אז זי זאל אננעהמען פערשידענע שטריינגע מיטלען און אויב נויטיג צווינגען דאס די אידען זאלען אויפגעבען דעם פער־האסטען שקלאפען־האנדעל. אויב דאס וועט געטהאן ווערען וועלען מיר האבען וויניגער געפאנגענע אידען אויסצולייזען און וויניגער אויסגעלייזטע געפאנ־גענע צו באזארגען".

אין שוהל איז געווארען א טומעל; פון די פיעלע שקלאפען־הענדלער, וועלכע זיינען געווען אין שוהל, האט זיך איבערהויפט צושריען מנשה אבן זמרי.

— איך וועל נישט דערלאזען, — האט ער געליארעמט, — דאס מען זאל ביי מיר אוועקנעהמען מיין פרנסה! וואס הייסט מ׳וועט מיר צווינגען אויפגעבען מיין מסחר?!

— מיט קיין אידישע שקלאפען האנדלען מיר דאך נים, — האט זיך א צווייטער שקלאפען־הענדלער צושריען, — און מיט נישט קיין אידישע שקלא־פען קען מיר קיינער קיין דעה ניט זאגען!

— אויב מיר וועלען אויפגעבען דעם שקלאפען־האנדעל, וועלען די גויים פארנעהמען דעם גאנצען "מסחר", און מיר׳ן בלייבען אהן פרנסה, — האט זיך מנשה נאך העכער צושריען.

— דו גראבער יונג, דו עם הארץ איינער, וויניג געלד האסטו! דו און דיין זוהן האבען שוין גענוג מענשליך בלוט געצאפט, — האט איהם אן עלטערער איד געזידעלט, — איהר ביידע האט שוין גענוג באפלעקט דעם אידישען נאמען.

— דו שנארער איינער, — איז מנשה ארויפגעפאלען אויף איהם מיט זיינע פויסטען, — דו וועסט מיר רופען גראבער יונג, איך וועל דיר דיין בארד אויס־רייסען, דו צבוע׳יאק!

חפני וועלכער איז געשטאנען נעבען זיין פאטער אין שוהל, האט איהם נישט דערלאזען זיך צו שלאגען.

— פאטער, — האט ער איהם צוריקגעהאלטען ביי די הענד, — צו וואס זאלסטו זיך אויפרעגען. לאמיר זעהן וואס אלע וועלען טהאן וועלען מיר אויך טהאן.

— צייג דאך נישט ארויס פאר אלעמען, — האט ער איהם שטילערהייד געזאגט, — אז דיר געהט אויס אום לעבען.

חפני האט פארשעהמטערהייד ארונטערגעלאזען זיין קאפ. ער ווייס גאנץ גוט, דאס אויבען אין עזרת נשים געפינט זיך אויך שושנה, וועמען ער האט שוין כמעט ווי געוואונען... און יעצט געהט ארויף חסדאי און מאכט איהם מיט די איבריגע שקלאפען־הענדלער פאר די נידריגסטע באשעפעניסען. וואס וועט יעצט

שושנה דענקען וועגן איהם, וואס וועלען איהרע עלטערען זאגען... זיין גאנצע מיה וועט יעצט פארלארען געהן...

זיין שנאה צו חסדאי'ן האט זיך פארשטאַרקט. ער האט גענומען טראַכטען וועגען א שרעקליכע נקמה... יא, אויב נויטיג וועט ער איהם אפּראַמען פון וועג...

דער טומעל האט זיך עטוואס איינגעשטילט, און דער רב, ר' נתן, ר' שמואל מיט נאך עטליכע וויכטיגע בעלי הבתים זיינען ארויף אויף דער בימה. זיי האבען זיך דורכגעשמועסט מיט חסדאי'ן פאר א ווייל.

דער שמש האט א קלאפּ געטהאן עס זאל שטיל ווערען, און דער רב האט אויסגערופען:

— אין נאמען פון אלע מתפללים, מאך איך בעקאנט, אז אלע אידען פון קאָרדאָווע, וועלכע האנדלען מיט שקלאפען, ווערען געגעבען דרייסיג טעג צייט אויסצופערקויפען אדער בעפרייען אלע זייערע שקלאפען, און אויב אירגענד וועלכער איד וועט אין משך פון דער געגעבענער צייט נישט אויספאלגען דעם באפעהל פון שוהל, וועט ער ארייגעלייגט ווערען אין חרם און וועט דערווייטערט ווערען פון דער אידישער קהלה אין קאָרדאָווע.

ער האט א וואונק געטהאן צום שמש צו עפענען דעם ארון קודש. מען האט געזאגט "ויהי בנסע הארון", און אנגעפאנגען לייענען.

9טער קאַפּיטעל

חפני'ס פארלעגענהייט

דער עולם אין שוהל איז געווען אויסער זיך פון באגייסטערונג פון חסדאי'ס רעדע. זיינע טיעפזיניגע ווערטער, וועלכע האבען זיך ווי פערל גע־שאטען פון זיין מויל, האבען אויף אלעמען, א חוץ די שקלאפען־הענדלער, גע־מאכט אן אונגעהייער גוטען איינדרוק.

— אט דער יונגער מאן וואלט געדארפט ווערען דער פיהרער פון דער קאָרדאָווער קהלה, — האט איין איד זיך אפּגערופען שטילערהייד צו א צווייטען.

— אונזער רב, זאל געזונד זיין, איז שוין צו אלט און שוואך... מען זאגט אז חסדאי איז אויך א גרויסער למדן.

— פאר וואס זאלסטו ריידען אזא אונזין, — האט איהם דער צווייטער געענטפערט, — חסדאי, פארשטעהסטו מיך, איז א חוץ זיין לומדות אויך א גרויסער דאָקטאָר, און דערצו זאגט מען, איז ער גאר אן ארייגעהער ביים קאַליף אין פאלאץ און איז א פארנומענער מענש, טו ווי אזוי וועט ער האבען צייט צו פיהרען די גרויסע קאָרדאָווער אידישע קהלה.

די פרויען פון אויבען, פון עזרת נשים, האבען זיך מיט חסדאי'ן גע־בענטשט.

— די אײדעלקײט ליגט איהם אויפ׳ן פּנים, — האָט איין פרוי באַמערקט.

— יאַ, יאַ, — האָט אַ צװײטע פרוי צוגעגעבען, — אַזאַ זוהן איז דאָך אַ בענטשונג פאַר די עלטערען, וואָס פאַר אַ גאָלדענע מזל ער האָט.

שושנה האָט געהערט די באַמערקונגען. אַ בעשײדענע רויטקייט האָט באַדעקט איהר שעהנעם פּנים. איהר האַרץ האָט גענומען קלאַפּען... זי האָט אַרונטערגעלאָזען איהרע אויגען, וואָרפענדיג פון זייט איהרע בליקען צו דעם פּלאַץ וואו חסדאי איז געשטאַנען.

מעהר פון אַלעמען איז ר׳ שמואל געווען בעגייסטערט פון חסדאי׳ס ווערטער. ער האָט פון איהם די גאַנצע צייט די אויגען נישט אַרונטערגענומען... ער האָט אין איהם געזעהען די פאַרקערפּערונג פון אַלע מענשליכע אייגענשאַפטען.

— איך בין זיכער, — האָט זיך ר׳ שמואל אָפּגערופען צום רב נאָכ׳ן דאַווענען, — אַז דער יונגער חסדאי וועט זיין נישט נאָר אַ שטאָלץ און אַ ציערונג פאַר די אידען אין קאָרדאָוואַ, זאָנדערן אויך פאַר די אידען פון דער גאַנצער וועלט.

— ווי עס ווייזט אויס, — האָט איהם דער רב געזאָגט, — איז חסדאי גאַנץ גוט בעהאַוועגט אין די פּאָליטישע אַנגעלעגענהייטען פון אונזער רעגירונג; עס וואָלט דאַריבער געווען זעהר ווינשענסווערטה, אַז מיר זאָלען זיך מיט איהם באַראַטהען ווי אַזוי צו קריגען פון אונזער רעגירונג די נויטיגע הילף צו פאַרקלענערען דעם שקלאַפען־פאַנגען און אָפּצושאַפען דעם שקלאַפען־האַנדעל.

ר׳ שמואל מיט׳ן רב זיינען צוגעגאַנגען צו חסדאי׳ן און איהם אָפּגעגעבען אַ וואַרעמען "גוט שבת".

— מיר וואָלטען וועלען זיך בעראַטהען מיט דיר וועגען אַנצונעהמען די נויטיגע מיטלען כדי צו צווינגען די האַרטנעקיגע שקלאַפען־הענדלער זיי זאָלען אויספאָלגען די גזירה וואָס מיר האָבען גוזר געווען היינט אין שוהל.

האָט איהם דער רב גערדריקט די האַנד.

— איך וויל האָבען די עהרע און דאָס פאַרגעניגען דיך איינצולאַדען אין מיין הויז היינט ביינאַכט צו מלוה מלכה. אונזער ווירדיגער רב וועט אויך זיין און צוזאַמען וועלען מיר בעשליסען ווי אַנצוגעהן מיט דער הייליגער זאַך, — האָט איהם ר׳ שמואל געזאָגט.

חסדאי האָט מיט דאַנקבאַרקייט און צופרידענהייט אַנגענומען די איינלאַדונג.

ווען ר׳ שמואל האָט ביים טשאָלענט עסען דערצעהלט דאָס ער האָט איינגעלאַדען חסדאי׳ן צו מלוה מלכה, כדי צו בעראַטהען זיך וועגען אַ וויכטיגען ענין, האָט זיך ביי יעדען אויפ׳ן פּנים באַוויזען אַ צופרידענער שמייכעל.

— ער ווייזט אויס צו זיין אַ זעהר געלערנטער און געבילדעטער יונגערמאַן,

— האָט זיך אָפּגערופן דער אורח, — ער האָט אַלעמען בעגייסטערט מיט זיין רעדע.

— ער איז ניט נאָר באַליעבט ביי אונז אידען, — האָט ר׳ שמואל מיט שטאָלץ געזאָגט, — דער קאַליף און די קאַליפען האַלטען פון איהם אַן עולם ומלאו. ער פאַרברייינגט זעהר אָפט מיט אונזער קלוגען און געלערנטען קאַליף. און מען זאָגט, אַז דער קאַליף באַראַטה זיך מיט איהם האַגאַר וועגען מלוכה־ענינים...

— געבענטשט איז אַזאַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע קלוגע גוטהערציגע הערשער, — האָט דער אורח אויסגערופען, — אין די קריסטליכע לענדער קען אַזעלכעס נישט פּאַסירען, דאָס אַ הערשער זאָל פאַרברייינגען מיט אַ אידען.

אברהם בן אברהם האָט זיך געפיהלט גליקליך וואָס ער וועט האָבען אַ געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט דעם יונגען חסדאי׳ן.

— דאַנקען גאָט, — האָט ער זיך אָפּגערופען, — וואָס איך וועל האָבען די מעגליכקייט פאַר מיין אָפּפאָהרען צו מיין ליעבע פרוי, זיך צו באַקענען מיט דעם געלערנטען חסדאי׳ן, וועלכער ווי איך בין זיכער, וועט העלפען מאַכען אַ סוף צו דעם שרעקליכען שקלאַפען־האַנדעל.

— די עצה פון מנשה אבן זמרי איז מאַקי אונערטרעגליך, — האָט זיך אָפּגערופען ר׳ שמואל, — האָט ער זיך דאָס צוקאַכט, דער נידערטרעכטיגער! ווען הפני וואָלט איהם נישט אָפּגעהאַלטען וואָלט ער זיך נאָך געבאָפּט שלאָגען.

— זעהסט דאָך, דער זוהן זיינער איז שוין בעסער פון איהם, — האָט געזאָגט מרים, — חפני, ווי עס ווייזט אויס, וואָלט שוין לאַנג אויפגעגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל, נאָר מנשה דערלאָזט איהם נישט.

— נו, יעצט וועט איהם קיינע עקשנות נישט העלפען, ער וועט שוין מוזען פאַלגען.

* * *

שבת־צו־נאַכט האָט ר׳ שמואל, קומענדיג פון שוהל, געמאַכט הבדלה און זיך שטילערהייד געזונגען די זמירות; ער האָט זיך געזעגענט מיט דער שעהנער פּרינצעסין שבת מלכה...

אין הויז האָט מען זיך גענומען גרייטען אויפצונעהמען די חשוב׳ע געסט, דעם רב און חסדאי אבן שפּרוט.

אַ קלאַפּ אין טהיר האָט זיך געהערט און ר׳ נתן איז אַריינגעקומען צוזאַמען מיט חסדאי׳ן.

— אַ גוטע וואָך, — האָבען זיי אויסגערופען צו אַלעמען.

— אַ גוטע וואָך, אַ גוטען יאָהר! ברוכים הבאים! — האָט ר׳ שמואל געענטפערט, און זיי געבעטען זיצען.

ר׳ שמואל האט פארגעשטעלט דעם גר אברהם בן אברהם צו חסדאי׳ן, און איהם בקיצור דערצעהלט וואס מיט איהם האט פאסירט.

— אט אזוי, — האט ר׳ שמואל פארענדיגט, — וואלט אזא מאן פארקויפט געווארען פאר אן אייביגען שקלאף און זיין גאנצע פאמיליע וואלט רואינירט געווארען.

— ווי אזוי וואלטען מיר געקענט פאראינטערעסירען אונזער רעגירונג אין העלפען אונז אפשאפען דעם שקלאפען־האנדעל? — האט דער רב געפרעגט חסדאי׳ן.

— אונזער גנעדיגער קאליף, אבדו ראחמאן, — האט חסדאי געענטפערט, — צייכענט זיך אויס נישט נאר מיט זיין גוטהערציגקייט און זיין שכל הישר, נאר אויך מיט זיין געלערנטקייט און זיין פארעהרונג פון אונזער הייליגער תורה. ווען די אידישע פארשטעהער זאלען צו איהם קומען און איהם בעטען ער זאל אונז ארויסהעלפען אין אונזער פארזוך צו פארקלענערען דעם שקלאפען־האנדעל און דערצו אנצייגען אז דאס איז דער פערלאנג פון אונזער תורה, וועט ער אונז געוויס העלפען מיט געלד און מיט מאכט...

— אין אונזער הייליגער תורה ווערט אבער גארנישט דערמאהנט וועגען אן אסור אויף שקלאפען־האנדעל, — האט דער רב געזאגט.

— רבי, — האט זיך אפגערופען שושנה, וועלכע איז אויך געזעסען ביים טיש נעבען איהר פאטער, — אויב אונזער הייליגע תורה דערמאהנט נישט אויסדריקליך א פארבאט אויף שקלאפען־האנדעל, איז דאך אבער פאראן א פסוק אין פרשה כי תצא פון וואס מען קען לערנען אן אסור אויף שקלאפען־האנדעל. אונזער הייליגע תורה זאגט אונז: "לא תסגיר עבד אל אדוניו אשר ינצל אליך מעם אדוניו" (דו זאלסט נישט איבערגעבען א שקלאף, וועלכער איז אנטלאפען צו דיר פאר שוץ, צו זיין האר). און אויב מען טאר נישט איבערגעבען איינעם, וועלכער איז געווען א שקלאף, צו זיין האר, טאר מען דאך געוויס נישט איבערגעבען א מאן, וועלכער איז קיין שקלאף קיינמאל נישט געווען, צו איינעם פאר א שקלאף.

— ביזט גערעכט מיין טאכטער, — האט ר׳ שמואל אויסגערופען מיט שמחה, — דאס איז א גוטע ראיה פון דער תורה.

— זאל דיר גאט בעלייכטען דיין גאנצען לעבען, ווי דו האסט אונז יעצט בעלויכטען מיט דיין קענטשאפט אין אונזער תורה, — האט זיך אפגערופען ר׳ נתן. — עס איז וויחקליך א וואונדערבארער "קל וחומר" און מיר וועלען עם געוויס קענען בענוצען איבערצייגען אונזער קאליף.

חסדאי איז געווען איבערראשט. און זיין בעוואונדערונג איז געווען אזוי

גרויס, אז ער האט פאר א ווײלע קיין ווערטער ניט געפונען אויסצודריקען זיין ענטציקונג פאר דער וואונדער־שעהנער און געלערנטער שושנה.

— איך וויל דיר פון מיין טיעפען הארצען בעדאנקען, גנעדיגע שושנה, — האט חסדאי זיך געווענדעט צו שושנה׳ן, — איך האב פון דיר א סך געלערנט היינטיגען אבענד. דיין פלאן איז אויסגעצייכענט.

מרים האט שטארק געקוואלען פון איהר טאכטער... זי האט פון איהר איהרע אויגען נישט ארונטערגעלאזען...

"ווי פרעכטיג שעהן שושנה איז", — האט זי געטראכט. זי האט באַמערקט ווי חסדאי ווארפט זיינע צערטליכע בליקען אויף איהר... זי האט געזעהן שושנה׳ס שטראהלענדע אויגען און איהר גערויטעלטען פנים, און איהר מוטער־הארץ איז אנגעפילט געווארען מיט זיסע, אנגענעהמע געפיהלען און געדאנקען...

עס איז ביי זיי בעשלאסען געווארען, אזוי ווי חסדאי וועט האבען די ערשטע געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט דעם קאליף, זאל ער איהם ערקלעהרען דאס די אידישע תורה פארבאט שקלאפען־האנדעל און אויך בעטען זיין הילף צו פארלינדערען די לאגע פון די שקלאפען.

מרים און שושנה האבען געבראכט צום טיש וויין און פארשידענע גוטע זאכען.

ר׳ שמואל האט אנגעפילט די כוסות מיט וויין און האט געזאגט:

— ביי דיזער געלעגענהייט וויל איך אייך זאגען, דאס אונזער ווירדיגער גאסט, אברהם בן אברהם פאהרט מארגען אפ נאך זיין לאנד צו זיין פאמיליע. לאמיר טרינקען לחיים פאר זיין געזונט און וויגשען איהם א הארציגען "צאתך לשלום".

דער רב האט גענומען דעם כוס אין האנד און געזאגט:

— אברהם בן אברהם, מיר ווינשען דיר א גליקליכע רייזע, דו זאלסט קומען געזונטערהייד צו דיין פאמיליע און אלעמען טרעפען געזונט און גליקליך. יהי צאתך לשלום ובואך לשלום!

אלע אין הויז האבען געענטפערט: אמן.

אברהם בן אברהם האט זיך אוועקגעשטעלט און געזאגט:

טהייערע פריינד! איך דאנק אייך הערצליך פאר אייער ברכה, און איך האף דאס די ברכה וועט מיר באגלייטען אויף מיין רייזע און צוריקברייגגען אהער מיט מיין גאנצע פאמיליע. איך וועל בעטען ערלויבניש ביי דיזער געלעגענהייט אויסצודריקען אייניגע געפיהלען פאר מיין אפפאהרען פון קארדאווא.

ווען מיין ליעבע קלארים האט מיר ענטדעקט איהר געהיימניס דאס זי שטאמט פון אידען, איז דאס אידישע פאלק ביי מיר געשטיגען אזוי הויך, דאס

איך האָב מורא געהאַט, פּיעליייכט בין איך נישט ווערטה צו ווערען א מיטגליעד פון דער וואונדערבארער נאציאָן... ווען איך האָב זיך געזעגענט מיט מייי טהייערע פרוי, קלארים, האָב איך געשוואָרען דאָס איך וועל טהאָן אלעס אין מיין מעגליכקייט כדי ווערטה צו זיין צו ווערען א מיטגליעד פון דער נאָבעלער און שטאָלצער אידישער נאציאָן, וועלכע בעזיצט אזעלכע ערהאבענע פערזאָנען ווי מיין פרוי קלארים און איהר פאטער. ווען דער אומגליק האָט מיר געטראָפען און איך בין געפאנגען געוואָרען און דערנאָך אָפּגעקויפט געוואָרען פון חפני אבן זמרי, זיינען מיינע אנגסטען און שמערצען געוועזן זעהר גרויס, נישט אזוי פון די שלעכטע בעהאנדלונגען און פו די גרויסע יסורים און צרות וואָס איך האָב געליטען דורך חפני'ן, נאָר פון דעם וואָס איך האָב זיך דערוואוסט אז דאָס אידישע פאָלק בעזיצט אויך אזעלכע געמיינע פערזאָנען, ווי ער. איך האָב זיך געפיהלט עטוואס ענטטוישט... אבער ווען גאָט האָט מיר געהאָלפען און צוגעשיקט דיזע מלאכים אין געשטאלט פון מענשען, וועלכע האבען מיר נישט נאָר אויסגעלייזט פון אייביגער קנעכטשאפט, נאָר זיי האבען אויך אין מיר אריינגעגעבען א נייעם גייסט, א גייסט פון אידישער הייליגקייט, בין איך יעצט א גאנץ אנדער מענש געוואָרען. מיין אידעאל וואָס איך האָב געהאַט וועגען דאָס פאָלק ישראל איז אין מיר פארשטארקט געוואָרען. די אלע ליידען וואָס איך האָב זיך אנגעליטען דורך מיין געפאנגענשאפט האבען מיר צום העכסטען גליק געבראכט. איך וואָלט דורכגעמאכט טויזענד מאָל אזוי פיעל ליידען אום צו דערגרייכען דאָס וואָס איך האָב ביז איצט דערגרייכט! איך שווער ביי אלעם וואָס איז הייליג, דאָס מיט גאָטעס הילף וועל איך זיך צוריקקעהרען, מיט מיין פרוי און קינדער און מיין שווער, צו דיזער וואונדערבארער שטאָדט קאָרדאָווא. און איבערגליקליך וועל איך זיך פיהלען ווען מיין ליעבע פרוי וועט האבען די מעגליכקייט זיך צו בעפריינדען מיט די געטליכע און גוטהערציגע פרויען מרים און שושנה, און זיי בעדאנקען און קושען פאר אלע חסדים וואָס זיי האבען מיט מיר געטהאָן. געבענטשט איז דאָס פאָלק וואָס בעזיצט אזעלכע פערזאָנען ווי די אבן ברוך פאמיליע, אזעלכע מענשען ווי אונזער הייליגער ר' נתן, וועלכער האָט מיר פאר א ריכטיגען שטאָלצען אידען געמאכט, און אזעלכע מענשען ווי דער געלערנטער און קלוגער חסדאי אבן שפרוט.

איך וויל זיך יעצט מיט אייך אלעמען געזעגענען און אייך בעדאנקען נאָך אמאָל פאר אלעס וואָס איהר האָט פאר מיר געטהאָן. זייט אלע געזונט! צום ווידערזעהען!

אלע האָבען געטרונקען ויין און איהם אנגעווינשען א גליקליכע רייזע.

אויף מאָרגען איז אברהם בן אברהם אָפּגעפאָהרען נאָך זיין געבורטס־שטאָדט פּאַדוא.

* * *

נאָכדעם ווי עס איז בעשלאָסען געוואָרען ביי דער אידישער קהלה אין קאָרדאָווא אריינצוליינען אין חרם יעדען פערזאָן וועלכער וועט ניט בעפרייען אָדער פאַרקויפען זיינע שקלאַפען אין דרייסיג טעג צייט, איז חפני געוואָרען זעהר בעזאָרגט. ער האָט זיך ארומגעזעהען דאָס ווייטער אנגעהן אזוי וועט ער נישט קענען... ער וועט מוזען אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל...

חפני איז אוועק צו אבו נאסיף און איהם געזאָגט:

— איך בין יעצט געקומען דיר זאָגען דאָס דיזען מאָל בין איך געצוואונגען אויפצוגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל און איך וועל שוין פון היינט מעהר ביי דיר קיין שקלאַפען נישט קענען קויפען.

— און איך זאָג דיר, אז דו וועסט נישט אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל! — האָט איהם אבו נאסיף קאַלטבלוטיג געענטפערט.

— וואָס מיינסטו? — האָט זיך חפני ווי געבעטען ביי אבו נאסיף, — איך מוז דאָס אויפגעבען אין משך פון דרייסיג טעג, אויב נישט, דאַן ווער איך אריינגעלייגט אין חרם און אלע מיינע האָפנונגען צו קריגען שושנה'ן פאַר מיין פרוי, וועלען זיכער פאַרשווינדען ווערען.

— זיי אָבער וויסען, האָט איהם אבו נאסיף שטרענג א זאָג געטהאָן, — דאָס אין דעם טאָג ווען דו וועסט אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל וועל איך דיין געהיימנים פון שושנה'ס געפאַנגען ווערען, פאַר אלעמען ענטדעקען... און דאַן וועסטו דאָך איהר זיכער פאַרלירען... דו הערסט!

חפני איז בלאַס געוואָרען. ער האָט אנגעפאַנגען ציטערען. נאָכהער האָט ער זיך אביסעל בערוהיגט און געזאָגט:

— דו וועסט דאָך אזא זאַך נישט טהאָן צו אן איבערגעבענעם פריינד ווי איך בין צו דיר. איך בין וויליג גוט צו מאַכען דיין שאָדען... זאָג דאָך מיר, מיין טהייערער אבו נאסיף, וויפיעל געלד וועסטו דורך מיין אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל פאַרלירען, און איך וועל דיר עס בעגיטיגען.

— דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען געלד, — איז אבו נאסיף נאָך שטרענגער געוואָרען, — איך ווייס אָבער דאָס די איבריגע שקלאַפען־הענדלער פון קאָרדאָווא קוקען אויף דיר און אויב זיי וועלען זעהן, אז דו גיסט אויף דעם שקלאַפען־האַנדעל, וועלען זיי דיר נאָכטהאָן, און דאַן וועל איך נישט האָבען וואו אהינצוטהאָן מיינע געפאַנגענע, ווען אָבער זיי וועלען זעהן דאָס דיר קימערט נישט וואָס דיין רב זאָגט און דאָס דו האָסט נישט קיין מורא פאַר דעם חרם, דאַן וועלען זיי געוויס אויך נישט אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל.

— איך קען מיר אבער נישט העלפען, — האט חפני זיך גענומען בעטען ביי איהם, — איך וועל מוזען אויספאלגען דעם יעצטיגען באפעהל, איך וויל דאך נישט אריינגעלייגט ווערען אין חרם. זאג דאך מיר, גוטער ברודער, וויפיעל געלט איך זאל דיר ברייגנען און זאפארט וועסטו עס קריגען...

— איך האב דיר דאך געזאגט, — האט אבו נאסיף געשטורעמט מיט כעס, אז דא האנדעלט זיך נישט וועגען געלד. דער שקלאפען־האנדעל מוז אנ־געהן ! ! און אויב דו ווילסט אז דיין געהיימניס זאל בלייבען אויף אימער פארזיגעלט, דאן מוזטו פארטזעצען דיין שקלאפען־האנדעל ווי פריהער, און די איבריגע וועלען נאכטהאן דיין ביישפיעל.

— אבער מיין טייערער פריינד, אבו נאסיף, — האט זיך חפני אפגע־רופען מיט טרעהרען אין די אויגען, — דו האסט מיר א סך ארויסגעהאלפען מיט דיינע קלוגע עצות ווי אזוי צו געווינען שושנה׳ן, און יעצט וועט פון אלעם גארנישט ווערען... ווי נאר איך וועל אריינגעלייגט ווערען אין חרם, אזוי וועל איך זיך שוין מעהר נישט טארען בעווייזען אין שושנה׳ס הויז. און אויב מיר וועט ווערען אונמעגליך צו בעזוכען שושנה׳ן איי איהר הויז, דאן געהט דאך מיין גאנצע האפנונג אוועק ווי רויך... און מיין גאנצע מיה און געלד וואס איך האב זיך געלאזט קאסטען, אננעהמענדיג דיין עצה וועגען פאנגען שושנה׳ן, וועט זיין אומזיסט...

— צוליעב וואס, חפני, מיינסטו, פינסטערען אין געפענגניס מיינע צוויי געטרייע קנעכט, אבדו מאלעך און מוק מאראב ? צוליעב דעם, דיינקסטו, כדי דו זאלסט זיך קריגען די שעהנסטע מיידעל פון קארדאווא פאר א ווייב און זיך לעבען אין פארגעניגען ?... ניין, חפני, ניין ! נישט צוליעב דעם זיצען מיינע קנעכט אין געפענגניס... זיי זיצען דארט צוליעב דעם האס דער שקלאפען־האנדעל זאל אנגעהן אין קארדאווא ! און יעצט קומסטו מיט דיין נארישען פלאן ! געה אהיים און שלאג זיך ארויס דיינע נארישקייטען פון קאפ.

— ווארט, איך האב אנאנדער עצה, — האט חפני געזאגט מיט א שטראה־לענדען פנים, — איך וועל זיך כלומרשט צוריקציהען פון שקלאפען־האנדעל, און מיינע צוויי קנעכט, וועלכע פיהרען די שקלאפען פון מארק וועלען פון דיר קויפען די שקלאפען ווי פריהער, אבער דאס וועט דערהוויל הייסען דאס זיי זיינען אריין אין געשעפט פאר זיך... עס וועט הייסען פאר די אידען אין קארדאווא דאס איך האב אויסגעפאלגט דעם באפעהל פון דער קהלה, און דערמיט וועל איך פארמייי־דען דעם חרם. און איך זאג דיר צו ווי נאר שושנה וועט ווערען מיינע, וועל איך שוין מעהר נישט דארפען מורא האבען פאר דער קהלה, דאן וועל איך ווידער איבערנעהמען דעם שקלאפען־האנדעל אין מיינע הענד... נו ? ווי געפעלט דיר מיין עצה, אבו נאסיף ?

— כא, כא, כא, — האָט זיך אבו נאסיף צולאַכט, — דיין קאָפּ איז דאָך א אידישע, אָבער שכל האָסטו נישט מעהר ווי אַן עזל!... איך האָב דיר נאָר וואָס געזאָגט, אַז איך וויל דאָס די איבעריגע שקלאַפען־העגדלער זאָלען פון דיר א ביישפּיעל נעהמען און נישט אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל, אַזוי ווי דו וועסט נישט אויפגעבען, און יעצט קומסטו מיט דיין "קלוגע" עצה, און ווילסט צייגען פאַר אַלעמען אַז דו האָסט יאָ אויסגעפאָלגט דעם באַפעהל פון דיין שוחל... נאָר, הער זיך איין חפני, איך וויל מיט דיר קיין סך נישט רעדען, אַזוי האָב איך בעשלאָסען און אַזוי וועסטו טהאָן, און אַז נישט וועסטו ערגער מאַכען...

חפני האָט זיך ארומגעזעהען דאָס אבו נאסיף האַלט דעם בייטש איבער איהם און ער ליגט אונטער זיין מאַכט... יעצט האָט ער גענומען טראַכטען וואָס וועט זיין ערגער פאַר איהם: אריינגעלייגט צו ווערען אין חרם און ממילא פאַר־לירען זיין ליעבענדע שושנה, אָדער אָפּברעכען מיט אבו נאסיף און לאָזען איהם טהאָן וואָס ער וויל... ווען ער האָט אָבער א טראַכט געטהאָן: וואָס וועט זיין ווען אַלע וועלען זיך דערוויסען דעם אמת פון זיין "העלדישקייט", און איבער־הויפּט וואָס וועט שושנה זאָגען ווען זי וועט אויסגעפינען דאָס איהר געפאַנגענע ווערען און זיין "העלדישקייט" איז געפּלאַנט געוועזען פון איהם, חפני'ן אַליין... א שוידער געהט איהם דורך זיין לייב... ניין, ער וועט מוזען פאָלגען אבו נאסיף'ן.

— איך וועל טהאָן ווי דו הייסט מיר, אבו נאסיף, — האָט זיך חפני אונטערגעגעבען, — זעה דאָך אָבער, גוטער ברודער, מיר ארויסצוהעלפען ווי וויים מעגליך צו קריגען די וועמען מיין הארץ געלוסט... איך ליעב איהר אַזוי שטאַרק און איך מוז איהר קריגען פאַר מיין פרוי!... דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך ווינציג וואָס געגאָסען פון דיין ערשטע עצה, ווייל כאָטש איך קען יעצט אריין אין איהר הויז ווען איך וויל, אָבער זי, שושנה איז צו מיר אַזוי קאַלט ווי פריהער, און איז נאָך קיינמאָל מיט מיר נישט ארויס אויף א ווייַלע שפּאַצירען...

— וואָס זאָגען איהרע עלטערען? זיי שאַצען גאָר נישט אָפּ דיין "העלדיש־קייט" וואָס דו האָסט ארויסגעצייגט אין "ראַטעווען" זייער טאָכטער, — האָט אבו נאסיף געפרעגט מיט א שמייכעל.

— איהרע עלטערען זייגען זעהר דאַנקבאַר צו מיר; זיי האָבען מיר פאַרגע־שלאָגען א גרויסע סומע געלד פאַר מיין באַלוינונג; איך האָב זיך ענטזאָגט צו נעהמען געלד... איך האָב זיי געזאָגט, אַז מיין באַלוינונג וועט זיין, ווען איך וועל קריגען די, פאַר וועמען איך האָב מיין לעבען אין סכנה איינגעשטעלט און פון א זיכערען טויט געראַטעט — פאַר מיין פרוי. זיי האָבען מיר געענטפערט דאָס שושנה איז נאָך צו יונג... יעצט וועל איך איהר שוין אין גאַנצען פאַרלי־רען, — האָט חפני א בעזאָרגטער געזאָגט.

— טרויער נישט און זאָרג נישט, — האָט איהם אבו נאסיף א קלאַפּ גע־

טהאָן אין פליצע, — דו מהו ווי איך הייס דיר, און נאכהער וועלען מיר שוין געפינען אַן עצה ווי אריינצוקריגען שושנה׳ן פאר דיר.

צווייטער טייל

10טער קאַפּיטעל

די שלוחים פון בבל

אין דער צייט ווען רוים איז געוואָרען א קריסטליכע לאַנד, האָבען זיך די גרויסע ישיבות פון ארץ ישראל, אונטער דעם שווערען דרוק פון די רוימער, גענומען ביסלעכווייז צומאַכען. פיעלע גרויסע תלמידי חכמים האָבען פאַרלאָזען ארץ ישראל און געקומען אין בבל פאַרטזעצען זייער לערנען.

אין בבל האָבען די אידען געלעבט זינט דעם חורבן פון ערשטען בית המקדש. פיעלע גרויסע אידישע קהלות זיינען געווען אין בבל. זיי האָבען געהאַט אלע רעכטע און פרייהייטען. אלע קהלות זיינען געווען פעראייניגט צוזאמען אונטער די פיהרערשאַפט פון ״א ריש גלותא״ (דער האר פון די פארטריבענע), וועלכער איז אויסערוועהלט געוואָרען פון אלע אידען. דער ריש גלותא, וועלכער האָט געשטאמט פון מלכות בית דוד, האָט זיך גערעכענט פאר׳ן העכסטען ריכטער און פאַרוואַלטער פון אלע אידען אין בבל. דער ריש גלותא האָט זיך געלעבט זעהר רייך, ארומגערינגעלט מיט א סך דיענער. איהם האָבען די אידען געצאָהלט א שטייער וואָס ער פלעגט אָפּגעבען דעם פערזישען קעניג.

דיזע פרייהייט און זעלבסט־פאַרוואַלטונג האָט ארויסגערופען צווישען די באַבילאָנישע אידען א גרויסע געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייט און אונגעהייער גרויסע גייסטיגע שאַפונג. די גרעסטע און רייכסטע אידישע קהלות האָבען זיך געפונען אין די שטעדט סורא, פומבידיתא, נהרדעא און מחוזא. אין סורא און אין פומבידיתא זיינען געווען צוויי גרויסע ישיבות וואו טויזענדער תלמידים האָבען זיך געלערנט. די פיהרער פון די ישיבות האָבען זיך גערופען גאונים. גליקליכער־ווייזע האָבען די חכמים אין בבל באַוויזען צוזאמענצושטעלען דעם תלמוד איידער די שווארצע וואָלקענס האָבען זיך גענומען באַווייזען אויך אויפ׳ן באַבילאָנישען הימעל.

אין צעהנטען יאָהרהונדערט האָבען שוואכע פערזישע מלכים אנגעפאַנגען רעגיערען אין בבל. די אידען האָבען אנגעהויבען ביסלעכווייז צו ליידען. די געלד־שטיצע וואָס פלעגט אריינקומען פון די אידען אין פערשידענע לענדער אויפצוהאַלטען די ישיבות, האָט אויפגעהערט צו קומען. אזוי איז די גרעסטע ישיבה פון גאַנץ בבל, די ישיבה פון סורא, האָט זיך געשלאָסען.

די אידישע קהלה פון סורא האט זעהר פיעל געטרויערט וואס זייער גרויסע און באליעבטע ישיבה געהט אונטער. די עלטסטע פון שטאדט האבען פאררופען אן אסיפה זיך צו בארטהען ווי צו ראטעווען זייער אלטע ישיבה.

אין יענער צייט האט אין סורא געוואהנט א גרויסער געלערנטער און חכם ר׳ משה בן חנוך. ער האט זיינע גאנצע יונגע יאהרען פארבראכט אין דער ישיבה וואו ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שארפען מח און שכל הישר. ר׳ משה בן חנוך איז געווען באליעבט ביי אלע אידען פון סורא. איבערהויפט האט איהם ליעב געהאט דער אלטער ר׳ בנימין, וועלכער איז געווען רייך און געלערנט. ר׳ משה בן חנוך פלעגט אפט באזוכען ר׳ בנימין׳ען און צוזאמען פלעגען זיי פארברייינגען אין לערנען.

ר׳ בנימין האט געהאט א זעהר שעהנע טאכטער, וועלכע איז געווען בע־ריהמט מיט איהר לומדות, חכמה און צניעות. הדסה האט זי געהייסען.

ר׳ משה האט זיך פארליעבט אין הדסה׳ן און האט געוואונען איהר הארץ. זי האט איהם אויך זעהר שטארק ליעב באקומען. אלע האבען געזעהען אין ר׳ משה׳ן מיט הדסה׳ן א געבענשטען זיווג פון גאט.

ר׳ בנימין, הדסה׳ס פאטער, איז געווען העכסט גליקליך וואס ער קריגט אריין אזא למדן און געבילדעטען איידעם ווי ר׳ משה בן חנוך.

צו דער חתונה זיינען געקומען אלע אנגעזעהענסטע לייט פון סורא. די שעהנסטע און בכבוד׳יגע פרויען זיינען געקומען צו דער חופה. זיי האבען גע־זונגען ליעבעס ליעדער. די כלי זמר האבע געשפיעלט, אלע געסט האבען גע־טאנצט פרעהליכע טענץ, און די חכמים פון סורא האבען געלויבט און געריהמט דעם חתן און די וואונדערבארע שעהנע כלה. דער אונטערהאלט האט אנגע־האלטען ביז שפעט אין דער נאכט.

ר׳ בנימין האט געלאזט בויען א פראכטפאל שעהנע הויז פאר דאס יונגע פאר. אין א יאהר ארום, נאך דער חתונה, פונקט צום חנוכת הבית, האט הדסה געבוירען ר׳ משה׳ן א זוהן. ער האט איהם א נאמען געגעבען נאך זיין פארשטאר־בענעם פאטער — חנוך. דער גראטענער אינגעל איז געוואקסען ווי א בלום אין זאנענשיין. ווען ער איז אלט געווען פיער יאהר, האט איהם די מוטער גע־פיהרט יעדען טאג אין דער סורא׳שער ישיבה כדי זיינע אויערען זאלען הערען די הייליגע תורה קלאנגען וואס קומט ארויס פון די תלמידי חכמים.

ר׳ משה פלעגט קומען אין דער ישיבה צוויי מאל א וואך וואו ער האט געהאלטען אויסגעצייכענטע דרשות פאר אלע תלמידי חכמים.

יעדען שבת פלעגען צו איהם קומען פופציג פון די גרעסטע חכמים פון סורא, און צוזאמען מיט ר׳ משה׳ן און זיין פרוי הדסה, עסען אויף איין טיש. נאכ׳ן עסען האט ר׳ משה געהאלטען א דרשה פון דער סדרה פון וואך. די תלמידי

חכמים האבען גענומען פרעגען קשיות און ר׳ משה האט זיי פארענטפערט. הרסה וועלכע איז אליין אויך געווען בעהאווענט אין תלמוד, האט פיעלע מאל באזיעגט די חכמים מיט איהרע שארפע, לאגישע אנטווארטען.

די גרויסע פאלקס־פארזאמלונג וואס איז פאררופען געווארען אין דער שוהל זיך צו בעראטהען וואס צו טהאן כדי די הייליגע ישיבה זאל נישט אונטערגעהן, האט געדויערט א גאנצען טאג. מען האט גערעדט און דעבאטירט וועלכע מיטלען אנצונעהמען. צו קיין באשלוס אבער איז מען נישט געקומען. פיעלע עצות זיינען פארגעלייגט געווארען, אבער קיינע פון זיי איז געווען נעגוג פראקטיש. אז עס איז געווארען גאנץ שפעט און מען האט זיך נאך אלץ נישט געקענט אייניגען צווישען זיך, איז ר׳ משה בן חנוך ארויף אויף דער בימה און האט אין אן אויס־פיהרליכע און גלענצענדע רעדע ערקלעהרט אלע שטרויכלונגען וואס ליגען אין די אלע עצות וואס זיינען נעגעבען געווארען ביז אהער.

— מיין עצה איז, — האט ר׳ משה געשלאסען זיין רעדע, — אז דער גאנצער קהל וואס געפינט זיך יעצט דא, זאלען אויסקלייבען פיער פעהיגע פערזאנען, וועלכע זאלען ארויספאהרען אין די פערשיעדענע גרויסע אידישע קהלות און זוכען געלד־שטיצע פאר אונזער ישיבה. אין אייראפא זיינען פאראן פיעלע רייכע אידישע קהלות און זיי וועלען אונז אלוים ניט ענטזאגען צו געבען די נויטיגע הילף פאר אזא הייליגען צוועק.

זיין פארשלאג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען מיט גרוים באגייס־טערונג, און דאס פאלק האט אויסגעקליבען די פיער פערזאן. דעם ערשטען האבען זיי אויסגעקליבען טאקע דעם עצה־געבער אליין, ר׳ משה בן חנוך; דער צווייטער איז געווען דער גרויסער למדן ר׳ שמריה בן אלחנן; ר׳ חושיאל, דער פאטער פון בעריהמטען רבנו חננאל איז געווען דער דריטער, און דער פיערטער איז געווען ר׳ נתן בן יצחק הבבלי.

די ראשי הקהל האבען זיי אלעמען איבערגעגעבען פארזיגעלטע בריעף מיט דער חתימה פון דער ישיבה, וואו זיי האבען ערקלעהרט דעם טרויעריגען צושטאנד אין וועלכען די ישיבה געפינט זיך.

ווען ר׳ משה האט זיך גענומען זעגענען מיט זיין שעהנע ליעבענדע פרוי און מיט זיין טהייערען זוהן, האבען אלע אויסגעבראכען אין א גרוים געוויין..

— מיין טהייערער משה, — האט הרסה געזאגט וויינענדיג, — דו פאהרסט אוועק אזוי וויים... גאט וויים וועלכע געפאהרען עס וועט דיר אויסקומען אויסצו־שטעהען, און איך וועל דא בלייבען רוהיג און נעזיכערט פון אלע געפאהרען. ניין, איך וועל מיט דיר מיטפאהרען... אהן דיר וועל איך קיין טאג נישט קענען לעבען פון צער און בייגקעניש. איך, און אונזער ליעבער זוהן, חנוך, וועלען

מיטפאַהרען מיט דיר, און אונזער ליעבער גאָט וועט אונז בעשיצען צוליעב דעם זכות פון אונזער קליינעם אומשולדיגען זוהן.

— מיין טהייערע געטרייע פרוי, — האָט איהר ר' משה געזאָגט קושענדיג, — איך וואָלט דיר נישט וועלען איינשטעלען אין אזעלכע סכנות וואס טרעפען זיך אויף אזעלכע ווייטע רייזעס, אבער אז דאָס איז דיין פארלאַנג און וואונש, זאָל דיר גאָט בענטשען און זאָל דיר און אונזער בן יחיד'ל אויסהיטען פון אלעם שלעכטעם.

זעהר ריהרענד איז געווען דאָס געזעגענען זיך פון ר' בנימין מיט זיין ליעבענדע טאָכטער הדסה, מיט זיין איידעם ר' משה און זיין אייניקעל הנוך. דער אלטער האָט אויפגעהויבען זיינע הענד און זיי געבענשט... שטילערהייד האָבען זיינע ליפען מתפלל געווען:

—"פאָטער אין הימעל! בעשיץ זיי אין זייער וועג, היט זיי, ווי דו האָסט געהיט יעקב אבינו, און ברייננ זיי צוריק געזונטערהייד! זאָלען מיינע אויגען נאָך זוכה זיין צו זעהן זייער צוריקקעהרען זיך גליקליך און ערפאָלגרייך אין זייער שליחות".

די גאַנצע שטאָדט סורא איז ארויס באַגלייטען די פיער תלמידי חכמים און האָבען זיי געוואונשען א גליקליכע רייזע.

פינף טעג האָבען די פיער גרויסע חכמים פון סורא פארבראַכט רוהיג אויף'ן שיף. זיי האָבען גערעדט וועגען תורה, זיך מפלפל געווען אין תלמוד און זיך בעראַטהען ווי אזוי צו פאַראינטערעסירען די אידישע קהלות אין זייער גרויסע ישיבה פון סורא.

די שעהנע הדסה, ר' משה'ס פרוי, האָט זיך אפּגעגעבען מיט איהר קליינעם זוהן חנוך. שטילערהייד, אין א ווינקעל, האָט זי איהם געלערנט די תורה.. איהר פנים איז געווען באַדעקט מיט א שלייער. אויפ'ן קאָפּ האָט זי געטראָגען א גרויסען פארוק כדי זי זאָל אויסקוקען אלט, אום ניט צוצוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די פרעמדע מיטרייזענדע...

אויפ'ן זעקסטען טאָג, גאַנץ פריה, האָבען די חכמים געהערט א גרויסען טומעל. זיי זיינען ארויסגעגאַנגען זעהן וואס עס קומט פאָר. זיי האָבען באמערקט ווי דער שיפס קאַפּיטאַן איז ארויסגעלאָפען פון זיין קאַיוטע אין נאַכט־קליידער. די מאַטראָזען זיינען ארומגעלאָפען דערשראָקענע הין און צוריק, איינינע האָבען געכאַפּט געוועהר אין האַנד, אנדערע — עמערס פול מיט וואסער. די פרויען און די קינדער האָבען געוויינט, געשריען און געפּילדערט...

— וואס קומט דאָ פאָר? — האָט ר' משה, וועלכער האָט געקענט גוט אראַביש, געפרעגט אן אלטען אראַבישען מאַטראָז, — ברענט דען די שיף?

— דערווייל ברענט די שיף נים, — האָט איהם דער אלטער מאַטראָז גע־

ענטפערט מיט א טרויער, — אבער מען קען נישט וויסען וואס יעדע שטונדע קען ברייננען...

מיט אמאל הערט ר' משה די דונערנדע שטימע פון שיפס קאפּיטאן:

— מאטראזען און באדיענטע! זייט גרייט פאר א שווערען קאמף. די גרויסע רויבער־שיף פון דעם בעוואוסטען רויבער־קאפּיטאן אבן רומחים, פאהרט אונז אנטקעגען!... מיר טארען זיך נישט אונטערגעבען, לאמיר אלע קעמפען ווי לייבען!...

— אלאה, העלף אונז, — האבען די מאטראזען געשריען.

— פאר אלאה און זיין היילינען נביא מחמד — האט דער קאפּיטאן אויס־געשריען און ארויסגעצויגען זיין שווערד.

א בלאסער און צושראקענער איז ר' משה ארונטערגעגאנגען און די טרויע־ריגע בשורה דערצעהלט זיין פרוי און זיינע חברים. א טויט־שרעק איז אויף זיי געפאלען... הדסה האט איהר פנים נאך שטארקער פארשריעט... זי איז צוגע־לאפען צו איהר בן יחיד'ל, איהם ארויפגענומען אויף איהרע הענד, איהם גע־דריקט צום הארצען און זיך מיטט איהם בעהאלטען אין א ווינקעל פון שיף...

— גיט די עמער וואסער צו די פרויען, זאלען זיי זיין גרייט אויסצולעשען דאס פייער אויב אונזער שיף וועט אנגעצונדען ווערען פון דעם פייער וואס די רויבער וועלען ווארפען אויף אונז... איהר האלט גרייט אייערע שווערדען און שפּיזען און עמפפאנגט דעם שונא ווי העלדען.

דער שיפס־קאפּיטאן האט געצוואונגען די פיער חכמים פון סורא צו קעמפען אין דיזעלבע רייהע מיט די מאטראזען... מען האט זיי געגעבען שפּיזען און זיי געשיקט אויפ'ן דעק...

דער קאמפף האט זיך אנגעפאנגען... די רויבער־שיף איז צוגעשוואומען זעהר נאהענט... שטיקער פייער און פיילען זיינען געפלויגען פוןביידע זייטען. די פרויען האבען היסטעריש און יאמערליך געשריען; זיי האבען געהאלטען די עמער וואסער און אויסגעלאשען די ברענענדיגע פלעצער... זייערע געשרייען האבען זיך אויסגעמישט מיט די קרעכצען פון די פערוואונדעטע מאטראזען.

— אוי!... אוי!... איך בין געטויטעט... — האט א פארוואונדעטער גע־יאמערט.

— מיין מאן! מיין מאן! — איז א פרוי צוגעלאפען צו איהר צובלוטיגטען מאן און איהם ארומגענומען, — גאט העלף מיר, ער איז טויט!

דער קאפּיטאן איז געשטאנען אין דער הויך אנגעטהאן אין א פאנצער און האט קאמאנדירט:

— ברידער! פארלירט נישט דעם מוטה, קעמפט ווי לייבען! דער שונא וועט אייך קיין רחמנות נישט ווייזען!...

מיט ווילדע געשרייען און ווי צורייצטע חיות האבען די מאטראזען אנגע־צויגען נאך שטארקער זייער פייל און בויגען, און מיט מעהר היץ האבען זיי געווארפען דאס פייער אויף׳ן שונא׳ס שיף.

דער רויבער־קאפיטאן אבן רומחים האט זיין שיף נאך נעהענטער צוגע־פיהרט און געווארפען אייזערנע קייטען מיט קרוקעס אויף דער צווייטער שיף. די פיראטען האבען געלעגט ברעטער און האבען גענומען אריבערגעהן אויף דער שיף וואו די פיער חכמים פון בבל זיינען געווען. עס איז געווארען א האנד צו האנד קאמפף. מען האט אוועקגעווארפען פייל און בויגען און זיך גענומען צו די שווערדען. די קולות און יללות האבען זיך צונויפגעמישט מיט די שטארקע כוואליעס אין מיטען ים...

אט האט א געזונטער פיראט זיך ארויפגעווארפען אויף א מאטראז און פון איהם ארויסגעריסען זיין שווערד, איהם א הויב געטהאן און אריינגעווארפען אין ים... א ווייל האט דער מאטראז געקעמפט געגען די כוואליעס, האט אויפגעהויבען זיין קאפ און געשריען: העלף מיר, ראטעווע מיר! אבער ווער האט זיינע קולות געהערט און ווער האט זיך געקענט אומקוקען אויף איהם... ער איז באלד דערטרונקען געווארען...

דער שווערדען געפעכט איז געווארען שטארקער און ערבימערטער... טויטע און פערוואונדעטע זיינען געלעגען אויף׳ן דעק... געשרייען, קרעכצען און יאמער־ליכע געוויינען האבען אנגעפילט די לופט...

עטליכע שטונדען האט די שלאכט געדויערט... דער קאפיטאן אבן רומחים איז שוין געשטאנען נעבען קאפיטאן פון דער צווייטער שיף... זיי האבען ביידע דועלירט מיט די שווערדען. אבן רומחים איז אבער געווען געניטער און גע־שיקטער אין דועל־קאמפף; ער האט אריינגעשטאכען זיין שווערד אין דעם קא־פיטאנס הארץ. דער קאפיטאן איז געפאלען טויט.

— אונזער קאפיטאן איז טויט! אונזער קאפיטאן איז טויט!... — האבען זיך געהערט די פארצווייפעלטע געשרייען, — מיר זיינען פארפאלען! אלאה, העלף אונז! מיר זיינען פערלארען.

באלד האט איין מאטראז אויפגעהויבען א ווייסען פלאג. זיינע חברים האבען גלייך אוועקגעווארפען זייער געוועהר און זיך אונטערגעגעבען.

אבן רומחים האט באלד געארדערט אלעמען צו נעהמען געפאנגען אויף זיין שיף. די בעזיעגטע שיף האט מען צוגעבונדען צו די רויבער־שיף. די געפאנגענע מאטראזען און פאסאזשירען האט אבן רומחים געהייסען צושמידען מיט קייטען צו די רודערס פון שיף, און זיי זאלען העלפען טרייבען די שיף.

צווישען די געפאנגענע זיינען געווען די פיער חכמים פון סורא: ר׳ משה

בן חנוך, ר׳ שמריה בן אלחנן, ר׳ הושיאל, ר׳ נתן הבבלי און הדסה, ר׳ משה׳ס פרוי מיט זייער קליינעם זוהן חנוך.

11טער קאפיטעל

א הייליגער קרבן

דער געהילפס קאפיטאן, א דיקער, געזונטער יונג, מיט אייזערנע הענד און גזלנ׳ישע אויגען איז געשטאנען נעבען די אונגליקליכע און געהיט זיי זאלען טהאן זייער ארבייט פלייסיג. ווען איינער האט געוואלט זיך אפרוהען א ווײלע איז שוין דער היטער צוגעלאפען און מיט זיין גאנצען כח גענומען יענעם שמייסען מיט זיין ביימש אויף דעם נאקעטען לייב.

ר׳ משה בן חנוך, דער איידעלער, געלערנטער תלמיד חכם, איז אויך געווען צוגעשמידט צום רודער. זיינע הענד האבען אהן אויפהער באוועגט דעם רודער הין און צוריק... דער שוויס האט זיך פון איהם געגאסען... זיינע קליידער זיינען פון נאסקייט און שטענדיגען באוועגען, אויף איהם צופאלען געווארען. פאסען פון זיינע קליידער הייגגען איבער איהם. זיין לייב ווערט האלב נאקעט און ער ארבייט מיט די הענד, ער ארבייט אהן אויפהער... ביסלעכווייז, ווערען זיינע באוועגונגען לאנגזאמער... ער הערט אויף ארבייטען... ער ווערט פערטיעפט אין זיינע געדאנקען... האבען צו זיינע אויערען דערגרייכט דער שטילער, טרויעריגער יאמער פון זיין ליעבענדע הדסה, מיט דעם וויינען פון זיין צושראקענעם אומשולדיגען בן יחיד׳ל ?... אדער ער האט זיך דערמאהנט אין דער ישיבה פון סורא, און ער האט זיך פארטראכט וועגען דעם שיקזאל פון דער ישיבה וואס וועט מוזען אין גאנצען אונטערגעהן... יעצט אז די איינציגע האפנונג צו רעטען די ישיבה וואס איז געלעגט געווארען אויף זייער הייליגע שליחות, ווערט פערשוואונדען... און אפשר האט ער געטראכט פון זיין אייגענעם ביטערען שיקזאל... ווער ווייס אין וועמעס הענד ער וועט אריינפאלען... ער וועט פארקויפט ווערען פאר אן אייביגען שקלאף... וואס וועט ווערען פון זיין הדסה׳ן... אין וועמעס הענד וועט זי אריינפאלען מיט׳ן קינד... אומגליקליכע מוטער... וועט זי דאס אלץ אריבערטראגען... אומגליקליכער זוהן, וואס וועט פון איהם ווערען...

— דו פוילענצער, דו נידריגע באשעפענים — איז צו ר׳ משה׳ן צוגעלאפען דער געהילפס-קאפיטאן און איהם גענומען מכבד זיין מיט זיין ביימש, — איך וועל דיר ווייזען ווי אויפצוהערען ארבייטען! נא, דיר! נא, דיר! נא, דיר!

— האט ער איהם נאך מעהר מיט כח און רציחה געשמיסען.

ר׳ משה האט זיך געקארטשעט און געדרעהט פון יסורים. זיינע הענד האבען גענומען שנעל באוועגען דעם רודער. אבער דער געהילפס-קאפיטאן האט איהם נאך אלץ געשלאגען.

ווען די אומגליקליכע הדסה האָט דערזעהען אַז איהר געליעבטער מאַן ווערט מערדערליך געשמיסען פון דעם האַלב־ווילדען געהילפס־קאַפּיטאַן, איז זי צו איהם צוגעלאָפען, געפאַלען צו זיינע פיס און גענומען ביי איהם בעטען ער זאָל רחמנות האָבען אויף איהר מאַן.

די חיה אין געשטאַלט פון מענש האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט ביידע הענד אין די זייטען: א ווײלע האָט ער בעטראַכט הדסה׳ן מיט א שפּאָטישען שמייכעל. דערנאָך איז ער צו איהר צוגעגאַנגען און איהר אָנגענומען פאַר׳ן האַנד. ער האָט א ריס געטהאָן איהר שלייער פון פּנים....

ווי ער האָט דערזעהען איהר וואונדערבאַרען שעהנעם געזיכט און איהרע גרויסע ליכטיגע און צושראָקענע אויגען, האָט ער איהר אָפּגעלאָזען אויף א ווײלע און האָט אָפּגעטראָטען עטליכע טריט צוריק.

הדסה האָט אַרונטערגעלאָזען איהר קאָפּ, איהר קערפּער האָט אָנגעהויבען צו ציטערען, זי האָט זיך ווי אין קאָנוואולסיעס געוואָרפען... איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט געבעט, תחנונים...

חנוך, איהר קליינער אינגעל, איז צו איהר צוגעלאָפען און געשריען:

— מאַמע, מאַמע! איך האָב מורא! מאַמע, לאָמיר אוועקגעהן פון דעם שלעכטען מענשען, אוי, מאַמעלע, איך האָב מורא!...

דער געהילפס־קאַפּיטאַן איז ווידער צוגעקומען נעהענטער צו איהר; ער האָט פון איהר קאָפּ אַרונטערגעריסען דעם גרויען פאַרוק און האָט דערזעהען שעהנע, שוואַרצע לאָקען.

— דו האָסט זיך געוואָלט פאַרשטעלען פאַר אַן אַלטע העסליכע פרוי, — האָט ער געזאָגט, אָננעהמענדיג איהר האַנד, — אָבער מיר קען מען נישט אָפּנאַרען... איך דערשמעק א שעהנע פרוי, אַפילו אונטער א שווערען שלייער און אונטער א גרויען פאַרוק... קום נאָר אַהער צו מיר און לאָמיך דיר א קוש טהאָן אין דיינע שעהנע רויטע ליפּעלעך...

הדסה איז געפאַלען צו זיינע פיס, זי האָט יאָמערליך געוויינט און איהם געבעטען ער זאָל איהר אָפּלאָזען.

דער געהילפס־קאַפּיטאַן האָט איהר האַסטיג א הויב געטהאָן פון דער ערד. ער האָט איהר אַרומגענומען און געוואָלט א קוש טהאָן.

דער קליינער חנוך האָט נאָך שטאַרקער געשריען: מאַמע! מאַמע! ער איז צוגעלאָפען צום געהילפס־קאַפּיטאַן און איהם גענומען שלאָגען מיט זיינע קליינינקע הענטעלאַך, ער האָט איהם גענומען בייסען און קנייפּען...

דער געהילפס קאַפּיטאַן האָט מיט זיין לאַפּע א שטופּ געטהאָן דעם צו־שראָקענעם קינד, און דער קליינער חנוך איז אומגעפאַלען צום באָדען א צו־בלוטיגטער...

דער געהילפס־קאַפּיטאַן האָט הדסה'ן נאָך שטאַרקער געדריקט צו זיך און זיך איינגעבויגען איהר אַ קוש צו טהאָן...

הדסה האָט זיך געריסען, געראַנגעלט און געשריען...

— האַלט! — האָט זיך געהערט דעם קאַפּיטאַן אבן רומחים'ס דונערנדער געשריי.

דער געהילפס־קאַפּיטאַן האָט גלייך אָפּגעלאָזען הדסה'ן, און זי איז אַנידער־געפאַלען אויף דער ערד.

אבן רומחים האָט אַ ווייַלע בעטראַכט הדסה'ן. איהר שעהנער פּנים און איהר שעהנער נאַקעטער שולטער וואָס האָט זיך אַרויסגעזעהען פון די צוריסענע קליידער, וואָס דער געהילפס־קאַפּיטאַן האָט צוריסען ווען זי האָט זיך מיט איהם געראַנגעלט, האָט איהם בעצויבערט און בע'שכור'ט.

— דו אומווירדיגער, שמוציגער הונד! — האָט אבן רומחים געשטור־רעמט אויף זיין געהילף, — ווי וואַגסטו שלעכטס צו טהאָן צו דיזער וואונדער־שעהנער פרוי?

— מיין האַר, — האָט דער דערשראָקענער געהילפס־קאַפּיטאַן געשטאַ־מעלט, — דיזע שעהנע פרוי האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטע און העס־ליכע... מיר אָבער קען מען נישט נאַרען, איך האָב אַרונטערגעריסען איהר שלייער און איהר גרויען פּאַרוק און האָב דערזעהען אַ שעהנע, יונגע פרוי פאַר מיין האַר, דעם קאַפּיטאַן, איך האָב איהר געוואָלט ברייגגען צו דיר אַלס מתנה...

— געוואָלט ברייגגען צו מיר, האַ? און דערווייל האָסטו איהר אַליין גע־וואָלט קושען, דו דומער עזל, — האָט אבן רומחים איהם געזאָגט און איהם געגומען מכבד זיין מיט זיין גרויסען שווערען שטעקען. ער האָט איהם נאָך אַ בריק געטהאָן מיט זיין פוס און דער געהילפס־קאַפּיטאַן איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד אַ צובלוטיגטער און געריעוועט ווי אַן אָקס.

די געפאַנגענע, וועלכע זיינען געוועזען צוגעשמידט צום רודער און וועלכע האָבען זיך גוט אַנגעליטען פון די אכזריות פון דעם געהילפס־קאַפּיטאַן, האָבען יעצט געזעהען נקמה אויף זייער אונטערדריקער.

הדסה האָט געקוקט אויף דעם קאַפּיטאַן מיט דאַנקבאַרע אויגען. זי איז געפאַלען צו זיינע פיס און איהם געבעטען וויינענדיג:

— האָב רחמנות, מיין ליעבער האַר, אויף מיין קליינעם קינד, און גיב איהם צוריק זיין פאַטער. מיין מאַן איז נישט געוואוינט צו אַזעלכע שווערע אַרבייטען און ער וועט געווים שטאַרבען ביים רודער...

— ווער איז דיין מאַן, — האָט איהר אבן רומחים געפרעגט.

הדסה האָט איהם אַנגעצייגט אויף איהר מאַן און אבן רומחים האָט באַפוילען זיין געהילף איהם צו באַפרייען פון זיינע קייטען.

דער געהילף האָט פון איהם אַרונטערגענומען די קייטען. ר' משה איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט פון דעם גאַנצען טאָג אַרבייט און פון די קלעפּ וואָס ער האָט געקראָגען, דאָס ער האָט זיך נישט געקענט ריהרען פון פּלאַץ. דער געהילף האָט איהם געמוזט העלפען אוועקצוזעצען זיך אויפ'ן באַנק...

— יעצט מיין שעהנע, רייצענדע בלום, — האָט דער קאַפּיטאַן אבן רומחים געזאָגט צו הדסה'ן, — יעצט, אויב דו ווילסט דאָס איך זאָל דיין מאַן אינגאַנצען באַפרייען, דאַן מוזטו איינשטימען צו זיין מיין קעבס ווייב, דאָס איז אַן עהרע וואָס נישט יעדע פרוי באַרדיענט עס...

— אָה, ניין, — האָט הדסה ביטערליך געוויינט, — איך בין אַ פערהייראַטע פרוי, און אונזער תורה פאַרבאָט אפילו צו האָבען אַזעלכע זינדיגע געדאַנקען.

אבן רומחים האָט איהר אָנגענומען פאַר'ן האַנד און געזאָגט:

— דו שעהנע פרוי, דו ביזט אין מיין רשות, דו בעלאַנגסט צו מיר; דו מוזט ווערען מיינע! קום דאַך מיט מיר אין מיין קאַיוטע, און אויב דו האָסט מורא פאַר דיין תורה ווייל דו ביזט פערהייראטה, קען איך דיר אין איין אויגענבליק פאַר אַן אלמנה מאַכען...

הדסה'ס געבעטען און געוויינען האָבען נישט געהאָלפען; אבן רומחים האָט איהר אַ הויב געטהאָן אויף זיינע הענד און האָט איהר גענומען טראָגען צו זיין קאַיוטע...

הדסה האָט געזעהען אַז עס איז פאַר איהר קיין האָפנונג ניטאַ זיך צו ראַטעוען פון זיינע רויבערשע הענד.

— איך בין מסכים צו ווערען דיינע, — האָט זי געזאָגט מיט איהר שוואַכער שטימע, — אָבער איידער דו נעהמסט מיר צו דיין קאַיוטע, וויל איך געהן זיך געזעגענען מיט מיין מאַן און מיין קינד...

דער קאַפּיטאַן האָט איהר אָפּגעלאָזען און געזאָגט:

— אָט יעצט רעדסטו זעהר קלוג... אויב דו וועסט מיר פאָלגען וואָס איך וועל דיר הייסען און אויב דו וועסט ערפילען אַלע מיינע פערלאַנגען, דאַן באַפריי איך דיין מאַן און דיין קינד פון צו זיין מיינע שקלאַפען.

ער האָט איהר אַרומגענומען און געוואָלט אַ קוש טהאָן...

— וואַרט אַ ווייל'ע, — האָט זיך הדסה גענומען ביי איהם בעטען, — קוש מיך ניט יעצט, איידער איך האָב זיך געזעגענט מיט מיין מאַן און קינד. נאָכדעם, אָבער, וועסטו קענען טהאָן מיט מיר וואָס דיר געפעלט.

דער קאַפּיטאַן האָט איהר אָפּגעלאָזען...

הדסה איז צוגעגאַנגען צו איהר מאַן, איהם אַרומגענומען און געקושט:

— מיין טהייערער מאַן, — האָט זי איהם שטילערהייד אויפ'ן אויער גע־

זאָגט, — דו זעהסט דאָך אַליין ווי עס האַלט מיט מיר... עס איז פאַר מיר שוין נישטאָ קיין רעטונג, זאָג מיר, מיין ליעבער מאַן, אויב די וועלכע ווערען דערטרונ־קען קענען אויפשטעהן תחית המתים.

— יאָ, מיין טהייערע, הייליגע פרוי, — האָט איהר געזאָגט ר׳ משה, — עס שטעהט געשריבען „אמר ה׳ מבשן אשיב, אשיב ממצילות ים״ (גאָט האָט געזאָגט, איך וועל אומקעהרען פון בשן, איך וועל אומקעהרען פון די טיעפעניש פון ים).

— זאָל דיר אונזער הייליגער גאָט בעשיצען אין אַלע דיינע וועגען מיט אונזער טהייערען זוהן, חנוך, — האָט הדסה געזאָגט.

זי איז צוגעגאַנגען צו איהר בלאַסען, דערשראָקענעם קינד, האָט איהם ארומגענומען, געדריקט איהם צו איהר האַרץ און געקושט און געקושט...

— גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, — האָט זי שטילערהייד מתפלל געווען, — בעשיץ מיין איין־איינציגען זוהן פון אַלעם שלעכטען... זאָל ער אויסוואַקסען צו זיין א גוטער געטרייער איד און זאָל זיין געגרייט זיך מקריב צו זיין פאַר זיין גאָט און פאָלק...

— אָט באַלד, באַלד קום איך צו דיר, — האָט הדסה געזאָגט צום אומגע־דולדיגען קאַפּיטאַן.

אבן רומחים האָט א שמייכעל געטהאָן. ער האָט מיט צופרידענהייט זיך געגלעט זיין דיקען בויך...

הדסה האָט נאָך אַמאָל געקושט איהר מאַן און איהר קינד און האָט זיך מיט זיי געזעגענט:

— זייט געזונד, מיינע טהייערע, און בעט גאָט פאַר מיין נשמה...

—„בידך אפקיד רוחי״, — האָט הדסה אויסגעשריען און ארונטערגע־שפּרונגען פון שיף אין ים אריין...

דער קאַפּיטאַן איז גלייך צוגעלאָפען צום ברעג שיף. ער האָט געזעהען ווי הדסה טרינקט זיך. ער האָט גלייך גענומען שיקען א רעטונגס־שיפעל, ער האָט באַפוילען די טויכער צו שפּרינגען אין ים, אבער אומזיסט... הדסה איז אראָפּ צום גרונט פון ים...

אן ענטטוישטער און פול מיט כעס האָב אבן רומחים געהייסען צובינדען ר׳ משה׳ן נאָך אַמאָל צום רודער.

— מאַמע, מאַמע! וואו ביזטו? — האָט געוויינט דער צושראָקענער קליינער אינגעל חנוך.

— פאָטער, — איז ער צוגעגאַנגען צו ר׳ משה׳ן, וועלכער איז ווידער געווען צוגעבונדען ביים רודער, — פאָטער, — האָט ער געוויינט, — פאַרוואָס

איז מיין מאמע ארײנגעשפרונגען אין ים ? ווען וועט זי ארויסגעהען פון דארט ? אוי, מאמע, קום ארויס פון ים, מאמע, איך וויל דיר זעהען !...

— וויין נישט, מיין קינד, — האט ר׳ משה געזאגט מיט שטיקענדע טרערען, — דיין מאמע איז אוועקגעשוואומען צו גאט... ער וועט איהר דארטען בעשיצען פון שלעכטע מענשען, און זי וועט בעטען גאט אז קיין שלעכטעס זאל דיר נישט טרעפען.

— פאטער, פאר וואס דארפסטו טהאן דיזע שווערע ארבייט ? פאר וואס טראגסטו אזעלכע שווערע קייטען ?...

— שלעכטע מענשען האבען אונז געפאנגען, מיין טהייערער זוהן, — האט איהם ר׳ משה געקושט אין זיין אומשולדיגען מויל, — אבער לאמיר האפען, דאס אונזער ליעבער גאט וועט אונז אויסלייזען פון די הענד פון די רשעים.

דער געהילפס־קאפיטאן האט אוועקגעטריבען חנוך׳ן און ווידער גענומען דערלאנגען ר׳ משה׳ן מיט זיין בייטש.

דער קאפיטאן אבן רומחים איז געווען שטארק אויפגערעגט און ענטטוישט. א פרוי זאל איהם אזוי אפנארען... ער איז געווען זיכער, אז דאס האט איהר דער מאן איהרער איינגערעדט זי זאל זיך דערטרינקען איידער ארײנצופאלען אין זיינע הענד. ער איז צוגעגאנגען צו ר׳ משה׳ן, וועלכער האט ווידער געארבייט שווער און ביטער ביים רודער און האט איהם א זעץ געטהאן מיט זיין פויסט אין פנים אריין.

— דו בעטריגער, דו האסט אנגערעדט דיין פרוי זי זאל זיך דערטרינקען ! דו ביזט שולדיג אין איהר טויט ! צוליעב דיר בין איך בערויבט געווארען פון א שעהנער פרוי...ווארט, דו וועסט בעצאהלען מיט דיין לעבען פאר איהר.

* * *

אבן רומחים׳ס שיף האט זיך אפגעשטעלט אין אלעקסאנדריע, מצרים. דארטען האט ער פערקויפט שמריה בן אלחנן, דעם עלטערען פון די פיער סורא׳שע חכמים. די אלעקסאנדריער אידען האבען איהם אויסגעלייזט און באפרייט. ער איז פון דארטען אוועק אין קובא און איז געווארען דער גרעסטער פיהרער פון דער אראבישער געמיינדע. דעם צווייטען, ר׳ חושיאל, דער פאטער פון דעם בעריהמטען רבנו חננאל, איז אויסגעלייזט געווארען ביי די אידען פון קיירואן, אפריקא, וואס איז דאן אויך געווען א וויכטיגער אידישער מיטעל־פונקט. דארטען האט ר׳ חושיאל געגריגדעט א ישיבה. דעם דריטען, ר׳ נתן בן יצחק הבבלי, האט ער פערקויפט פאר א קנעכט אין נארבאן, פראנקרייך.

וועגען ר׳ משה׳ן און זיין זוהן, חנוך, האט אבן רומחים זיך נישט געקענט בעשליסען. ער האט איהם געוואלט ארײנווארפען אין ים צוזאמען מיט זיין אינגעל חנוך און דערמיט זיך אפרעכענען פאר הדסה׳ן. אבער נאכהער האט ער

זיך בארעבענט דאס ער קען ארויסקריגען א גרויסע סומע אויסלייז געלד פאר איהם, פון די רייכע אידישע קהלה פון קארדאווא. ער האט דאריבער בעשלאסען איהם צו לאזען לעבען דערווייל, און ווען די קארדאווא׳ר קהלה וועלען ענטזאגען זיין פערלאנג וועט ער איהם דאן דער׳הרג׳ענען.

אזוי האט אבן רומחים, אדער ווי ער האט זיך גערופען אין קארדאווא, אבו נאסיף, געבראכט ר׳ משה׳ן מיט זיין זוהן חנוך, אין קארהאווא.

דער נייער רב

12טער קאפיטעל

אבו נאסיף האט זיך צוריקגעקעהרט נאך קארדאווא מיט א סך געפאנגענע, צווישען וועלכע עס איז געווען ר׳ משה מיט זיין קליינעם זוהן.

ווען חפני האט זיך דערוואוסט אז אבו נאסיף איז שוין צוריק אין קארדאווא, איז ער באלד אוועק צו איהם איינהאנדלען די שקלאפען, און אין איין וועג אויסגיסען פאר איהם זיין הארץ...

— נו, מיין פריינד, — האט אבו נאסיף געזאגט, דריקענדיג איהם די האנד, — זאג מיר ווי געהט עס דיר אין קארדאווא? ביזטו טאקע אריינגעלייגט געווארען אין חרם ווי דו האסט זיך געשראקען?

— איך מוז צוגעבען, — האט חפני געשמייכעלט, — אז אין דער הינזיכט ביזטו געווען גערעכט; איך האב זיך אומזיסט געשראקען. אונזער רב האט אונז נעגעבען דרייסיג טעג צייט, און יעצט איז שוין באלד פיער מאנאטען, און עס איז גארנישט געטהאן געווארען... פיעלע פון די אידישע שקלאפען-הענדלער האבען גלייך אויפגעגעבען דעם שקלאפען-האנדעל, אבער יעצט האבען זיי חרטה, און וועלען מן הסתם ווייטער אנפאנגען צו האנדלען מיט שקלאפען...

— געדענקסטו ווי דו האסט געציטערט, ווען איך האב דיר באפוילען אנצור-האלטען דעם שקלאפען-האנדעל, — האט אבו נאסיף געזאגט לאכענדיג, — יעצט זעהסטו אז מיינע עצות זיינען אימער די בעסטע.

— הם... דיינע עצות זיינען קלוגע, אבער פונדעסטוועגען האב איך מורא דאס אויב איך וועל מוזען אזוי אנהאלטען דעם שקלאפען-האנדעל וועל איך סוף כל סוף פארלירען מיין שושנה׳ן, — האט חפני אומעטיג געענטפערט, — איך וויל דיר נאך פארטרויען א סוד, דאס דער יונגערמאן חסדאי, וועמען מיר האבען צו פערדאנקען פאר די באוועגונג געגען די שקלאפען-הענדלער, איז יעצט געווא-רען א גאנצער מחותן מיט די אבן ברוך פאמיליע... איך האב איהם שוין אפילו געזעהען שפאצירענדיג מיט שושנה׳ן... יא, ער איז זעהר א שטארקער קאנקו-רענט... דו מוזט מיר יעצט ראטהען וואס צו טהאן.

— נישט געזאָרגט, חפני, אויב דו ווילסט נאָר קענען מיר אָפּראַמען דיין חסדאי'ן פון וועג, און קיין געדעכנים וועט פון איהם נישט בלייבען...

חפני'ס אויגען האָבען אויפגעלויכטען.

— דאָס וואָלט געווען די בעסטע זאַך, — האָט ער געזאָגט, — ווי באַלד איך וועל פטור פון חסדאי'ן, דאַן וועט מיר שוין קיינער נישט שטעהן אין וועג... זאָג דאָך מיר, מיין גוטער ברודער, ווי אַזוי וועסטו איהם קענען אָפּראַמען פון וועג, אַז עס זאָל קיין חשד נישט פאַלען אויף מיר?...

— לאָז דאָס איבער צו מיר... דו דאַרפסט נאָר מיר געבען מעהר אויסקינפטע וועגען איהם, וואו ער געפינט זיך, ווען ער שפּאַצירט אליין, און ווער זיינען זיינע פריינד, דאָס איבריגע וועל איך שוין טהאָן...

— איך דאַנק דיר, אבו נאסיף, — האָט חפני געזאָגט אַ גליקליכער, — איך פאַרהאָף דאָס דורך דיין הילף וועט די שעהנע שושנה ענדליך בעלאַנגען צו מיר.

— איך האָב דיין שושנה נאָך נישט געזעהען, — האָט איהם אבו נאסיף געזאָגט, — אבער ווען זי בעזיצט אַ העלפט פון די שעהנקייט פון יענער פרוי, וועמען איך האָב אויפ'ן ים געפאַנגען, דאַן איז דיין שושנה אַ זעלטענע שעהנקייט.

— דו האָסט געפאַנגען אַ שעהנע פרוי? — וואו איז זי? לאָמיך זי זעהן, — האָט חפני אונגעדולדיג געזאָגט.

— אָה, ניין, חפני, — האָט אבו נאסיף מיט בעדויערונג געזאָגט, — איך וועל שוין פון איהר שעהנקייט קיינמאָל נישט געניסען, די פיש פון ים וועלען יעצט הנאה האָבען פון איהר...

— איז זי דערטרונקען געוואָרען אין ים?

— זי האָט זיך אליין אריינגעוואָרפען אין ים, — האָט אבו נאסיף געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — ווי עס ווייזט אויס, האָב איך קיין מזל צו שעהנע פרויען... איך האָב געפאַנגען אַ שיף מיט אַ סך מענשען, צווישען זיי איז געווען די שעהנע אידישע פרוי, מיט איהר מאַן און זוהן. ווי איך האָב איהר נאָר דער־זעהן, האָב איך באַשלאָסען זי צו נעהמען פאַר זיך און ברייננען איהר אהער און זי זאָל ווערען די הערשערין איבער אלץ וואָס איך האָב. זי האָט ביי מיר געבעטען ערלויבנים זיך צו זעגענען מיט איהר מאַן און קינד. איך האָב איהר ערלויבט, און ווי עס ווייזט אויס, האָט איהר דער מאַן געראַטהען זיך בעסער צו דערטרינקען... און זי, די שעהנע פרוי, איז גלייך אין ים אריינגעשפּרונגען און דערטרונקען געוואָרען. דעם מאַן מיט איהר קינד, האָב איך אהער געבראַכט געפאַנגען... יעצט, חפני, פרעג איך דיר, וואָס זאָל איך טהאָן מיט דעם מאַן און קינד?...

— ער פאַרדיענט דעם טויט פאַר אַזאַ זאַך! — האָט חפני אויסגעשריען.

— יאָ, איך האָב זיי ביידען, דעם פאָטער מיט'ן זוהן, געוואָלט טויטען, נאָר איך האָב זיך אויסגערעכענט, דאָס איך קען ארויסקריגען פאַר זיי א גרויסע סומע געלד פון די אידען פון קאָרדאָווא. טו ראַטה מיר, חפני, וויפיעל געלד זאָל איך פון די אידען פאָדערען?

— אויב דו וועסט סטראַשענען, אז דו וועסט זיי טויטען, וועלען דיר די אידען געבען וויפיעל דו ווילסט, דו קענסט, גלויב איך, פאָדערען פון זיי פינף־און־צוואַנציג טויזענד שקלים, און דו וועסט עס געווים בעקומען...

— אזוי וועט טאַקע זיין, — האָט אבו נאַסיף געזאָגט, — פינף־און־צוואַנציג טויזענד שקלים, און אויב נישט וועל איך זיי ביידען טויטען... איך וועל באַלד צושיקען מיין שליח מיט א בריעף צום רב...

— דו ווייסט, — האָט חפני געלאַכט, — דאָס איך אליין וועל אויך דאַרפען מיטשטייערען אויסצולייזען דיינע געפאַנגענע. אָבער איך וועל זיין דערמיט זעהר צופריעדען. איך וויל אז די שוהל זאָל דאַרפען אָנקומען צו מיר נאָך געלד, און זאָל טאַקע שושנה זעהן מיין "גוטהערציגקייט"...

— איצטער קענען מיר ריידען וועגען אונזער "געשעפט", — האָט אבו נאַסיף געזאָגט, — ביי מיר זיינען נאָך פאַרבליבען אכטצעהן געפאַנגענע מענער. זיי זיינען אַלע יונג און געזונד. קויף זיי אַלעמען אָפּ ביי מיר, איך וועל דיר קיין סך פאַר זיי נישט רעכענען, גיב מיר א טויזענד שקלים פאַר זיי און נעהם זיי צו.

— אָפּגעמאַכט, — האָט חפני א צופריעדענער געזאָגט, און ער האָט איהם בעצאָהלט דאָס געלד.

* * *

אין אבענד האָט דער רב געקראָגען אבו נאַסיף'ס בריעף. ווען ער האָט עס איבערגעלעזען האָט ער אויפגעציטערט:

— צוויי אידישע נפשות אין סכנה, — האָט דער רב אויסגעשריען, — גיכער, רוף צוזאַמען אַלע אידען אין שוהל! אויב דו וועסט זיך פאַרשפּעטיגען קען נאָך א גרויסער אונגליק פּאַסירען... שנעל רוף אַלעמען צו א זעהר דרינגענדע פאַרזאַמלונג פון אַלע אידען! . . .

דער שמש האָט גענומען זיין הילצערנעם האַמער און איז שנעל אוועק־געגאַנגען צונויפרופען די אידען אין שוהל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדע אידישע הויז און געגעבען צוויי גרויסע קלעפּ מיט'ן האַמער.

ווען ר' שמואל האָט דערהערט די צוויי קלעפּ אין טויער פון זיין גאָרטען, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען. — וואָס קען דאָס זיין אזוי שפּעט?...

— עפּעס אן אומגליק האָט פּאַסירט, — האָט זיך אָפּגערופען ר' שמואל, — דאָס מאָל איז שוין נישט קיין טעות פון שמש, ער האָט אויך אין דער צווייטער הויז געגעבען נור צוויי קלעפּ... דאָס רופט מען אַלעמען צו א דרינגענדער אסיפה.

"אך, ליעבער גאט, באשיץ דאך דיין פאלק ישראל פון אונגליקען", — האט ער ארויסגעזאגט א קורצע תפלה און איז גלייך אוועקגעגאנגען אין שוהל.

די קארדאווער שוהל איז אנגעפילט געווארען. קיינער האט נישט געוואוסט וואס דא קומט פאר, אבער מען האט זיך געריכט צו הערען עפעס נישט קיין פרעהליכעס...

— וואס איז געשעהן? — האט ר' שמואל געפרעגט דעם שמש, וועלכער איז נאר וואס צוריקגעקומען מיט זיין האמער אין האנד.

— איך ווייס גאר נישט. איך האב געהערט ווי דער רב האט אויסגעשריען: "צווי אידישע נפשות זיינען אין סכנה", און מיר באפוילען שנעל צוזאמענצורופען אלע אידען אין שוהל. איך האב אפילו קיין צייט נישט געהאט איהם צו פרעגען וועגען וואס עס האנדעלט זיך דא.

— אט געהט דער רב, — האט זיך חסדאי, וועלכער איז געשטאנען דערביי, אפגערופען, — אלעס וועט באלד קלאר ווערען.

א טויט־שטילקייט האט געהערשט אין שוהל, ווען דער גרייז־גרויער קארדאווער רב און דיין איז ארויף אויף דער בימה. די אנשטרענגונג איז געווען זעהר גרויס, אלעמענס הערצער האבען שטארק געקלאפט און אלעמענס אויגען און אויערען זיינען געווען געווענדעט צו דער בימה.

— טהייערע אידען,—האט דער רב אנגעפאנגען מיט א ציטערנדע שטימע,— איך האב אייך דא דרינגענד צוזאמענגערופען, ווייל דא האנדעלט זיך אום דאס לעבען פון צוויי אידישע נפשות, און אויב חלילה מיר וועלען נישט האנדלען שנעל, וועלען מיר גורם זיין דאס צוויי אומשולדיגע אידען זאלען אומקומען פון דער וועלט. מיט א קורצע ווייליע צוריק איז צו מיר געקומען א שליח און מיר איבערגעגעבען אט דיזען בריעף. אט וועל איך דעם בריעף פאר אייך פארלעזען.

ר' נתן האט פאנאנדערגעוויקעלט דעם פארמעטענעם בריעף און אנגעפאנגען הויך צו לעזען:

"צו דער אידישער געמיינדע אין קארדאווא!

"איך, דער קאפיטאן אבן רומחים, לאז אייך וויסען, דאס איך האב געפאנגען פיער אידען. איינעם האבען די אידען פון אלעקסאנדריען אויסגעלייזט, דעם צווייטען האבען די אידען פון קיירואן, אפריקא, אויסגעלייזט; דעם דריטען האבען ביי מיר אבגעקויפט די אידען פון גארבאן, פראנקרייך. דעם פיערטען האב איך בעשלאסען צו טויטען צוליעב דעם וואס דורך איהם האב איך פארלארען זעהר א שעהנע פרוי. איך האב זיין פרוי, וועלכע איז אויך געפאנגען געווארען פון מיר, געוואלט נעהמען פאר מיין קעפס־ווייב, האט אבער איהר מאן זי צוגערעדט דאס זי זאל זיך בעסער דערטרינקען. די וואונדערבארע שעהנע פרוי איז ארייגעשפרונגען אין ים און דערטרונקען געווארען. איך האב בעשלאסען צו

PUBLIC LIBRARY FALL RIVER, MASS.

דערטרינקען איהר מאן מיט איהר זוהן, און דאמיט נקמה צו נעהמען פון איהם צוליעב וועמען איך בין בארויבט געווארען פון אזא שעהנע פרוי. נאר אזוי ווי איך דארף יעצט נויטיג האבען פינף־און־צוואנציג טויזענד שקלים, דאריבער לאז איך אייך וויסען, אויב איהר וועט מיר שאפען די דערמאהנטע סומע געלד ביז מארגען פארמיטאג, וועל איך איהם מיט זיין זוהן באפרייען, און אויב נישט וועל איך זיי ביידען אין ים אריינווארפען און די שולד וועט פאלען אויף אייך!"...

דער רב האט לאנגזאם צונויפגעוויקעלט דעם בריעף און געזאגט:

— רבותי, עס איז איבריג פאר מיר אייך אויפמערקזאם צו מאכען וועגען דער וויכטיגקייט פון דיזער גרויסער מצוה פון "פדיון שבויים". אונזער היילינע גמרא זאגט: "כל המקים נפש אחת בישראל כאלו קים עולם מלא" (דער וואס האלט אויף ביים לעבען איין פערזאן פון ישראל, איז גלייך ווי ער וואלט אויפגעהאלטען ביים לעבען א גאנצע וועלט). ווי מיר קענען זעהן פון דעם בריעף, מוז דיזער אומגליקליכער איד זיין א היילינער, אויב גאט האט איהם מזכה געווען מיט אזא פרוי וועלכע האט זיך בעסער דערטרונקען איידער צו פארשוועכען גאט'ס נאמען... דאריבער בעט איך אייך אין נאמען פון אונזער היילינע תורה, נישט צו פארלאזען די שוהל ביז וואנען די נויטיגע סומע וועט געשאפען ווערען, כדי מיר זאלען האבען די מעגליכקייט מקיים צו זיין די גרויסע מצוה פון "פדיון שבויים" און ראטעווען צוויי אידען פון א זיכערען שענדליכען טויט!...

אין שוהל איז געווארען א באוועגונג. די אידען האבען צווישען זיך דיסקוטירט דעם רב'ס פארשלאג.

— פינף־און־צוואנציג טויזענד שקלים איז צופיעל געלד, — האט זיך מנשה אבן זמרי אפגערופען צו א גרופע אידען, — דעם בעסטען שקלאף קען מען קריגען פאר הונדערט שקלים.

— דו עוכר ישראל, דו שקלאפען־הענדלער! ווי וואגסטו אנצורופען אזא היילינען אידען מיט'ן נאמען שקלאף.

— און איך וועל דיר ציינען, דו שנארער איינער, — האט מנשה אויפגעהויבען זיין פויסט... — אז מיין זוהן חפני וועט ארויסקריגען ביידען, דעם טאטען מיט'ן זוהן, פאר הונדערט שקלים. אנו חפני, — האט ער צוגערופען זיין זוהן, — געה קויף אפ די צוויי אידען פון אבו נאסיף'ן, און צייג זיי אז דו קענסט איינשפארען געלד אונזער שוהל.

— אה, ניין, פאטער, — האט זיך חפני אפגערופען, — איך בין זיכער, דאס ער וועט פון די געפאדערטע סומע גארנישט ארונטערלאזען. ווען איך האב זיך דערוואוסט, דאס ער האלט צוויי אידען געפאנגען, האב איך זיי געוואלט באפרייען פון זיינע הענד, און איהם אנגעבאטען א סך געלד, ער זאל זיי מיר פארקויפען, אבער ער האט זיך ענטזאגט און געזאגט, דאס ער וועט נישט נעהמען

וויינציגער ווי פינף־און־צוואנציג טויזענד שקלים, און אויב נישט וועט ער זיי בעסער דער׳הרג׳ענען...

— איהר זעהט, — האט זיך מנשה שוין געוואלט ארויסדרעהען, — וואס פאר א גוטע הארץ מיין זוהן בעזיצט; ער האט דאך זיי געוואלט אליין אויס־לייזען פון זיין אייגענעם געלד און נאכהער זיי בעפרייען.

— איך גיב פינף טויזענד שקלים, — איז ר׳ שמואל, דער פרנס, ארויף אויף דער בימה מיט די געלד.

— טויזענד שקלים גיב איך, — האט זיך חסדאי אבן שפרוט אפגערופען.

— און איך גיב דריי טויזענד שקלים פאר דעם היילינגען צוועק, — האט זיך חפני צוהיצט...

דער עולם האט אנגעפאנגען שיטען מיט געלד, און איידער מען האט זיך ארומגעזעהען איז געשאפען געווארען אין שוהל א סומע פון פופציג טויזענד שקלים.

די גבאים און דער רב האבען איבערגעצעהלט דאס געלד. מיט א שיינענ־דיגען פנים און מיט א גליקליכען שמייכעל, האט דער רב בעדאנקט די אידען:

— מיר אידען ווערען געלויבט דאס מיר זיינען "רחמנים בני רחמנים", יעצט האט איהר, מיינע ברידער, איבערצייגט אלע אונזערע שונאים אז אין דער מידה פון רחמים קען אונז קיין אומה ולשון נישט איבערשטייגען!

— רבותי, — האט ר׳ נתן פארטגעזעצט, — מיר האבען יעצט צונויפ־געקראגען א סומע פון פופציג טויזענד שקלים, לאמיר יעצט בעשליסען וואס צו טהאן מיט די איבריגע געלד.

חסדאי האט פארגעשלאגען צו גרינדען א פאנד פאר דעם צוועק פון פדיון שבויים, און די איבערגעבליבענע געלד זאל זיין דער אנפאנג פון דעם פאנד. די געלד זאל נישט נאר זיין אויף אויסצולייזען די אידישע געפאנגענע, נאר אויך זיי ארויסהעלפען נאכדעם ווי מען באפרייט זיי און זיי שטעלען אויף די פיס.

זיין פארשלאג איז אלעמען געפעלען געווארען, און איז איינשטימיג אנגע־נומען געווארען.

מען האט גלייך דורך דעם זעלבען שליח, וועלכער האט געווארט אין ר׳ נתן׳ס הויז, געלאזט וויסען דעם קאפיטאן אבן רומחים, דאס ער קריגט זיין גע־פאדערטע סומע.

אויף מארגען גאנץ פריה זיינען צעהן אידען, וויכטיגע בעלי בתים פון שוהל געגאנגען צום בעשטימטען פלאץ. דארטען האבען זיי איבערגעגעבען דאס געלד צו אבו נאסיף׳ן און באפרייט ר׳ משה׳ן מיט זיין זוהן. זיי זיינען גלייך געבראכט געווארען אין שוהל. א דערשלאגענער און א פערשמאכטער איז ער גע־זעסען מיט זיין קליינעם זוהן חנוך אין א ווינקעל פון שוהל.

מען האט זיך געשטעלט דאווענען שחרית. דער שמש האט ר׳ משה׳ן דער־לאנגט א טלית און תפילין. ר׳ משה האט אויסגעגאסן זיין טרויעריגעס הארץ פאר גאט...

נאכ׳ן דאווענען האט איהם ר׳ שמואל איינגעלאדען צוזאמען מיט׳ן זוהן צו זיך אהיים.

ר׳ משה׳ס טרויער איז געווען זעהר גרויס. ער האט ר׳ שמואל׳ן דערצעהלט וואס עס האט פאסירט מיט איהם אויפ׳ן ים. אבער ווער ער איז און צוליעב וואס פאר א צוועק ער איז געפאהרען, האט ער גארנישט געזאגט. ער איז ביי זיך געווען א גרויסער עניו און האט נישט געוואלט מען זאל איהם אפגעבען כבוד.

עס איז געווען בין למנחה למעריב און די אידען אין קארדאווער בית המדרש גרופירען זיך אין חברות. די וועלכע בעלאנגען צו חברה משניות זעצען זיך ביי איין טיש און זייער עלטסטער "זאגט" פאר זיי משניות. ביי א צווייטען טיש זיצען די חברה עין יעקב, אדער די בעלי אגדה. זייער רבי דערצעהלט זיי וואונדערליכע מעשיות פון אמאליגע גרויסע צדיקים און תנאים. די צוהערער שלינגען יעדעם ווארט. זיי ווערען אוועקגעטראגען אין אנאנדער וועלט, אין א וועלט פון ניסים און וואונדער... אלע זייערע דאגות און זארגען פארשווינדען, די אויגען פינקלען, די קנייטשען פון פנים ווערען אויסגעגלייכט... זיי שוועבען אין גן עדן צוזאמען מיט די צדיקים... עס איז זיי אזוי גוט און וואויל...

אויבען־אן, ביי א לאנגען טיש זיצען די חברה ש״ס, אידען וועלכע פאר־שטעהען א בלאט גמרא. יעדער עפענט זיין גמרא, און מען שמועסט זיך דורך שטילערהייד אין לערנען, ביז וואנען דער רבי, רב נתן קומט צו. ווען דער רב געהט צו צו זיין פלאץ, ווערט שטיל. ער עפענט פאוואליגקע זיין גמרא. א ווילע בעטראכט ער דעם עולם, ער זאגט זיי וואו אויפצומישען, און פאנגט אן דעם בלאט גמרא.

ר׳ משה איז געזעסען אין א ווינקעל און זיך איינגעהערט ווי דער קאר־דאווער רב איז מבאר דעם בלאט גמרא צום עולם.

ער דערמאהנט זיך אן זיין געבורטס־שטאדט סורא, אין דער גרויסער ישיבה, וועלכע איז געווען פול מיט תלמידי חכמים; ווי שארפזיניג און קלוג, ווי דייטליך און לאגיש זיינען געווען די ווערטער פון חכמי סורא און די ראש ישיבות... זייערע ווערטער זיינען געווען "דברי אלקים חיים"... און דא, ווי ער זעהט, איז דער היגער רב ווייט פון צו זיין א למדן... אמת, ער איז זעהר א פרומער און עהרליכער מאן, אבער צו קענען אזוי פיעל גמרא ווי א תלמיד פון דער סורא׳ר ישיבה, וואלט ער געדארפט נאך פיעלע יאהרען לערנען אין דער גרויסער ישיבה פון בבל... אט הערט ר׳ משה איהם עחקלעהרענדיג אייניגע פלעצער אין גמרא נישט ריכטיג, און ער שווייגט... אבער דא איז געקומען צו אזא ענין וואו ר׳

נתן האט געמאכט אזא פארדריסליכען טעות אין פשט, האט זיך שוין ר׳ משה נישט געקענט איינהאלטען.

געלערנט האט ר׳ נתן מיט די אידען מסכת יומא, וועגען די עבודה פון כהן גדול אום יום כפור. ר׳ נתן האט פארטייטשט: "על כל הזאה טבילה" (צווישען איין שפריץ און דעם אנדערען — טבילה) מיינט: דאס צווישען איין שפריץ פון דם וואס דער כהן גדול טהוט ביז׳ן אנדערען, דארף זיך דער כהן גדול טובל זיין אין וואסער... האבען איינינע אידען גענומען פרעגען: היתכן? אויב דער כהן גדול וועט זיך דארפען טובל זיין אזוי פיעל מאל, וועט דאך איהם קיין צייט נישט קלעקען פאר די גאנצע עבודה.

דער רב האט פרובירט פארענטפערען, אבער נישט צופרידענשטעלענד.

ר׳ משה איז שטילערהייד ארויסגעגאנגען פון זיין ווינקעל און האט געבעטען דעם עולם אום פארצייהונג, און ער האט ערקלערט, אז דער פשט פון "על כל הזאה טבילה" איז, דאס בעפאר יעדען שפריץ דארף דער כהן גדול טובל זיין דעם פינגער אין בלוט. אלע זיינען ערשטוינט געווארען. זיי האבען איינגעזעהען אז דער פשט איז דער ריכטיגער און עס לייגט זיך בעסער אויפ׳ן שכל. זיי האבען יעצט געזעהען דאס דער איד אין שמאטעס, וועמען זיי האבען אויסגעלייזט פון דעם קאפיטאן אבן רומחים, פארשטעהט תלמוד בעסער ווי זייער רב.

ר׳ נתן אליין האט איהם געשטעלט פראגען פון שווערע פונקטען אין תלמוד וואס ער האט נישט קלאר פארשטאנען, און ר׳ משה האט שנעל און לאניש פארענטפערט אלע שווערע סוגיות פון גמרא.

דער איידעלער און עהרליכער רב, ר׳ נתן, איז געווארען אויסער זיך פון פערוואונדערונג. ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און געזאגט:

— רבותי, איך ענטזאג זיך פון צו זיין אייער רב אויף ווייטער, ווייל דיזער מאן וועמען גאט האט אונז, גליקליכערהווייזע צוגעשיקט, איז איינער פון די גרעסטע לומדים אין דער גאנצער וועלט און איך ראטה אייך און בעט אייך, איהם אויפצונעהמען אויף מיין פלאץ אלס רב און פיהרער פון די אידישע געמיינדע אין קארדאווא.

די גאנצע קהלה וואס האט זיך פארזאמעלט אין שוהל האט גערן אנגענומען זייער בעליבטען רב׳ס פארשלאג.

ר׳ נתן איז ארויף אויף דער בימה און האט פארגעשטעלט ר׳ משה בן חנוך און אין קורצען ערקלעהרט ווער ר׳ משה איז און וואס פאר א גליק עס איז פאר די קארדאווער אידען צו האבען אזא מאן ווי ער אלס רב און פיהרער.

ווען ר׳ משה איז ארויף אויף דער בימה האבען זיך אלע פארזאמעלטע אויפגעשטעלט און אויסגעשריען:

"יחי רבנו ר׳ משה! יחי רבנו ר׳ משה!"

— געהערטע און הייליגע עדה: — האָט ר׳ משה אָנגעפאַנגען מיט א ציטערנדע שטימע, — איך דאַנק אייך זעהר פאַר דעם גרויסען כבוד וואָס איהר האָט מיר יעצט אָנגעטהאָן, אָבער צו מיין גרויס בעדויערען, מוז איך זיך אָפּזאָ־גען פון די גרויסע עהרע, וואָס איהר אַלע האָט באַוויליגט אַרויפצולייגען אויף מיר... איך קען לײדער אייער רב נישט זיין צוליעב א געוויסע אורזאַכע.

דער עולם איז געוואָרען ענטטוישט און יעדער איז געווען נייגעריג צו וויסען וואָס די אורזאַכע איז, צוליעב וואָס ער מוז זיך ענטזאָגען פון רבנות.

— עס איז שוין מעהר ווי א יאָהר, — האָט ר׳ משה פאָרטגעזעצט מיט טרעהרען אין די אויגען, — זינט מיין טהייערע און הייליגע פרוי, הדסה ע״ה, איז געשטאָרבען על קדוש השם. זי האָט זיך בעסער דערטרונקען, איידער עובר צו זיין אויף די גרעסטע עברה... אין דעם אויגענבליק פון די שרעקליכסטע טראַגעדיע האָב איך געשוואָרען, אַז אויב אונזער ליעבער גאָט וועט לאָזען מיין זוהן און מיך לעבען, וועל איך מיין גאַנצען לעבען ווידמען צו פאַרשפּרייטען אונזער הייליגע תורה צווישען אַלע אידען און צו ערציהען מיין זוהן אין דרך התורה. יעצט אַז דער ליעבער גאָט האָט מיר געהאָלפען און נים נאָר גערעטעט מיין זוהן׳ס און מיין לעבען, נאָר ער האָט מיר אויך געגעבען די געלעגענהייט דורך אייער גרויסער גנאָדע, מיר פאַר אייער גייסטיגען פיהרער צו מאַכען, טהוט מיר טאַקע זעהר לייד וואָס איך בין געצוואונגען זיך פון דעם צו ענטזאָ־גען. און דאָס איז די אורזאַכע:

בעת מיין גרויסען פאַרלוסט האָב איך אויך געשוואָרען דאָס איך זאָל מעהר נישט חתונה האָבען, ביז דער טויט וועט מיך ווידער פאַראייניגען מיט מיין הדסה׳ן. און ווי איך האָב זיך דערוואוסט, איז ביי אייך א מנהג דאָס אייער רב מוז זיין א פאַרהייראַטער מאַן, און דאָס איז פאַר מיר אַן אוממעגליכקייט... דעריבער דאַנק איך אייך נאָך אַמאָל פאַר דעם גרויסען כבוד, און זאָל אייער געשעצטער און ווירדיגער רב פאָרטזעצען צו לייסטען זיינע גוטע און הייליגע אַרבייט פאַר דער קאָרדאָווער קהלה.

דער עולם איז געוואָרען טרויעריג. אַלע האָבען מיטגעפיהלט די שרעקליכע טראַגעדיע וואָס דער יונגער תלמיד חכם טראָגט ביי זיך אין האַרצען... און זיי האָט שטאַרק פאַרדראָסען וואָס זיי וועלען נישט האָבען די מעגליכקייט צו מאַכען איהם פאַר זייער רב.

ר׳ נתן איז ווידער אַרויף אויף דער בימה און בערוהיגט דעם עולם:

— מיינע ליעבע אידען, — האָט ער געזאָגט, — דער רבונו של עולם האָט אונז צוגעשיקט אַזאַ גרויסען תלמיד חכם פון בבל, פון וועמען מיר האָפען אַזוי פיעל צו לערנען און גניסען, און אַזוי ווי א מנהג איז דאָך נישט קיין דין,

גלויב איך, אז דאס וועט ניט שטערן אונזער ווירדיגן נייעם ערוועהלטען רב צו ווערן אונזער פיהרער.

— ריכטיג! ריכטיג! — האבען זיך געהערט שטימען פון עולם, — עס איז דאך מעהר נישט ווי א מנהג, לעבען זאל ר׳ משה אונזער נייער רב!

— איין קליינע באמערקונג, — האט זיך אפגערופען חסדאי אבן שפרוט, — אין אונזער שטאדט־תקנות שטעהט געשריבען אז אונזער קהלה זאל נישט אויפנעהמען א רב וועלכער איז נישט פערהייראט, דאס מיינט אזעלכע, וועל־כער איז קיינמאל נישט געווען פערהייראט, אבער אויף אזא פאל ווי ביי אונזער געעהרטען ר׳ משה האט די תקנה גארנישט געמיינט... דאריבער איז מיין פאר־שלאג, מען זאל ברייגנגען דעם ״ספר התקנות״ און צושטעלען די ווערטער ״קיינמאל געווען״...

אלע האבען איינגעשטימט צו זיין פארשלאג.

דער שמש האט געבראכט דעם ״ספר התקנות״ און דער סופר האט צוגע־שריבען די ווערטער ״קיינמאל געווען״.

די פארריכטע תקנה האט זיך יעצט געלעזען ווי פאלגט: ״די קארדאווער קהלה זאל נישט אויפנעהמען קיין רב וועלכער איז קיינמאל נישט געווען פער־הייראט״.

די שמחה אין שוהל איז געווען זעהר גרויס. אלע האבען הערצליך באגריסט זייער נייעם רב, ר׳ משה בן חנוך.

די פארמאלנע אויפנאהמע איז באשטימט געווארען אויף דעם קומענדען שבת־צו־נאכט.

די שוהל איז געווען שעהן בעציערט לכבוד דעם נייעם רב. אלע אידען זיינען זיך צוזאמענגעקומען שבת־צו־נאכט אין שוהל. יעדער האט מיטגעבראכט א פיינע מתנה פאר׳ן נייעם רב.

דער חזן מיט די משוררים האבען געזונגען תפלות, און ר׳ שמואל אבן ברוך, דער פרנס (פרעזידענט) האט אין עטליכע ווערטער באדאנקט די קהלה פאר זייער גוטער בחירה.

דער שמש האט ארויפגעבראכט א גרויסען לייכטער אויף דער בימה און די גבאים האבען דעם לייכטער געהאלטען פאנאנדערגעשפרייט און יעדער איינער האט אין דעם לייכטער אריינגעווארפען זיין מתנה.

די אלע מתנות האבען ר׳ משה׳ן גאנץ רייך געמאכט.

די אידען האבען פאר איהם אויסגעבויט א שעהנעם פאלאץ. דיענער זיינען געשטאנען לעבען איהם און געטהאן אלעס וואס ער האט פערלאנגט.

ר׳ משה האט פאר זיינע געלד געעפענט א גרויסע ישיבה אין קארדאווא.

ער האָט אָנגעשטעלט ראשי ישיבות לומדים, און ער אַליין פּלעגט יעדען טאָג קומען אין דער ישיבה זאָגען דעם שיעור.

חסדאי אבן שפּרוט איז געוואָרען ר׳ משה׳ס אנהענגער און פאַרעהרער; ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אין זיין ישיבה און פּלעגט מיט גרויס בעגייסטערונג זיך איינהערען צו ר׳ משה׳ס שאַרפען שיעור.

ווען דער קאַפּיטאַן אבן רומחים האָט זיך דערוואוסט אַז זיין געפאַנגענער „שקלאַף" ר׳ משה בן חנוך איז אַזא גרויסע פּערזענליכקייט און דאָס ער איז יעצט געוואָרען דער הויפּט רב און פיהרער פון די אידען אין קאָרדאָווא, האָט איהם שטאַרק פאַרדראָסען פאַרוואָס ער האָט איהם אַזוי „ביליג" פאַרקויפט. ער האָט געוואָלט חרטה האָבען אויפ׳ן מסחר און געפאָדערט אַז די אידען פון קאָרדאָווא זאָלען איהם בעצאָהלען נאָך אַ סומע פון הונדערט טויזענד שקלים און אויב נישט וועט ער זיי צוריקגעבען זייערע פינף־און־צוואַנציג טויזענד שקלים און זיי זאָלען איהם אומקעהרען דעם „שקלאַף"... ער האָט געסטראַשעט די קהלה דאָס ער וועט אין דעם ניט שווייגען.

חסדאי אבן שפּרוט איז אוועק צום קאַליף אַבדו ראַחמאַן דער דריטער, און דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. חסדאי האָט איבערצייגט דעם קאַליף אַז דאָס וואָס ר׳ משה געפינט זיך אין קאָרדאָווא איז אַ טובה נישט נאָר פאַר די אידען פון קאָרדאָווא, זאָנדערן פאַר גאַנץ שפּאַניען, ווייל פריהער פלעגען די אידען שיקען גרויסע סומען געלד יעהרליך וואָס פּלעגט ביז יעצט געהן פאַר די אונ־טערשטיצונג פון די ישיבות פון בבל וואָס ליגט אונטער אַנאַנדער הערשער. יעצט אָבער האָט ר׳ משה געגרינדעט אַ ישיבה דאָ אין קאָרדאָווא און די אידען וועלען שוין מעהר ניט ברויכען שיקען געלד נאָך בבל.

דער קאַליף האָט איינגעזעהען די גערעכטיגקייט פון חסדאי׳ס טענות און האָט ענטשיידען אַז דער פּרייז וואָס די קאָרדאָווער אידען האָבען בעצאָהלט פאַר ר׳ משה׳ן איז גענוג. און אבו נאַסוף קען ניט חרטה האָבען און ער האָט קיין רעכט נישט מעהר צו באַלעסטיגען די אידען און צו פאָדערען מעהר געלד.

די צוויי געליעבטע.

13טער קאַפּיטעל

פריהמאָרגען. די גאָלדענע זונען־שטראַהלען האָבען אריינגעדרונגען אין שושנה׳ס צימער און איהר פון שלאָף אויפגעוועקט. די פענסטער זיינען געווען אָפען. איהר צימער איז אָנגעפילט געוואָרען מיט דעם ריח פון די דופטיגע בוימער און בלומען וואָס זיינען ערפרישט געוואָרען דורך דער נאַכטיגער טוי. שושנה איז געלעגען אין בעט מיט האַלב־פערמאַכטע אויגען און איהרע געדאַנ־

קען האבען געוואנדערט אין פערשידענע ריכטונגען. דער ערשטער אויף איהר געדאנק איז חסדאי. ווען זי טראכט פון איהם, לויפט דורך איהר לייב א שטראם פון העכסטען גליק און פרייד... דער איידעלער קלוגער חסדאי, ווי ליעב און טהייער ער איז איהר... ווי שעהן און לאגיש ער רעדט... וואס פאר א כבוד און רעספעקט די אידען גיבען איהם אפ אין שוהל. ווען ער שטעלט זיך אוועק ריידען ווערען אלע ווי בערווישט פון זיינע קלוגע, לאגישע ווערטער. מען שטעהט בעוועגלאז מיט אפענע מיילער און אויערען כדי נישט צו פערלירען א ווארט... און אלע עצות וואס ער שלאגט פאר ווערען פון אלעמען אנגענומען... יא, ער איז גרויס, ערהאבען... ער איז אלעמענס שטאלץ...

אז חסדאי ליעבט איהר איז זיכער... זי דערקענט עס אין זיינע אויגען ווען זייערע בליקען טרעפען זיך... ער קומט איהר בעזוכען זעהר אפט, זיי פארברייגגען צוזאמען. ער דערצעהלט איהר אלעס וואס פאסירט מיט איהם דעם טאג... ער רעדט און זי הערט זיך איין אין זיינע ווערטער... ווי שעהן און ליעבליך זיי קלינגען אין איהרע אויערען...

זי דערמאהנט זיך דאס חסדאי האט איהר פערשפראכען צו קומען היינט און מיט איהר אוועקגעהן זעהן דעם נייעם פראכטפאלען פאלאץ וואס דער קאליף בויט לכבוד זיין געליעבטע קאליפין — די פרינצעסין עז־זאראה.

זי פיהלט זיך אזוי גליקליך, אזוי אנגענעהם... זי וועט זיין אליין מיט איהם, מיט חסדאי'ן, וועמען זי ליעבט אזוי שטארק.

זי פערמאכט איהרע אויגען. אט זעהט זי איהם, דעם הויכען, שעהנעם יונגען מאן... זי זעהט זיין שלאנקע פיגור, זיין איידעלע געזיכט, זיינע קלוגע אויגען... זיין מויל פון וועלכען עס קומט ארויס פערלדיגע ווערטער... זי דריקט צוזאמען איהרע ליפען, ווי זי וואלט איהם וועלען א קוש טהאן אין מויל... זי ווערט פארשעהמט פון איהרע געדאנקען... זי עפענט אויף איהרע אויגען און זעהט: איהר מוטער שטעהט לעבען איהר, אין האנד האט זי געהאלטען א גלאז מילך, וואס פון די שוים האט מען געקענט זעהן אז עס איז נאר וואס געמאלקען געווארען.

— שושנה, ליעבע טאכטער מיינע, האב איך דיר פון דיין שלאף אויפגעוועקט? — האט מרים געזאגט אוועקשטעלענדיג לעבען איהר די פרישע גלאז מילך.

— אה, ניין, ליעבע מוטער, — האט שושנה געזאגט ארויסגעהענדיג שנעל פון בעט, און ארומנעהמענדיג איהר מוטער האט זי איהר באדעקט מיט הייסע קושען...

— מיין טרייע הערצענס־געליעבטע מוטער!

— טהייערינקע טאכטער מיינע, — האט מרים איהר געענטפערט מיט

קישען. א היבשע ווײַלע זײַנען מוטער און טאכטער געשטאַנען אײַנגעפּלאָנ־טען אײנע אין דער צווייטער, ווי זיי וואָלטען זיך שוין יאָהרען לאַנג ניט געזעהען...

— מוטער, — האט שושנה א גליקליכע געזאָגט, — חסדאי וועט הײַנט געהן מיט מיר זעהן דעם נײַעם פּאַלאַץ וואס דער קאליף בויט פאַר זײַן קאַליפין עז־זאַראה. וועסטו פיעלײַכט מיט אונז מיטגעהן, מוטער? חסדאי דערציהלט אזעלכע וואונדערליכע זאכען פון די בוי־קונסט פון דעם פּאַלאַץ און עס וועט זײַן אינטערעסאַנט צו זעהען די פּאַרטיגע געביידעס ווי אויך די וועלכע ווערען יעצט געבויט. חסדאי איז דאך אזוי בעפריינדעט מיט דעם קאליף און ער וועט קײנע שוועריגקייטען האבען ארײַנצוגעהן אינעווייניג און אונז אלס צייגען... קום דאך מיט אונז ליעבע מוטער!

— אָה, נײן, שושנה, — האט מרים געענטפערט, — ניט הײַנט, אַן אנדערש מאָל וועלען מיר געהן צוזאַמען...

מרים, די געטרייע איבערגעבענע מוטער, האט פאַרשטאַנען מיט איהר מוטערליכען אינסטינקט וואס קומט פאַר אין איהר טאכטער׳ס האַרץ... זי האט עס שוין באַמערקט מיט א צײַט צוריק... זי האט גלייך געקענט זעהן דאס חסדאי איז פאַרליעבט אין איהר טאכטער... שושנה׳ס לאַגישע קלוגע ענטפערס, איהרע ציטאַטען פון תנ״ך וואָלטען בעצויבערט אַזאַ מאַן ווי חסדאי, אפילו ווען זי זאָל נישט זײַן אזא שעהנהייט... מרים האט אבער נישט געוואָלט צולאָזען דעם געדאַנק צו זיך. צופיעל דאַנקבאַר איז זי געווען צו חפני אבן זמרי׳ן פאַר ראַטעווען איהר טאכטער פון אַזאַ שרעקליכע שאַנדע און אפשר פון א זיכערען טויט...

— אמת, — האט זיך מרים געטראַכט, — חפני איז א גראָביאַן, א שקלאַפען־הענדלער, אבער אז ער האט געקענט אײַנשטעלען זײַן לעבען צו ראַטעווען א אידישע טאכטער, מוז עפּעס אין איהם זײַן. אז שושנה זאָל איהם נאָר וועלען וואָלט ער זיך א סך פאַרבעסערט אין כאראַקטער און זיך אפשר געוואוינט צו לערנען. ווען אבער חפני האט געקומען אפטער ארײַנקומען אין הויז האט זיך שוין מרים ארומגעזעהן אז חפני קומט צו איהר שושנה׳ן ווי טאָג צו נאכט.

וואס מעהר חסדאי האט בעזוכט שושנה׳ן אַלץ מעהר איז מרים געווען איבערצייגט דאס חסדאי איז שושנה׳ס באַשערטער. זיי זײַנען ביידע א געבענשטע פאַר פון גאָט... און זייט חפני האט נישט אויסגעפאָלגט דעם רב׳ס באַפעהל און פאַרטגעזעצט זײַן שקלאַפען־האַנדעל, האט ער ביי איהר גאָר פאַרלוירען דעם חן. אז ער קען זײַן אזא עקשן, איז גאַרנישט כדאי וועגען איהם צו טראַכטען; אבער פאַרטרײַבען איהם פון הויז, האט איהר דאס האַרץ נישט דערלאָזען. ער האט

דאָך פאָרט געראַטעוועט איהר טאַכטער... זי האָט נאָר, אז מיט דער צייט וועט ער איינזעהען דאָס שושנה איז נישט פאַר איהם און ער וועט איינוויליגען צו נעהמען א באַלאָהנונג פון זיי פאַר זיין ראַטעווען שושנה׳ן.

— וואו איז דער פאָטער? — האָט שושנה איבערגעשלאָגען מרים׳ס געדאַנקען.

— דער פאָטער איז אוועק מיט עמנואל׳ן אין שוהל דאַווענען, — האָט מרים געענטפערט, — נו, טרינק דאָך, טאַכטער מיינע, די מילך.

שושנה האָט גענומען טראַכטען וועגען איהר פאָטער: ווי ליעב זי האָט איהם, איהר קלוגען און געלערנטען פאָטער! ווי אנגענעהם זיינען זיינע וואונדערליכע מעשיות פון די הייליגע ספרים, די קלוגע שפריכווערטער און משלים פון אמאָליגע גרויסע חכמים. זיינע ווערטער ערוואַרעמען איהר נשמה און ערקוויקען איהר הארץ... זי איז די גליקליכסטע אין דער וועלט אזעלכע טהייערע עלטערען צו האָבען... זי דערמאָהנט זיך, אז איהר ליעבער פאָטער, מוז צוליעב געשעפט אָפטמאָל אפּרייזען פון דער היים... איהר הארץ טהוט א ציטער... די וועגען זיינען פול מיט סכנות. אָה, ווי זי שרעקט זיך ווען איהר פאָטער מאַכט דורך א רייזע... יעדע שטונדע איז א יאָהר פאַר איהר און איהר מוטער... זי וועט איהם נישט לאָזען פאָהרען... זי וועט בעטען איהם ער זאָל איהר צוזאָגען קיינמאָל דאָס הויז נישט צו פאַרלאָזען. ניין, זי וועט איהם נישט לאָזען אוועקפאָהרען פון הויז קיינמאָל נישט!...

* * *

נאָכמיטאָג איז חסדאי געקומען צו שושנה׳ן, ווי ער האָט איהר פאַרשפּראָכען.

שושנה איז געווען אנגעטהאָן אין א שעהנע זיידענע קלייד. איהר פּנים האָט געלויכטען ווי זיבען זונען. זי איז איהם א פרעהליכע אנטקעגענגעגאַנגען. איהר רייץ און שעהנקייט האָבען איהם אזוי בעצויבערט, דאָס ער האָט זיך נישט פאַרגונען צו קוקען אין איהר פּנים... איהם האָט זיך געדוכט דאָס זיינע בליקען וועלען פאַרשוועכען די הייליגע לויטערקייט פון איהר מלאך־פּנים...

— ווי געטליך וואונדערליך שעהן זי איז — האָט זיך חסדאי געטראַכט, — ווי שטאַרק ער ליעבט איהר... אָה, ווען שושנה זאָל נאָר וויסען וואָס ביי איהם אין הארצען טהוט זיך... איז ער ווערטה צו בעזיצען אזא טהייערען אוצר?... ווי גליקליך ער וואָלט געווען, ווען שושנה האָט די זעלבע געפיהלען צו איהם...

היינט מוז ער זיך איהר "ערקלעהרען" — האָט חסדאי ביי זיך בעשלאָסען, און זיין הארץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּען פון דעם געדאַנק אליין.

מרים האָט מיטגעגעבען שושנה׳ן עטליכע זעמעל אויפ׳ן וועג און ביידע, שושנה און חסדאי האָבען אוועקגעשפּאַצירט הינטער׳ן שטאָדט צו זעהן דעם נייעם פּאַלאַץ.

נישט ווייט פון קארדאווא איז געווען א בארג וואס האט זיך גערופען: "דער בארג פון דער כלה". דאס האט דער קאליף אבדו ראחמאן אזוי א נאמען געגעבען דעם בארג צוליעב דעם, ווייל ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט מיט זיין כלה, די פרינצעסין עז־זאראה, פון זיין רייזע, און איידער ער איז אריינגעקומען אין שטאדט, איז ער מיט זיין כלה ארויף אויף דעם בארג און איהר פון ווייטען געצייגט די שעהנע שטאדט קארדאווא.

— נעבען דעם בארג, — האט דער קאליף איהר דאן געזאגט, — וועל איך בויען א פאלאץ וואס וועט טראגען דיין נאמען "עז־זאראה".

אבדו ראחמאן האט געהאלטען זיין פארשפרעכען און גלייך אנגעפאנגען צו בויען דעם פאלאץ. צעהן טויזענד ארבייטער האבען טעגליך געארבייט ארום דעם פאלאץ. יעדען טאג זיינען געמאכט געווארען זעקס טויזענד שטיינערנע ציגעל וועלכע זיינען ספעציעל געשניטען און געשליפען געווארען. הונדערטע ארכי־טעקטען פון פערשידענע לענדער זיינען איינגעלאדען געווארען ביי דעם קאליף צו קומען און העלפען בויען דעם פאלאץ און די נייע שטאדט ארום פאלאץ וואס ער האט אויך א נאמען געגעבען "מעדינאה עז־זאראה".

דעם קאליף׳ס זאאל האט געהאט א דאך און ווענט פון מארמארשטיין און גאלד. אין זאאל איז געשטאנען א וואונדערבאר־געשניצטער פאנטאן, וואס דער גריכישער אימפעראטאר האט דעם קאליף געשיקט א מתנה. אין מיטען זאאל איז געשטאנען א גרויסער גאלדענער בעקען פול מיט קוועקזילבער. פון ביידע זייטען זאאל זיינען געווען צו אכט טהירען פון עבען־האלץ און עלפאנט־ביין. אין די טהירען זיינען געווען איינגעפאסט קאסטבארע שטיינער. ווען די זוהן האט אריינ־געשיינט דורך די טהירען און די קוועקזילבער האט זיך גענומען באוועגען אין בעקען, איז דער גאנצער זאאל אנגעפילט געווארען מיט פינקעלדיגע ליכט־שטראהלען ווי בליצען. און יעדער וואס איז דארט געווען האט געמוזט פארמאכען די אויגען צוליעב די בלענדענדע ליכט.

ווען חסדאי און שושנה זיינען צוגעקומען צום פאלאץ, האבען זיך די בעאמטע פארנייגט פאר זיי, ווייל אלע האבען גוט געקענט חסדאי׳ן. זיי האבען פיעלע מאל איהם געזעהען פארברייינגען מיט׳ן קאליף.

דער הויפט אויפזעהער פון פאלאץ האט ערלויבט חסדאי׳ן אריינצוגעהן מיט שושנה׳ן וואוהין ער וויל. ער איז נאך אליין געגאנגען ציינען און ערקלעהרען די פערשידענע וואונדערבארע זאכען פון פאלאץ.

ווען שושנה איז מיט חסדאי׳ן אריין אין קאליף׳ס זאאל, איז זי ערשטוינט געווארען פון די שעהנקייט און וואונדער... חסדאי האט איהר ערקלעהרט ווי די קוועקזילבער באוועגט זיך און ווי איהרע שטראהלען פעראייניגען זיך מיט די זון׳ס שטראהלען...

דער הויפט וועלכער איז געשטאַנען דערביי און האָט בעוואונדערט שושנה'ס שעהנקייט האָט זיך אָבגערופען צו חסדאי'ן:

— דו האָסט דיזער שעהנקייט עהקלעהרט וועגען צוויי פערשידענע שטראַה־לען, וועלכע באַגעגנען זיך אין דיזען זאַאל, אָבער דו האָסט פאַרגעסען, דאָס מיט איהר אַנוועזענהייט דאָ, איז אין דעם זאַאל צוגעקומען נאָך אַ שטראַהל ליכט...

חסדאי האָט אַ שמייכעל געטהאָן און אַ קוק געטהאָן אויף דעם הויפט אויפ־זעהער מיט דאַנקבאַרע אויגען. ער האָט זיין בליק געווענדעט צו שושנה'ן. זי איז געוועזען אַזוי שעהן ווי אַ מאָרגענשטערן אין אַ קלאָרען בלויען הימעל. חסדאי האָט איהר געפיהרט צייגען די גרויסאַרטיגע גערטנער איינגעפלאַנצט מיט פערשידענע דופטיגע בוימער, די פלוסען קלאַהרע וואַסער וואָס לויפט דורך די גערטנער; ער האָט איהר געצייגט די איבריגע געביידעס. דער זאַאל וואו דער קאַליף האָט פאַרבראַכט מיט די חכמים, פּאָעטען און געלערנטע.

— באַלד וועט אַלעס פאַרטיג ווערען, — האָט איהר חסדאי געזאָגט, און דער קאַליף וועט דאָ מאַכען זיין שטענדיגען רעזידענץ. דערווייל קומט דאָ דער קאַליף זעהר זעלטען.

צוריקגעהענדיג אַהיים האָבען זיי אויפ'ן וועג באַגעגנט חפני אבן זמרי. ער האָט געריטען אויף זיין פערד. ווען ער האָט באַמערקט שושנה'ן שפּאַצירענדיג מיט חסדאי'ן האָט זיך זיין פנים אָנגעצונדען מיט כעס. ער האָט זיך אַ נויג געטהאָן פאַר שושנה'ן און איז ווייטער געפאָהרען זיין וועג.

— יעצט, — האָט זיך חפני געטראַכט, — בין איך זיכער דאָס ער, חסדאי, איז מיין איינציגער קאָנקורענט... און דערפאַר טאַקע האָט ער מיר געוואָלט פער־מיאוס'ן אין שושנה'ס אויגען. אָבער ניין!... — האָט ער געדריקט זיין פויסט, — ער וועט פאַר דעם מיט זיין לעבען בעצאַהלען... ער איז זיכער דאָס אבו נאַסיף וועט איהם שוין זיכער פון וועג אָפּראַמען. און דאַן... דאַן, וועט זיין וועג זיין פריי פאַר איהם. און שושנה וועט סוף כל סוף ווערען זיינע... ער האָט אומגעדרעהט זיין קאָפּ און זיי בעטראַכט ווי זיי שפּאַצירען לאַנגזאַם און אַזוי נאָהענט איינע צום צווייטען. זיין קנאה איז אַזוי שטאַרק געוואָרען, דאָס פון זיינע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען...

„איך האָב נאָך נישט געהאַט די זכיה מיט איהר אַליין צו שפּאַצירען", — האָט ער זיך געטראַכט, — „זינט דאַן ווען ער האָט מיט איהר אויף זיין פערד געריטען, האָט ער נאָך איהר נישט אָנגעריהרט... ער מוז נאָך שטאַרקער באַפריינ־דעט ווערען מיט אבו נאַסיף. ער וועט ביי איהם אָבקויפען אַלע שקלאַפען און איהם צייגען דאָס ער האָט נישט קיין מורא פאַר דער אידישער קהלה אין קאָרדאָווע".
ער האָט אַ קלאַפּ געטהאָן זיין פערד און איז שנעלער אַוועקגעריטען.

שושנה איז געקומען מיט חסדאי׳ן אהיים. ר׳ שמואל און זיין פרוי מרים זיינען געזעסען און האבען געקליבען נחת פון זייער בן יחיד׳ל עמנואל. ער האט פאר זיי איבערגעזאגט א פאר קאפיטלעך ישעיה אויסוועניג...

פאטער און מוטער האבען בעטראכט זייער גראַטעמעם זוהן און געשלונגען די ווערטער וואס זיינען ארויס, מיט א קלינגענדען קול׳כעל, פון זיין מויל.

ווען שושנה און חסדאי האבען געזאגט גוטען־אווענט, האט זיך עמנואל אפגעשטעלט אין מיטען און נישט פארענדיגט דעם קאפיטעל. ער איז געבליבען שטעהן א פארשעהמטער מיט אן ארונטערגעלאזענעם קעפעל.

— נו, מיין טאכטער, ווי געפעלט דיר אונזער קאליף׳ס נייער פאלאץ, — האט ר׳ שמואל איהר געפרעגט.

שושנה האט מיט באגייסטערונג דערצעהלט וועגען אלע וואונדערבארע זאכען וואס זי האט געזעהן.

— איך קען זיך יעצט פארשטעלען, — האט זי צוגעגעבען, — ווי פרעכטיג און גרויסארטיג איז געווען שלמה המלך׳ס פאלאץ און דער בית המקדש.

— ווען וועט דער קאליף פייערען דעם חנוכת הבית, — האט ר׳ שמואל געפרעגט חסדאי׳ן.

— פארבארייטונגען ווערען שוין געמאכט פאר דעם, — האט חסדאי געענטפערט, — און אויב דער הויפט פאלאץ, עז־זאראה, וועט פארטיג ווערען היינטיגען מאנאט, וועט דער קאליף פייערען דעם חנוכת הבית נעקסטען מאנאט.

מרים האט פארגעשלאגען מען זאל געהן זיך ״וואשען״ און עסען דעם אבענד־ברויט. און זי האט איינגעלאדען חסדאי׳ן צו עסען אבענד־ברויט מיט זיי. חסדאי האט איהר באדאנקט הערצליך און אנגענומען די איינלאדונג...

עמנואל איז צוגעגאנגען צו דער מאמע׳ן און איהר עפעס געזאגט אויפ׳ן אויער.

— דו ביזט גערעכט מיין זוהן, — האט מרים געזאגט לאכענדיג, — ער זאגט, — האט זי זיך געווענדעט צו אלעמען, — דאס ער האט נישט געענדיגט דעם קאפיטעל תנ״ך, ווייל מען האט איהם אונטערבראכען, וואלט ער יעצט, איידער מיר געהען עסען אבענד־ברויט, וועלען ענדיגען.

— הויב אן פון אנפאנג, עמנואל, — האט איהם חסדאי א ליעבליכען קניפ געטהאן אין בעקעל, — פאנגט אן דעם קאפיטעל, ווייל דיין שוועסטער און איך ווילען אויך הערען ווי אויסגעצייכענט דו קענסט ישעיה.

עמנואל האט אנגעפאנגען צו זאגען הויך און דייטליך: ״נחמו, נחמו עמי, יאמר״... אין הויז איז געווארען שטיל. ר׳ שמואל האט דורכגעפיהרט די האנד דורך זיין לאנגע גרויליכע בארד און צופרידען געשאקעלט מיט׳ן קאפ. מרים האט געקוקט אויף איהר זוהן מיט ליעבשאפט און מוטערליכע צערטליכקייט.

זי האָט אויך געוואָרפען איהרע בליקען אויף איהר ליעבענדע טאַטעס. איהרע העל־לויכטענדע אויגען און דער גליקליכער שמייכעל אויף איהרע ליפען, דער־צעהלען דער מוטער אלעס וואָס קומט פאָר ביי איהר אין הארצען.. .די מוטער'ס הארץ ווייס און פיהלט וואָס קומט פאָר ביי איהר טאַכטער... עס ווערט איהר אזוי גוט, אזוי אנגענעהם...

דבורה, שושנה'ס און נאָכהער עמנואל'ס ערציהערין, איז אריין פון קיך און געבליבען שטעהן נעבען טהיר און זיך אויך איינגעהערט ווי עמנואל זאָגט א קאַפּיטעל ישעיה אויסווענדיג... איהרע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען און איהרע ליפען האָבען שטילערהייד געשעפּצעט: "ס'א טהייער קינד! ער וועט אויסוואַקסען א גרויסער געלערנטער איד, גיב איהם, טהייערער גאָט, געזונד און שטאַרקייט"...

עמנואל איז שטעהן געבליבען אין מיטען קאַפּיטעל, ער האָט פאַרגעסען א וואָרט. שושנה האָט איהם דערמאָהנט, און עמנואל האָט פאַרענדיגט דעם קאַפּיטעל.

— זעהר גוט, אויסגעצייכנט! — האָט חסדאי איהם געזאָגט.

שושנה איז צוגעגאַנגען צו איהר קליינעם ברודער און איהם ארומגענומען און געקושט:

— דו ביזט א גוט בראַוו קינד, איך שטאָלציר מיט דיר, מיין ברודער.

— ווי איך זעה, — האָט זיך חסדאי אָפּגערופען צו ר' שמואל'ן און מרים'ן, — געדענקט נאָך אייער טאָכטער יעצט אויך דעם תנ"ך אויסווענדיג.

— אָה, ווען זי איז געווען אין זיינע יאָהרען, — האָט מרים געזאָגט, — איז זי קלאָהר געווען אין גאַנץ תנ"ך. איך ווייס נישט צו זי געדענקט נאָך יעצט אויך...

שושנה האָט א שמייכעל געטהאָן און ארונטערגעלאָזען די אויגען.

מען האָט זיך געזעצט עסען דעם אבענד־ברויט.

— זאָג מיר, שושנה, — האָט זיך עמנואל אָפּגערופען, — איז דעם קאַליף'ס מראָהן אויך מיט טרעפּ, און פערשידענע חיות שטעהען אויף די טרעפּ.

— אין מסיחין בסעודה! — (מען טאָר נישט ריידען אין מיטען עסען), — האָט איהם דער פאָטער געזאָגט.

— אין מסיחין בסעודה אפילו "אין מסיחין בסעודה" (מען טאָר נישט ריידען אין מיטען עסען אפילו "מען טאָר נישט רעדען אין מיטען עסען") — האָט דער קלוגער עמנואל לאַכענדיג געזאָגט.

אלע האָבען זיך הארציג פאַנאַנדערגעלאַכט.

נאָכ'ן עסען האָט חסדאי נעפרעגט אויב שושנה איז מיעד.

— אַה, ניין, — האָט זי געענטפערט, — פון פאַרגעניגען קען מען נישט אַזוי שנעל מיעד ווערען.

חסדאי האָט איהר דאַן געפרעגט אויב זי וויל מיט איהם אַרויסגעהן אויף אַ קליינעם שפּאַציער. שושנה האָט איינגעשטימט, און זיי זיינען ביידע אַרויס שפּאַצירען.

עס איז געווען אַ וואַרעמער, וואונדער־שעהנער זומער אָבענד. די זילבערנע לבנה, אַרומגערינגעלט פון מיליאָנען פינקעלדיגע בריליאַנטענע שטערען, האָט לאַנגזאַם געשוועבט אין דעם בלויען קריסטאַלענעם הימעל... אַ ווײַלע האָבען ביידע שפּאַצירט נאָכהער זיינען זיי אַריינגעגאַנגען אין שושנה'ס גאָרטען און זיך געזעצט אויף אַ באַנק.

אַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום, וואָס איז פון צייט צו צייט אונטער־בראָכען געוואָרען פון אַ זשומען פון אַ פאַרבייפליהענדער ביהן און פון דאָס זינגען פון אַ נאַכטיגאַל. אַ מחיה'דיגער און ערקוויקענדער ווינטעלע האָט גע־בלאָזען און האָט אַ שאָקעל געטהאָן די בלעטער פון די בוימער... חסדאי און שושנה זיינען אַ ווײַלע געזעסען און געשוויגען.

שושנה פיהלט זיך אַזוי פעסט און זיכער... חסדאי איז מיט איהר און זי דאַרף זיך יעצט פאַר קיינעם נישט שרעקען...

חסדאי האָט זיך צוגערוקט עטוואָס נעהענטער צו שושנה'ן. ער האָט אָנגע־נומען איהר צאַרטע האַנד.

— שושנה, געטליכע שושנה, — האָט ער געזאָגט און זיין שטימע האָט געציטערט... איך האָב זיך דיר שוין לאַנג געקליבען צו זאָגען... איך... איך... ליעב דיר... מעהר ווי מיין גאַנצען לעבען... זאָג דאָך מיר, מיין שעהנע געטליכע בלום, בין איך ווערטה אויך פון דיר געליעבט צו ווערען...

שושנה האָט אַרונטערגעלאָזען איהרע בעשיידענע אויגען און געשוויגען...

זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּען שטאַרקער... זיין פּנים האָט געברענט... די קליינע ווײַלע איז פאַר איהם אַן אייביגקייט געווען...

— טהייערע ליעבע שושנה, — האָט זיך חסדאי נאָך נעהענטער צוגערוקט, — זאָג מיר, מלאך, ליעבסטו מיך?... וואָלסטו וועלען פאַרבינדען דיין לעבען מיט מיינעם?...

שושנה האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבען איהרע אויגען און איהם בעשאַנקען מיט אַ ליעבענדען צערטליכען קוק. איהר קוק האָט אויסגעדריקט איהרע איידעלע ליעבעס־געפיהלען צו איהם. דער ליעבליכער קוק האָט דערוואָרעמט זיין האַרץ און ערהויבען זיין נשמה און האָט איהם דעם גליקליכסטען אין דער וועלט גע־מאַכט...

— ליעבענקע שושנה, דו ביזט מיינע אויף אייביג!... — האָט ער איהר

געדריקט צו זיין האַרצען און איהר דעם ערשטען הייסען ליעבעס קוש געגעבען...

די לבנה האָט נאָך שטיל געשוואוּמען אין דעם קלאָהרען בלויען "ים". אַלעס אַרום איז געווען שעהן און ערהאַבען...

שושנה האָט איהר קאָפּ אנגעשפּאַרט אויף חסדאי'ס ברוסט. חסדאי האָט געגלעט איהרע שעהנע שוואַרצע האָר. זי איז דאָך אַזוי גליקליך. איהר הייליגער ליעבעס־אידעאַל איז פאַרווירקליכט געוואָרען. חסדאי, דער איידעלער קלוגער און געלערנטער יונגערמאַן, פון וועמען זי האָט אַזוי פיעל געטרוימט, בעלאַנגט צו איהר, צו איהר אליין...

שושנה האָט זיך דערמאָהנט ווי פאַר־א־יאָהרען כמעט אין דערזעלבער צייט און אין דעם זעלבען גאָרטען, האָט זי אַזאַ שרעקליכע ערפאַהרונג געהאַט. זי דערמאָהנט זיך ווי דער אַראַבער האָט מיט זיין דיקע שוואַרצע האַנד איהר מויל פאַרשטעלט. אַ שוידער געהט דורך איהר לייב...

— וואָס איז דיר, מיין הערצענס־געליעבטע שושנה, — האָט איהר חסדאי קושענדיג געזאָגט, — פיהלסט זיך שלעכט?

— ניין, — האָט שושנה געזאָגט, טוליענדיג זיך שטאַרקער צו זיין ברוסט, — איך פיהל זיך זעהר גוט און גליקליך... איך האָב זיך נאָר יעצט דערמאָהנט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט לעצטען יאָהר, דאָ אין גאָרטען. דאָן, ווען די צוויי אַראַבער האָבען מיר געפאַנגען גענומען, האָב איך זיך שוין נישט געריכט, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט ווען איך וועל זיין אַזוי גליקליך... איך האָב דאָן פאַרלאָרען אַלע האָפנונגען, אָבער דער ליעבער גאָט האָט מיך אויף אַזאַ וואונ־דערבאַרען אופן געראַטעוועט פון זייערע הענד... ווען חפני זאָל נאָר וועלען נעהמען אַ באַלוינונג פון מיין פאָטער פאַר זיין העלדענטהאַט, וואָלט מיר דאָן אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצען.

— זאָרג נישט וועגען דעם, מיין ליעבענקער מלאך, ער וועט שפּעטער אַביסעל זיך מיישב זיין און יאָ נעהמען זיין שכר פאַר זיין רעטען דיך פון די אַראַבער'ס הענד... דו ווייסט, אַז אַביסעל שכר האָט ער שוין געטראָגען, — האָט חסדאי איהר געזאָגט. — חפני האָט געזאָלט אריינגעליינט ווערען אין חרם פאַר זיין נישט פאָלגען דעם באַפעהל פון דער קהלה, אויפצוגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל, נאָר צוליעב דעם אַליין, ווייל ער האָט דיך געראַטעוועט, האָט דער רב איהם נאָך נישט אריינגעליינט אין חרם, כאָטש דער טערמין האָט זיך שוין געענדיגט. אָבער, מיין ליעבלינג, לאָמיר פאַרגעסען יעצט פון דעם, אין דער צייט פון אונזער העכסטען גליק.

— יעצט, מיין ליעבער חסדאי, וועסטו דאַרפען בעטען די ערלויבניש פון מיינע עלטערען, — האָט שושנה געזאָגט, און זיך אויפגעהויבען פון באַנק.

חסדאי האָט זיך אויפגעהויבען פון באַנק א גליקליכער און איז מיט שושנה׳ן אריין אין הויז...

מרים איז געזעסען און געדעט מיט איהר מאַן וועגען שושנה׳ן און וועגען דעם וואונדערבאַרען יונגענמאַן, חסדאי.

— מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין גאַנץ קאָרדאָווא איז ניטאָ אַזאַ יונגער מאַן וואָס זאָל ווערטה זיין אונזער ליעבע טאָכטער... יעצט אָבער זעה איך, אַז גאָט האָט איהר צוגעשיקט איהר באַשערטען אַזעלכען וואָס איז איהר ווערטה און זי — איהם... זיי וועלען אָם ירצה השם זיין אַ טהייערע גליקליכע פּאָרעל.

— ווער ווייס, — האָט נאָך ר׳ שמואל אביסעלע געצווייפעלט, — כל זמן מען האָט נאָך פון זייביידען נישט געהערט עטוואָס בעשטימטעס, קען מען נישט זאָגען אויף זיכער...

— שאַ, אָט געהען זיי! — האָט מרים געזאָגט צו ר׳ שמואל׳ן.

מרים האָט איינגעלאַדען חסדאי׳ן פּאַר טהעע. זי האָט גלייך דערקענט אין שושנה׳ס פּנים אַז עפּעס וויכטיגעס האָט פּאַסירט... און האָט שוין אונגעדולדיג געוואַרט.

חסדאי האָט געפּאַסט מוטה און געזאָגט צו ר׳ שמואל׳ן מיט זיין פרוי:

— איך וויל מיט אייך עטליכע ווערטער רײדען.

שושנה׳ס פּנים איז נאָך רויטער געוואָרען און איז שטילערהייד אַרויסגעגאַנגען פון צימער...

— אייער שעהנע ליעבע טאָכטער האָט איינגעשטימט מיין פרוי צו ווערען, — האָט חסדאי זיי געזאָגט, — יעצט וויל איך בעטען אייער הסכמה און ברכה.

— געבענשט זאָלסטו זיין, מיין זוהן, — האָט זיך ר׳ שמואל אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ, — איך בין העכסט גליקליך דיך פאַר מיין איידעם צו האָבען.

— שושנה! — האָט מרים געעפענט די טהיר און איהר אריינגערופען, — מיין טהייערינקע טאָכטער, זאָל זיין מיט גליק און מיט מזל!...

— מיין ליעבענקע מוטער! איך בין דאָך אַזוי גליקליך! — איז שושנה אַרויפגעפאַלען איהר מוטער אויפ׳ן האַלז און איהר גענומען קושען...

נאָכהער איז זי צוגעגאַנגען צום פאָטער און איהם אַרומגענומען און געקושט...

— מיינע ליעבע קינדער, — האָט ר׳ שמואל אַרויפגעלייגט זיינע הענד אויף שושנה׳ס און חסדאי׳ס קעפּ, — זאָל אייך דער וואָס רוהט אין די הימלען, שיקען זיין ברכה און בענטשונג, איהר זאָלט זיין העכסט גליקליך אייער גאַנצען לעבען...

— אָמן, — האָט געענטפערט מרים.

און חסדאי האָט נאָך אַמאָל אַ קוש געטהאַן זיין כלה שושנה.

14טער קאַפּיטעל

חסדאי ווערט דעם קאַליף׳ס הויפּט־מיניסטער

דער קאַליף אבדו ראחמאַן דער דריטער, האָט זינט דעם בלבול וואָס איז געמאַכט געוואָרען אויף חסדאי׳ן איהם פיעל מקרב געווען. ער האָט אין דעם יונגען אידישען מאַן געפונען נישט נאַר אַ פּאָעט, אַ פילאָזאָף און אַ גרויסען דאָקטאָר פון מעדיצין, נאָר אויך אַ קלוגען געלערנטען שטאַאַטסמאַן, וועלכער האָט איהם מיט זיינע פערנינפטיגע לאַגישע עצות פיעל מאָל ארויסגעהאָלפען פון פיעלע שוועריגקייטען.

דער דייטשער קייזער, אָטאָ דער ערשטער, האָט איינמאָל געשיקט זיינע צוויי געזאַנדטע נאָך קאָרדאַוואַ צו בעגריסען דעם קאַליף פאַר זיין זיעג איבער טאַלידאָ. צוליעב אַ מיספערשטענדניס, האָבען זיך די געזאַנדטע געפונען בע־ליידיגט. ווען זיי זיינען געקומען אין דייטשלאַנד, האָבען זיי זיך באַקלאָגט פאַר דעם קייזער, און אָטאָ דער ערשטער איז אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרען אויף דעם קאַליף, דאָס ער האָט זיך גענומען גרייטען מלחמה צו האַלטען מיט דעם קאַליף פון קאָרדאָוואַ.

דער קאַליף, באַטש ער איז געווען זיעגרייך אין אַלע זיינע מלחמות, האָט דאָך אַלע מאָל פריהער געזוכט שלום מיט זיינע שונאים. ער האָט דערצעהלט חסדאי׳ן אָבען שפּרוט ווענגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ. חסדאי האָט געבעטען דעם קאַליף ער זאָל איהם ערלויבע אויסצוגלייכען דעם גאַנצען סכסוך.

— מיין טרייער חסדאי, — האָט דער קאַליף געזאָגט, — פאַר שלום וועל איך אַלעס טהאָן, און אויב דיר וועט געלינגען צו פערמיידען בלוט־פאַרגיסונג, וועל איך זיין העכסט צופריעדען און גליקליך.

חסדאי האָט דאַן אָנגעשריבען מיט דעם קאַליף׳ס חתימה, אַ וואונדערבאַרען בריעף אין לאַטיין צום דייטשען קייזער, וואו ער האָט איהם איבערצייגט מיט זיינע קלוגע, לאַגישע ווערטער, דאָס וואָס זיינע צוויי געזאַנדטע האָבען על פּי טעות אָנגענומען אַלס אַ באַליידיגונג, איז גאַר געמיינט געווען אַלס אַ לויב און שבח צום דייטשען קייזער.

ווען אָטאָ דער ערשטער האָט איבערגעלייענט דעם בריעף איז ער אַזוי ענטציקט געוואָרען, דאָס ער האָט באַלד אוועקגעשיקט צוויי אַנדערע געזאַנדטע מיט קאָסטבאַרע מתנות פאַר דעם קאַליף און די קאַליפין עז־זאַראַה.

דער קאַליף האָט יעצט געזעהען דאָס חסדאי איז דער איינציגער מאַן אין זיין קעניגרייך, אויף וועמען ער קען זיך אין גאַנצען פאַרלאָזען מיט אַלע מלוכה־אָנגעלעגענהייטען. ער האָט ביי זיך באַשלאָסען צו מאַכען חסדאי׳ן פאַר זיין הויפּט־מיניסטער.

אין עטליכע טעג אַרום האָט דער קאַליף געשיקט רופען חסדאי׳ן צו זיין פּאַלאַץ, און ווען חסדאי איז אַריינגעקומען אין פּאַלאַץ, האָט ער דאָרטען גע־טראָפען דעם קאַליף, די קאַליפין, און אַלע זיינע מיניסטאָרען.

— דאָס איז דער יונגערמאַן וועגען וועמען איך האָב אייך אַזוי פיעל דער־ציילט, — האָט דער קאַליף פאָרגעשטעלט חסדאי׳ן פאַר זיינע מיניסטאָרען.

— יעצט מיין טייערער חסדאי, — האָט זיך דער קאַליף געווענדעט צו איהם, אַרויפלייגענדיג זיי האַנד אויף חסדאי׳ס שולטער, — איך דאַנק דעם אַלמעכטיגען פאַר וואָס ער האָט מיין לאַנד געבענטשט מיט אַזאַ גרויסען, קלוגען מענשען, וואָס זיין גלייכען איז שווער צו געפינען אין דער גאַנצער וועלט. איך שטאָלציר זעהר מיט דיר און איך פערלאַנג פון דיר דאָס דו זאָלסט ווערען מיין העכסטער מיניסטער און דורך דיר זאָלען פערוואַלטעט ווערען אַלע מיינע אינער־ליכע און אויסערליכע אַנגעלעגענהייטען.

חסדאי איז שטאַרק גערירט געוואָרען פון קאַליף׳ס ווערטער; ער איז אַ ווייילע געשטאַנען באַוועגלאָז און גאַרנישט געקענט ריידען פון איבעראַשונג און גליק.

אַלע מיניסטאָרען האָבען זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער און בע־גריסט דעם נייעם הויפּט־מיניסטער.

חסדאי האָט זיך פערנייגט און הערצליך בעדאַנקט דעם קאַליף פאַר דעם גרויסען כבוד וואָס ער האָט איהם געטהאָן.

— גנעדיגער קאַליף, — האָט ער געזאָגט, — איך גלויב קוים צו איך האָב פאַרדיענט אַזאַ אונגעהייער גרויסע עהרע פון זיין מאַיעסטעט, און איך האָף נאָר און בעט גאָט, ער זאָל מיר געבען גענוג חכמה און פערשטאַנד איך זאָל קענען לייסטען מיין טהייערען ליעבען פאָטערלאַנד מיין אַרבייט צום גוטען און וואָהל־זיין פון אונזער בעליעבטען קאַליף און דאָס לאַנד.

אַלע מיניסטאָרען האָבען געדריקט חסדאי׳ס האַנד. זיי זיינען געווען שטאַרק צופריעדען מיט איהם, ווייל זיי האָבען געוואוסט דאָס ער איז עהרליך און וועט זיך נישט גרויסהאַלטען געגען זיי. נאָר איין מיניסטער, דער אַלטער אבן מומין, כאָטש ער האָט אויך געדריקט זיין האַנד, האָט ער אָבער אין זיין האַרצען גע־טראָגען אַ גרויסע שנאה צו חסדאי׳ן. ער האָט אימער גע׳חלום׳ט דאָס דער קאַליף וועט איהם מאַכען פאַר׳ן הויפּט־מיניסטער און יעצט זעהט ער דאָס פון זיינע חלומות זיינען גאַרנישט געוואָרען...

שנעל ווי אַ בליץ איז די נייעס דאָס חסדאי אבן שפּרוט איז געוואָרען דעם קאַליף׳ס הויפּט־מיניסטער, פאַרשפּרייט געוואָרען אין גאַנץ קאָרדאָווא. אַראַבער ווי אידען האָבען מיט בעגייסטערונג גערעדט פון נייעם הויפּט־מיניסטער. דער גוטהערציגער, קלוגער חסדאי איז אויך זעהר שטאַרק בעליעבט געווען

ביי דעם אַראַבישען פאָלק, ווייל ער האָט געהאָלפען צו פערשפּרייטען וויסען־שאַפט צווישען די שפּאַנישע אַראַבער. ער האָט געשריבען פיעלע וויסענשאַפט־ליכע ביכער אין העברעאיש און אין אַראַביש.

עס האָט זיך געמאַכט, אַז דער קייזער קאָנסטאַנטין דער אַכטער, האָט זיך געוואָלט פערבינדען מיט דעם קאָרדאָוואַ׳ר קאַליף צו בעשיצען זיך פון זיינע פיינד. ווען די שלוחים זיינען געקומען נאָך קאָרדאָוואַ, האָבען זיי איבערגעגעבען פיעלע מתנות וואָס דער קייזער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געשיקט צום קאַליף. צווישען די מתנות איז געווען איין עקזעמפּלאַר פון א גריכישען בוך איבער מעדיצין, וועלכע די געלערנטע אַראַבער האָבען זעהר געוואָלט קריגען אין קאָרדאָוואַ, אָבער עס איז קיינער נישט געווען וואָס זאָל פאַרשטעהען גריכיש. קאָנסטאַנטין האָט שפּעטער צוגעשיקט א גלח, וועלכער האָט פאַרשטאַנען גריכיש און לאַטיין, אָבער ער האָט קיין אַראַביש נישט געקענט. דער גלח האָט דאַריבער איבערזעצט דעם מעדיצינישען בוך פון גריכיש אין לאַטייניש. און אַזוי ווי חסדאי איז געווען דער איינציגער געלערנטער אין קאָרדאָוואַ וועלכער האָט גרינדליך געקענט לאַטיין און אַראַביש, האָט ער דעם מעדיצינישען בוך איבערזעצט פון לאַטייניש אין אַראַביש.

דער בוך, אין אַראַביש, איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס פרייד אין קאָרדאָוואַ. די אַראַבישע געלערנטע האָבען דעם בוך אָנגענומען אַלס א טעקסט בוך אין די מעדיצינישע שולען. דאַמיט האָט חסדאי׳ס פּאָפּולאַריטעט נאָך שטאַרקער געשטיגען ביי די אַראַבער.

די אידען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פייערען זייער גרויסע שמחה אין שוהל. די שוהל איז געווען דער איינציגער פּלאַץ וואו אַלע אידען פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען זיך צו טיילען זייערע ליידען און פריידען. יעצט, אַז אַזא גרויס גליק האָט זיי געטראָפען, דאָס א איד זאָל בעשטימט ווערען צום חעכ־סטען אַמט אין לאַנד, האָט יעדען געצויגען אין שוהל. דאָרטען האָט יעדער גע־האָפט וועט ער הערען מעהר איינצעלהייטען וועגען די וויכטיגע געשעהענים.

איידער דער רב איז געקומען האָבען זיך די אידען צוטיילט אין גרופּעס, און צווישען זיך גערעדט וועגען די נייעס.

— עס איז גאָר אַזוי ווי די געשיכטע פון יוסף׳ן אין מצרים — האָט זיך אָפּגערופען א דיקליכער איד מיט א שיטערע שוואַרצע בערדעל, — חסדאי אבן שפּרוט איז געוואָרען משנה צום קאַליף, ווי יוסף צו פּרעה׳ן.

— א גלייכענים! — האָט געזאָגט א צווייטער איד, — ער נעהמט און גלייכט צו פּרעה׳ן צו אונזער קאַליף!... אונזער קאַליף, זאָל געזונד זיין, איז א מלך חסד, און פּרעה איז געווען א מלך רשע.

– לאָמיך דיר א שטיינער זאָגען, — האָט דער ערשטער איד געענטפערט,

דורכפיהרענדיג זיין האַנד איבער זיין בערדעל, — אַז דער פּרעה אין יוסף'ס צייטען איז קיין רשע ניט געווען, והא ראיה, אַז יעקב אבינו האָט דאָך איהם גע־בענשט, און אַז ער וואָלט געווען אַ רשע וואָלט איהם אַזאַ צדיק נישט געבענשט...

— עס איז אַ סברא, — האָט זיך אָפּגערופען אַנאַנדער איד מיט אַ שפּיציג רויטער באָרד, — אַז חסדאי אבן שפּרוט וועט ווערען ר' שמואל'ס איידעם.

— פון וואַנען דרינגסטו עס אַזוי? — האָט געפרעגט אַנאַנדער איד פון דער גרופּע.

— מען האָט שוין עטליכע מאָל געזעהען חסדאי'ן שפּאַצירען מיט ר' שמואל'ס טאָכטער שושנה, — האָט געזאָגט דער איד מיט דער רויטער באָרד.

— און איך האָב געהערט, — האָט זיך אַריינגעמישט אַ דריטער איד, — אַז צו שושנה'ן שדכנ'ט זיך גאָר חפני אבן זמרי. פאַרשטעהט איהר מיך: ער האָט דאָך עפּעס געראַטעוועט שושנה'ן פון אַ זיכערען טויט, נו, יעצט האָט ער אַ תביעה אויף איהר.

— וויים איך וואָס, — האָט זיך דער רויטער איד ווידער אָפּגערופען, — ווי אַזוי קומט אָט דער שקלאַפען־הענדלער צו שושנה'ן, און אַז ער האָט גע־ראַטעוועט איהר לעבען, איז וואָס? ! דאַרף זי צוליעב דעם אַפּפינסטערען איהר גאַנצען לעבען מיט אַזאַ פּראָסטען וואולגאַרישען יונג! ער קומט דאָך צו איהר ווי טאָג צו נאַכט...

— שאַ, שאַ! אָט געהט ר' שמואל, — האָט איינער געזאָגט און די גרופּע איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

די גליקליכסטע פון אַלעמען איז געווען די אבן ברוך פאַמיליע. זייער שמחה איז געווען אַ דאָפּעלטע: אַ קלייניגקייט! חסדאי, דער ביי אַלעמען באַליעבטער יונגערמאַן, איז יעצט געוואָרען דער הויפּט־מיניסטער, אַזאַ כבוד און שטאָלץ פאַר דאָס אידישע פאָלק. נאָך גרעסער איז יעצט זייער גליק דאָס חסדאי איז שושנה'ס חתן...

— מיר וואָלטען געדאַרפט טאַקע דעם זעלבען אָבענד פּראַווען די תנאים, — האָט זיך מרים אָפּגערופען צו איהר מאַן שטילערהייד, ווען זיי זיינען געגאַנגען אין שוהל.

— אין מערבין שמחה בשמחה (מען מישט ניט איין שמחה מיט אַ צווייטע) — האָט ר' שמואל געזאָגט, — די תנאים וועלען מיר אָפּלעגען אויף אַנאַנדערס מאָל.

די פרייד אין שוהל איז געווען אין לשער. ר' משה, דער נייער קאָרדאָוואַער הויפּט רב איז אַרויף אויף דער בימה און האָט איבערגעגעבען אַלע איינצעל־הייטען וועגען די וויכטיגע פּאַסירונג.

אין א קורצע הארציגע רעדע, האט ער שטארק געלויבט און געריהמט דעם נייעם אידישען מיניסטער.

— מיר דארפען זיך אלע שעצען גליקליך, — האט ר' משה פארענדיגט זיין רעדע, — וואס מיר פארמאגען אזא גרויסען מאן ווי חסדאי אבן שפרוט, וועלכער איז נישט נאר א שמאלץ פאר אונז אידען פון קארדאווא, נאר פאר די אידען פון דער גאנצער וועלט. וואויל איז אונז, וואס מיר האבען זוכה געווען צו האבען אזא גוטען, קלוגען און געלעהרטען קאליף וועלכער וויים גוט ווי אפצושעצען די ווערדע פון אזא מאן ווי חסדאי איז. פון טיעפסטען הארצען שיקען מיר אונזער ברכה צום קאליף און זיין נייעם מיניסטער. זאל דער עוויגער זיי ביידען געבען לאנגע גליקליכע יאהרען, זיי זאלען רעגירען מיט חכמה און גערעכטיגקייט אונזער טהייערען פאטערלאנד, און זאל אין זייערע טעג ציון אויסגעלייזט ווערען און ירושלים געבויט ווערען, אמן.

— הידד! יחי הנשיא העברי חסדאי, הידד! (הורא, לאנג לעבען זאל דער אידישער פרינץ חסדאי), האט געקלונגען און געהילכט איבעראל.

דער עולם האט זיך בילעבוויז בערוהיגט, ווען ר' שמואל אבן ברוך איז ארויף אויף דער בימה און מיט א פרעהליך שטראהלענדען פנים געזאגט:

— ברידער! ביי דיזער געלעגענהייט ווען מיר אלע זיינען צוזאמענגעקומען מיטצוטיילען אונזער פרייד צו חסדאי'ס ווערען הויפט־מיניסטער צום קאליף, וויל איך אייך, מיט שמחה, מודיע זיין דאס חסדאי אבן שפרוט איז מיין טאכטער שושנה'ס חתן און אם ירצה השם, וועלען מיר דעם קומענדען שבת־צו־נאכט שרייבען תנאים...

ר' שמואל'ס ווערטער זיינען געווען אן אנגענעהמע איבערראשונג פאר אלע אנוועזענדע א חוץ פאר הפני אבן זמרי און זיין פאמיליע.

די קארדאווער אידען האבען זעהר ליעב געהאט ר' שמואל אבן ברוך, זייער פרעזידענט. אלע האבען איהם געשעצט און געאכטעט, און יעצט ווען אלע האבען דערהערט אזעלכע פרעהליכע נייעס, דאס חסדאי ווערט ר' שמואל'ס איידעם, האבען אלע איהם גענומען ווינשען:

— מזל טוב!

— זאל זיין מיט מזל און הצלחה!

— עס איז א בעשערטער זיווג פון גאט!

— זיי וועלען זיין א געבענשטע פאר!

יעדער האט גענומען דריקען ר' שמואל'ס האנד און איהם צוגעוואונשען א הארציליכען מזל טוב.

אויבען אין עזרת נשים האבען די פרויען ארומגערינגעלט מרים, שושנה'ס מוטער, און איהר צוגעוואונשען: מזל טוב!

טרעהרען פון פרייד און גליק האבען זיך בעוויזען ביי מרים'ן אין די אויגען. זי האט אלעמען בעדאנקט פאר די גוטע ווינשונגען. אין הארצען איז זי געווען צופריעדען וואס שושנה איז נישט מיטגעגאנגען. זי וויים ווי איהר טאכטער וואלט זיך דא, צווישען אלע פרויען, געפיהלט...

ווען חפני אבן זמרי האט דערהערט פון ר' שמואל'ס מויל דאס שושנה איז געווארען א כלה פאר חסדאי'ן, איז ער געבליבען שטעהן א צוטומעלטער... די אויגען האבען איהם גענומען שווינדלען... און ווען נישט זיין פאטער מנשה, וועלכער איז געשטאנען לעבען איהם, וואלט ער אפשר אומגעפאלען פון אויפ־רעגונג.

— בערוהיג זיך, מיין זוהן, — האט איהם מנשה געפרואוט טרייסטען, ווען זיי זיינען ביידע ארויסגעגאנגען פון שוהל. — זעהסט דאך אליין, אז עס איז ניט באשערט. איך און דיין מוטער האבען דיר לאנג געזאגט דו זאלסט זיך ארויסשלאגען ר' שמואל'ס טאכטער פון קאפ... דיר האט זיך געדוכט, אז דו האסט זי שוין אין האנד... אבער דו האסט פארגעסען אז זייער יחוס און אונזער יחוס קענען זיך נישט מתחתן זיין...

— שושנה מוז זיין מיינע! — האט חפני אויסגעשריען, — איך האב מיין לעבען אין סכנה געשטעלט פאר איהר... זי בעלאנגט צו מיר!

— עס קען זיין, — האט מנשה צוגעגעבען, — ווען חסדאי וואלט זיך נישט אונטערגערוקט, וואלסטו פיעלייכט געהאט א מעגליכקייט צו קריגען שושנה'ן צוליעב דיין העלדישקייט וואס דו האסט ארויסגעצייגט ווען דו האסט געראַ־טעוועט שושנה'ן פון די צוויי אראבער, אבער יעצט דארפסטו דאך אליין צוגעבען אז חסדאי איז א בעסערער שידוך פאר שושנה'ן ווי דו... טו פארגעס וועגען איהר און גאט וועט דיר צושיקען דיין באשערטע...

— איך קען איהר נישט פארגעסען, — האט זיך חפני נאך מעהר צוהיצט, — איך האב איהר לעבען געראטעוועט, און איהר לעבען בעלאנגט צו מיר.

חפני האט אזוי פיעל מאל גערעדט וועגען זיין "העלדישקייט", אז ער אליין האט שוין אנגעהויבען גלויבען אז ער האט איהר טאקע אויף אן אמת'ן געראטעוועט. און האט כמעט ווי פארגעסען אז דאס איז געווען אן אפגעמאכטע זאך...

— חסדאי וועט איהר נישט האבען, — האט ער נאך אמאל געזאגט, — זי איז מיינע און וועט מיינע זיין!...

זיינע אויגען זיינען פארלאפען מיט בלוט... ער האט געקריצט מיט די ציינער און געדריקט זיין פויסט.

מנשה וועלכער האט גוט געקענט זיין זוהן, האט בעשלאסען מעהר מיט איהם נישט צו ריידען. ער וויים אז וואס ער זאל איהם יעצט זאגען, וועט איהם מעהר אויפרייצען.

— עס וועט אוועקגעהן עטליכע טעג, — האָט זיך מנשה געטראַכט, — וועט ער אָפּגעקיהלט ווערען און ביסלעכווייז פאַרגעסען וועגען איהר.

ווען חפני איז געבליבען אליין, האָט ער גענומען טראַכטען וועגען דורכפיהרען זיין נקמה פּלאַן. אבו נאַסיף וועט שוין מיט איהם פאַרטיג ווערען, און קיין האָחן וועט נישט קרעהען... די הויפּט זאַך מיט וואָס ער מוז זיך באַוואָרענען, איז, אַז מען זאָל איהם נישט חושד זיין. נו, האָט ער אַ פּלאַן: דעם טאָג וואָס אבו נאַסיף וועט בעשטימען צו טויטען חסדאי'ן, וועט ער זיך מאַכען קראַנק און אָפּליגען דעם גאַנצען טאָג אין בעט... יאָ, ער וועט ליגען אין בעט, נישט איין טאָג, נאָר עטליכע טעג, דאַן וועט מען איהם געוויס נישט חושד זיין...

די האָפנונג האָט זיך ביי חפני'ן ווידער פערשטאַרקט. ער האָט צוריקגעקראָגען זיין מוטה, און אויפ'ן וועג צו אבו נאַסיף האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, ווי אַלע אידען קלאָגען און טרויערען וועגען חסדאי'ס שרעקליכען טויט, און ווי ער קריגט באַלד שושנה'ן פאַר זיך...

— האָסטו געהערט די נייעס? — האָט חפני געזאָגט צו אבו נאַסיף'ן, באַלד ווי ער איז צו איהם געקומען, — חסדאי איז געוואָרען הויפּט־מיניסטער ביי דעם קאַליף.

— ביזטו, ווייזט אויס, גאַנץ צופרידען וואָס איינער פון אייערע אידען וועט העלפען דעם קאַליף רעגירען איבער דעם לאַנד? — האָט איהם אבו נאַסיף סאַרקאַסטיש געזאָגט.

— גלויב מיר, אבו נאַסיף, — האָט חפני געענטפערט, — אַז איך וועל זיין העכסט גליקליך און מעהר צופריעדען, ווען חסדאי וואָלט געהאָלפען רעגירען אונזער קאַליף'ס זיידען, אבדאַללאַה, אויף יענער וועלט...

אבו נאַסיף האָט געלאַכט:

— אַזאַ שנאה טראָגסטו אויף אַ מיניסטער, וועלכער איז אויסגעקליבען געוואָרען פון דיין אייגען פאָלק?...

— יאָ, — האָט חפני אַ זיפץ געטהאָן, — ווען איך וועל דיר דערצעהלען, וואָס נאָך פאַר אַ נייעס איך האָב היינט געהערט, וועסטו פערשטעהען פאַר וואָס איך בין אַזוי צוטראָגען.

— וואָס ווייטער?

— שושנה'ס פאָטער האָט היינט פאַר אַלעמען בעוואוסט געמאַכט, דאָס חסדאי וועט ווערען זיין איידעם...

— ווי איך זעה, האָסטו געקראָגען אַ שטאַרקען קאָנקורענט. וואָס וועסטו יעצט טהאָן?

— צוליעב דעם בין איך טאַקע צו דיר געקומען, — האָט איהם אַן אומעטיגער חפני געזאָגט, — איך וויל דו זאָלסט מיר געבען אַן עצה וואָס צו טהאָן...

— וואָס פאַר אַן עצה קען איך דיר געבען, — האָט אבו נאסיף געזאָגט, — דו זעהסט דאָך אליין אַז דיר געהט אויך נישט אין ליעבע. טאָמער וואָלסטו שוין געקענט קריגען שושנה׳ן מאַכט זיך גאָר אַז חסדאי פאַרשטעלט דיר דעם וועג. און אויב דאָס איז נאָך זווינציג, דאַרף ער גאָר ווערען הויפּט מיניסטער ביים קאַליף.

— דו מוזט מיר ווייטער העלפען, אבו נאסיף, — האָט זיך חפני ביי איהם געבעטען, — וועגען געלד וועט קיין אַפּהאַלט נישט זיין.

— ווי אַזוי קען איך דיר יעצט העלפען?

— דו האָסט דאָך מיר נישט לאַנג צוריק געזאָגט, אַז אויב נויטיג וועסטו אַפּראַמען חסדאי׳ן פון וועג. ווען דו טהוסט מיר אָט די געפעליגקייט, וועל איך, כל זמן איך וועל לעבען, נישט פאַרגעסען דיין טובה וואָס דו וועסט מיר טהאָן.

— טויטען חסדאי׳ן איז יעצט אונמעגליך. פריהער וואָלט עס ביי מיר געווען א קליינינגקייט, יעצט אָבער איז עס א שווערע זאַך, — האָט אבו נאסיף געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, — פאַרשטעהסטו מיך, יעצט אַז חסדאי איז אַזוי דערהויבען געוואָרען ביים קאַליף, איז זעהר שווער צוצוקומען צו איהם, און עס שמעקט מיט׳ן גרעסטען געפאַהר אפילו דאָס נאָר צו פּרובירען. ווייל דער קאַליף וועט אין דער זאַך נישט שווייגען, און איך און דו און די איבריגע וועלכע וועלען זיין פאַרמישט אין דיזער פאַרשווערונג, וועלען מוזען בעצאָהלען מיט אונזערע לעבענס דערפאַר.

— וואָס זאָל איך יעצט טהאָן? — האָט חפני געזאָגט מיט יאוש.

— וואַרט, איך האָב א בעסערע עצה, — האָט אבו נאסיף זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ.

— זאָג שנעל, איך בעט דיך, וואָס איז דיין עצה! — האָט חפני אויפגעשטראַהלט.

— הער זיך איין, חפני, אויב שושנה האָט נישט אָפּגעשאַצט דיין "העלדישקייט" אין ראַטעווען איהר לעבען, וועט זי זיכער אָפּשאַצען דיין העלפען "ארויסראַטעווען" איהר פאָטער פון א זיכערען טויט.

חפני האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— גאַנץ איינפאַך, — האָט איהם אבו נאסיף געענטפערט, — דו האָסט מיר געזאָגט דאָס שושנה׳ס פאָטער איז א גרויסער זייד סוחר, און ער פאָהרט ארויס פון קאָרדאָווע צוליעב געשעפט... יעצט ווען דו וועסט אויסגעפינען ווען ער פאָהרט ארויס, וועלען מיינע קנעכט איהם פאַנגען. מיר וועלען איהם בעהאַלטען אין דעם פאַרבאָרגענעם הייהל, קיינער וועט נישט וויסען וואו אהין ער איז אהינגעקומען, דערווייל וועט מען מוזען אָפּלעגען די חתונה צווישען חסדאי און

שושנה. מען וועט איהם געהען זוכען... דו וועסט העלפען איהם זוכען. וועסט זיי זאגען, דאס דו האסט געקראגען א שפור. דערווייל וועל איך צווינגען שמואל'ן ער זאל שרייבען א בריעף מען זאל מיר איבערגעבען א גרויסע סומע אויסלייז־געלד. איך וועל זיין פאמיליע אזוי ארים מאכען. דערווייל וועסטו זיך שטארקער פארבינדען מיט זיין פאמיליע. זיי וועלען זעהן ווי טריי און איבערגעבען דו ארבייסט צו בעפרייען איהר פאטער. און איך פארזיכער דיר דאס אויב דאס וועט נישט העלפען, דאן גיב איך מיין קאפ...

חפני איז מלא שמחה געווארען. אין זיינע אויגען האט זיך א פייער אנ־געצונדען.

— דיין עצה איז גרויסארטיג, — האט ער איהם געדריקט די האנד, — יא, איך האב דיר איין זאך פארגעסען צו זאגען, אז ר' שמואל פאהרט אפ פון דער היים איינהאנדלען זייד. פאהרט ער נישט אליין, ארום צוואנציג אדער דרייסיג סוחרים פאהרען צוזאמען, גלויבסטו אז דו וועסט נאך קענען אויס־פיהרען דיין פלאן ווען ער וועט פאהרען מיט אזא גרויסע גרופע?

— לאז אלעס איבער צו מיר, און דו זארג וועגען גארנישט, נאר טהו ווי איך הייס דיר.

— דו און דיינע עצות זיינען קלוג, — האט חפני בעגייסטערט אויסגעשריען. — מיין הארץ זאגט מיר, אז די דאזיגע עצה דיינע וועט מיר געוויס העלפען צו עררייכען מיין ציעל... אך, ווי זיס וועט זיין מיין נקמה אין מיין גרעסטען שונא, חסדאי, ווען זיין כלה וועט מיין פרוי ווערען.

— דערווייל ברייננ מיר פינף טויזענד שקלים וואס איך וועל דארפען איינצאהלען מיינע קנעכט, אום זיי זאלען אויספיהרען דעם געפעהרליכען פלאן, — האט איהם אבו נאסיף געזאגט.

— איך וועל עס דיר באלד ברייננען, — האט חפני געזאגט, און א גליק־ליכער אוועק אהיים.

15טער קאפיטעל

די תנאים

די תנאים צווישען חסדאי אבן שפרוט און שושנה אבן ברוך, איז גע־פראוועט געווארען מיט גרויס פראכט און גלאנץ. אייניגע טעג בעפאר די תנאים זיינען אלע אין ר' שמואל'ס הויז געווען פערנומען מיט די הכנות צו דער גרויסער שמחה. מען האט געבאקט, געקאכט און געפרעגעלט.

דער שמש, וועלכער איז געווען אנגעשטעלט ביי ר' שמואל'ן אלס "א בעטער" איז ארומגעגאנגען "בעטען" (איינלאדען) צו די תנאים אלע פריינד

און קרובים פון ר׳ שמואל׳ס פאמיליע. צווישען די געסט זיינען געווען דער קאָרדאָוואר הויפט רב, ר׳ משה בן חנוך, דער פריהערדיגער רב, ר׳ נתן, די גבאים און די איבעריגע חשוב׳ע בעלי בתים פון שוהל. די כלה׳ס גליקליכע עלטערען, ר׳ שמואל און מרים, זיינען געגאנגען פון גאסט צו גאסט, געזעהן דאס יעדער זאל פון אלעם געניסען.

— דו ווייסט, שמואל, — האט די גליקליכע מרים זיך אפגערופען — דו ווייסט ווער עס פעהלט אונז היינט צו אונזער שמחה?

— מיין ברודער יחזקאל — האט ר׳ שמואל אומעטיג געענטפערט — ווי פאלקאם אונזער גליק וואלט געווען, ווען מיין לאנג פערלאָרענער ברודער וואלט זיך יעצט בעטהייליגט אין אונזער שמחה. ער וואלט דאך געהאט אזוי פיעל געמיינשאפטליכעס מיט חסדאי׳ן. מיין ברודער האט געהאט אזא גרויסע ידיעה אין מעדיצין, און אין אלגעמיינע וויסענשאפט; ווי גליקליך ער וואלט זיך געשעצט, ווען ער זעהט דאס מיר קריגען אזא איידעם ווי חסדאי. אַה, גאט ווייס צו איז ער נאך צווישען די לעבעדיגע... מיין ארימער יחזקאל! ווי איבערגעגעבען און בראוו ער איז געווען, ער איז געפאלען א קרבן, ווייל ער האט געוואלט א פערוואונדעטען, קראנקען זעלנער היילען... פאר וואס, א גאט, האט איהם געקומט אזא שטראף?..

— מיין ליעבער שמואל — האט מרים איהם געזאגט, לאמיר ניט פערשטערען אונזער שמחה מיט אומעטיגע געדאנקען — מיין הארץ זאגט מיר דאס צו שושנה׳ס חתונה, וועט דיין ברודער יחזקאל אויך זיין. ווייסטו פאר וואס איך גלויב אין דעם אזוי שטארק, ווייל יעצט, אזוי ווי חסדאי איז געווארען דעם קאליף׳ס הויפט מיניסטער, און ער שרייבט זיך אויף מיט פערשיעדענע מלכים און שרים, ער נעהמט אויף שלוחים פון פערשיעדענע לענדער, וועט ער דורך זיי פיעלייכט קענען אויסגעפינען וועגען דיין ברודער יחזקאל. ווייל אויב ער לעבט, מוז ער דאך געווים זיין א בעוואוסטער מענש אין זיין לאנד און מען האט געווים געהערט פון זיין גרויסקייט.

— הלואי, מיין טייערע מרים — האט שמואל גרינגער אבגעזיפצט— איך האב נאך מיין בטחון ניט פערלאָרען. איך האף נאך יעצט אויך, דאס איך וועל זוכה זיין צו זעהן מיין ליעבען ברודער יחזקאל א גליקליכען.

— אמן — האט מרים געזאגט — ווייסטו אבער שמואל, וועמען איך האב געמיינט, וואס פעהלט אונז צו אונזער שמחה? איך האב געמיינט דער גר, אברהם בן אברהם, ביי איהם איז שושנה געווען אזוי טהייער; ער פלעגט מיר אימער זאגען דאס שושנה איז עהנליך צו זיין פרוי קלארים. ער איז געבליבען א הייסער איבערגעגעבענער פריינד, און וויפיעל פערגעניגען דאס וואלט איהם פערשאפט, ווען ער זעהט אונזער שושנה׳ן אזא גליקליכע.

— דו האָסט רעכט מרים — האָט שמואל צוגעגעבן — איך האָב זיך דערמאָנט וואָס ר' נתן האָט מיר דערצעהלט, דאָס דער גר, איידער ער האָט זיך בעקאַנט מיט חסדאי'ן פלעגט ער איהם אַלע מאָל זאָגען אַז אין דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ אַזאַ יונגער מאַן וואָס זאָל ווערטה זיין צו בעזיצען אַזאַ טהייערען אוצר ווי שושנה... ווען אָבער ער האָט זיך באַקענט מיט חסדאי'ן, האָט ער פאַר זיין אָפּפאָהרען געזאָגט דעם רב, דאָס ער גלויבט, אַז חסדאי איז דער איינציגער יונגער מאַן וועלכער איז ווערטה צו קריגען שושנה'ן פאַר אַ פרוי.

— דו ועהסט — האָט מרים געזאָגט מיט אַ גליקליכען שמייכעלע — דאָס גאַיוס, איך מיין אברהם בן אברהם, האָט געהאַט אַ נביא'שען חוש. איך פערהאַף צו גאָט דאָס ער איז געקומען בשלום אהיים און געפונען זיין גאַנצע פאַמיליע געזונד און גליקליך.

ר' שמואל'ס פרעהליכקייט האָט זיך צו איהם אומגעקעהרט און ער איז אַוועק אונטערהאַלטען די געסט.

מרים איז געווען צופריעדען וואָס איהר איז געלונגען אָפּצואַווענדען איהר מאַן'ס אומעטיגע געדאַנקען פון זיין פערלאָרענעם ברודער.

— חסדאי קומט! דער חתן קומט! — האָט אויסגערופען איינער פון די געסט.

עס איז געוואָרען אַ בעוועגונג; אַלע געסט האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער. זיי האָבען געוואוסט דאָס ניט נאָר קומט יעצט אַריין שושנה'ס חתן, נאָר אויך דעם קאַליף'ס הויפּט מיניסטער...

שושנה מיט איהרע עלטערען זיינען אַרויס אַנטקעגען חסדאי'ן. די בעגריסונג איז געווען פייערליך און הערצליך.

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען פאַר מיין פערשפּעטיגען זיך — האָט חסדאי זיך פאַרענטפערט פאַר זיין קומען עטוואָס שפּעטליך — איך בין געווען ביים קאַליף. מיר האָבען גערעדט וועגען אַ וויכטיגען ענין און איך האָב ניט געקענט אַוועקגעהן עטוואָס פריהער.

— ווייס דער קאַליף וועגען די תנאים — האָט איהם מרים געפרעגט.

— ניין, ער ווייס ניט, — האָט חסדאי געענטפערט — איך האָב זיך ניט געקענט בעשליסען צו זאָגען איהם וועגען דעם אָדער ניט. ווייל איך האָב ניט געוואוסט אויב עס איז אין פּלאַץ איינצולאַדען דעם קאַליף צו די תנאים צו ניט... ער וואָלט וואהרשיינליך געוואָלט מאַכען אַ שטאַרקען וועזען דערפון. האָב איך איבערבער בייזיך אָפּגעמאַכט דאָס וועגען די תנאים וועל איך גאָר ניט רעדען... און ביי אַ געלעגענהייט וועל איך איהם דערצעהלען וועגען אונזער געפּלאַנטע חתונה...

דער רב ר׳ משה, האָט דער ערשטער גענומען דעם בעכער ווײַן אין האַנט און געזאָגט:

— איך טרינק פאַר דעם געזונט און גליק פון דעם צוקינפטיגן, פון גאָט באַשערטן זיווג. זאָל גליק און צופרידנהייט זײַ בעגלייטן אויף זייער לע־בענס וועג. געבענטשט איז דער חתן, חסדאי, וואָס זײַן אויסערוועהלטע איז די שענע, קלוגע און געלערנטע שושנה; געבענטשט איז די כלה, שושנה, וואָס איהר אויסערוועהלטער איז חסדאי, דער שטאָלץ און רוהם פון אַלע אידען אין דער וועלט; געבענטשט זײַנען די עלטערן וועמען דער ליעבער גאָט האָט בע־שאָנקען מיט אַזאַ ליעבענסווירדיגע טאָכטער ווי שושנה; און געבענטשט איז די טאָכטער וועלכע איז גליקליך צו האָבען אַזעלכע עלטערן ווי ר׳ שמואל און מרים אבן ברוך. איך טרינק פאַר זייער אַלעמענס געזונט און ווינש זיי אַ הערצליכען מזל טוב.

— מזל טוב! מזל טוב! — האָבען אַלע געסט אויסגערופען.

דער רב האָט געמאַכט די ברכה, און אַלע געסט האָבען נאָכגעפאָלגט און געטרונקען דעם ווײַן.

מען האָט געשריבען תנאים, געמאַכט אַ קנין און די שמחה האָט זיך אָנ־געפאַנגען: די כלי זמר האָבען געשפּיעלט, מען האָט געטאַנצט און זיך געפרעהט ביז אין גרויסען טאָג אַרײַן.

די פאַמיליע אבן זמרי זײַנען צו די תנאים ניט געווען, כאָטש דער שמש האָט זיי געבעטען. מנשה אבן זמרי און זײַן פרוי האָבען גראָדע יאָ געוואָלט געהן; זיי האָבען עס געהאַלטען פאַר אַ גרויסען כבוד, דאָס די אבן ברוך פאַ־מיליע רעכענט זיך מיט זיי און מען לאַדעט זיי אײַן צו זייער שמחה. אָבער זיי זײַנען ניט געגאַנגען ווייל חפני האָט ניט געוואָלט מיטגעהן... זיי האָבען געוואוסט אַז דאָס וואָס ר׳ שמואל האָט זיי אײַנגעלאַדען איז עס געווען צוליעב חפני׳ן, אויס דאַנקבאַרקייט צו איהם פאַר׳ן רעטען זייער טאָכטער פון טויט... אָבער אַז חפני וויל ניט געהן, וואָס פאַר אַ מחותנים וועלען זיי זײַן אָהן איהם...

חפני איז אַרומגעגאַנגען אַ צוטראָגענער און צורודערטער; ער האָט פערלאָרען דעם אַפּעטיט. ער איז געווען זעהר בייז און אויפגערעגט. כאָטש אבו נאסיף האָט טאַקע אַ גוטען פּלאַן, און ער איז כמעט ווי זיכער דאָס עס וועט איהם געלינגען, אָבער דאָך איז ער, חפני, שטאַרק ענטטוישט וואָס פון זײַן פּלאַן, אַפּצוראַמען חסדאי פון וועג, איז גאָר ניט געוואָרען. די נקמה געפיהל, מיט וואָס ער האָט זיך געקוויקט די גאַנצע צייט, איז יעצט, זינט די תנאים נאָך שטאַרקער געוואָרען... אין האַרצען ווערט ער שטאַרק אין כעס אויף אבו

נאָסיף'ן וואָס ער איז פלוצלינג געוואָרען אזא פּחדן, און האָט זיך מורא אָנ־צופאנגען מיט חסדאי'ן אבער וואָס קען ער יעצט טהאן? ער ליגט אין אבו נאָסיף'ס הענד. ער מוז פאָלגען וואָס אבו נאָסיף זאָגט איהם... און א חוץ דעם האָט איהם שוין אפגעקאָסט אזוי פיעל געלד...

— זוהן מיינער — האָט זיך אָפּגערופען חפני'ס מוטער — איך האָב דאָך דיר שוין לאַנג געזאָגט, דו זאָלסט זיך שושנה'ן ארויסשלאָגען פון קאָפּ. זי איז ניט דיין באשערטע... יעצט זעהסטו שוין דאָס מיינע ווערטער דאַרף מען וועגען מיט גאָלד... און איך זאָג דיר יעצט נאָך אמאָל פארגעסט וועגען שושנה'ן און פערטרייב דיין זאָרג און צאָרן און לאָמיר געהן צו די תנאים אזוי ווי גאָר ניט האָט פּאַסירט.

— זעהסטו — האָט מנשה צוגעלעגט — אַז דו וועסט ניט געהן צו די תנאים, וועלען אַלע פארשטעהען דאָס דו ביזט אין כעס, ווייל דיר האָט זיך ניט איינגעגעבען צו קריגען שושנה'ן. אבער אז דו וועסט יע געהן, וועלען אלע זעהן אַז דיר קימערט ניט דער גאַנצער ענין.

— געהן צו די תנאים! — האָט חפני געשריען — געהן זעהן ווי חסדאי האָט אוועקגערויבט מיין גליק און האָפנונג... געהן זעהן ווי מיין ביטערסטער שונא, וועלכער האָט מיר אזוי פער'מיאוס'ט ביי די גאַנצע קהלה, קריעגט מיין שושנה'ן, פאַר וועמען איך האָב מיין לעבען אין געפאַהר געשטעלט און איהר פון א זיכערען טויט געראַטעוועט... אָה, נייז, נייז, איך קען ניט און וויל נישט געהען.

— עס איז א גרויסע עולה פון ר' שמואל — האָט מנשה געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ — נאָך אלעמען, ווען ניט חפני, וואָלט דאָך זיין טאָכטער יעצט ניט געווען צווישען די לעבעדיגע, און אפשר נאָך ערגער פון דעם. זי וואָלט אפשר אין אייביגע שקלאַפען געווען...

— אבער וואָס איז דאָ יעצט צו רעדען וועגען דעם — האָט חפני'ס מוטער געזאָגט, עס איז דאָך אן אבגעטאָנענע זאַך און פערפאַלען.

— עס איז נאָך ניט פערפאַלען! —האָט חפני געקלאַפּט מיט זיין פויסט — איך וועל זיך מיט איהם רעכענען, נקמה וועל איך פון איהם נעהמען, נקמה!

— רעד ניט קיין נאַרישקייטען — האָט זיך שוין מנשה אויף איהם גע־בייזערט — נקמה וועט ער נעהמען! מעהר ווי דאָס פעהלט דיר נישט, זיך אנפאַנגען מיט דעם קאַליף'ס הויפט מיניסטער, דו ווילסט אונז אלעמען אונ־גליקליך מאַכען...

חפני האָט מעהר גאָר ניט געענטפערט, זיין כעס האָט געברענט ווי פייער און ער איז ארויס פון הויז. צו זיינע אויערען האָט דערגרייכט דער טרויעריגער

יאמער פון די שקלאפען וועלכע זיינען געווען אין דער נידעריגער שקלאפען געביידע. דאס האט איהם נאך שטארקער אויפגערעגט. ער איז אריינגעלאפען אין די געביידע, און ווי א ווילדע צורייצטע חיה איז ער ארויפגעפאלען אויף די אונגליקליכע שקלאפען און זיי גענומען מערדעריש שלאגען... ער האט זיי געטראטען מיט די פיס, ער האט זיי צו ממית׳ט און צובלוטיגט...

ער האט אויף זיי אויסגעגאסען זיין גאנצען כעס, און ווען די שקלאפען האבען געקרעכצט און דאס בלוט האט פון זיי געראנען האט עס איהם אזוי בע־פרידיגט אז זיין צארן האט זיך עטוואס איינגעשטילט.

די צוויי אראבער וועלכע האבען אכטונג געגעבען אויף די שקלאפען, האבען זיך אליין אויך שטארק דערשראקען פון זייער האר׳ס צארן, זיי האבען מורא געהאט דאס חפני וועט זיך צו זיי אויך נעהמען.

— איך זאג אייך אז נאך אמאל — האט זיך חפני געווענדעט צו די אראבער — אויב איינער פון אט די פערפלוכטע שקלאפען וועט וואגען א פיפס צו טהאן, זאלט איהר איהם אזוי צו ממית׳ן, דאס ער זאל שוין מעהר קיין כח נ׳ט האבען צו עפענען זיין מויל. איהר הערט?

— נאם יא סידי — (יע, מיין האר) האבען ביידע געענטפערט צושרא־קענע. חפני האט זיך עטוואס בערוהיגט. ער האט זיך ווידער דערמאהנט אן שושנה... זיין הארץ האט איהם געצויגען אהין, צו איהר הויז וואו די תנאים קומען יעצט פאר. ער וויל כאטש איין קוק טהאן אויף דער שעהנער שושנה, זעהן איהר ליכטיגען שעהנעם פנים... ער קומט צו צו איהר הויז. אינווענינ איז ליכטיג, פרעהליך. די כלי זמר שפיעלען. ער שטעלט זיך אונטער׳ן פענסטער. ער זעהט ווי שושנה זיצט לעבען חסדאי... איהר פנים שטראהלט פון גליק... און אט דערזעהט ער חסדאי׳ן... ער ווערט ווידער אנגעצונדען מיט כעס. ער דריקט זיינע פויסטען. ווען ער קען עס יעצט אריינשפרינגען אינווענינ, דורך׳ן פענסטער, און ארויפפאלען אויף חסדאי׳ן און דריקען זיין האלז מיט זיינע הענט, ביז ער וועט איהם דערשטיקען אויף טויט...

— ווי אזוי ווערט מען פארט פטור פון איהם, זיין שונא — נעהמט ער טראכטען — אפשר זאל ער זיך אליין נעהמען דערצו אהן אבו נאסיף׳ס הילף... ער וועט דינגען א פאר אראבישע כוליגאנעס, זיי זאלען איהם אפהיטען און ווען ער וועט זיין אליין זאלען זיי איהם פארטיג מאכען... אבער ניין, ער שרעקט זיך פאר דעם געדאנק, ער ווייס אז טאמער ווערען זיי געכאפט, וועלען זיי גלייך אנצייגען אויף איהם דאס ער האט זיי געדונגען. אבו נאסיף׳ן קנעכט זיינען געטריי און איבערגעגעבען, פון זיי וועט מען קיין מאל ניט קענען עפעס ארויסקריגען. ער וועט פרובירען רעדען נאך אמאל מיט איהם; ער וועט איהם פארשלאגען א זעהר גרויסע סומע געלד... פיעלייכט וועט ער דאס פארט טהאן

פאר איחם... חפני ווערט פון דעם געדאַנק אליין עטוואָס מונטערער; ער שטעלט זיך פאָר: מען געפינט חסדאי׳ן א גע׳הרג׳עטען... די גאַנצע שטאָדט טרויערט נאָך איחם... מען זוכט די רוצחים, ער געהט זיי העלפען זוכען. שושנה וויינט און קלאָגט און וויל זיך ניט לאָזען טרייסטען... א פּאָר מאָנאַטען געהן אוועק, ער קומט אריין צו שושנה׳ן. זי זעהט דאָך, דאָס צוריק לעבעדיג מאַכען הסדאי׳ן קען זי ניט... זי ווערט פריינדליכער צו איהם, ווער עס האָט איהר גערעטעט פון אַן עהנליכען שיקזאַל. שושנה ווערט זיינע... זיין געליעבטע כלה... חפני פיהלט זיך אזוי גוט און אנגענעהם פון די געדאַנקען. ער פערלאָזט שנעל ר׳ שמואל׳ס פענסטער און געהט אהיים א פרעהליכער...

16טער קאַפּיטעל

חסדאי דער דאָקטאָר

דער קאַליף האָט חסדאי׳ן איבערגעגעבען איינעם פון זיינע פּאַלאַצען. ער האָט אויך בעשטימט פאַר זיין הויפּט מיניסטער פיעלע בעאַמטע און בעדיענטע. אין א קאַרעטע איינגעשפּאַנט צו פיער פערד און אין בעגלייטונג פון עטליכע בעאַמטע, פלעגט חסדאי פאָהרען צום קאַליף יעדען פריהמאָרגען. ווען זיי זיינען פערטיג געוואָרען מיט די מלוכה ענינים, פלעגט דער קאַליף רופען די קאַליפין עז־זאַראַה, און צוזאַמען פלעגען זיי ארויסגעהן שפּאַצירען מיט חסדאי׳ן אין קעניגליכען גאָרטען.

שטונדען לאַנג פלעגט דער קאַליף און די קאַליפין פערברייגגען מיט זייער קלוגען מיניסטער. חסדאי פלעגט זיי דערצעהלען מעשיות פון תלמוד און מדרש, ער פלעגט זיי איבערגעבען די חכמות, משלים און חידות פון אַמאָליגע גרויסע מענשען.

איבערהויפּט האָבען ביידע, אי דער קאַליף און אי די קאַליפין זעהר ליעב געהאַט צו הערען די פערשיעדענע מעשיות און לעגענדעס פון שלמה המלך. און דערצעהלט האָט זיי חסדאי וועגען שלמה זעהר פיעל. ער האָט זיי דערצעהלט וועגען שלמה און דעם אשמדאי; וועגען די מלכת שבא, וועגען שלמה׳ס שעהנסטע טאָכטער פאַר וועמען ער האָט געבויט א פּאַלאַץ אין דער מדבר, כדי איהר באַשערטער, דער אָרימער בחור, זאָל איהר ניט קענען הייראַטען און ווי אויף אזא וואונדערבאַרען אופן האָט זיי גאָט צוזאַמענגעפּאָרט...

דער קאַליף האָט א קוק געטהאָן אויף עז־זאַראַה׳ן און גענומען שמייכלען...

— דו ווייסט, חסדאי, האָט דער קאַליף געזאָגט מיט א צופריעדענעם שמייכעל, דיין לעצטע ערצעהלונג דערמאָהנט מיר אַן מיין ערשטע באַגעגעני מיט עז־זאַראַה׳ן. אונז האָט דער אַלמעכטיגער אויך אויף א זאָנדערבאַרען אופן צונויפגעפּאָרט... מיין האַרץ האָט מיר געצויגען אין גאָרטען וואו איך האָב

געטראָפּען עז־זאַראַה׳ן. איך האָב ניט געוואוסט ווער זי איז און זי האָט גאָר ניט געוואוסט וועגען מיר, ווייל איך בין געווען פערשטעלט אין איינפאַכע קליידער. ווען מיר האָבען זיך פאַנאַנדערגערעדט און איך האָב איהר געזאָגט דאָס איך קום פון קאָרדאָווע, האָט זי מיר גלייך געפרעגט צו איך האָב געזעהן דעם קאַליף פון קאָרדאָווע. און מערקווירדיג: די ערשטע זאַך וואָס זי האָט מיך געפרעגט איז געווען צו עס איז ריכטיג וואָס זי האָט געהערט אַז דער יעצטיגער קאַליף פון קאָרדאָווע איז אַזוי קלוג און געלערנט ווי שלמה המלך... און ווען איך האָב געלייקענט און געזאָגט דאָס מען האָט איהר וועגען קאַליף פון קאָרדאָווע אַ סך איבערטריבען, און צו פערגלייכען איהם צו שלמה המלך איז לעכערליך און אַ זינד, האָט מיר עז־זאַראַה בעטראַכט פאַר אַ געגנער פון דעם קאַליף.

אַלע דריי האָבען זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט.

— דאָס צייגט — האָט חסדאי געזאָגט — אַז די פּרינצעסין עז־זאַראַה איז געווען באַשערט פון הימעל פאַר דעם קאַליף און גאָט האָט אייך אויף אַ וואונדערבאַרען אופן צוזאַמענגעבראַכט.

דער געשפּרעך איז פּלוצלינג אונטערבראָכען געוואָרען ווען דעם קאַליף׳ס בעאַמטער איז צוגעגאַנגען צום קאַליף און איהם איבערגעגעבען אַ בריעף.

— די קעניגין טהעאודאַ פון נאַוואַר — האָט געשיקט דעם בריעף צו זיין מאַיעסטעט דעם קאַליף דורך איהרע שלוחים — האָט זיך דער בעאַמטער פערנויגט.

דער קאַליף האָט איבערגעלייענט דעם בריעף און זיך געווענדערט צום בעאַמטען:

— שיק זיי אריין אהער אין גאָרטען.

דער בעאַמטער איז אוועק און דער קאַליף האָט זיך אָפּגערופען צו חסדאי׳ן:

— די קעניגין טהעאודאַ האָט אַן אייניקעל מיט׳ן נאָמען סאַנקאַ, וועלכער איז געווען דער קעניג פון לעאָן. ער ליידט פון צופיעל פעטקייט. ער איז, שרייבט זי, אַזוי פעט, דאָס ער קען אפילו ניט געהן אליין אָהן די הילף פון צוויי מענשען. אין זיין קעניגרייך האָט מען איהם גאָמען געגעבען סאַנקאַ דער דיקער, און טאַקע צוליעב זיין פעטקייט האָט ער פערלאָרען זיין קעניגרייך. אַלזאָ, בעט זי מיך אין איהר בריעף, אַזוי ווי זי האָט געהערט דאָס אין קאָרדאָווע זיינען פאַראַן זעהר גוטע דאָקטוירים, בעט זי מען זאָל איהר טהאָן די געפעד ליגקייט און צו שיקען אַ גוטען דאָקטאָר אויסצוקורירען איהר אייניקעל, סאַנ־קאַ׳ן פון זיין פעטקייט. אַלזאָ מיין געטרייער חסדאי, וואָלסטו זיך געקענט

אונטערנעהמען אפצופאהרען אין נאוואר, און אויסקורירען סאנקא דעם פעטען ?

— אויב דאס איז דעם גנעדיגען קאליף'ס פערלאנג וועל איך עס געוויס טהאן — האט חסדאי געענטפערט.

— ווארט — האט דער קאליף געזאגט נאך א קורצע פויזע — אזא רייזע הין און צוריק וועט געוויס געדויערען מעהר ווי א מאנאט. און דערצו וועט נאך דאס קורירען אויך געדויערען באלד צוויי מאנאטען, ניין, איך קען דיך ניט אוועקלאזען פאר גאנצע דריי מאנאטען פון קארדאווא, מיר וועט זיין זעהר אומעטיג אהן דיר. און טאמער וועל איך דארפען האבען דיין דרינגענדע עצה... ניין, סאנקא דער דיקער קען זיך מטריח זיין און קומען אהער... און טאמער וועט איהם די רייזע קאסטען עטליכע פונט פעטקייט, וועט דאך דאס איהם געוויס לוינען... עז־זאראה און חסדאי האבען געלאכט פון קאליף'ס וויץ.

ווען די שלוחים זיינען אריין אין גארטען, האט דער קאליף זיי פריינדליך אויפגענומען. ער האט זיי געהייסען ווארטען און אליין האט ער אנגעשריבען דעם פאלגענדען בריעף צו דער קעניגין:

"טהייערע קעניגין טהעאודא פון נאוואר, פריעדען צו דיר און דיין קעניג־רייך ביז אייביג!

דיינע שלוחים האבען מיר איבערגעגעבען דיין בריעף, וואו דו שרייבסט וועגען די שמערצען און ליידען פון דיין אייניקעל, סאנקא. איך וויל איהם זעהר גערן העלפען, און איך האב טאקע ביי זיך א גרויסען דאקטאר וועלכער וואלט איהם זיכער אויסגעהיילט פון זיין קראנקהייט, נאר אזוי ווי דער דאקטאר איז אויך מיין הויפט מיניסטער, צווינגען איהם די מלוכה אנגעלעגענהייטען צו פערבלייבען אין לאנד, אלזא, ווירדיגע קעניגין, אויב דיין אייניקעל, סאנקא, וויל זיך אויסקורירען פון זיין פעטקייט, וועט ער זיך מוזען מטריח זיין און ארבקומען צו מיר אין קארדאווא, און איך וועל איהם געבען א קעניגליכע אויפנאהמע.

אבדו ראחמאן דער דריטער.

דער קאליף האט פער'חתמ'עט דעם בריעף און איבערגעגעבען צו די שלוחים.

אין צוויי מאנאטען ארום, זיינען צוויי ריטער אריינגעפאהרען אין קאר־דאווא אנצוזאגען דעם קאליף דאס די קעניגען טהעאודא מיט איהר אייניקעל, סאנקא, קומען אן.

דער קאליף האט זיי זעהר פייערליך אויפגענומען. ער האט זיי געבראכט אין פאלאץ. די גאנצע שטאדט האט פאראדירט לכבוד דער קעניגין און איהר אייניקעל.

ווען סאנקא, האט מיט דער הילף פון עטליכע ריטער, ארויסגעשטיגען פון זיין קארעטע, האט דער קאליף זיך געמוזט אפקעהרען אז א זייט, כדי זיין ניט קאנטראלירטער שמייכעל זאל איהם ניט בעליידיגען.

די שטולען פון פאלאץ זיינען געווען צו שמאל פאר סאנקא'ן זיך אנידער־צוזעצען. מען האט דעריבער פאר איהם געבראכט א ספעציעלע סאפע. אבער ווי סאנקא דער דיקער, האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאפא, האט זיך באלד געהערט א קראך, און די סאפא איז צופאלען געווארען אויף שטיקלעך.

חסדאי האט בעטראכט דעם קראנקען סאנקא.

ער האט גלייך בעפוילען צו ברייגנען איהם צו זיך אין פאלאץ, וואו ער האט געהאט א קראנקען צימער, מיט אלע מכשירים.

חסדאי האט געמאכט א זעהר געלונגענע אפעראציע איבער סאנקא'ן און נאך א צוויי מאנאטען קורירען, איז סאנקא פאלקאם געזונד געווארען, ער איז פטור געווארען פון זיין פעטקייט, און האט שוין געקענט געהן אליין אהן די הילף פון מענשען.

די קעניגין און סאנקא האבען מיט טרעהרען אין די אויגען געדאנקט דעם וואונדערבארען געשיקטען דאקטאר, חסדאי, און האבען איבערגעגעבען פיעלע קאסטבארע מתנות.

ווען דער קאליף האט בעטראכט סאנקא נאך דעם ווי חסדאי האט איהם אויסגעהיילט, האט ער זיך ניט געקענט אפוואונדערען פון די גרויסקייט פון זיין דאקטאר, חסדאי.

— דו האסט בעוויזען איינע פון די גרעסטע וואונדער אין אונזער צייט, האט איהם דער קאליף געזאגט. און ניט נאר אונזער פאטערלאנד קען מיט דיר שטאלצירען נאר די גאנצע וועלט קען מיט שטאלץ זאגען אז אין אונזער צייט איז פאראן אזא מאן, וועלכער האט בעוויזען די גרעסטע וואונדער אין מעדיציין.

פאר זייער אפפאהרען האט דער קאליף געמאכט א גרויסען מאהלצייט פאר דער קעניגין און סאנקא'ן. אין מיטען סעודה האט זיך אפגערופען די קעניגין צום קאליף:

— ווירדיגער קאליף, דו האסט מיט דיין גרויס גנאדע געהאלפען אומ־צוקעהרען צו מיין איינציקעל זיין געזונד. און אזוי ווי דו ווייסט דאך דאס ער האט זיין קעניגרייך פערלארען צוליעב דעם, און נאר דו, גרויסער קאליף קענסט איהם אויך אומקעהרען זיין מלוכה.

דער קאליף האט אפגעשיקט סאנקא'ן צו זיין קעניגרייך אין דער בעגלייי־טונג פון דעם קאליף'ס מחנות. און ווי די איינוואהנער פון לעאן האבען דער־זעהען זייער ארונטערגעזעצטע קעניג, אויסגעהיילט פון זיין פעטקייט, און אין

בעגלייטונג פון דעם קאליף'ס זעלנער, האבען זיי גלייך אויסגעשריען: לאנג לעבען זאל אונזער קעניג סאנקא! און איהם באלד צוריקגעקעהרט צו זיין טראהן...

חסדאי'ס גרויסקייט און פאפולאריטעט האט געוואקסען אין קארדאווא.

פערשיעדענע קראנקע פלעגען צו איהם קומען ער זאל זיי קורירען. חסדאי האט אלעמען ווי ווייט מעגליך געהאלפען. ער האט געלאזט אויסבויען א האס־פיטאל, ניט ווייט פון זיין פאלאץ און ער האט אנגעשטעלט די בעסטע דאקטוירים, און ארעם צו רייך, אלע חולאים זיינען געווען ווילקאמען. די געפעהר־ליכע קראנקע האט חסדאי אליין געהיילט.

אזוי איז חסדאי נאך מעהר בעליעבט געווארען פון אלע שיכטען פון פאלק.

17טער קאפיטעל

דער חרם

די ישיבה וואס דער קארדאווער נייער רב, ר' משה, האט געגרינדעט, איז געווארען איינע פון די גרעסטע אין דער וועלט. קיין געלד האט נישט געפעהלט, האט ר' משה אנגעשטעלט ראשי ישיבות וועלכע זיינען געווען גרויסע לומדים, גאונים. די ישיבה איז בעוואוסט געווארען איבעראל, און הונדערטע יונגע לייט פון קארדאווא און ארום האבען זיך דארטען אנגעשלאסען, און מיט גרויס התמדה געלערנט די תורה און דעם תלמוד.

חסדאי אבן שפרוט האט אפילו נאכדעם ווי ער איז געווארען דעם קאליף'ס הויפט־מיניסטער, פארטגעזעצט צו קומען הערען דעם שעור וואס ר' משה אליין פלעגט זאגען צוויי מאל א וואך. דאס האט נאך מעהר בעגייסטערט די יונגע לייט, וועלכע זיינען ביז אהער געווען ווייט פון אידישע למודים, צו שטודירען דעם תלמוד. אט אזוי האט ר' משה'ס ישיבה געגעבען א טויט־קלאפ דעם עם הארצות, וואס האט זיך גענומען איינווארצלען ביי די אידען אין קארדאווא. די ישיבה האט ארויסגעגעבען געלערנטע וועלכע האבען זיך צושפרייט איבער'ן שטאדט און געלערנט תורה מיט די אידען.

נאך זיין שעור פלעגט ר' משה זיך בעראטהען מיט חסדאי'ן וועגען אלע וויכטיגע קהל'שע אנגעלעגענהייטען.

— איך האב זיך דערוואוסט, — האט ר' משה זיך איינמאל אנגערופען צו חסדאי'ן, — דאס מיט א צייט צוריק האט אונזער קהלה ארויסגעלעגט אז אסור צו האנדלען מיט שקלאפען, און די וועלכע וועלען עובר זיין דעם אסור זאלען בעשטראפט ווערען מיט חרם. און יעצט זעה איך דאס פיעלע אידען

האַנדלען מיט שקלאַפן, און אַפילו די וועלכע האָבן שוין געהאַט אויפגעגעבן דעם שקלאַפן־האַנדעל האָבן זיך יעצט ווידער צוריקגענומען צו דעם.

— די אורזאַכע דערפון איז, — האָט חסדאי געענטפערט, — דאָס די תקנות וואָס קהל נעהמט אָן, ווערען נישט אַרויסגעצוואונגען, און דאַריבער ווערען זיי פאַרנאַכלעסיגט... ממה נפשך, איז די תקנה שווער אָפּצוהיטען, דאַרף זיך קהל צוריקהאַלטען פון אַנצונעהמען אַזעלכע תקנות... זאָגט דען נישט אונזער תלמוד: "אין גוזרין גזרה אלא אם כן רוב הצבור יכול לעמוד בה" (מען זאָל נישט אָננעהמען קיין געזעצען סיידען דאָס רוב פאָלק וועט עס קענען דורכפיהרען), און אויב עס איז נישט שווער עס אָפּצוהיטען, דאַרף קהל זעהן צו צווינגען יעדען אָפּצוהיטען די תקנה.

— דאָס טאָר אָבער נישט דערלאָזט ווערען, — האָט געזאָגט ר' משה, — אַז אַ קליינע צאָהל אידען זאָלען באַפלעקען דעם שעהנעם נאָמען וואָס די אידישע קהלה האָט געקראָגען איבער דער גאַנצער וועלט. ווי מען גיט מיר איבער, זיינען אַלע שקלאַפען־הענדלער רייך געוואָרען, און זייער חיונה וועט דאַריבער נישט אָוועקגענומען ווערען פון זיי...

— עס וואָלט געווען זעהר ווינשענסווערטה דאָס מען זאָל אַלעס תיכף רעכט צו מאַכען, — האָט געזאָגט חסדאי, — איך וועל אין דעם העלפען מיט אַלעם וואָס איך קען.

— גוט, — האָט געזאָגט ר' משה, — איך וועל פאַררופען אַ מאַסען־פאַרזאַמלונג אויף מאָרגען, איך וועל מאַכען אַ חקירה ודרישה ווער עס האַנדעלט נאָך מיט שקלאַפען און זיי וועלען זייער שטראָף בעקומען.

און אויף מאָרגען האָט ר' משה פאַררופען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. מיט אַ שטאַרקע און דונערנדע שטימע האָט ער געוואָרנט די וועלכע זיינען עובר די תקנות פון שוהל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם גרויסען פלעק וואָס ליגט אויף די גאַנצע אידישע געמיינדע צוליעב די עטליכע שקלאַפען־הענדלער וועלכע געפינען זיך צווישען די אידען.

—"ווער ווייסט נאָך בעסער די שוידערליכקייט און אונמענשליכקייט פון דעם שקלאַפען־האַנדעל, — האָט ר' משה געדונערט, — וואו וואָלט איך יעצט געווען ווען דיזע הייליגע געמיינדע וואָלט מיר נישט אויסגעלייזט... עס מאַכט נישט צי דער געפאַנגענער איז אַ איד אָדער נישט, אַלע מענשען זיינען גלייך; יעדען טהוט וועה ווען מען שניידט זיין פלייש... מיר אַלע ווייסען אַז ווען עס וואָלט נישט זיין קיין מסחר מיט שקלאַפען, וואָלטען אויך ווייניג שקלאַפען־פאַנגער געווען. מען האָט מיר איבערגעגעבען אַז אַ חרם איז אַרויסגעלייגט געוואָרען אויף די יעניגע אידישע שקלאַפען־הענדלער וועלכע וועלען אין אַ געוויסע געגעבענע צייט נישט אויפגעבען זייער שקלאַפען־האַנדעל... די געגעבענע צייט

איז שוין לאַנג פאַראיבער, און פילע שקלאַפען־הענדלער האָבען דעם שקלאַפען־האַנדעל נישט אויפגעגעבען. און נאָך מעהר: פילע וועלכע האָבען שוין געהאַט אויפגעגעבען, האָבען זיך ווידער גענומען צו דעם האַנדעל פון שקלאַפען!... ווייסט איהר פאַרוואָס? ווייל דער חרם איז נישט אַרויסגעצוואונגען געוואָרען... איך וויל דאַריבער מודיע זיין די יענינע וועלכע האָבען נישט געפאָלגט ביז יעצט, דאָס זיי ווערט געגעבען נאָך צעהן טעג צייט זיך ריינצואוואַשען פון דעם שענדליכען פלעק. און אויב, נאָך די צעהן טעג וועט זיך נאָך געפינען צווישען אונז אַ ווידערשפעניגער וועלכער וועט נישט וועלען פאָלגען, דאַן זאָג איך אייך על דעת המקום ועל דעת הקהל דאָס יענער פושע ישראל וועט אַריינגעלייגט ווערען אין חרם און קיינער וועט מיט איהם קיין מגע און משא ניט האָבען און אפילו אין זיינע ד׳ אמות נישט שטעהן".

דעם רושם וואָס ר׳ משה׳ס שטורעמדיגע רעדע האָט געמאַכט איז געווען אונגעהייער גרויס. אַ שרעק איז געפאַלען אויף די עטליכע שקלאַפען־הענדלער וועלכע האָבען געוועזענדעט זייערע בליקען אויף מנשה אבן זמרי מיט זיין זוהן חפני.

— נו, וואָס זאָגסטו יעצט, — האָט אַ שקלאַפען־הענדלער זיך אָפּגערופען צו חפני׳ן אַרויסגעהענדיג פון שוהל, — איך האָב מורא אַז יעצט וועט מען מוזען פאָלגען, ר׳ משה איז נישט ר׳ נתן... אונזער שפּיעל איז צו ענדע. איך וועל טאַקי באַלד אויספערקויפען אַלע שקלאַפען, און מעהר נישט וויסען פון דעם.

— דו קענסט זיך טהאָן וואָס דו ווילסט, — האָט איהם חפני געענטפערט, — איך האָב פאַר דעם רב אויך קיין מורא נישט... און איך שרעק זיך נישט אָפּ פאַר זיין חרם...

— מיין זוהן, — האָט מנשה געזאָגט צו חפני׳ן ווען זיי זיינען געקומען אַהיים, — דו האָסט מיך פילע מאָל געבעטען איך זאָל אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל, יעצט וועל איך דיר שוין נאָכגעבען, ווייל ווי איך זעה, מיינט אונזער נייער רב ר׳ משה, זעהר ערנסט מיט דעם חרם. דאַריבער פאַרקויף, מיין זוהן, דעם דאַנערשטאָג אַלע שקלאַפען, און מעהר זאָלסטו קיינע שקלאַפען נישט איינהאַנדלען, און אויס שקלאַפען־הענדלער!

— פאָטער, — האָט חפני געזאָגט אַ צוטראָגענער, — איך וועל עס נישט טהאָן, איך מוז פאָרטזעצען דעם שקלאַפען־האַנדעל... זאָל דיר דער חרם ניט שרעקען... זאָג דאָך מיר צו פאָטער, דאָס דו וועסט מיר העלפען!

— וואָס רעדסטו, ביזטו פון זינען אַרונטער! דו ווילסט איך זאָל אין חרם אַריינגעלייגט ווערען. קיינער וועט נישט טאָרען מיט מיר אַ וואָרט אויסריידען, נישט טאָרען שטעהן אין מיינע ד׳ אמות. יעדער וועט מיך שילטען... ניין, מיין

זוהן, איך וועל דאָס נישט טהאָן, און איך וועל דיך אויך נישט דערלאָזען עס צו טהאָן...

— אָבער פאַטער, איך מוז אָנגעהן מיט'ן שקלאַפען־האַנדעל. יעצט קען איך עס גראָדע ניט אויפגעבען. איך מוז יעצט אָפּקויפען אַלע שקלאַפען פון אַבו נאַסיף'ן, ער וועט מיר זיי זעהר ביליג פאַרקויפען.

— ביזטו משוגע צי חסר דעה!... געלד, גאָט צו דאַנקען, פעהלט אונז נישט, און דו אַליין ביזט פאַררעכענט אַלס דער רייכסטער יונגערמאַן אין קאָר־דאָווא, צו וואָס־זשע ווילסטו זיך יעצט אָנפאַנגען מיט דער שוהל, און גראָדע יעצט ווען מען האָט זיך מיט מיר אָנגעפאַנגען צו רעכענען. איך קריג שוין אַמאָל שלישי, אַמאָל א מפטיר, און ווייסטו פאַרוואָס?... ווייל אַלע ווייסען דאָס איך האָב זיך כמעט אינגאַנצען צוריקגעצויגען פון שקלאַפען־האַנדעל. און אויב דו וועסט נישט יעצט וועלען אויספאָלגען דעם רב'ס באַפעהל, וועסטו נישט נאָר אַליין ליידען, נאָר איך און דיין מוטער וועלען נאָך ערגער ליידען פון דיר... ווי וועלען אַלע אויף אונז קוקען יעצט ווען דו וועסט אריינגעלייגט ווערען אין חרם... פאָלג מיך, מיין זוהן, בארעכען זיך איידער עס איז צו שפּעט, און גיב אויף דיין עקשנות...

— ניין, ניין, איך קען נישט, איך קען נישט! — האָט חפני אויסגעשריען, אַרומלויפענדיג איבער'ן צימער ווי א ווילדע חיה.

— מיין ליעבער זוהן, — האָט זיך די מוטער אריינגעמישט, — דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט אז דער שקלאַפען־האַנדעל שטעהט דיר אין וועג צו געווינען שושנה'ס האַרץ, און דו האָסט מיך געבעטען איבערצורעדען מיט'ן פאַטער ער זאָל אין גאַנצען אויפגעבען דעם האַנדעל... יעצט, ווי איך פאַרשטעה, איז דאָס ביי דיר א מין נקמה; ווייל דו האָסט נישט געקענט קריגען שושנה'ן, ווילסטו איהר צייגען אז צוליעב דעם, ביזטו א גרעסערער שקלאַפען־הענדלער געוואָרען... אָבער גלויב מיר, מיין זוהן, דאָס דו מאַכסט אין דעם א גרויסען טעות... שושנה'ן וועט עס געוויס יעצט נישט קימערען צי דו ביזט א שקלאַפען־הענדלער צי נישט, אָבער דיר וועט עס זיכער שאַדען צו א שידוך... וועלכע מיידעל וועט וועלען מיט דיר חתונה האָבען ווען זי וועט וויסען פון דיין גרויסע עקשנות, און נאָך מעהר, ווען דו וועסט אריינגעלייגט ווערען אין חרם... דאַן וועט קיין מיידעל אויף דיר אפילו נישט וועלען קוקען...

— מוטער, איך קען יעצט נישט אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל, בעט עס מיר נים צו טהאָן.

— זאָג מיר, זוהן מיינער, פאַר וואָס זאָלסטו זיין אַזוי פאַר'עקשנ'ט? רייד ביזטו, קיין געלד און פאַרמעגענס פעהלען דיר נישט, פאַר וואָס זאָלסטו זיך

זוכען צרות? פאלג מיר, קינד מיינס, הער זיך צו צו דיין פאטערס און מייז עצה און דו וועסט קיין חרטה נישט האבען.

— מוטער, איך פארזיכער דיר אז ביי מיר האנדעלט זיך נישט אין נקמה, אבער איך מוז אנגעהן מיט דעם שקלאפען־האנדעל צוליעב אנאנדער אורזאכע, איך וועל דיר אפשר אמאל קענען דערצעהלען, אבער יעצט נישט...

— וואס פאר א סודות האסטו? און פאר וואס קענסטו עס אונז נישט דערצעהלען, — האט איהם מנשה א פרעג געטהאן.

— אונז קענסטו אלעס דערצעהלען, מיין זוהן, — האט איהם די מוטער ווידער געבעטען, — קיין בעסערע פריינד ווי דיינע עלטערען וועסטו קיינמאל נישט האבען.

— עס איז אומזיסט אייער טרחה, — האט חפני אויסגעשריען, — איך קען אייך גארנישט דערצעהלען... אבער איך וועל מוזען אנגעהן מיט דעם שקלא־פען־האנדעל!

— חפני?!

— אזוי וועט עס זיין, — האט חפני געקלאפט מיט זיינע פויסטען א'ן טיש, — אנדערש קען עס נישט זיין...

* * *

דעם לעצטען דאנערשטאג אין־דער־פריה האבען די עטליכע אידישע שקלא־פען־הענדלער אויספארקויפט אלע שקלאפען און אנגעזאגט זייערע קונים דאס זיי וועלען שוין מעהר נישט האנדלען מיט שקלאפען.

חפני האט אויך פארקויפט אלע זיינע שקלאפען, אבער גלייך נאכ'ן מארק איז ער אוועק צו אבו נאסיף און איהם געזאגט:

— איך וועל ביי דיר אבקויפען אלע דיינע שקלאפען פאר'ן קומענדען מארק־טאג, ווייל איך בין געבליבען דער איינציגער איד וואס וועט האנדלען מיט שקלאפען נעקסטען דאנערשטאג...

— וואס מיינסטו?

— גאר פשוט, דער נייער רב, וועמען די אידען האבען פון דיר אויסגע־לייזט, האט אנגעזאגט אלע אידישע שקלאפען־הענדלער אויפצוגעבען דעם האנ־דעל און זיי געגעבען צעהן טעג צייט. און דער וועלכער וועט נישט פאלגען וועט געוויס אריינגעלייגט ווערען אין חרם.

— עט, נארישקייטען, עס איז מעהר נישט ווי געזאגט, אייער פריהערדיגער רב האט דאך אויך אלעמען געסטראשעט מיט חרם, און עס איז דערפון גארנישט געווארען.

— דער רב וועט עס געוויס טהאן, — האט חפני א שאקעל געטהאן זיין קאפ.

— אבער דו האסט דאך פאר איהם נישט קיין מורא, — האט אבו נאסיף געזאגט צו חפני'ן.

— דו זעהסט דאך ווי איך ציטער פאר איהם, אז איך בין יעצט געקומען ביי דיר אפקויפען אלע דיינע שקלאפען פאר'ן נעקסטען מארק־טאג.

— את אזוי ביזטו א מענש, — האט איהם אבו נאסיף געקלאפט איבער'ן פלייצע, — פאר דערפאר זעהסטו, שווער איך דיר ביי אללאה, דאס שושנה וועט זיין דיינע. דו פארליער נישט דיין מוטה אפילו ווען דו וועסט דער איינציגער שקלאפען־הענדלער בלייבען... זאג מיר, חפני, האסטו שוין אויסגעפונען ווען שושנה'ס פאטער פאהרט ארויס פון שטאדט?

— יא, איך האב אויסגעפונען, — האט חפני א פרעהליכער געזאגט, — ער פאהרט ארויס אין דריי וואכען ארום מיט א קאמפאניע פון עטליכע און דרייסיג סוחרים.

— גוט, — האט אבו נאסיף געזאגט, — דו געפין אוים מעהר איינצעלהייטען פון זיין געפלאנטע רייזע און אלעס וועט רעכט ווערען. איך פארזיכער דיר נאך אמאל דאס שושנה וועט דיינע זיין.

* * *

עס איז געווען דאנערשטאג אין־דער־פריה. אידען מיט'ן טלית און תפילין אונטער'ן ארעם, זיינען געגאנגען דאווענען. צוקומענדיג צום שוהל־הויף, האבען זיך איניגע אפגעשטעלט ריידען. עס זיינען צוגעקומען נאך אידען, ביז וואנען עס איז געווארען א רעדעל.

— וואס זאגט איהר אויף דעם מחוצף, דעם ימח שמוה'ניק, חפני, — האט זיך אפגערופען א איד, מיט א לאנגע שווארצע בארד, — איהר האט איהם געדארפט זעהן מיט וואס פאר א חוצפה ער איז דאס היינט געפאהרען צום מארק. ער האט געפיהרט אהין פיעלע שקלאפען צו ווייזען אז עס קימערט איהם גארנישט וואס די בעשטימטע צייט אויפצוגעבען דעם שקלאפען־האנדעל איז פאראיבער.

— אזא פושע ישראל, — האט א צווייטער געזאגט, — ווי וואגט ער נישט אויסצופאלגען דעם באפעהל פון אונזער ווירדיגען רב, ר' משה !

— ער וועט האבען א ביטערען סוף, — האט זיך אפגערופען אן עלטערער איד מיט א לאנגער גרויער בארד.

— איך גלויב, — האט זיך דער ערשטער איד אפגערופען, — דאס מען וועט איהם נאך היינט ביינאכט אין חרם ארייגלייגען.

— נישט אזוי גיך, — האט זיך א יונגערמאן אריינגעמישט, — מיט אזא רייכע פאמיליע ווי די אבן זמרי'ס, וועט זיך אפילו אונזער נייער רב מורא האבען אנצופאנגען.

— ער טהוט נאָך להכעיס, — האָט נאָך איינער געזאָגט, — ער פיהרט היינט צום מאַרק מעהר שקלאַפען ווי פריהער.

ווען מנשה אבן זמרי איז אַנגעקומען מיט׳ן טלית און תפילין אונטער׳ן אָרעם, איז געוואָרען שטיל אויף א ווייל.

— פאַרוואָס זאָלסטו דערלאָזען דיין זוהן עובר צו זיין אויף דעם פאַרבאָט פון אונזער רב, — האָט איהם איינער פון די אידען געפרעגט.

— וואָס קען איך טהאָן מיט איהם, — האָט זיך מנשה פאַרענטפערט. — איך האָב מיט איהם גענוג גערעדט, ער האָט זיך אָבער איינגע׳עקשן׳ט און גאָר־נישט... נישקשה, ער וועט חרטה האָבען נאָכהער...

ווען ר׳ משה האָט זיך דערוואוסט אז עס געפינט זיך צווישען די אידען איינער וואָס האַנדעלט נאָך מיט שקלאַפען, טראָץ דעם וואָס די געגעבענע צייט איז פאַראיבער, איז ער אויסער זיך געוואָרען פון כעס. ער האָט צוזאַמענגערופען די גבאים און די ראשי הקהל, און אַלע האָבען בעשלאָסען אריינצולייגען חפני׳ן אין חרם דעם זעלבען אָבענד.

דער שמש איז ארומגעגאַנגען איבער׳ן שטאָדט און פאַררופען אַלע אידען אין שוהל אריין. די שוהל איז געוואָרען געפּאַקט. א חרם איז געווען א זעלטענהייט אין קאָרדאָווא, און אַלע זיינען געווען נייגעריג צו זעהן די צערעמאָניע פון חרם.

דער רב האָט געשיקט צוויי שלוחים צו חפני׳ן דאָס ער זאָל קומען אין שוהל. דער עולם האָט אונגעדולדיג געוואַרט. יעדער האָט געוואָלט זעהן דעם ווידער־שפעניגען חפני׳ן...

— די שלוחים האָבען זיך אָבער צוריקגעקעהרט און מודיע געווען דעם רב, דאָס חפני ענטזאָגט זיך צו קומען אין שוהל. די אידען זיינען אויפגערעגט גע־וואָרען פון כעס. אויף יעדענס ליפּען איז געלעגען א קללה פאַר חפני׳ן...

— אזא חוצפה איז נאָך נישט געהערט געוואָרען, — האָבען איניגע גע־שריען מיט כעס.

דער רב האָט איינגעשטילט דעם עולם און צוגערופען מנשה אבן זמרי׳ן.

— ווייסטו, מנשה, דאָס אויב דיין זוהן חפני וועט נישט ערשיינען אין שוהל ווי קהל פערלאַנגט, דאַן וועט ער אריינגעלייגט ווערען אין האַרבסטען חרם. דער חרם וועט זיין לעבענסלאַנג.

— רבי, — האָט מנשה זיך געבעטען מיט טרעהרען, — וואָס זאָל איך טהאָן מיט איהם. איך און מיין פרוי האָבען שוין מיט איהם גע׳טענה׳ט עטליכע טאָג נאָכאַנאַנד און ער וויל נישט הערען. א מין קליפּה איז אין איהם אריין. רבי, וואָס זאָל איך יעצט טהאָן?...

— יעצט איז שוין פאַרפאַלען, אויב ער ענטזאָגט זיך צו קומען, וועט ער מוחרם זיין אויף זיין גאַנצען לעבען.

— רבי, — האָט מנשה ווידער געזאָגט, — זאָל מען נאָך אַביסעל אָבוואַר־טען, און איך וועל פּרובירען נאָך אַמאָל זיך דורכריידען מיט איהם, אפשר וועט מיר געלינגען איהם איבערצוריידען ער זאָל לכל הפחות קומען אהער און דערמיט פאַרגרינגערען דעם חרם.

— דער עולם קען קיין סך ניט וואַרטען, — האָט ר׳ משה איהם געזאָגט, — אויב דו וועסט זיך נישט צוריקקעהרען אין אַ האַלבע שעה, וועלען מיר מוזען אָנגעהן מיט דעם חרם...

מנשה איז שנעל אַוועק אהיים וואו ער האָט געטראָפען חפני׳ן אַ צוטראָ־גענעם.

— קום דאָך, מיין זוהן, מיט מיר אין שוהל, — האָט ער איהם געבעטען, — זיי זיך מודה אויף דיינע זינד און זאָג זיי צו אַז דו וועסט עס מעהר ניט טהאָן, וועלען זיי דיר גאָרנישט טהאָן און מען וועט דיר מוחל זיין...

— איך וועל נישט געהן! איך וועל נישט געהן! — האָט חפני געשריען, — איך האָב דאָך דיר פריהער געזאָגט אַז מיר קימערט נישט אפילו אויב זיי וועלען מיך אַריינלייגען אין חרם, איך וועל דעם שקלאַפען־האַנדעל נישט אויפגעבען.

— ווייסטו אָבער וואָס דער רב האָט מיר געזאָגט, — האָט זיך מנשה אָפּ־גערופען, — דאָס אויב דו וועסט נישט צוקומען אין שוהל אויף אַ ווײַלע, דאַן וועסטו אַריינגעלייגט ווערען אין חרם אויף דיין גאַנצען לעבען. אָבער ווען דו קומסט צו נאָר אויף אַ ווײַלע, דאַן וועט דער חרם מעהר ניט זיין ווי אויף דרייסיג טעג.

— אפילו ווען איך וועל פּאַרטוזעצען דעם שקלאַפען־האַנדעל? — איז חפני געוואָרען נייגעריג.

— אפילו דאַן ווען דו וועסט פּאַרטוזעצען דעם שקלאַפען־האַנדעל. ווייל ווי נאָר דו ערשיינסט אין שוהל, אזוי וועט שוין ממילא דיין חרם פאַרקלענערט ווערען.

— אויב אזוי, — האָט חפני געזאָגט, — וועל איך מיטגעהן, אָבער געדענק, איך וועל קומען און גלייך אַוועקגעהן. איך וועל דאַרט נישט פאַרבלייבען צו זעהן ווי מען פיהרט אויס דעם חרם אויף מיר.

— נו, גוט, לאָז זיין אויף אַ ווײַלע, אָבער קום זשע שנעל, ווייל זיי וועלען דאַרטען קיין סך נישט וואַרטען, — האָט מנשה איהם גענומען אײַלען.

מנשה און חפני זיינען אַריינגעקומען אין שוהל. עס איז געוואָרען זעהר שטיל. דער רב האָט געשיקט דעם שמש ער זאָל צורופען חפני׳ן.

חפני איז צוגעגאַנגען צום רב מיט אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ.

— דו, חפני, בן מנשה, ווילסטו חרטה האָבען אויף דיינע זינד? ווילסטו טהאָן תשובה און צוזאָגען דאָס דו וועסט אויפגעבען דעם שקלאַפען־האַנדעל?

— ניין, — האָט הפני געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— וואָס? ניין?! — האָט דער רב געשטוינט אויף זיין חוצפּה.

— ניין, רבי, יעצט קען איך דעם שקלאַפען־האַנדעל נישט אויפגעבען, אפשר שפּעטער, אָבער יעצט געווים נישט, — האָט הפני געזאָגט און גלייך פאַרלאָזען די שוהל.

דער רב האָט אין א קורצע רעדע ערקלעהרט די וויכטיגקייט און די ערנסט־קייט פון א חרם.

—"אין דעם חרם וואָס מיר געהן באַלד אויספיהרען ליגט די שטראַף פאַר דעם זינדיגען. קיינער טאָר נישט קומען אין קיין בעריהרונג מיט איהם. קיינער טאָר נישט שטעהן אין זיינע ד' אמות, און קיינער טאָר מיט איהם נישט אויס־ריידען א וואָרט ביז די דרייסיג טעג פון חרם וועלען פאַראיבערגעהן".

דער שמש האָט א קלאַפּ געטהאָן מיט זיין הילצערנעם האמער און געזאָגט:

— דער חרם פאַנגט זיך אָן. דער עולם איז געבעטען צו זאָגען די ערשטע דריי קאַפּיטלעך תהילים.

— "אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים" (גליקליך איז דער מענש וועלכער פאָלגט נישט די עצה פון רשעים), און דער עולם האָט אָנגעפאַנגען זאָגען תהילים מיט אַן אומעטיגען ניגון...

נאָכ'ן תהילים זאָגען האָט דער רב צוגערופען מנשה'ן און איהם געזאָגט:

"דו, מנשה אבן זמרי, דער פאַטער פון בעל חרם, זיי וויסען אז ווי נאָר דיין זוהן ווערט אריינגעליינט אין חרם, ביזטו און דיין גאַנצע פאַמיליע מחויב זיך אָפּצוזונדערען פון איהם. ער טאָר זיך ביי דיר אין הויז נישט געפינען. דו טאָרסט איהם קיין געלד נישט געבען דורך די גאַנצע דרייסיג טעג פון חרם... אויב דו וועסט האַבען וועלכע עס איז פאַרבינדונג מיט דיין זוהן, דאַן פאַלט דער חרם אַרויף אויף דיר און דיין פרוי און די איבריגע מיטגליעדער פון דיין פאַמיליע. אויב נישט, דאַן ביזטו און דיין פאַמיליע ריין פון זינד".

— רבי, — האָט מנשה געענטפערט מיט א טרויעריגע שטימע, — איך האָב איהם נאָך פריהער געזאָגט דאָס אויב ער וועט נישט פאָלגען דעם רב'ס באַפעהל, דאַן טאָר ער זיך נישט געפינען ביי מיר אין הויז. איך וועל טהאָן, רבי, אַלעס וואָס מען וועט מיר הייסען... איך וויל נאָר יעצט פרעגען אויב מיר איז ערלויבט אַרויסצוגעהן, ווייל מיר וועט זיין זעהר שווער בייצואוואָהנען דעם חרם וואָס וועט אַרויפגעלייגט ווערען אויף מיין זוהן.

— דו קענסט אַרויסגעהן, — האָט איהם ר' משה געזאָגט.

מנשה איז אַרויסגעגאַנגען; נאָך איהם איז אויך אַרויסגעגאַנגען זיין פרוי וועלכע איז געווען אויבען אין עזרת נשים.

דער שמש איז צוגעגאַנגען צום ארון קודש און פון דאָרט אַראָפּגענומען

דעם פּרוכת. און באַלד אַרויפגעצויגען אַ שוואַרצען פּרוכת אויפ'ן ארון קודש. פון מתים־שטיבעל האָבען די קברנים געבראַכט דעם שוואַרצען ארון און עס אַוועקגעשטעלט אויף דער בימה.

דער שמש האָט באַדעקט דעם ארון מיט אַ טלית... ער האָט אויף דעם ארון אַוועקגעשטעלט צוויי שוואַרצע לייכטער און אין זיי אָנגעצונדען צוויי שוואַרצע ליכט. צווישען די שוואַרצע לייכטער האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ שוואַרצען לעבעדיגען האָהן.

איינציגווייז האָט דער שמש אויסגעלאָשען די לאָמפּען פון שוהל. עס איז געוואָרען פינסטער... די פייערלעך פון די צוויי שוואַרצע ליכט אויפ'ן שוואַרצען ארון האָבען זיך באַוועגט און געוואָרפען אַרום מורא'דיגע שאָטענס. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום... אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען יעדען איינעמס קערפּער. דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. פון אויבען האָט זיך געהערט אַ טרויעריגער געוויין פון די ווייבער וואָס האָט מאָוים'דיג זיך אָפּגעקלונגען איבער'ן שוהל און צוגעגעבען מעהר פורכט צו דער חרם צערעמאָניע.

אַלע אויף דער בימה זיינען געווען אָנגעטהאָן מיט ווייסע קיטלען און טליתים.

—"על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"— האָט דער רב אָנגעפאַנגען מיט אַ טרויעריג ציטערנדע שטימע, — לייגען מיר אַריין אין חרם חפני בן מנשה אבן זמרי, פאַר'ן עובר זיין די תקנות פון אונזער הייליגע קהלה. דער חרם וועט געדויערען דרייסיג טעג. פון יעצט אָן איז נישט נאָר חפני אין חרם, נאָר אויך יעדער איינער וואָס וועט קומען אין באַריהרונג מיט איהם.

דער שמש האָט אויפגעעפענט דעם ארון קודש און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ ספר תורה. און פאַר די שיין פון די צוויי שוואַרצע ליכט, האָט דער בעל קריאה געליינענט די גאַנצע "תוכחה".

דער רב האָט גענומען די ספר תורה אין האַנד און געזאָגט:

"ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת" (פאַרשאָלטען איז דער וואָס וויל נישט מקיים זיין די ווערטער פון דיזער תורה).

גאַנץ קהל האָט געענטפערט: אמן!

דער בעל תקיעה האָט גענומען דעם שוואַרצען שופר, האָט זיך איבערגעדעקט מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ און איז צוגעגאַנגען צו די ברענענדיגע שוואַרצע ליכט און האָט אַזוי לאַנג געבלאָזען דעם שופר ביז וואַנען די ליכט זיינען פון בלאָזען אויסגעלאָשען געוואָרען. די צערעמאָניע פון חרם איז געווען געענדיגט.

18טער קאפיטעל

אין פאדוא

א יאהר איז פאראיבער זינט גאיוס האט פארלאזען זיין געבורטס־שטאדט פאדוא. וויפיעל ליידען און שמערצען האט זיין פרוי קלארים איבערגעלעבט דורך דעם יאהר!

נאך פון אנפאנג, ווען זיי האבען באשלאסען אויסצוואנדערען פון פאדוא און זיך באזעצען צווישען אידען, איז קלארים געווען שטארק באזארגט וועגען איהר ליעבען, געטרייען מאן. זי האט געוואלט אז זיי זאלען אלע פאהרען צוזאמען. גאיוס האט אבער דאן געזאגט אזוי ווי קיין באשטימטען פלאץ וואוהין צו פאהרען האבען זיי ניט, וועט ער פריהער אליין פאהרען אויסצוגעפינען א פאסענדען פלאץ צווישען אידען, און נאכהער וועט ער צוריק פאהרען אין פאדוא, וועט אויספארקויפען אלע זיינע גיטער און אפפאהרען מיט זיין גאנצע פאמיליע צום באשטימטען פלאץ. דר. קארנעליוס, איהר פאטער, האט איינגעשטימט מיט גאיוס'ן.

— טאכטער מיינע, — האט ער איהר געזאגט, — פארגעס ניט דאס דו האסט צוויי קליינע קינדער און דאס פאהרען מיט זיי איז פארבונדען מיט פיעלע שוועריגקייטען, בפרט ווען מיר וועלען פאהרען צו אן אונבאשטימטען פלאץ, וועט דאך מעגליך זיין דאס מיר וועלען זיין געצוואונגען ווידער צו וואנדערען, און דאס וועט פאלען צו לאסט פאר די קינדער; דאריבער געפעלט מיר דיין מאן'ס עצה, ער זאל אליין פריהער אבפאהרען אויפצוזוכען א רוהיגען פלאץ צווישען אידען, און נאכהער וועלען מיר אהין פאהרן צוזאמען מיט איהם.

שווער, זעהר שווער איז געווען פאר קלארים'ען זיך צו שיידען מיט איהר ליעבען געטרייען מאן, גאיוס, אבער דער געדאנק אז דאס וועט איהר ברייגנען צום ריכטיגען גליק, האט איהר געשטארקט און געטרייסט. דאס וואס זיי האבען געלעבט אין פאדוא פארשטעלט אונטער א מאסקע פון קריסטענטום, האט קלאריסען שטארק געערגערט. זי האט אימער געהאפט און געטרוימט צו וואהנען צווישען אידען וואו זיי וועלען קענען אפהיטען אידישקייט אהן מורא. שטארק האט זי געבענקט נאך די אידישע ימים טובים, איבערהויפט נאך דעם יום טוב פסח... ווי טהייער און ליעב איז איהר געווען דער פסח, מיט זיינע סדרים, מיט די מצות, וויין, חרוסת . . . באמש דער יום טוב, פסח, דערמאהנט איהר אויף אן דעם גרויסען אומגליק וואס איז באפאלען איהר גליקליכע פאמיליע אין עלזאס, ווען מען האט געמאכט א בלבול אויף איהר פאטער, דאס ער האט געטויטעט דעם קראנקען כדי זיך צו באנוצען מיט זיין בלוט אויף פסח... און דער המון איז זיי באפאלען און איהר ליעבע מוטער איז געשטארבען פון א

שטויס, וואס איינער פון המון האָט איהר געטהאָן . . . דאָך האָט דער פסח פאַר איהר אַזוי פיעל חן און צויבער, און ווי גליקליך זי וואָלט זיך געפיהלט ווען איהר פאַמיליע וואָלט געקענט פייערען דעם יום טוב פסח מיט זיין גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ... זינט זיי זיינען אין פּאַדואַ איז דער פסח געווען פאַר זיי אַז אַפּקומעניש... קיין מצה האָבען זיי ניט געקענט עסען, קיין חמץ האָבען זיי ניט געוואָלט עסען, פלעגען זיי דעם גאַנצען פסח אַפּקומען מיט גרינסען . . . מעגליך, אַז ווען זיי וואָלטען זיך לכתחילה באַזעצט אין פּאַדואַ אַלס אידען, וואָלטען זיי דאָ אויך געקענט לעבען פריי, אונגעשטערט, ווייל די היגע גוים זיי־נען גוט און איידעל, נאָר אַזוי ווי זיי האָבען זיך באַזעצט אַלס קריסטען, וואָלט פאַר זיי געווען אַ גרויסע סכנה זיך עפענטליך אומצוקעהרען צו אידישקייט כל זמן זיי וואָהנען אין פּאַדואַ. דאַריבער איז קלאַרים געווען העכסט גליקליך ווען זי האָט געזעהען דאָס איהר טרוים וועט באַלד פאַרווירקליכט ווערען, און זי וועט האָבען די מעגליכקייט צו ערציהען איהרע צוויי קינדערלאַך אין אַ אידישע סביבה . . .

ווען זעקס מאָנאַטען זיינען אַוועק און גאיוס האָט זיך ניט צוריקגעקעהרט איז קלאַרים געוואָרען זעהר אומרוהיג. זי האָט זיך געשראָקען טאָמער האָט מיט איהם חלילה אַן אומגליק פּאַסירט . . . זי האָט נעכט ניט געשלאָפען. זי איז געלעגען אין בעט און געטראַכט פון איהר ליעבען גאיוס'ן.

פאַרשיעדענע טרויעריגע מחשבות פלעגען לעבערען איהר מח. זי האָט שילערהייד געוויינט און גאָט געבעטען ער זאָל באַשיצען איהר מאַן אין זיין רייזע... די טעג זיינען זעהר לאַנג געווען און די נעכט נאָך לענגער געצויגען. יעדער טאָג וואָס איז אַוועק האָט פאַרשטאַרקט איהר צווייפעל און פאַרגרעסערט איהר טרויער . . . .

בייטאָג, ווען זי איז פאַרנומען געווען מיט איהרע קינדער, פלעגען איהר די טרויעריגע געדאַנקען עטוואָס אַפּלאָזען, אָבער ווי עס איז געקומען פאַרנאַכט, ווען די קינדער זיינען שלאָפען געגאַנגען, איז דער שרעק און זאָרג צו איהר גע־קומען. יעדע רגע איז זי צום פענסטער געגאַנגען און אַרויסגעקוקט אין פינ־סטערען חלל . . . דאָרטען ערגיץ ווייט, גאַנץ ווייט איז איהר מאַן . . . וויים נאָר איין גאָט צו האָט מיט איהם עפּעס פּאַסירט . . . דאָס האַרץ דריקט איהר... קורץ איז איהר גליק געווען, קורץ ווי אַ חלום! טרעהרען קייקלען זיך פון איהרע אויגען . . .

גאיוס, מיין ליעבער גאיוס — פליסטערען איהרע ליפּען.

— טאָכטער, — נעהמט איהר טרייסטען איהר פאָטער, דר. קאָרנעליוס, — פאַרליר ניט דיין האָפענונג. איך בין זיכער דאָס מיט גאיוס'ן האָט גאָר ניט פּאַסירט . . . פאַרשטעהסטו דאָך אַליין, קלאַרים, דאָס זיין רייזע האָט זיך

אביסעל לענגער פארצויגען. ער איז פּיליכט געקומען אין איין שטאָדט און דאָרט איז איהם ניט געפעהלען און אפשר איז די צווייטע שטאָדט איז איהם אויך ניט געווען צום הארצען, איז ער אוועק זוכען נאָך אן אנדער פּלאַץ . . . דעריבער נעהמט עס איהם אזוי לאַנג . . .

נאָך א מאָנאט, צוויי מאָנאטען זיינען פאראיבער און גאיום קומט ניט. קלאַריס'ס טרויער און פארצווייפעלונג ווערט גרעסער... יעצט האָט זי שוין פארלאָרען אלע איהרע האָפנונגען . . .

דר. קארנעליוס איז אויך געוואָרען שטארק באזאָרגט, אבער ער האָט די האָפענונג ניט אויפגעגעבען. ער האָט ווי ווייט מעגליך געזעהען צו טרייסטען זיין ליעבע טאָכטער:

— קלאַריס, ליעבע טאָכטער מיינע, לאָז זיך ניט אָפּ, פארגעס ניט דאָס דו ביזט א מוטער פון צוויי טייערע קינדערלאך, זיי זאָלען געזונד זיין, און פאר זייער'ט וועגען, מוזטו זיך שטארקען און ניט פארלירען האָפנונג אין גאָט.

— פאָטער — האָט קלאַריס געוויינט — אכט מאָנאטען זיינען שוין פאריבער . . . געוויס האָט דאָך עפּעס מיט איהם פּאַסירט!

— איך בין זיכער דאָס ער לעבט, — האָט איהר פאָטער געזאָגט, אבער עס איז מעגליך דאָס ער איז געפאַנגען געוואָרען און פאר א שקלאַף פארקויפט געוואָרען.

— פאר א שקלאַף פארקויפט געוואָרען! מיין גאָט! האָט קלאַריס יאָמערליך געוויינט — פאר אן אייביגען שקלאַף! ער וועט דארפען אָפּדינסטערען זיין גאַנצען לעבען אין שקלאַפעריי, דאָס איז נאָך ערגער ווי דער טויט . . . איך וועל דאָך איהם סיי ווי סיי קיינמאָל ניט זעהען.

— זינדיג ניט, מיין ליעבע טאָכטער מיט דיינע רייד, — האָט דר. קארנעליוס געזאָגט — דער אויבערשטער וועט איהם ניט פארלאָזען . . . און אויב ער איז חס וחלילה געפאנגען געוואָרען, איז ער דאָך א געלערנטער און קלוגער מענש און ער וועט שוין געפינען א וועג מיט אונז אין פארבינדונג צו קומען. און עס זיינען נאָך פיעלע גוטע מענשען פאראן, און וועלען געוויס העלפען איהם מיט אלעם מעגליך.

—אח, פאָטער, אבער דער געדאנק אז מיין גאיו'ס איז א שקלאַף, וועט מיר יעצט אנגסטען און ליידען פארשאפען . . . מיין גאיוס א שקלאַף!

— קלאַריס, — האָט זיך איהר פאָטער אָפּגערופען שטילערהייט, — איך גלויב אז יעצט איז געקומען די צייט איך זאָל דיר אויפדעקען א שטיקעל עפּיזאָד פון מיין לעבען. זעצט זיך אט דאָ, לעבען מיר, און איך וועל דיר ערצעהלען.

קלאַריס האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער זאָפא, לעבען איהר פאָטער, דר. קארנעליוס האָט איהר גענומען גלעטען איבער'ן קאָפּ און געזאָגט:

— איך האָב דיר ביז אַהער קיינמאָל ניט דערצעהלט פון דיזען וויכטיגען געשעהעניס אין מיין לעבען, ווייל איך האָב געוואָלט דו זאָלסט אויפוואַקסען פריי פון זאָרג, און כאָטש די טרויעריגע פּאַסירונג אין זיין לעבען האָט פּאַסירט לאַנג, לאַנג צוריק, איידער דו ביזט נאָך געבאָרען געוואָרען, האָב איך דאָך זיך צוריקגעהאַלטען דיר עס צו דערצעהלען, ווייל איך האָב געוואוסט אז דאָס וואָלט דיר פאַרשאַפען עגמת נפש צו טראַכטען וועגען די טרויעריגע פאַרגאַנגענהייט . . . און דאָ, ווען דיין גאָטזעליגע מוטער איז אַזוי יונג פון דער וועלט געגאַנגען און אונזער טרויער איז זעהר גרויס געווען, האָב איך דאָך דיר געוויס ניט געקענט דערצעהלען . . . יעצט אָבער מיין, ליעבע טאָכטער, ווערסטו פון מיין ערצעהלונג לערנען אז מען טאָר קיינמאָל די האָפענונג ניט אויפגעבען . . .

קלאַריס האָט זיך נעהענטער צוגערוקט און האָט אריינגעקוקט איהר ליעבען, גוטהערציגען פאָטער אין די אויגען און אומגעדולדיג געוואַרט אויף זיין ערצעהלונג.

— דאָס איז געווען מיט א יאָהר פינף, זעקס און צוואַנציג צוריק — האָט דר. קאָרנעליוס אַנגעפאַנגען — איך בין דאַמאָלסט אַלט געווען אכט און צוואַנציג יאָהר און האָב געשטודירט מעדיצין אין קאָרדאָווא. איך האָב געוואָהנט צוזאַמען מיט מיין עלטערען ברודער, וועלכער איז געווען צו מיר ווי א פאָטער און מוטער צוזאַמען. אונזערע עלטערען זיינען שוין לאַנג געשטאָרבען. און מיין ברודער וועלכער איז געווען א רייכער סוחר האָט מיך געשטיצט די גאַנצע צייט וואָס איך האָב שטודירט. אונזער ברידערליכע ליעבשאַפט איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס מיר האָבען א טאָג ניט געקענט אויסקומען איינער אָהן דעם צווייטען . . . מיר האָבען זעהר גליקליך געלעבט צוזאַמען, ווייל די מורען זיינען געווען זעהר גוט צו אונז אידען. מיר האָבען גענאָסען אַלע פרייהייטען. אין יענער צייט, אָבער, האָט אויסגעבראָכען א מלחמה צווישען די מורען און די פראַנקען. אַלע יונגע, געזונטע אידען האָבען זיך אַנגעשלאָסען אָן דער מורישער אַרמיי. צווישען זיי אויך איך און מיין עלטערער ברודער. די מורען האָבען דאַן געזיעגט. און ווען איך און מיין ברודער זיינען געגאַנגען העלפען די פאַרוואונדעטע זעלנער, זיינען מיר פּלוצים באַפאַלען געוואָרען פון פראַנקישע ריטער און זיי האָבען מיר גענומען געפאַנגען. זיי האָבען מיר פאַרבונדען די אויגען און געפיהרט דורך א וואַלד . . . ווען איך האָב זיי געפרעגט וואו איז מיין ברודער, האָבען זיי מיר געזאָגט, דאָס אַזוי ווי ער האָט א בראַוופענטער געקעמפט געגען זיי, האָבען זיי איהם טויט געשלאָגען . . .

איך האָב וועגען מיין לאַגע אינגאַנצען פאַרגעסען, און איך האָב שטאַרק געטרויערט נאָך מיין העלדישען איבערגעגעבענעם ברודער, וועלכער האָט זיין לעבען פאַר מיר מקריב געווען . . .

עטליכע טעג האָבען מיר די פראַנקישע ריטער גרויסע יסורים אָנגעטאָן, זיי האָבען פון מיר געוואָלט אַרויסקריגען סודות פון דער מורישער אַרמיי, אָבער דאָס האָט זיי ניט געהאָלפען. אין אַ קורצע צייט האָבען זיי מיך פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף . . .

— דיך פאַר אַ שקלאַף! — האָט קלאַרים אונטערבראָכען, — אָ, גאָט, דיך מיין לעבער פאָטער פאַר אַ שקלאַף! . . .

— יע, מיין טאָכטער, זיי האָבען מיר פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף צו אַ גוט באַזיצער. ער האָט מיר פאַר אַ פאַסטוך איבער זיינע חזירים געמאַכט . . . דער גוט־באַזיצער איז געווען זעהר גרויזאַם, ער האָט מיך מערדערליך געשלאָגען. געגעסען האָב איך זעהר ווינציג, דער טרויער נאָך מיין ברודער און מיין אייגענע שוידערליכע לאַגע האָבען געטריבט פון מיר מיין גאַנצען אַפּעטיט. איך בין געווען שרעקליך אויסגעמאָגערט, שוואַך, איך האָב זיך קוים אויף מיינע פיס געהאַלטען . . . דער גוט באַזיצער האָט מורא געהאַט, דאָס טאָמער וועל איך שטאַרבען וועט ער דאָך פאַרלירען זיין געלד וואָס ער האָט פאַר מיר באַצאָהלט, האָט ער מיר אָוועקגעפיהרט אויפ'ן שקלאַפען מאַרק און האָט מיר פאַרקויפט צו אַ רייכען מאַן, וועלכער האָט געוואָהנט אין אַ דאָרף ניט ווייט פון עלזאַס. קיין שלעכטער מאַן איז יענער ניט געווען. איך האָב איהם געזאָגט דאָס איך בין אַ איד און מיר איז ניט ערלויבט צו עסען זייערע פליישען, האָט ער מיר ערלויבט צו עסען מילכיגע, ער האָט פאַר מיר זאָגאַר געקויפט נייע געשיער. קיין שווערע אַרבייט האָב איך ביי איהם ניט געטאָן. צום גרעסטען אַז מיין געטרייער ברודער איז טויט האָב איך זיך שוין געהאַט צוגעוואָהנט. איך בין ביסלעכווייז צו זיך געקומען. איינמאָל איז מיין בעל הבית זוהן שטאַרק קראַנק געוואָרען. איך האָב איהם דאַן דערצעהלט דאָס איך האָב אַ גרויסע ידיעה אין מעדיצין. איך האָב גענומען היילען זיין זוהן, און מיט גאָט'ס הילף איהם אינגאַנצען אויסגעהיילט. ער איז צו מיר זעהר דאַנקבאַר געווען און מיר געזאָגט דאָס ער וויל מיר באַלאָהנען פאַר ראַטעווען זיין זוהן. איך זאָל איהם זאָגען וואָס איך פאַרלאַנג.

עס איז דאַמאָלסט געווען אַ וואָך פאַר ראש השנה און מיר האָט זיך זעהר שטאַרק געוואָלט דאַוונען די ימים נוראים בצבור, וואו איך זאָל קענען מאַכען אַן הזכרה מיין נאָר וואָס פאַרשטאָרבענעם ברודער און אין דערזעלבער צייט אויסגיסען מיין הארץ פאַר דעם רבונו של עולם אין שוהל מיט אַלע אידען.

איך האָב געבעטען ער זאָל מיר צופיהרען צום שטאָדט עלזאַס. דאָרטען האָב איך געהערט עקזיסטירט אַ אידישע קהלה און אַזוי ווי באַלד קומען אָן אונזערע ימים נוראים, וואָלט איך וועלען פאַרבלייבען דאָרטען ביז איבער יום כפור.

מיין בעל הבית האָט מיין פאַרלאַנג געטאָן. ער האָט מיר געבראַכט אין עלזאַס. און איך האָב ראש השנה געדאַווענט מיט אַלע אידען אין שוהל. נאָך'ן דאַווענען האָט מיר דער רב געגעבען שלום און מיר געפרעגט, ווער איך בין און פון וואַנען איך קום. איך האָב איהם דערצעהלט אַלעס וואָס מיר האָט פּאַסירט. דער רב האָט מיר דערוויילע איינגעלאַדען צו זיך אַהיים. נאָך ראש השנה איז דער רב מיט מיר אַוועק צום רייכען גבאי פון שוהל, ר' פּנחס און אַלעס איבערגעגעבען וועגען מיר. ר' פּנחס איז מיט מיר אַוועקגעפאָהרען אין דאָרף צום בעל הבית און איהם געזאָגט דאָס ער וויל מיר פון איהם אויסלייזען.

מיין בעל הבית האָט וועגען דעם ניט געוואָלט הערען, נאָר ווען ר' פּנחס האָט איהם פאַרגעלעגט אַ גרויסע סומע געלד, איז ער מרוצה געוואָרען און מיר באַפרייט.

ר' פּנחס האָט מיר גענומען צו זיך אַהיים. אין דער פּנחס איז געווען דיין זיידע, ווייל איך און זיין טאָכטער חנה האָבען זיך פאַרליעבט איינע אין דעם צווייטען . . . ר' פּנחס האָט אונז זיין ברכה געגעבען און מיר האָבעןביידע חתונה געהאַט. ביסלעכווייז בין איך באַוואוסט געוואָרען אַלס גוטער דאָקטאָר. און איך האָב זיך געלעבט גליקליך מיט מיין חנה'ן. און ווען דו, מיין ליעבע טאָכטער ביזט געבאָרען געוואָרען, איז מיין גליק פאַרפולט געוואָרען . . . אָבער דער שווערער האָט ניט געוואָלט מיין גליק זאָל דויערען — האָט דר. קאָרנעליוס טרויעריג געזאָגט — ער האָט פון מיר צוגענומען מיין ליעבע חנה, און פון דיר, דיין געטרייע איבערגעגעבענע מוטער . . .

קלאַרים האָט באַמערקט די טרעהרען אין איהר פאָטער'ס אויגען . . . זי האָט זיך שטאַרק פאַרנאַנדערגעווייגט.

אַ ווייל'ע זיינען זיי ביידע שטיל געבליבען און ווען קלאַרים האָט זיך עט-וואָס באַרוהיגט האָט זי געזאָגט:

— פאָטער, זאָג דאָך מיר, ביזטו זיכער דאָס דיין ברודער איז געטויטעט געוואָרען, פיליכט האָבען די שלעכטע פראַנקישע ריטער דיר נאָר געוואָלט ערגערען, האָבען זיי דיר געזאָגט, דאָס זיי האָבען איהם געטויטעט.

— מיין קינד — האָט דר. קאָרנעליוס איהר געזאָגט — מיין ברודער איז געווען באַוואָפענט און ווען די ריטער פאַנגען אַ באַוואָפענטען מאַן דאַן טויטען זיי איהם באַלד . . . און מיין ברודער האָט דאָך מיט זיי געוויס געקעמפּט פאַר זיין לעבען, דאַריבער בין איך זיכער דאָס זיי האָבען מיר נישט אָפּגענאַרט, און איהם געוויס געטויטעט.

— ווי האָט דיין ברודער געהייסען, — האָט קלאַרים ווידער געפרעגט איהר פאָטער.

— מיין ברודער האָט געהייסען שמואל אבן ברוך. און מיין נאָמען איז

דאָן געווען יחזקאל אבן ברוך, אָבער כדי אַפּצומעבען אַלע טרויעריגע עראײנע־רונגען פון דער פערגאַנגענהייט האָב איך אין גאַנצען מיין נאָמען געענדערט.
— יעצט מיין ליעבע טאָכטער, זעהסטו, דאָס מען טאָר קיינמאָל ניט די האָפנונג פאַרלירען. ווען מען האָט מיר פאַר א שקלאַף פאַרקויפט האָב איך זיך שוין מיאש געווען דאָס איך וועל ווען עס איז פריי ווערען... אָבער ביי דעם ליעבען גאָט איז אַלץ מעגליך! צוואַנציג גליקליכע יאָהר האָב איך נאָכדעם געהאָט, און כאָטש מיין גליק איז געווען צונויפגעמישט מיט דעם טיעפען צער און טרויער פון מיין פאַרשטאָרבענעם ברודער, שמואל, איז אָבער דער טרייסט וואָס איך האָב געפונען אין דיין גאָטזעליגע ליעבע מוטער און נאָכהער אין דיר, געווען אַזוי גרויס און טהייער אַז עס האָט כמעט פערהיילט מיין וואונד... ווי עס ווייזט אָבער אויס, האָב איך צופיעל געגאָסען פון בעכער פון גליק... יעצט אָבער ביזטו מיין איינציגע נחמה אין לעבען און איך בין זיכער דאָס אונזער פאָטער אין הימעל וועט פון מיר מיין לעצטע ביסעל גליק נישט אָוועקנעהמען... ער וועט דיר צוריקקעהרען דיין ליעבען גוטען מאַן, און איך פיהל דאָס איך וועל נאָך זוכה זיין צו פאַרברײנגען מיינע לעצטע יאָהרען צווישען אידען צוזאַמען מיט דיר, דיין מאַן און דיינע קינדער...

קלאַרים האָט ארומגענומען איהר פאָטער און איהם געהאַלזט און געקושט:
— ליעבער, טהייערער פאָטער, — האָט זי געוויינט, — דיינע ווערטער שטאַרקען מיר און גיבען מיר גענוג האָפנונג. איך פיהל זיך יעצט ווי ניי גע־באָרען... מיינע טרויעריגע געדאַנקען פאַרלאָזען מיך און איך זעה יעצט מיין ליעבען גאַיום געזונט און גליקליך... איך פיהל זיינע הייסע קושען... איך זעה מיינע קינדערלעך זיצענדיג ביי איהם אויפ׳ן שויס... איך בין גליקליך, פאָטער, אַזוי גליקליך...

* * *

טעג און וואָכען זיינען נאָכדעם פאַראיבער און קלאַרים׳ס האָפנונג איז נאָך אַלץ געווען שטאַרק... דער גרויסער ווילען וואָס האָט איהר באַהערשט צו זעהן איהר מאַן און צו זיין גליקליך מיט איהם, האָט איהר ערמוטהיגט און געשטאַרקט...
אַזוי האָט זי יעדען טאָג מיט גרויס אומגעדולד און שפּאַנונג געוואַרט אויף איהר מאַן.
און איינמאָל, אין א שטונדע פון גרויס האָפנונג און ערוואַרטונג, האָט קלאַרים געהערט א קלאַפּ אין טהיר... איהר האַרץ האָט אין איהר א צאַפּעל געטהאָן... זי איז שנעל געלאָפען די טהיר עפענען, און דערזעהענדיג האָט זי רופוס׳ן, איהר מאַן׳ס אמאָליגער פריינד און נאָכהער זיין ביטערסטער שונא...
רופוס איז געווען אָנגעטהאָן אין קליידער פון א קאַפּיטאַן, ביים זייט

האט ער געטראגען א קורצען שווערדעל. ער האט זיין הוט פון קאפ ארונטערגענר־ נומען און זיך העפליך פארנייגט פאר קלארים׳ן.

קלארים האט געפיהלט ווי א שטיק פון איהר לעבען ווערט אפגעריסען, און א צושראקענע איז זי צוריקגעשפרונגען ווי זי וואלט באפאלען געווארען פון א שלאנג...

— געעהרטע קלארים, — האט רופוס זיך אפגערופען מיט א געמאכטען שמייכעל, — איך האב פאר דיר נייעס פון דיין מאן גאיוס געבראכט...

— פון גאיוס׳ן, — האט קלארים אויפגעלויכטען, — וואס מאכט ער, שנעלער, דערצעהל מיר, ווען האסטו איהם געזעהען? ווען קומט ער, ווי זעהט ער אויס?

רופוס האט איהר בעטראכט... זי איז געווען דיזעלבע וואונדערשעהנע קלארים ווען ער האט אזוי שטארק געליעבט מיט עטליכע יאהר צוריק... און ווען גאיוס האט פון איהם אזוי בעטריגעריש געראובט... יא, זי איז נאך יעצט שעהנער ווי פריהער. ער דארף נאך וויסען ווי אויסצונוצען זיין טאקטיק און זי וועט יעצט געהערען צו איהם...

— קום דאך אריין, גנעדיגער האר און דערצעהל אלעס וואס דו ווייסט וועגען גאיוס׳ן, —האט קלארים א גליקליכע געזאגט, און ברייט פאר איהם די טהיר געעפענט.

רופוס האט זיך נאך אמאל פארנייגט און איז אריין אין הויז.

19טער קאפיטעל

די טרויעריגע בשורה

קלארים האט איהם געבעטען זיצען. רופוס האט זיך געזעצט און האט געווארפען זיינע פארשענדע בליקען איבער׳ן צימער. אין דעם צימער האט די שעהנע קלארים זיין קאפ אנגעריהרט, ווען זי האט געהאלפען איהר פאטער פאר־ באנדאזשירען זיינע וואונדען . . . דא האט זיך דאס ליעבעס פייערעל אין איהם אנגעצונדען . . . און יעצט ווען ער האט זיין נקמה פלאן דורכגעפיהרט און בא־ זייטיגט זיין שונא גאיוס׳ן, שטעהט די וואונדער שעהנע קלארים און ווארט מיט גרויס אומגעדולד אויף זיינע ווערטער... ער דארף וויסען ווי צו האנדלען, ער מוז זעהר פארזיכטיג זיין און קלארי׳ס וועט ענדליך ווערען זיינע . . .

— מיין האר, — האט קלארים געזאגט מיט ציטערענדע ליפען — דער־ צעהלט דאך מיר, וואס דו ווייסט פון גאיוס׳ן, מיין מאן!

— ווירדיגע פרוי! דו מוזט זיך פריהער פון אלעס בערוהיגען — האט רו־ פוס געזאגט, און דערווייל א קלעהר געטאן וואס זאל ער דערצעהלען קלא־ רים׳ן וועגען גאיוס׳ן.

— איך בין רוהיג און געלאַסען — האָט קלאַרים אומגעדולדיג געזאָגט — דו קענסט מיר אַלעם דערצעהלען.

— מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק, — האָט רופוס אָנגעפאַנגען דערצעהלען, — ווען מיין שיף איז געווען אין מיטעללענדישען ים, ניט ווייט פון אינזעל קאָר־סיקאַ, האָב איך פּלוצלונג באַמערקט אַ פייער אויפ׳ן מיטען ים. איך האָב גלייך באַפוילען מיינע מאַטראָזען צו זיין געגרייט און איך האָב מיין שיף געפיהרט אין יענער ריכטונג, פון וואַנען דאָס פייער האָט זיך געזעהען. ווען מיר זיינען צוגעקומען עטוואָס נעהענטער, האָבען מיר געזעהען ווי אַ צווייטע שיפעל פאַרלאָזט שנעל דאָס ברענענדע שיף און ווערט פאַרשוואונדען . . . מיר זיינען צוגעקומען גאַנץ נאָהענט צו דער ברענענדער שיף. מיינע מאַטראָזען מיט עמער וואַסער האָבען גענומען לעשען דאָס פייער, אַבער אומזיסט. דאָס פייער האָט אַרומגענומען די שיף פון אַלע זייטען. איך האָב גלייך באַפוילען מיינע מאַט־ראָזען צו רעטען די מענשען פון די ברענענדע שיף. מיר האָבען צו זיי געשריי־ען זיי זאָלען שפּרינגען אין וואַסער. די וועלכע מיר האָבען געראַטעוועט האָבען אונז דערצעהלט, דאָס אַ רויבער־שיף איז זיי באַפאַלען און גענומען מיט זיי פען . . . פיעלע פון זיי ליגען יעצט פאַרוואונדעט אין שיף און קענען זיך פון אָרט ניט ריהרען. ווען איך האָב דאָס דערהערט בין איך מיט עטליכע מאַטראָ־זען אַריבער צו דער ברענענדער שיף און פון דאָרטען גענומען איבערטראָגען די פאַרוואונדעטע צו מיין שיף . . .

ווי גרויס איז געווען מיין ערשטוינונג, ווען איך האָב באַמערקט צווישען די פאַרוואונדעטע מיין אַמאָליגען חבר גאיום ! . . .

— אַה, מיין גאָט ! — האָט קלאַרים אונטערבראָכען — מיין גאיום פאַר־וואונדעט !

— זאָג דאָך מיר, איך בעט דיר, וואו איז ער יעצט און ווי פיהלט ער זיך?...

רופוס האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען און פאָרטגעזעצט זיין ערצעהלונג : ״איך האָב מיין שיף מיט די פאַרוואונדעטע אַוועקגעפיהרט צום אינזעל קאָר־סיקאַ און איך האָב גלייך געשיקט נאָך מעדיציניש הילף . . . גאיום איז גע־ווען שטאַרק פאַרוואונדעט, אַבער ער האָט מיר דערקענט . . .

״גאָט האָט דיר צו מיר געשיקט — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ שוואַכע שטימע, — ״איך האָב געמיינט, דאָס איך וועל פאַרשלונגען ווערען פון די כוואַ־ליעס פון ים, און מיין ליעבע קלאַרים וועט קיינמאָל ניט וויסען וואָס פון מיר איז געוואָרען . . . יעצט אַ דאַנק דעם עוויגען, וועסטו איהר אַלעס קענען דערצעה־לען וועגען מיר . . .

איך האָב איהם בארוהיגט. באַלד האָב איך פאַר איהם געקראָגען מעדיצי־נישע הילף. דריי טעג איז ער געלעגען אין היץ און מיר האָט זיך געדוכט דאָס

ער בעסערט זיך. פלוצים האט ער מיר צוגערופען. איך בין צוגעגאנגען צו זיין בעטעל; ער האט אויף מיר געקוקט מיט אזעלכע מאדנע אויגען, דאס איך האב זיך עטוואס דערשראקען פאר איהם . . .

— ווי פיהלסטו, מיין פריינד, — האט איך איהם געפרעגט, און אנגענומען זיין האנט.

— איך פיהל אז מיינע שטונדען זיינען געצעהלטע — האט ער מיר טרויע־ריג געענטפערט. — איך בעט דיר, רופוס, דאס ווען דו וועסט זיין אין פאדוא, זאלסטו איבערגעבען מיין ליעבענדע קלארים אלעס וואס מיט מיר האט פאסירט.

איך האב איהם געטרייסט און געזאגט, דאס ער וועט נאך געזונט ווערען און ער וועט האבען די מעגליכקייטען אליין אלעם צו דערצעהלען זיין פרוי, קלארים . . .

— אה, ניין, האט ער געזיפצעט, — מיר איז שוין ניט באשערט צו זעהען מיין ליעבע קלארים, מיט מיינע טהייערע קינדערלעך . . . איך בעט דיך רופוס, דו זאלסט זעהען דאס קיינע בייזעס זאל זיי ניט געשעהען, באשיץ זיי פון שלעכטעס.

— גאיוס, — האב איך זיך צו איהם אפגערופען, שרייב דאך אן עטליכע ווערטער צו דיין פרוי קלארים, און איך וועל עס איהר איבערגעבען . . .

— איך האב שוין קיין כח ניט עטוואס צו שרייבען — האט ער מיט א שוואכע שטימע געזאגט — נעהם דעם רינג וואס קלארים האט מיר געגעבען און צייג איהר דאס, וועט זי דיר וועגען אלעם גלויבען . . .

ער האט ארונטערגענומען דעם רינג פון זיין פינגער און מיר עס דערלאנגט... באלד האט ער צוגעמאכט זיינע אויגען אויף עוויג.

רופוס האט ארויסגענומען דעם רינג און געצייגט קלארים'ן.

קלארים איז געשטאנען די גאנצע צייט ווי פארגליווערט און האט זיך איינ־געהערט צו רופוס'ס ערצעהלונג... ווי אבער זי האט דערקענט דעם רינג, וואס זי האט געגעבען גאיוס'ן אלס א ליעבעס אנדענקונג, אין רופוסעס האנד, האט זי א שרעקליכען געשריי געטהאן און אין חלשות געפאלען...

רופוס האט איהר גענומען מינטערען. די דיענסט, וועלכע איז אריין אין צימער צוליעב דעם געשריי, האט זיך זעהר דערשראקען, ווען זי האט דערזעהען קלארים'ען א פאר'חלש'טע אין רופוס' הענט. זי איז גלייך ארויסגעלאפען און האט אנגעזאגט דר. קארנעליוס'ען, וועלכער איז גראדע דאן געווען ביי א חולה.

דר. קארנעליוס האט איהר קוים דערמינטערט.

רופוס האט איהם אויך דערצעהלט די זעלבע געשיכטע. ווען דר. קארנע־ליוס האט דערזעהען דעם רינג, האט ער דאן געגלויבט אז רופוס האט דערצעהלט דעם אמת . . . ער האט צעריסען זיינע קליידער פון צער און האט נאך גאיוס'ן שטארק געטרויערט.

קלארים האט זיך גאר ניט געוואלט טרייסטען. זי האט געקלאגט און גע־טרויערט נאך איהר מאן טאג און נאכט. א שטיקעל נחמה האט זי נאר געפונען אין איהרע צוויי קינדער, איבערהויפט אין איהר פיער יעהריגען אינגעלע, וועל־כער איז אין גאנצען געראטען געווען אין זיין פאטער. איהם פלעגט זי ארום־נעהמען און דריקען צו איהר הארצען און בעדעקען מיט קושען און דערביי ווייי־נענדיג אויסרייסען: "גאיום, גאיום! . . .

— מאמע, — האט זיך דער אינגעלע אפגערופען, — זאג מיר מאמע, פארוואס וויינסטו ווען דו דערמאנסט דעם פאפא'ס נאמען? פארוואס וויל דער פאפא מעהר צו אונז ניט קומען? איך וויל דאך איהם אזוי זעהען . . . ווען פאפא וועט קומען וועסטו שוין מעהר ניט וויינען . . .

— מיין טייערע קינד — האט איהם די מוטער מיט א פארשטיקטען גע־וויין געזאגט — פאפא וועט שוין צו אונז קיינמאל ניט קומען . . . מיר וועלען דארפען קומען צו איהם... ער איז זעהר, זעהר ווייט פון אונז... ער איז אין גן עדן לאנד, און מלאכים היטען איהם . . . ער קען דארטען ניט ארויס אבער מיר קענען דארט אריינקומען.

— ווען וועלען מיר געהן צום ליעבען פאפא אין גן עדן? — האט דאס קינד נאאיוו געפרעגט.

קלארים האט שטארקער ארומגענומען איהר קינד און איהם געדריקט און געטוליעט צום ברוסט.

— ליעבענקער קינד מיינער — איך וועל זיך מסתמא אינגיכען זעהען מיט דעם פאפא'ן, אבער דו, מיין קינד, דו וועסט דארפען ווארטען לאנג, זעהר לאנג...

רופוס האט גענומען אפטער אריינקומען צו קלארים'ען. ער האט איהר גענומען טרייסטען. ער האט גענומען אנווענדען פארשיעדענע מיטלען זי זאל איהם בעמערקען.

— קלארים האט ער איהר געזאגט — וועט דיר רען דער טרויערען און וויינען העלפען? דו וועסט דאך איהם לעבעדיג ניט קענען מאכען, און דו ביזט דאך אזוי יונג, און קענסט נאך גליקליך זיין . . . קום, טייערע קלארים, לאמיר א ווייל ארויסגעהן אויף א קליינעם שפאציר!

— אה, ניין, איך קען אין ערגעץ ניט געהן, מיין לעבען איז מיר פארבי־טערט און יעצט ליגט מיר קיין זאך ניט אין זינען . . .

— ליעבע קלארים, — האט רופוס געזאגט מיט א נידעריגע שטימע, — פאר זיין טויט, האט מיר גאיום געבעטען איך זאל זעהען ווי ווייט מעגליך בא־שיצען דיר און זיינע קינדער. מיין חבר'ס פארלאנג און וואונש איז ביי מיר זעהר הייליג. איך וויל אלעס מעגליכעס טהאן צו ערפיעלען זיין וואונש . . .

— איך דאנק דיר זעהר, רופוס, פאר דיין גרויס גנאדע וואס דו ווילסט

מיר טהאָן, אָבער מיינע קינדער האָבען וועט עס זאָל זיי באַשיצען, און וואָס אַנ־באַלאַנגט מיר, איז גאָט מיין איינציגער באַשיצער און איך נויטיג זיך ניט אין קיין מענשליכע שיצונג ! . . .

— ליעבע קלאַרים, — האָט רופוס ווידער געזאָגט, — געדיינקסטו דעם בריעף וואָס איך און גאַיוס האָבען דיר געשיקט . . . מיר ביידע האָבען דיר שטאַרק געליעבט און כאָטש מיין ליעבע צו דיר איז געווען אויסערגעוועהנליך גרויס, האָב איך דאָך זיך צוריקגעהאַלטען און צו דיר ניט געגאַנגען, ווייל איך האָב ניט געוואָלט ברעכען דעם אָפּמאַך, וואָס איך און גאַיוס האָבען געהאַט צווי־שען זיך, צו וואַרטען ביז וואַנען דו וועסט אַליין באַשליסען... גאַיוס אָבער, איז געווען קליגער פאַר מיר, ער איז צו דיר אַוועק און האָט דיין הארץ געוואונען.

— דאָס איז אַ ליגען ! — האָט קלאַרים אויסגעשריען — ער איז צו מיר ניט געגאַנגען, איך האָב איהם אַליין געשיקט רופען . . . דיין שנאה צו איהם איז געווען אונבאַגרינדעט . . .

— איך האָב אויף גאַיוס'ן קיין שנאה ניט געטראָגען — האָט רופוס גע־ענטפערט — אפשר די ערשטע צייט בין איך אויף איהם געווען אין כעס, אָבער נאָכהער, בין איך איהם געוואָרען דער זעלבער גוטער פריינד ווי פריהער . . . און ווען גאַיוס איז געווען געפעהרליך קראַנק, האָב איך דען ניט געטאָן אַלעס מעגליכעס איהם צו העלפען ? . . . און אויב אפילו ווען איך וואָלט מיט עפּעס געהאַט געזינדיגט קעגען גאַיוס'ן, האָט ער דאָך מיר געוויס מוחל געווען אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען . . .

טרעהרען האָבען זיך באַוויזען אין קלאַרים'ס אויגען. די אַלטע וואונד איז ווידער אַנגעריהרט געוואָרען . . . זי האָט טרויעריג אַרונטערגעלאָזען איהר קאָפּ און געשוויגען.

— קלאַרים טייערע — איז רופוס דרייסטער געוואָרען — עס איז שוין גע־נוג פאַר דיר צו טרויערען. די טויטע קענען דאָך שוין לעבעדיג ניט ווערען, און דו ביזט דאָך נאָך אַזוי יונג און שעהן. דו קענסט נאָך אין פולען געניסען פון דעם בעכער פון גליק . . . קלאַרים, מיין שעהנע, מיין ליעבע קלאַרים ! איך, איך ליעב דיר דאָך אַזוי שטאַרק . . . זיי דאָך יעצט מיינע אויף עוויג . . . און רופוס האָט זיך איינגעבויגען און געוואָלט קלאַרים'ען אַ קוש טהאָן . . .

אַ הילכיגער פּאַטש האָט זיך אָפּגעקלונגען איבער'ן צימער... פון קלאַ־רים'ס אויגען האָט פייער געשפּריצט :

—אַרויס פון דאַנען ! אַרויס פון מיין הויז ! ווי וואַגסטו פאַרשוועכען די אַנדענקונג פון מיין מאַן ! דו זאָלסט צו מיר קיינמאָל ניט קומען, איך וויל דיין פּנים ניט אָנקוקען ! אַרויס פון דאַנען !

רופוס איז געוואָרען צומישט. ער האָט זיין האַנט געהאַלטען אויף זיין

רויט געווארענע באק, וואס האט איהם שטארק געשמערצט, און בעטראכט די אויפגערעגטע קלארים . . .

— מיר באהאנדלען ניט פרויען אזוי — האט ער שטייף געזאגט — פארגעסט ניט דאס איך בין דער באוואוסטער קאפיטאן א . . . דא האט זיך רופוס אבגעהאלטען; ער האט זיך בארעכענט אז עס וועט זיין בעסער פאר איהם, ווען זיין נאמען אלס פיראט וועט נים באוואוסט ווערען אין פאדוא . . . יא, קלארים, אין א יאהר ארום וועל איך צו דיר ווידער קומען . . . דו האסט א גאנץ יאהר צייט... פיליכט וועסטו דאן ענדערען דיין מיינונג וועגען מיר... אלזא, אויף ווידערזעהען זיך אין א יאהר ארום.

רופוס האט זיך פארנייגט און שנעל פארלאזען דאס הויז.

קלארים איז אריין אין איהר צימער און האט זיך גוט אויסגעוויינט; זי האט זיך געפיהלט נידערשלאגען און באליידיגט...

דר. קארנעליוס האט דערהערט זיין טאכטער'ס וויינען, ער איז אריין אין איהר צימער און צו איהר צוגעגאנגען.

— טאכטער, מיין ליעבעס קינד, — בערוהיג זיך דאך! דו טארסט נישט אזוי פיעל זיך פייניגען צוליעב דיינע קינדערלעך. אונזער פאטער אין הימעל האט אזוי געוואלט און מיר האבען קיין רעכט נישט צו צווייפלען די גערעכטיגקייט פון זיינע טהאטען...

— אבער פאטער, — האט קלארים געבליפעט, — איך קען דאס שוין מעהר נישט אריבערטראגען. אונזער ליעבער גאט האט אויף אונז זיין צארן אויסגעגאסען... מיין הארץ זאגט מיר, אז דער נידערטרעכטיגער רופוס האט א האנד אין מיין גרויסען אומגליק!...

— וואס מיינסטו דערמיט, מיין קינד? — האט דר. קארנעליוס ערשטוינט געפרעגט.

— אה, פאטער, איך בין זיכער דאס דער אומווירדיגער רופוס איז מיין מאן'ס מערדער...

— אויף וואס בעגרינדעסטו דיין חשד? — האט ער איהר מיט שרעק געפרעגט.

— רופוס איז דא פריהער ביי מיר געוועזן, — האט קלארים שטיל און טרויעריג גערעדט. — ער האט מיר דערמאהנט ווי שטארק ער האט מיר אמאל ליעב געהאט און האט מיר אנגעוואונקען דאס זיין בעסטער חבר גאיוס, האט איהם בעטראגען און מיר אוועקגערויבט פון איהם... ער האט זיך פלוצלינג גענומען ערקלעהרען מיר אין ליעבע, און מיין האנד געבעטען... ווען ער האט זיך איינגעבויגען און מיר געוואלט א קוש טהאן...

— אזא מנוול! — האט דר. קארנעליוס געשריצט מיט די צייהן.

— מיין גאנצער צארן, טרויער, וואס האט זיך אין מיר אנגעזאמעלט האב

איך אויסגעגאָסען אויף זיין קאָפּ. איך האָב איהם געגעבען אַזאַ שטאַרקען פּאַטש, דאָס זיין גאַנצער פּנים איז געשוואָלען געוואָרען, און איך האָב איהם אַרויסגעטריבען פון הויז. איך ווייס נישט וואו עס האָט זיך ביי מיר אַזאַ כח גענומען... אָבער איך בין שטאַרק צופריעדען וואָס איך האָב עס געטהאָן.

— געבענשט זאָלען זיין דיינע הענד, טאַכטער מיינע, ווען איך וואָלט געווען דערביי וואָלט ער שוין גאַרנישט גוט אָפּגעשניטען — אַזאַ חיה איז מענשען־געשטאַלט איז נישט ווערטה די שטויב אונטער זיינע פיס... — וואָס האָט ער געזאָגט דערצו?

— ער האָט מיר געזאָגט דאָס איבער־אַ־יאָהר וועט ער דאָ ווידער קומען... דאַן, האָט ער, וועל איך מיין מיינונג ענדערען, און ער איז גלייך אַוועק... ליעבער פאַטער, לאָמיר אַוועקפאָהרען פון דאַנען. דער פּלאַץ איז מיר דערווידער... יעדער טריט און שריט דערמאָהנט מיר אין מיין לעבענס אומגליק און אַ צוגאָב דערצו איז נאָך רופוס מיט זיינע בעליידיגונגען...

— אָבער מיין ליעבע קלאַריס, — האָט איהר דער פאַטער געגלעט איבער'ן קאָפּ, — וואוהין קענען מיר פאָהרען. די קינדער זיינען דאָך אַזוי קליין... מיר וועלען מוזען צוואַרטען ביז וואַנען זיי וועלען אונטערוואַקסען, דערווייל וועלען מיר זעהן צו פאַרקויפען אונזער אייגענטהום.

* * *

גאַיוס, אָדער ווי ער האָט זיך יעצט גערופען אברהם בן אברהם, איז געווען העכסט גליקליך. זיין רייזע אהיים נאָך פּאַדואַ איז שוין באַלד געענדיגט... אָט נאָך אַ פּאָר טעג און זייע ליעבע קלאַריס וועט זיין אין זיינע אָרעמס... באַלד וועט ער קושען זיינע ליעבע קינדער. יעדער טאָג איז ביי איהם אַן עוויגקייט... ער שטעלט זיך פאָר ווי גליקליך זיין וואונדער־שעהנע קלאַריס וועט דאָס זיין, ווען ער וועט אָנקומען פּלוצלינג אונגעריכטערהייד... זי האָט געוויס שטאַרק געזאָרגט און געבייַנקט נאָך איהם... ווייס נאָר גאָט אויב עפּעס האָט פּאַסירט מיט איהר... ער געדענקט דאָך ווען רופוס האָט איהם פאַר אַ שקלאַף פערקויפט, האָט ער איהם געסטראַשעט דאָס יעצט וועט ער קריגען קלאַריס'ן אין דער צייט וואָס ער וועט אַ שקלאַף זיין... אַ שוידער נעהמט איהם דורך... עס קען דאָך מעגליך זיין דאָס ער וועט האָבען אויסגעפיהרט זיין ראַבע־פּלאַן. ער דערמאָהנט זיך אויך דאָס רופוס האָט ביי איהם קלאַריס'ס רינג אַוועקגערויבט... ער ווערט טרויעריג... זיין האַרץ שרעקט איהם, פיעלייכט האָט דאָך איהם געלונגען אַוועקצורויבען זיין קלאַריס'ן. אָבער ניין! ער ווייס ווי געטריי און איבערגעבען זיין קלאַריס איז געווען צו איהם. ער קען גוט איהר שטאַרקען כאַראַקטער. ער איז זיכער דאָס קיין זאַך אין דער וועלט וועט נישט קענען ווירקען אויף זיין טהייערע קלאַריס'ן... דער געדאַנק שטאַרקט און ערמוטיגט איהם ווידער. זיין גליק קומט איהם אַנטקעגען. וואָס נעהענטער גאַיוס קומט צו זיין געבורטסשטאָדט אַלץ פּעס־

מער און זיכערער ווערען זיינע טריט. אָט איז ער שוין אין פּאַדוא. א הימעלשער גליק צוגיסט זיך איבער אלע זיינע אברים... פון ווייטען זעהט ער דאָס הויז וואו זיין ליעבע געטליכע קלארים געפינט זיך... זיין הארץ קלאפּט, קלאפּט און קלאפּט.

* * *

עס איז געווען טונקל, א טרויעריגע שטילקייט האט געהערשט אין הויז. קלארים האט געלעגט איהרע קינדער שלאפען. זי האט זיי געזונגען א טרויעריג מעלאנכאליש ליעדעל. ווען זיי זיינען שוין געשלאפען האט זי זיך איבערגעבויגען איבער זייער בעטעל:

— מיינע שעהנע מלאכים׳לעך! א, פאטער אין הימעל, דער פאטער פון יתומים, באשיץ דאך מיינע קליינע אומשולדיגע יתומים׳לעך זיי זאלען נישט וויסען פון קיין צער און טרויער.

פון איהרע אויגען האבען זיך טרעהרען געגאָסען...

די טונקעלהייט איז שטארקער געווארען...

א קלאפּ אין טהיר האט זיך געהערט.

— עפען נישט, פאטער! — האט קלארים אויסגעשריען, ווען איהר פאטער איז געגאנגען צו דער טהיר, — עפען נישט! דער אויסוואורף רופוס איז שוין מסתמא ווידער געקומען מיך צו בעליידיגען...

א צווייטער קלאפּ האט זיך געהערט. מען עפענט נישט. און דאָס קלאפּען איז געווארען שטארקער.

— איך וועל דעם לומפּ צייגען, — האט דר. קארנעליוס מיט כעס געזאגט. ער האט זיין שטעקען אין האנד גענומען און איז געגאנגען עפענען די טהיר.

— דו אומווירדיגער לומפּ... — האט דער דאָקטאָר אנגעפאנגען און גלייך אויף צוריק אפּגעשפּרונגען מיט א געשריי:

— מיין גאָט!! גאיוס!!... ביזטו עס, מיין טהייערער גאיוס!... דו לעבסט?...

— וואו איז מיין קלארים, — האט גאיוס גלייך געפרעגט.

— טאָכטער! קלארים! דיין גאיוס איז דאָ! געלויבט איז גאָט! — האט ער אויסגעשריען מיט פרייד.

א צושראָקענע איז קלארים שנעל צוגעלאָפען און איז געבליבען שטעהן א ווילע ווי געלעהמט...

— מיין טהייערינקער ליעבענקער גאיוס... אה, גאָט, ווי גליקליך איך בין...

— מיין געטרייע געטליכע קלארים!...

אוןביידע זיינען ווי צוזאמענגעפלאָכטען געווארען.

קלארים האט גלייך איהם אריינגעפיהרט אין די קינדערס שלאף-צימער, און גאיוס האט זיי בעדעקט מיט קושען...

גאיום האָט דערצעהלט אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט; ער האָט דערצעהלט וויפיעל ער האָט זיך אַנגעליטען פון רופוס'ן ביז וואַנען ער האָט איהם פאַר א שקלאַף פאַרקויפט...

— אַה, מיין גאָט, — האָט קלאַרים געוויינט פון גליק, — ער האָט מיר דיין רינג געבראַכט און געזאָגט, דאָס ער האָט דיך רעטען געוואָלט...

קלאַרים האָט איהם דערצעהלט אַלעס וואָס מיט איהר איז פאָרגעקומען די גאַנצע צייט...

— אין קאָרדאָווע, — האָט רופוס פאָרטגעזעצט זיין געשיכטע, — האָב איך דאָס גליק געהאַט אויסגעלייזט צו ווערען ביי די איידעלסטע און בעסטע מענשען אין דער וועלט... דו ווייסט מיין ליעבענקע קלאַרים, — האָט ער איהר ווידער באַדעקט מיט קושען, — דאָס שושנה וועגען וועמען איך האָב דיר דער־צעהלט, איז אַזוי עהנליך צו דיר ווי אַן אייגענע שוועסטער.

— זאָג מיר מיין זוהן, — האָט דר. קאָרנעליוס געפרעגט, — ווי האָט דיזע וואונדערבאַרע פאַמיליע געהייסען?

— די פאַמיליע הייסט אבן ברוך, — האָט גאיום געענטפערט.

— אבן ברוך! — האָט דר. קאָרנעליוס אויסגערופען, — הייסט שושנה'ס פאָטער שמואל?...

— יאָ, יאָ, שמואל אבן ברוך, — און גאיום האָט איהם אַנגעקוקט מיט פערוואונדערונג.

— מיין ברודער... שמואל... לעבט... אַה, גאָט!

דר. קאָרנעליוס האָט יעצט דערצעהלט גאיום'ן אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט און ווי אַזוי ער האָט געענדערט זיין נאָמען וואָס האָט געהייסען יחזקאל אויף קאָרנעליוס.

— יחזקאל אבן ברוך, — האָט גאיום א גליקליכער געזאָגט, — דיזער נאָמען איז דאָרטען דערמאָהנט געוואָרען ביי אַלעמען כמעט יעדען טאָג.

— געלויבט ביזטו גאָט, — האָט יחזקאל אבן ברוך געזאָגט, — ארומנעה־מענדיג זיין טאָכטער מיט זיין איידעם... דו האָסט אונז גרויסע נסים בעוויזען. מהו דאָך נישט אָפּ דיין גנאָדע פון אונז אויף ווייטער, און ברייננג אונז ווידער צוזאַמען, איך זאָל האָבען די מעגליכקייט אין מיינע לעצטע יאָהרען זיך אינגאַנצען איבערצוגעבען צו מיין גאָט, און צו מיין פאָלק, און איך זאָל אין פולען געניסען פון מיין נייעם געפונענעם גליק.

* * *

א קורצע צייט האָט די העבסט גליקליכע פאַמיליע נאָך פאַרבראַכט אין פּאַדואַ. דר. קאָרנעליוס אָדער יחזקאל אבן ברוך, ווי ער האָט זיך יעצט אַנגע־רופען צווישען די אייגענע, האָט פאַרקויפט זיין אייגענטהום. גאיום וועלכער האָט פון זיין פאָטער גע'ירש'נט א גרויסען פאַרמעגען האָט אויך אַלעס פאַר־

קויפט, און זיי אַלע זיינען צופרידענע, גליקליכע, מיט פיעל רייכטהום און מיט נאָך מעהר האָפנונג און ערוואַרטונג אויעקגעפאָהרען נאָך דער שטאָדט קאָרדאָוואַ.

20סטער קאַפּיטעל
די גליקליכע פּאָר

חסדאי אבן שפּרוט, נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיינע מלוכה אנגעלעגענהייטען, פלעגט ער קומען בעזוכען זיין ליעבענדע שושנה. זיין גליקליכסטער מאָמענט פון טאָג איז געווען, ווען ער איז צו איהר הויז צוגעגאַנגען און שושנה, זיין פרעכטיגע שעהנע כלה איז איהם אנטקעגען געקומען א פרעהליכע און גליקליכע. זיין האַרץ ווערט אַנגעפילט מיט העכסטען פרייד און גליק...

זיי געהען ביידע אריין אין גאַרטען, זעצען זיך אויפ'ן באַנק אונטער'ן בוים. די שטאַרקע היץ פון טאָג ווערט עטוואָס אָפּגעקיהלט פון א פרישען ווינטעל. עס ווערט זיי אַזוי אנגענעהם און גוט... זיי וואָלטען וועלען אז די מינוטען זאָלען זיך ציהען און ציהען...

— דער גאַנצער טאָג איז מיר נישט כדאי, נאָר צוליעב דעם אָבענד, ווען איך האָב די געלעגענהייט דיר, מיין געטליכער מלאך, צו זעהן, — האָט חסדאי געזאָגט צו שושנה'ן. ער האָט איהר צו זיך געדריקט און גענומען בעדעקען מיט הייסע קושען.

שושנה האָט איהר קאָפּ מיט איהרע שעהנע שוואַרצע לאָקען אַז זיין ברוסט אַנגעשפּאַרט. חסדאי האָט געגלעט איהרע האָר, איהר ווידער געקושט אין קאָפּ און איהרע ליכטיגע שעהנע קאַרשען-אויגען.

— מיין ליעבער חסדאי, — האָט שושנה געזאָגט, און זיך שטאַרקער צו איהם צוגעטוליעט, — דו ווייסט, ווען דער אָבענד קומט, זעה איך אַזוי דייטליך און קלאָהר אַלע דיינע באַוועגונגען; איך זעה ווי דו פערלאָזט דעם פּאַלאַץ, איך הער דעם קלאַפּ פון דער טהיר און איך הער ווי דו געהסט פון די טרעפּ אַרונטער; איך זעה און צעהל דיינע טריט וואָס דו מאַכסט געהענדיג צו מיר... איך זעה דיין שמייכעל ווען דו קומסט נעהענטער צו מיין וואָהנונג... מיין האַרץ טהוט ציטערען פון גליק און פרייד מיט דיין יעדער בעוועגונג. וואָס איך זעה אַזוי דייטליך, און ווען דו עפענסט מיין טהיר דערזעה איך א שטראָם פון ליכטיגקייט וואָס דערוואַרעמט מיין נשמה און ערפרעהט מיין גאַנצען וועזען מיט אַלער-העכסטען גליק...

— מיין ליעבלינג, — האָט חסדאי אַנגענעהמענדיג איהר האַנד געזאָגט, — דו האָסט א גייסט פון א נביאה, אין דיין נשמה שפּיגעלט זיך דאָס בעסטע, נאָבעלסטע און שעהנסטע וואָס אונזער ליעבער גאָט האָט ווען בעשאַנקען דער אידישער פרוי...

— און דו ביזט דאָך ווירקליך איינער פון די גרעסטע אידישע פיהרער, — האָט איהם שושנה געזאָגט מיט א ליעבליכען שמייכעל.

— דו ווייסט, מיין טהייערע, — האָט איהר חסדאי געזאָגט, — איך האָב בעשלאָסען צו דערצעהלען דעם קאַליף וועגען דיר. איך וועל איהם אויך דערמאָהנען, דאָס דו ביזט דיזעלבע וועלכע האָט דאן געפונען דאָס צווייטע האַלבע ליעד און דאמיט דעם קאַליף איבערצייגט מיין אומשולד. ער וועט זיין דערפון זעהר צופריעדען. ער האָט מיר פיעלע מאָל געגעבען אנצוהערען דאָס ער וואָלט מיר געוואָלט זעהען פערהייראט. ער האָט מיר געזאָגט, דאָס ער פיהלט זיך זעהר גליקליך מיט זיין קאַליפין עזזאראה, און ער וואָלט מיך אויך געוואָלט זעהן באַגליקט... יא, מיין ליעבענקע שושנה, איך וואָלט זיך זעהר גליקליך געפיהלט ווען איך וואָלט שוין האָבען די מעגליכקייט מיט דיר דעם גאנצען טאָג צוזאַמען צו זיין...

שושנה האָט זיך גערוימעלט, זי האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען און געשוויגען... דער געדאַנק דאָס אין א קורצע צייט וועט זי אויף עוויג פאַרבינדען איהר לעבען מיט איהר ליעבען חסדאי, האָט איהר פערשאַפט דאָס גרעסטע גליק.

— שושנה מיין ליעבינקע, — האָט חסדאי צו איהר געזאָגט דריקענדיג איהר צו זיין הארצען, — עס איז דאָך קיין גרעסערער גליק נישטאָ אויף דער וועלט, ווי די היילינע טרייע ליעבע. עס איז נישטאָ אזא זאַך וואָס זאָל אומבייטען ליעבעס גליק... און יעצט ווען איך אליין לעב איבער דיזע היילינע געפיהלען קען איך פאַרשטעהען וואָס אונזער אמאָליגער גרויסער תנא רבי עקיבא האָט געזאָגט וועגען שיר השירים...

— שיר השירים ? — האָט זיך שושנה ווי ערוואַכט פון א זיסען חלום, — ווי אנגענעהם און ליעב זיינען די ווערטער פון דעם וואונדערבארען ליעבעסגעזאַנג, ווי שעהן עס קלינגט דער ניגון פון שיר השירים אין מיינע אויערען... זאָג דאָך מיר, מיין ליעבער, וואָס האָט דער תנא רבי עקיבא געזאָגט וועגען דעם שיר השירים ?

— שיר השירים, — האָט חסדאי ערקלעהרט, — איז געווען איינער פון די ביכער וועגען וואָס די חכמים האָבען געצווייפעלט צי מען זאָל עס רעכענען צווישען די היילינע ספרים. פיעלע חכמים זיינען געווען מיט דער מיינונג דאָס שיר השירים זאָל נישט קאַנאָניזירט ווערען. (זאָל נישט אריינגענומען ווערען אין דער זאַמלונג פון תנ"ך), זיי האָבען גע'טענה'ט : "וואָס האָט א בוך פון ליעבע צו טהאָן צווישען די היילינע שריפטען. און זיי האָבען דעם שיר השירים געוואָלט גונז זיין (בעהאַלטען). איז געקומען רבי עקיבא און האָט אויסגעשריען : "אין כל העולם כולו כדאי כיום שניתן בו שיר השירים לישראל, שכל הכתובים קודש ושיר השירים קודש קדשים ! " (די גאנצע וועלט איז נישט כדאי נאָר צוליעב

דעם טאג וואס דער שיר השירים איז געגעבען געווארען צו אידען, אויב אלע שריפטען פון תנ״ך זיינען הייליג, שיר השירים איז קודש קדשים).

— יא, — האט חסדאי איהר ליעבליך געזאגט, — רבי עקיבא וועלכער האט אליין אזוי שעהן און ערהאבען געליעבט, האט געקענט זאגען אז די גאנצע וועלט וואלט נישט כדאי געווען צו בעשאפען צו ווערען אויב נישט פאר ליעבע... ליעבע איז א הייליגער געטליכער טראפען געגעבען געווארען פון גאט צו דעם שטערבליכען מענשען צו פארזיסען די ביטערנים פון זיין לעבען, און צו מאכען די פוסטקייט און נישטיגקייט פון מענשען׳ס קורצע טעג, ווערטפאל און גליקליך...

— די ליידען פון ליעבע זיינען אבער אויך אונערטרעגליך און קענען זיך מיט קיינע אנדערע יסורים נישט פארגלייכען, — האט איהם שושנה געזאגט.

— דו ביזט גערעכט, מיין געטליכע שושנה, ליעבעס ליידען זיינען אונער־טרעגליך, אבער צו דער זעלבער צייט זיינען זיי אויך אנגענעהמע ליידען... מיר דוכט זיך, דאס די יסורים פון ליעבע לייטערען אויס די נשמה און מאכען עס עדהאבענער און הייליגער...

— איך וואלט אבער אזעלכע ליידען נישט געקענט אריבערטראגען, — האט איהם שושנה געזאגט טוליענדיג זיך צו איהם, — בעהיטע גאט, ווען עפעס זאל זיך שטעלען אין וועג פון מיין ליעבע, וואלט מיין לעבען פארלארען די גאנצע ווירדע. דער טויט וואלט מיר דאן ווילקאמען געווען...

— אבער מיין ליעבינקע, — האט חסדאי געקושט איהרע ליפען, — לאמיר האפען צו גאט דאס קיין זאך וועט זיך נישט שטעלען אין וועג פון אונזער ליעבע, און מיר וועלען אונזער גאנצען לעבען גליקליך זיין.

* * *

עס איז געווען חמשה עשר באב (פופצעהן טעג אין חודש אב). אלע אידען פון קארדאווא, א חוץ די שדכנים, האבען זיך דעם טאג שטארק משמח געווען. די שדכנים אבער האבען דורך דעם טאג פארלארען א סך שדכנות, ווייל אין דעם טאג האבען זיך אלע קארדאווא׳ר מיידלעך אויסגעפוצט אין ווייסע קליידער און ארויסגעשפאצירט איבער די קארדאווא׳ר גאסען, וואו זיי האבען זיך באגעגענט מיט די בחורים. און אין דעם טאג זיינען פיעלע שדוכים געשלאסען געווארען אהן די הילף פון שדכנים...

דער טאג איז געווען זעהר א הייסער, און ר׳ שמואל און זיין פאמיליע זיינען אריין אין וויין־גארטען פייערען דעם טראדיציאנעלען יום טוב.

שושנה האט אומגעדולדיג געווארט אויף חסדאי׳ן וועלכער האט געדארפט היינט קומען פריהער ווי אלע טאג. זי איז געווען אנגעטהאן אין א ווייסע זיידענע קלייד וואס האט צו איהר שעהנקייט צוגעגעבען א בעזונדערען רייץ און חן.

אלע זיינען אין די בודע פון וויינגארטען אריין. דארטען איז געווען קיהל

און אנגענעהם און ר׳ שמואל האט זיי דערציילט ווי אזוי די אידען אין ארץ ישראל האבען געפייערט דעם טאג פון חמשה עשר באב.

— אונזער תלמוד דערצעהלט אז די אידען אין ארץ ישראל האבען קיין שעהנערע טעג דורכ׳ן יאהר נישט געהאט ווי די טעג פון יום כפור און חמשה עשר באב. אין די צוויי טעג פלעגען אלע מיידלעך, רייך צי ארים, שעהן אדער נים שעהן, זיך אנטהאן אין ווייסע לייוונטענע קליידער, כדי די ארימע זאלען נים פארשעהמט ווערען, און פלעגען זיך פארזאמלען אין די וויינגערטנער. פון איין זייט וויינגארטען זיינען געשטאנען די יונגע בחורים, און פון צווייטען זייט זיינען געשטאנען די מיידלעך.

״יונגער מאן, ווענד אן דיינע בליקען אויף אונזער שעהנקייט, ווייל א פרוי שטעהט פאר שעהנקייט״, האבען די שעהנע מיידלעך געזונגען טאנצענדיג.

די בחורים האבען זיך נאך נישט געאיילט, זיי האבען געווארט אויף די אנדערע מיידלעך, האבען געוואלט הערען אויך זייערע מעלות...

די טעכטער פון יחסנים פלעגען זינגען טאנצענדיג:

״יונגער מאן, ווענד אן דיינע אויגען צו יחוס און שטאלץ, ווייל די פרוי איז די אפהיטערין פון פאמיליען שטאלץ״...

די מיידעל וועלכע האט געהאט נישט קיין שעהנקייט און נישט קיין יחוס האט געזונגען טאנצענדיג:

״שקר החן והבל היופי אשה יראת ה׳ תתהלל... (רייץ איז פאלש, און שעהנקייט איז פוסטקייט, אבער א גאטספארכטיגע פרוי איז געלויבט...)״

— אט קומט אן דיין חסדאי, — האט זיך עמנואל אפגערופען צו זיין שוועסטער.

אלע האבען זיך אומגעקוקט און האבען דערזעהען חסדאי׳ן אנקומענדיג פון דעם טויער פון וויינגארטען. שושנה איז איהם געגאנגען אנטקעגען טאנ־צענדיג... זי האט צו איהם געזונגען דעם פסוק פון משלי שקר החן והבל היופי.

חסדאי האט איהר אנגענומען פארביידע הענט און האט א גליקליכער געזאגט:

— דו, מיין ליעבע שושנה, האסט ביידע זאכען אין גרויסען און פולען מאס; דו האסט אי שעהנקייט און אי יחוס, און דו זינגסט גאר דאס, וואס א מיידעל זינגט וועלכע בעזיצט ביידע זאכען נישט.

אלע האבען הארציג געלאכט פון שושנה׳ס שפאס. זייער שמחה איז געווען גרויס און הערליך...

— איהר ווייסט, מיינע קינדער, — האט זיך ר׳ שמואל פלוצלינג אפגע־רופען, — מארגען פאהר איך אפ צוזאמען מיט די איבריגע זייד־סוחרים פון קארדאווא נאך סעוויל צוליעב געשעפט. עס איז מעגליך דאס מיר וועלען ארויס־

פאהרען מארגען גאנץ פריה. דאריבער וועל איך זיך מיט דיר היינט געזעגענען.
— האט ער געזאגט צו חסדאי'ן, דערלאנגענדיג איהם זיין האנד.

— פאטער, — האט איהם שושנה ארומגענומען און געבעטען, — פאהר דאך נישט, צו וואס ברויכסטו יעצט פאהרען? דאנקען גאט אונז פעהלט קיין זאך נישט. דער עוויגער האט אונז מיט אלעם געבענשט... די רייזעס זיינען דאך יעצט פול מיט סכנות... ווי גליקליך מיר אלע וואלטען געפיהלט ווען דו ציהסט זיך צוריק פון דיינע געשעפטען און פערבלייבסט אימער מיט אונז אין הויז... יעדעס מאל ווען דו פאהרסט אוועק פאר געשעפט און דו פערזאמסט זיך עטליכע טעג לענגער ווי מיר האבען אויסגערעכענט, ציטערט אונזער הארץ. די שרעק־ליכסטע געדאנקען קומען אונז פאר, און איידער מיר דערזעהען דיך צוריק, איז יעדע רגע ביי אונז אן אייביגקייט. אה, טהייערער גוטהערציגער פאטער, — האט שושנה איהם גענומען קושען, — מאך נישט דיין יעצטיגע רייזע און דער־פרעה אונזערע אלעמענס הערצער.

— שעהן קינד מיינס, — האט ר' שמואל איהר געגלעט איבער איהרע שווארצע לאקען, — אמת, ביזט גערעכט, דער אייביגער האט אונז געבענשט מיט אלעם און איך בין צופריעדען מיט מיין חלק. פארגעס אבער נישט מיין טאכטער, אז דער מענש טאר נישט לעבען נאר פאר זיך אליין... עס זיינען דאך פאראן אזוי פיעל אומגליקליכע וועמען מען דארף באהילפיג זיין, און אז גאט גיט מיר געזונד און די מעגליכקייט צו מאכען מעהר געלד מיט וואס איך וועל קענען לינדערען דעם שווערען געמיטה פון דעם פאראומגליקטען אריםאן, און גרינגער צו מאכען די לאסט פון די אלמנות און יתומים, און איך וועל האבען די מעגליכקייט מקיים צו זיין די מצוה פון פדיון שבויים, טא ווי אזוי זאל איך דאס פערנאכלעסיגען?

— אבער, פאטער, — האט שושנה ווידער געזאגט, — עס שטעהט געשרי־בען אין אונזער הייליגער תורה: "ושמרתם לנפשותיכם", א מענש מוז אפהיטען זיין לעבען און זיך ניט איינשטעלען אין סכנות.

— זיי רוהיג, מיין טאכטער, — האט ר' שמואל איהר געענטפערט, — דאס איך האב זיך א נדר געטהאן אז דאס גאנצע געלד וואס איך וועל פערדיענען פון דער יעצטיגער רייזע, זאל פערטהאן ווערען פאר צדקה, נו, געה איך דאך טהאן א מצוה, און אונזער הייליגער תלמוד זאגט דאך אז "שלוחי מצוה אינן ניזוקין" (די וועלכע זיינען שלוחים צו טהאן מצות ווערען נישט געשעדיגט). האף איך אז דער ליעבער גאט וועט מיר אויסהיטען פון אלע סכנות פון וועג.

מרים און חסדאי האבען איהם נאך אלץ פרובירט אפרעדען.

— פארגעסט נישט, — האט זיי שמואל געענטפערט, — אז איך געה דאך נישט אליין; ארום דרייסיג סוחרים מיט זייערע קנעכט וועלען מיטפאהרען, שטעלט דאך אפילו קיין סכנה נישט אין מיין רייזע.

הסדאַי האָט זיך געזעגנט מיט ר׳ שמואל׳ן און האָט איהם צוגעוואונשען א גליקליכע און ערפאָלגרייכע רייזע.

21טער קאַפּיטעל
די רייזע

דער טערמין פון חפני׳ס חרם האָט זיך געענדיגט. און כאָטש ער האָט זיך שוין געקענט צוזאַמענקומען מיט די איבריגע אידען פון דער קהלה, זיינען דאָך די אידען געווען מיט איהם פון דער ווייטען; זיי האָבען איהם נישט געקענט פאַרגעבען פאַר זיין גרויסע עקשנות, פאַר זיין נישט וועלען אויספאָלגען דעם רב׳ם באַפעהל.

דורך די גאַנצע צייט פון חרם האָט חפני פערבראַכט מיט אבו נאַסיף׳ן. ער האָט אפילו די שלאָפען נישט געבראַכט צו זיך אהיים, נאַר ער האָט זיי גענומען צום מאַרק דירעקט פון אבו נאַסיף׳ס רשות.

דורך דער צייט איז ער געוואָרען מעהר בעפריינדעט מיט אבו נאַסיף׳ן. יעדען אבענד פלעגען זייביידע פאַרברייננגען. זיי האָבען גע׳שכור׳ט און געהולטייעוועט אין דעם גרויסען וויין־קעלער וואָס אבו נאַסיף האָט פאַר זיך געלאָזט מאַכען. אהין האָט ער געבראַכט אַלע שעהנע געפאַנגענע פרויען.

חפני האָט זיך דאָרט געלאָזען וואוילגעהן. ער האָט געגעבען די פרויען־שלאָפען קאָסטבאַרע מתנות, און מיט זיי צוזאַמען גע׳שכור׳ט און געהוליעט...

— הער זיך נאָר איין חפני, — האָט זיך אבו נאַסיף אָפּגערופען שכור׳לעך, — איך האָב ערגעץ־וואו א פרוי, און נעקסטען יאָהר וועל איך איהר ברייננגען אהער, זאָג איך דיר, אז ווען דו וועסט איהר דערזעהען וועסטו זיך דאָן נאָר שעהמען צו דערמאָהנען דיין שושנה׳ן, ווייל אזא שעהנע פרוי האָט נאָך די וועלט נישט געהאַט און וועט נישט האָבען...

חפני, וועלכער איז געווען פאַרנומען טרינקענדיג וויין, איז אויפגעשפּרונגען פון פּלאַץ:

— א שעהנע פרוי, זאָגסטו, הא? שעהנער פון מיין שושנה׳ן? ווי אזוי ווייסטו, דו האָסט דאָך שושנה׳ן קיינמאָל נישט געזעהען.

— איך האָב אָבער געזעהען יענע פרוי, — האָט אבו נאַסיף געזאָגט.

— ווען דו וועסט אָבער זעהן מיין שושנה׳ן, וועסטו ענדערען דיין מיינונג.

— נו, און אויב דו וועסט איהר שוין יא קריגען, וועסטו דען איהר ברייננגען אהער? — איז אבו נאַסיף געוואָרען נייגעריג.

—איך ווייס נישט צי איך וואָלט איהר אהער געבראַכט, — האָט חפני געשמייכעלט, אָבער איך וואָלט דיר דאָן איינגעלאַדען צו זיך אהיים...

— זאָג נאָר מיר, חפני, האָסטו שוין אויסגעפונען ווען איהר פאָטער פאָהרט

ארוים ? מיר מוזען זיין גרייט עטליכע טעג פאראויס, כדי אלעס זאל אויסגע־פיהרט ווערען ריכטיג...

— איך ווייס דאס ער פאהרט אפ גאר אין קורצען, אבער די ריכטיגע צייט ווען ער פאהרט, ווייס איך נאך נישט; דאס וועל איך טאקי מארגען אויסגעפינען און דיר גלייך ברייגען די אויסקינפטע.

— צוזאמען מיט די אויסקינפטע זאלסטו נישט פארגעסען צו ברייגנען מיט זיך פינף טויזענד שקלים, ווייל איך וועל מוזען געבען דאס געלד צו מיינע קנעכט פאראויס כדי זיי זאלען האבען מעהר מוטה אויסצופיהרען דעם גע־פעהרליכען פלאן, — האט איהם אבו נאסיף אנגעזאגט.

— מיט פארגעניגען וועל איך דיר דאס געלד ברייגען מארגען, — האט חפני א פרעהליכער געזאגט, — אבער ווייסטו, ברודער, וואס איך וועל דיר זאגען, דאס ווען דיינע קנעכט וואלטען געקענט אפראמען חסדאי'ן פון וועג, דאן וואלט איך זיך געפיהלט דער גליקליכסטער אין דער וועלט... ווייל איך מוז זיך מודה זיין, אז די שנאה צו חסדאי'ן און די נקמה־געפיהל איז ביי מיר נאך שטארקער ווי די ליעבע צו שושנה'ן.

— וואס קען נאך זיין א גרעסערע נקמה, — האט אבו נאסיף געזאגט, — ווען דו וועסט הייראטען דיין שונא'ס כלה, דאס וועט זיין א נקמה אויף דיין גאנצען לעבען...

— ווען איך זאל איהר נאר קריגען, — האט חפני מיט א טאן פון צווייפעל געזאגט, — דאן... דאן וואלט שוין אלעס גוט געווען...

* * *

אויף מארגען האט חפני אפגעווארט עמנואל'ן, שושנה'ס ברודער, ווען ער איז געגאנגען פון חדר.

— קום נאר אהער, עמנואל, — האט חפני צו איהם געזאגט, ווען ער האט איהם דערזעהען.

עמנואל איז צו איהם צוגעגאנגען. ער האט זיך זעהר דערפרעהט איהם צו זעהן. ער איז איהם זעהר דאנקבאר געווען פאר ראטעווען זיין שוועסטער.

— וואס מאכסטו ? — האט איהם חפני א קניפ געטהאן אין בעקעל, — און וואס מאכען דיינע עלטערען און דיין שוועסטער ?

— אלע זיינען געזונד דאנקען גאט, — האט עמנואל געענטפערט, — דו האסט אבער פארגעסען נאכצופרעגען אויף שושנה'ס חתן, — האט ער נאאיוו צוגעגעבען, — ער איז דאך אזא גוטער מאן, ער האט מיר פיעלע מתנות געגעבען.

— איך האב געהערט אז דיין פאטער פאהרט אוועק פאר א וויילע, איז דאס ריכטיג ?

— יא, עס איז ריכטיג, — האט עמנואל געזאגט אומעטיג, — ער האט נאך געזאלט פאהרען אויף מארגען נאך חמשה עשר באב, אבער די איבריגע סוחרים

וועלכע וועלען מיטפאהרען מיט מיין פאטער זיינען נישט געווען פארטיג פאר דער רייזע. יעצט וועט מיין פאטער אוועקפאהרען צוזאמען מיט זיי קומענדען דינסטאג אין דער פריה.

— און דיך ארט גארנישט וואס דיין פאטער פאהרט אפ, — האט איהם חפני געפרעגט.

— מיר ארט זעהר פיעל, אבער מיין פאטער זאגט, דאס ער מוז פאהרען האנדלען. מיין מוטער און שוועסטער האבען זיך ביי איהם געבעטען ער זאל נישט פאהרען. און אפילו שושנה'ס חתן, חסדאי, האט איהם פרובירט אפריידען, אבער ער האט בעשלאסען דאס ער מוז פאהרען.

— נו, דיין פאטער פאהרט דאך האנדלען, וועט ער קומען אהיים מיט א סך געלד.

— אבער מיין פאטער האט געזאגט, אז דאס גאנצע געלד וואס ער וועט פארדיענען וועט ער אוועקגעבען אויף צדקה.

— דו האסט א גוטהארציגען פאטער, — האט איהם חפני געזאגט, — און דו ביזט א גוטער איננגעל, — האט איהם חפני געגלעט.

חפני איז אוועק אהיים און האט מיט זיך גענומען פינף טויזענד שקלים און גלייך געגאנגען צו אבו נאסיף.

אלע אין ר' שמואל'ס הויז זיינען אויפגעשטאנען זעהר פריה. ר' שמואל איז גלייך אוועק אין שוהל דאווענען מיט'ן ערשטען מנין, מתפלל זיין די "תפלת הדרך" אין שוהל און פאר איין וועג זיך געזעגענען מיט די בעלי בתים. נאכ'ן דאווענען איז ער צוגעגאנגען צום רב, ר' משה בן חנוך און זיך מיט איהם געזעגענט.

— זאל דער וואס רוהט אין די הימלען זיין מיט דיר וואוהין דו וועסט געהן. און וואס דו וועסט טהאן זאל זיין מיט גליק און ערפאלג, — האט איהם דער רב זיין ברכה געגעבען.

נאכהער האט ער זיך געזעגענט מיט די איבריגע בעלי בתים.

אין הויז איז שוין אלעס געווען פארטיג פאר ר' שמואל'ס נסיעה; דער וואגען איז געווען געשפאנט. די צוויי דיענער זיינען געזעסען און געווארט אויף ר' שמואל'ס באפעהל אנצופאנגען די רייזע.

מרים און שושנה זיינען געווען שטארק פארנומען. זיי האבען אנגעפילט דעם וואגען מיט פערשידענע געבעקס און שפייזען פאר ר' שמואל'ן און זיינע דיענער.

ר' שמואל האט זיך געזעגענט מיט זיין פרוי און קינדער. טרערען האבען זיך באוויזען ביי מרים'ן און שושנה'ן.

— זאל דיר אונזער ליעבער גאט בעשיצען פון אלערליי אומגליקען, — האט איהם שושנה געקושט.

— פאַטער, — האָט עמנואל געזאָגט, — איך וועל יעדען טאָג דעם גאַנצען תהלים זאָגען, און איך וועל גאָט בעטען ער זאָל דיר בעגליקען דיין וועג.

— פאָהר געזונד און גאָט זאָל דיר צוריקקעהרען צו אונז א געזונטען און גליקליכען, — האָט מרים געזאָגט מיט אן איינגעהאַלטענעם געוויין.

ר' שמואל האָט זיך אריינגעזעצט אין וואָגען און א וואונק געטהאָן צום טרייבער, און דער וואָגען האָט זיך גערירט פון פּלאַץ...

מרים און שושנה האָבען נאָכגעפאָלגט דעם וואָגען מיט זייערע טרעהרענדע אויגען. דער וואָגען האָט זיך אַלץ ווייטער גערוקט, איבערלאָזענדיג הינטער זיך א רויך פון שטויב...

ביי די טויערען פון שטאָדט האָט ר' שמואל באַגעגענט די איבריגע סוחרים. איינינע פון זיי האָבען זיך פארשפּעטיגט, האָבען זיי נאָך געמוזט אביסעל וואַרטען. אין א קורצע ווייל זיינען די פארשפּעטיגטע אָנגעקומען. צוזאַמען זיינען זיי געווען דרייסיג פוהרען, — אַלע אראבישע סוחרים א חוץ ר' שמואל'ן מיט נאָך צוויי אידישע סוחרים.

די סוחרים מיט זייערע אָנגעלאָדענע פוהרען געשפּאַנט מיט עזלען און פערד, און מיט די אָנגעלאָדענע קעמלען, האָבען זיך גענומען דערווייטערען פון שטאָדט. ביסלעכווייז, ביסלעכוויז פארשווינדען די שטאָדטישע הייזער, די הויכע שפּיצען פון די "מעטשעטען" (קלויסטערס).

ארום זעקס שטונדען זיינען זיי געווען אָפּגעפאָהרען פון שטאָדט. איינינע האָבען פארגעשלאָגען מען זאָל זיך אָפּרוהען. אַלע סוחרים האָבען זיך אָפּגעשטעלט און זיך גענומען צו דער אכילה.

פּלוצלונג האָבען זיי דערזעהען פון ווייטען אן אראבישען בעטלער, וועלכער איז זיי געקומען אַנטקעגען מיט וואַקלענדע פיס און ארונטערגעלאָזטען קאָפּ. ער איז געווען אָנגעטהאָן אין צוריסענע שמאַטעס.

דער בעטלער האָט זיך פארנייגט ביז דער ערד און האָט געזאָגט:

— מיינע גנעדיגע הארען, געהענדיג היינט אין־דער־פריה אויפ'ן וועג צום שטאָדט, האָב איך פּלוצלינג דערהערט א הארצרייסענדען קרעכצען וואָס איז באַגלייט געוואָרען מיט א קינדישען געוויין. איך האָב זיך אומגעקוקט און באַמערקט אז דאָס קרעכצען קומט פון א פרוי, וועלכע איז געלעגען אויף דער ערד אונטער א בוים... נעבען איהר איז געזעסען א פינף יעהריגעס קינד און געוויינט. איך בין צו זיי צוגעגאַנגען און געפרעגט וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט. די פרוי האָט מיר דערצעהלט מיט א שוואַכער שטימע, דאָס מענשען־רויבער האָבען זי מיט איהר קינד געפאַנגען אום זיי פאַר שקלאַפען צו פערקויפען. זי, די פרוי, אָבער איז ביי זיי שטאַרק קראַנק געוואָרען. די רויבער האָבען איינגעזעהען דאָס זיי וועלען פון איהר מעהר קיין נוצען נישט ארויסקריגען, האָבען זיי די קראַנקע

מיט איהר קינד אויף דעם וועג איבערגעלאָזען... איך האָב שטאַרק רחמנות גע־קראָגען אויף די אומגליקליכע מוטער מיט איהר קינד, און כאָטש פון דאָ ביז מיין געצעלט איז א היבשע שטרעקע געווען, האָב איך איהר דאָך זעהר פאַרזיכטיג אויף מיינע הענד אַוועקגעטראָגען צו זיך אין געצעלט. דאָס קינד איז נאָכגעגאַנגען. די פרוי איז געפעהרליך קראַנק. זי האָט מיר געזאָגט דאָס זי איז א אידישע פרוי און אויב זי וועט שטאַרבען זאָל איך איהר טהאָן די טובה און אָנזאָגען די אידען וועגען דעם כדי זי זאָל איהר קבר געפינען צווישען די אידען. איך גלויב אָבער, דאָס ווען די פרוי וואָלט געקראָגען די נויטיגע מעדי־צינישע הילף וואָלט מען זי געקענט פון טויט רעטען. און איהר אומשולדיג קינד וועט נישט בלייבען אַזוי הילפלאָז און אומגליקליך. איך בין זעהר אָרים און קען זיך אליין נישט העלפען. איך האָב בעשלאָסען צו געהן אויף דעם וועג, פיעלייכט וועל איך דורכרייזענדע באַגעגענען. פון ווייטען האָב איך אייך דערזעהען, בין איך צו אייך צוגעגאַנגען אפשר וועט איינער פון אייך מיט מיר מיטגעהן אום צו ראַ־טעווען צוויי מענשען פון א זיכערען טויט.

די סוחרים האָבען זיך איבערגעקוקט אָהן ווערטער און זיינען געבליבען שטיל.

— איך וועל געהן די קראַנקע מיט איהר קינד אויף מיין וואַגען מיטנעה־מען, — האָט זיך ר' שמואל אָפּגערופען.

— ווי קענסטו דאָס טהאָן ? — האָט זיך איין סוחר אָפּגערופען, מיר מוזען דאָך ווייטער פאָהרען.

— פּקוח נפש, א מענשענס לעבען איז אין געפאַהר, — האָט ר' שמואל געזאָגט, — און אונזער פליכט איז צו העלפען ווי ווייט מעגליך. איך וועל זיך מיט די קראַנקע באַלד צוריקקעהרען און מיר וועלען אלע צוזאַמען פאָהרען ביז די נאָהענטסטע שטאָדט, דאָרטען וועל איך איהר אין זיכערע הענד איבערלאָזען און מיר וועלען ווייטער פאָהרען.

— מיר קענען קיין לאַנגע צייט אויף דיר נישט וואַרטען, — האָבען עטליכע סוחרים איהם געוואָרענט, אויב דו וועסט זיך ניט אומקעהרען אין א קורצע צייט, וועלען מיר אָהן דיר פאָהרען.

ר' שמואל האָט זיי פאַרזיכערט דאָס ער וועט זיך לאַנג נישט פאַרזאַמען, און אריינגעהמענדיג דעם בעטלער צו זיך אין וואַגען, האָט ער באַפוילען זיינע דיענער צו טרייבען אין די ריכטונג וואוהין דער בעטלער האָט אָנגעצייגט...

די סוחרים האָבען געוואַרט צוויי שטונדען און ר' שמואל האָט זיך נים צוריקגעקעהרט.

— לאָמיר פאָהרען אָהן איהם, — האָבען זיך איינינע סוחרים גע'כעס'ט, — מיר קענען נישט וואַרטען ביז די זון וועט פאַרגעהן! דער וועג צו א ישוב איז נאָך גאַנץ ווייט...

— אבער ווי קענען מיר איהם איבערלאזען אליין אין אזא וועג, — האט גע׳טענה׳ט איינער פון די צוויי אידישע סוחרים, בפרט ווען ער איז געגאנגען ראטעווען א מענשענס לעבען !

— ווי איך פארשטעה, — האט זיך אפגערופען דער צווייטער אידישער סוחר, — האט ר׳ שמואל זיך ארומגעזעהן אז ביז וואנען ער וועט די קראנקע פרוי אבפיהרען צו די נאהענטסטע שטעדטעל, וועט זי אויסגעהן, האט ער דאריבער מסתמא בעשלאסען זי אפצופיהרען נאך קארדאווא, צו זיך אהיים, כדי זיין צוקינפטיגער איידעם, דער דאקטאר חסדאי אבן שפרוט זאל איהר קורירען.

— א שעהנער עסק ! — האבען איינינגע סוחרים געשאקעלט די קעפ.

— מיר וועלען דא, הייסט דאס, מוזען פארבלייבען דעם גאנצען טאג, אוןווארטען אויף איהם ביז ער וועט זיך צוריקקעהרען, — האט זיך דער פיהרער פון די סוחרים אפגערופען.

— ניין, ניין ! מיר קענען דאס נישט טהאן ! ער האט קיין רעכט נישט צו זיין גוטהארציג אויף אונזער חשבון, — האבען פיעלע געשריען.

— מיר וועלען נאר ווארטען נאך איין שטונדע, — האט זיך דער צווייטער איד ווידער אפגערופען, — און אויב ער וועט דאן נישט אנקומען, איז דאס א סימן דאס ער איז טאקי אוועקגעפאהרען מיט דער קראנקער נאך קארדאווא. איך קען איהם זעהר גוט. ער וואלט זיין לעבען אין סכנה געשטעלט אום צו ראטעווען א מענשען פון טויט, און איך בין זיכער דאס ער וועט נישט וועלען דאס מיר זאלען אויף איהם ווארטען ; וואהרשיינליך וועט ער אפלעגען זיין רייזע אויף א צווייטען מאל...

די סוחרים האבען געווארט נאך א שטונדע און ווען זיי האבען געזעהן דאס ר׳ שמואל קומט נישט אן, זיינען זיי אלע ווייטער געפאהרען.

* * *

דער בעטלער האט ר׳ שמואל׳ן און זיינע דיענער געפיהרט דורך א קליי־נעם וועלדעל.

— איך בין זעהר צופריעדען וואס דו געהסט די אומגליקליכע פרוי העלפען, געוויס וועסטו זיך קענען מיט איהר צונויפרעדען, זי וועט דיר דערצעהלען וואס מיט איהר האט פאסירט, איך קען זיך מיט איהר נישט גוט צונויפרעדען, ווייל זי קען נישט רעדען גוט מיין שפראך און איך פארשטעה נישט איהר שפראך, — האט דער בעטלער געזאגט ר׳ שמואל׳ן.

— איז עס נאך ווייט פון דאנען, — האט ר׳ שמואל איהם געפרעגט.

— ניין, עס איז נישט גאנץ ווייט, מיר וועלען דורכגעהן דעם קליינעם וועלדעל, וועלען מיר גלייך אנקומען צו מיין געצעלט, זאל נאר דער אללאה גע־

בען און מיר זאלען נאך איהר טרעפען ביים לעבען, זי האט זעהר שלעכט גע־האלטען דעם גאנצען פריהמארגען...

— איז קיינער מיט איהר נישט געבליבען אין דיין געצעלט, א חוץ איהר קליין קינד, — האט ר׳ שמואל געפרעגט.

— מיט איהר איז פארבליבען מיין אלטע, שוואכע מוטער, אבער זי קען איהר זעהר ווייניג וואס העלפען, ווייל מיין מוטער איז אליין אויך קראנק.

— פארוואס ברייגנסטו נישט דיין מוטער אין קארדאווא, דארטען וואלט מען איהם געווים געהיילט.

— איך בין זעהר ארים, — האט דער בעטלער געמאכט א טרויעריגע מיענע, — איך קען נישט בעהויפטען צו ברייגנען איהר אין שטאדט און דינגען פאר איהר א דאקטאר.

— ווי איך זעה, — האט זיך ר׳ שמואל ווידער אפגערופען, — ביזטו זעהר נוטהארציג, ווייל דו האסט זיך אונטערגענומען צו רעטען א מענשענס לעבען. דאריבער פארשפרעך איך דיר דאס איך וועל אויך העלפען דיין קראנקע מוטער, איך וועל איהר אפשיקען אין קארדאווא און בעטען מיינעם א גוטען פריינד, א דאקטאר, און ער וועט איהר היילען.

— געבענשט זאל זיין אללאה און מחמד זיין נביא, ער האט געגרויסט זיין גנאדע און מיר צוגעשיקט איינעם וועלכער וועט רעטען מיין קראנקע ליעבע מוטער... איך האף נאר, אז דיין רייזע זאל נישט זיין אומזיסט... אויב די פרעמדע פרוי איז געשטארבען...

— אויב זי איז געשטארבען, — האט ר׳ שמואל געענטפערט, — וועלען מיר לכל הפחות ארויסהעלפען איהר אומגליקליכעס קינד און זעהן ברייגנען די טויטע צו קבר ישראל...

ווען זיי זיינען אפגעגאנגען טיעפער אין וואלד, האט זיך דער בעטלער אפגערופען:

— ענטשולדיג מיר מיין הער, איך וויל דו זאלסט מיר ערלויבען ארונטער־געהן פון וואגען. איך וויל א קורצע תפלה טהאן צו מיין הייליגען אללאה, ווייל איך האב נאך מיין מארגען־תפלה נישט געזאגט.

ר׳ שמואל האט איהם ערלויבט און דער בעטלער איז ארויסגעשטיגען פון וואגען. ער האט זיך אפגעקעהרט אן א זייט, זיך אויף דער ערד געווארפען, האט זיינע הענד אויסגעשפרייט און אויסגעשריען:

— הייליגער אללאה !...

פלוצלינג זיינען פינף געזונטע אראבער אראפגעשפרונגען פון די בוימער, וואו זיי זיינען געווען בעהאלטען, זייערע פנים׳ער זיינען געווען פארמאסקירט. זיי זיינען באלד באפאלען ר׳ שמואל׳ן מיט זיינע דיענער. ר׳ שמואל האט זיך

גענומען ראנגלען. דער בעמלער און נאך אן אראבער האבען איהם אנגענומען פאר די הענד און איהם געזאגט:

— אויב דיר איז דיין לעבען טהייער, טא ריהר זיך נישט פון דיין פלאץ און געה מיט אונז וואוהין מיר וועלען דיך פיהרען...

ר׳ שמואל׳ס צוויי בעדיענער האבען אנגעפיהרט א ביטערען קאמף, אבער די אראבער האבען זיי בייגעקומען און זיי געבונדען.

די באנדיטען האבען צוגעפיהרט ר׳ שמואל׳ס וואגען און די פערד צו א זייטיגען וועג אין וואלד. זיי האבען גענומען שמייסען די פערד אזוי שטארק. די פערד האבען גענומען לויפען ביז וואנען זיי זיינען פערשוואונדען געו[illegible] פון זייערע אויגען.

זיי האבען ר׳ שמואל׳ס אויגען פארבונדען און איהם געפיהרט טיעפער אין וואלד, ביז וואנען זיי זיינען צוגעקומען צו א פארבארגענעם פלאץ... דארטען האבען זיי אראפגעשארט א קוסטע קליינע בוימעלעך מיט גראז און האבען געעפענט א טהיר און ארונטערגעפיהרט דארטען ר׳ שמואל׳ן.

ר׳ שמואל האט זיך גענומען בעטען און וויינען...

— בעפרייעט מיך, איך וועל אייך געבען וויפיעל געלד איהר וועט נאר בעטען... איך בין רייך... לאזט מיך אפ, איך וויל געהן צו מיין פרוי און קינדער.

— מיר וויסען דאס דו ביזט רייך, — האט זיך אבו נאסיף אפגערופען, — און דאריבער האבען מיר דיר טאקע געפאנגען, אבער זארג זיך נישט, ווען מיר וועלען פאר דיר קריגען די סומע אויסלייז־געלד וואס מיר וועלען פאדערען, דאן וועלען מיר דיך באפרייען. מיר פארזיכערען דיר דאס קיין שלעכטעס וועט דיר נישט געטהאן ווערען.

— לאזט מיר געהן, — האט זיך ר׳ שמואל געריסען, — רויבער, וואס האט איהר צו מיר, וועמען האב איך שלעכטעס געטהאן, לאזט מיך.

זיי האבען איהם אנגענומען און א שליידער געטהאן צום בארען...

— דו בעסער זאג אונז צו וועמען מיר זאלען זיך ווענדען פאר די אויסלייז־געלד, אויב מיר וועלען די אויסלייז־געלד נישט בעקומען אין דער צייט פון צוויי וואכען, דאן וועלען מיר וויסען וואס צו טהאן מיט דיר, — האבען זיי איהם געסטראשעט.

ר׳ שמואל איז א מיעדער און דערשלאגענער צום בארען געפאלען...

* * *

אין א צווייטען פארבארגענעם הייהל זיינען אריין אבו נאסיף, חפני, און די איבריגע וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין פאנגען ר׳ שמואל׳ן.

חפני האט זיי אויסגעטיילט די געלד. ער האט יעדען בעזונדער געלויבט פאר זיין פלינקייט און געשיקטקייט.

— דאס איז נאר האנד־געלד, — האט ער זיי געזאגט, — ווען אבער דער גאנצער פלאן וועט פארווירקליכט ווערען, דאן וועט יעדער פון אייך קריגען צוויי מאל אזוי פיעל.

די אראבער האבען בעטראכט די גאלדענע מטבעות מיט זשעדנע אויגען, און האבען זיי פארזיכטיג איינגעוויקעלט און אין זייערע טאשען געלעגט.

—נו, חפני, ווי געפעלט דיר מיין איינפאל מיט די "קראנקע אידישע פרוי", דו ביזט טאקע א איד, אבער אבו נאסיף'ס קאפ איז אויך נישט פארדארט... דו זעהסט ווי אלעס איז ארויסגעקומען לויט מיין פאראויסגערעכענטע פלענער. יעצט וועסטו מיר שוין גלויבען ווען איך זאג דיר אז שושנה וועט זיין דיינע? אבו נאסיף'ס ווערטער מוזען זיין הייליג ביי אלעמען. חא־חא־חא...

— דו ביזט גערעכט, אבו נאסיף, — האט חפני מיטגעלאכט, — אבער פונדעסטוועגען ווען איך וואלט דיר נישט דערצעהלט וועגען ר' שמואל'ס נאטור, ווי אזוי ער איז אימער גרייט זיין לעבען איינצושטעלען אום צו ראטעווען א צווייטען, וואלט דיר דאך געוויס נישט איינגעפאלען אזוי וואונדערליך צו פאר־נארען איהם אהער...

—נו, יא, אט מיט די אלע אויסקינפטע האסטו דאך אונז געמוזט בע־זארגען, וויל דו ביזט דאך דער איינציגער וואס האט איינטריט אין דיזער רייכער פאמיליע, — האט איהם אבו נאסיף געזאגט, — יעצט מוזען מיר זיך בע־טראכטען וואס צו טהאן מיט דעם אלטען.

— וועגען דעם וועלען מיר ריידען נאכהער, יעצט וועלען מיר אלע טרינקען וויין לכבוד אונזער ערפאלג, און וועגען אלטען וועלען מיר ריידען ווען מיר ווע־לען דא אליין בלייבען...

אבו נאסיף האט געהייסען זיינע קנעכט מען זאל ברייננגען וויין.

— איך טרינק פאר דיין שושנה, — האט אבו נאסיף אויפגעהויבען זיין כוס, — איך טרינק פאר דעם גליקליכען וועלכער וועט אין גיכען בעזיצען די שעהנסטע און רייכסטע מיידעל פון קארדאווא.

די איבריגע אראבער האבען אויפגעהויבען זייערע כוסות און אויסגעשריען:

— פאר שושנה!... פאר די שעהנע שושנה!...

חפני איז זעהר גערירט געווארען. ער האט זיך געפיהלט גליקליך. עס ווייזט אויס אז ענדליך וועט טאקע די שעהנע שושנה געהערען צו איהם... יעצט אז עס איז זיי נאר געלונגען צו פאנגען שושנה'ס פאטער. ער וועט איהר ווייזען ווי בראוו און העלדיש ער וועט קעמפען צו "בעפרייען" איהר פאטער. יא, ווען אבו נאסיף וועט נאר וועלען וועט זי געהערען איהם... און חסדאי... א, ווי זיס עס וועט זיין די נקמה... ער האט א צופרידענער אויפגעהויבען זיין כוס און געזאגט:

— איך טרינק פאַר די וואונדער־שעהנע פרוי וועמען אונזער גוטער און קלוגער אבו נאַסיף וועט ברייניגען אהער אין א יאָהר ארום... איך טרינק פאַר די נאַסיף'ן. — דו האָסט מיר דאָך אפילו נישט געזאָגט ווי זי הייסט...

— איהר נאָמען איז א סוד און איך קען עס יעצט נישט ענטדעקען. אבער דו מעגסט איהר אַנרופען די שעהנסטע פרוי אין דער וועלט...

— איך טרינק פאַר דעם גליקליכסטען וועלכער וועט איבער־א־יאָהר בע־זיצען די שעהנסטע פרוי אין דער וועלט, — האָט חפני ווידער אויסגערופען, און אויסגעטרינקען דעם גאַנצען כוס וויין מיט אמאָל.

די איבריגע אראַבער זיינען ארויס און אבו נאַסיף איז געבליבען אליין מיט חפני'ן אין הייחל.

— יעצט קענען מיר ריידען וועגען אלטען, — האָט חפני געזאָגט צו אבו נאַסיף'ן.

— די ערשטע זאַך וואָס מיר דאַרפען טהאָן איז ארויסצוקריגען אזוי פיעל געלד פון זיין פאַמיליע וויפיעל מיר וועלען קענען, — האָט אבו נאַסיף געזאָגט.

— דאָס וועט זיין זעהר גרינג, — פערשטעהסטו מיר, אז די פאַמיליע אבן ברוך איז אימער געווען גרייט אויסצולייזען א פרעמדען אידישען געפאַנגענעם, און געלד איז ביי זיי קיינמאָל קיין פראַגע נים געווען... בפרט יעצט ווען עס וועט זיך האַנדלען וועגען דעם אייגענעם מאַן און פאָטער פון דער פאַמיליע, שעהנסטע פרוי... ווי איז איהר נאָמען?... — האָט ער זיך געווענדעט צו אבו יעצט וועט זיי קיין זאַך נישט שווער זיין.

— וויפיעל געלד, גלויבסטו, קען איך פאָדערען צום ערשטען מאָל, — האָט אבו נאַסיף איהם געפרעגט.

— דו קענסט פון זיי פאָדערען הונדערט טויזענד שקלים, און דו וועסט עס זיכער קריגען.

— הונדערט טויזענד שקלים! — האָט אבו נאַסיף אויפגעלויכטען, — אזוי רייך זיינען זיי דאָס?

— זייער פאַרמעגען דערגרייכט אפשר צעהן מאָל אזוי פיעל, פערשטעהסטו מיך, וואָס מעהר געלד דו וועסט פון זיי ארויסקריגען איז אלץ בעסער פאַר מיר. ווייל אויב די פאַמיליע אבן ברוך וועט פאַראָרימט ווערען, וועט מיין געלעגענ־הייט צו קריגען שושנה'ן שטאַרקער ווערען...

— איך פאַרשטעה! איך פאַרשטעה, — האָט אבו נאַסיף א צופרידענער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — מיר דאַרפען אבער זעהר פאָרזיכטיג זיין... קוים קומט די קאָרדאָווער פּאָליציי אויף אונזער שפּור, דאַן זיינען מיר אלע פאַרלאָרען.

— ווי אזוי קען די פּאָליציי קומען אויף אונזער שפור, ווען דער אלטער זעהט אונז נאָר אין אונזערע מאַסקעס. און ווען מען האָט איהם אהער געבראַכט

האָט מען דאָך די גאַנצע צייט געהאַלטן זיינע אויגן פאַרבונדן. ווייס ער דאָך אפילו נישט וואוהין און דורך וואַנען מען האָט איהם געפיהרט. וועט ער דאָך די פּאָליציי גאָר קיין אויסקינפטע נישט קענען געבען... און זיי וועלען קיינמאָל נישט אויסגעפינען.

— וואָס מיינסטו, — האָט איהם אבו נאסיף אָנגעקוקט, דאָס איך וועל דעם אַלטען טאַקע בעפרייען נאָכדעם ווי איך וועל אַרויסקריגען דאָס געלד... דו מאַכסט אַ טעות מיין פריינד... דער אַלטער טאָר נישט בעפרייט ווערען. מיר וועלען איהם מוזען אַפּראַמען פון וועג ווי מיר האָבען געטהאָן צו זיינע צוויי דיענער...

— וואָס ?! — האָט חפני אויסגעגלאָצט אויף איהם זיינע אויגען, — אויב דו וועסט טויטען דעם אַלטען, טאָ ווי אַזוי וועל איך קריגען שושנה'ן? איך וועל דאָך איהר דאַרפען ציינען ווי בראַוו און געשיקט איך בין דאָס מיר איז געלונגען צו בעפרייען איהר פאָטער. יעצט אַז איך וועל איהם נישט קענען ברייגנען צו איהר אהיים וועט דאָך זיין די גאַנצע אַרבייט אומזיסט...

— פאַר וואָס אומזיסט? מיר וועלען דאָך האָבען אוועקגענומען פון זיין פאַמיליע דעם גאַנצען פאַרמעגען...

— אָבער דו ווייסט דאָך, אבו נאסיף, דאָס ביי מיר געהט דאָ נישט אום געלד. און אויב דו טויטעסט שושנה'ס פאָטער, וועסטו דאָך אויך טויטען אַלע מיינע האָפנונגען אויף שושנה'ן.

— נו, ווילסטו דאָס איך זאָל ריזיקירען מיט מיין לעבען צוליעב דיין שושנה'ן. ווען איך זאָל איהם בעפרייען וועט דער אַלטער שוין נים רוהען ביז וואַנען ער וועט אויסגעפינען אַלע מיינע פאַרבאָרגענע פּלעצער און דאַן בין איך אַ פאַרפאַלענער...

— הער זיך איין, מיין ברודער אבו נאסיף, — האָט זיך חפני ביי איהם געבעטען, — די גאַנצע געלד וואָס דו וועסט פון זיי אַרויסקריגען וועט בע־לאַנגען צו דיר, איך פערלאַנג גאָר נישט פון דיר. און אַז דו וועסט האָבען אַזוי פיעל געלד, טו ווער וועט דיר צווינגען צו פאַרבלייבען דאָ אויף דעם זעלבען פּלאַץ, דו וועסט דאָך קענען אוועקפאָהרען פון דאַנען און זיך בעזעצען ערגעץ אַנדערש. דאַן וועסטו דאָך געווים זיכער זיין מיט דיין לעבען און איך מיט מיין שושנה'ן.

— זעהסטו, דאָס איז נישט קיין שלעכטער פּלאַן, — האָט אבו נאסיף בע־זאָגט מיט אַ שמייכעל, — נאָר לאָמיר דערווייל וועגען דעם נישט ריידען, מיר האָבען נאָך גענוג צייט... דערווייל דאַרפען מיר בעשליסען וואָס פאַר אַ בריעף מיר זאָלען צווינגען דעם אַלטען צו שרייבען צו זיין פאַמיליע, און ווען מיר זאָלען דאָס שיקען... מיר וועלען מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווייל איין פרומער שריט און מיר זיינען פאַרלאָרען...

— לאָמיר אַרייַנגעהן אין זיין היכל און זעהן וואָס דער אַלטער טהוט יעצט.
— האָט חפני פאָרגעשלאָגען.

אבו נאסיף און חפני האָבען אָנגעטהאָן זייערע מאַסקעס און שטילערהייד אַרונטערגעגאַנגען אין דער היכל וואו ר' שמואל האָט זיך געפונען.

3טער טהייל

22טער קאַפּיטעל

די דעבאַטע

דער פּראַכטפּאָלער און וואונדערבאַרער פּאַלאַץ "עז־זאַראַה", וואָס דער קאַליף אבדו ראַחמאַן דער דריטער, האָט געבויט לכבוד די קאַליפין, די פּרינצעסין עז־זאַראַה, איז געווען פערטיג.

און כאָטש די גאַנצע פאַרשטאָדט, "מעדינאַה עז־זאַראַה" איז ערשט פאַרטיג געוואָרען מיט צעהן יאָהר שפּעטער, האָט דאָך דער קאַליף בעשלאָסען צו פייערען דעם "חנוכת הבית", באַלד ווי דער הויפּט פּאַלאַץ איז געענדיגט געוואָרען. עס ווערט באַלד דריי יאָהר, זינט דער קאַליף האָט, אויף אַזאַ וואונדערבאַרען אופן געהייראַט מיט זיין ליעבע פּרינצעסין. ער האָט דעריבער געוואָלט פייערען דעם דריטען יאָהר־צייט פון זיין הייראַט אין דעם נייעם פּאַלאַץ צוזאַמען מיט דעם "חנוכת הבית".

דער קאַליף האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל דאָס אַלע זאָלען זיך גרייטען צו די צערעמאָניעס פון דער פייערונג.

די ערשטע זאַך וואָס ער האָט געטהאָן, איז געווען צו בעפרייען אַלע אַרעסטירטע פון די געפענגניסע. ער האָט געוואָלט דאָס אַלע איינוואָהנער פון זיין לאַנד זאָלען זיך פרעהען צוזאַמען מיט איהם אין זיין יום טוב.

צווישען די בעפרייטע אַרעסטירטע זיינען אויך געווען די צווייַ אַראַבער אבדו מאַלעק און מוק טאַראַב, וועלכע זיינען געזעסען אין געפענגניס פאַר זייער פאַנגען שושנה'ן.

ווען חפני האָט דערהערט דאָס זיי זיינען בעפרייט געוואָרען איז ער גלייך אַוועקגעלאָפען צו זיי און אַ גליקליכער מיט אַ שטראַהלענדען פּנים זיי פריינדליך בעגריסט:

— איהר זייט בראַווע יונגען. יעצט זעה איך דאָס מען קען אייך אָנפערטרויען די גרעסטע סודות... זאָגט מיר — האָט ער זיי געפרעגט — האָט מען אייך מעהר ניט בעלעסטיגט מיט אויספאָרשונגען וועגען אייער פערשווערונג?

— בעלעסטיגט?! — האָט אבדו מאַלעק געענטפערט — זינט חסדאי

איז געוואָרען דעם קאַליף'ס מיניסטער, האָט ער אונז גערופען צום אויספאָר־שונג כמעט יעדע וואָך...

— וואָס האָט ער אייך געפרעגט ביים אויספאָרשונג — איז חפני ניי־געריג געוואָרען.

— די ערשטע זאַך וואָס ער האָט אונז געפרעגט — האָט מוק טאַראַב געזאָגט — איז, צו מיר האָבן געקענט חפני'ן פון פריהער, איידער מיר האָבען איהם דערזעהן אין שושנה'ס הויז.

— האָט איהר זיך עפּעס אַרויסגערעדט דאָס עס זאָל איהם מאַכען מיר חושד צו זיין דאָס איך בין געווען פערבונדען מיט דער פערשווערונג? — האָט חפני געפרעגט אַ דערשראָקענער.

— ניין, האָט אַבו מאַלעק געענטפערט — מיר האָבען איהם געזאָגט, אַז מיר האָבען פריהער דיך קיין מאָל ניט געזעהן. האָט ער אונז ווייטער געפרעגט: ווי איז דאָס מעגליך; איהר זייט געווען אַבו נאַסיף'ס קנעכט, און חפני האָנדעלט מיט איהם, טאָ ווי אַזוי קענט איהר זאָגען דאָס איהר האָט איהם קיין מאָל ניט געזעהען?

— האָב איך איהם אָבער געענטפערט — האָט זיך מוק טאַראַב אַרויס־געכאַפּט — אַז ביי אונזער האַרר אַבו נאַסיף'ן פלעגען קומען הונדערטע שקלאַפען־הענדלער, טאָ ווי האָבען מיר געקענט אַלעמען קענען... ווי עס שיינט איז דער נייער מיניסטער זעהר אַ קלוגער יונג, אָבער ער האָט אונז דאָך ניט געקענט פערדרעהען דעם קאָפּ.

— איך בין זעהר צופריעדען וואָס איהר זייט געווען בראַוו און ענט־שלאָסען — האָט חפני געזאָגט — איך וועל דעריבער בעלאָהנען יעדען פון אייך מיט הונדערט שקלים.

חפני האָט זיי געגעבען די הונדערט שקלים און איז אוועקגעגאַנגען זעהן די פייערליכע צערעמאָניעס פון דעם קאַליף'ס חנוכת הבית.

די קאָרדאָוואַ'ר גאַסען זיינען געווען בעציערט מיט פאָהנען. די מענשען זיינען געווען יום־טוב'דיג געקליידעט. דער וועג פון אַלטען פּאַלאַץ צום נייעם פּאַלאַץ „עז־זאַראַה" איז געווען בעשאָטען מיט פערשידענע שעהנע בלומען. פון ביידע זייטען וועג זיינען געשטאַנען דעם קאַליף'ס לייב־גוואַרדיע מיט בלויזע שווערדען.

דער קאַליף און די קאַליפין זיינען אַרויס פון זייער אַלטען פּאַלאַץ און זיך אַריינגעזעצט אין די קעניגליכע קאַרעטע וואָס איז געווען געשפּאַנט פון צעהן פערד. אויסגעשרייען פון פערשידענע שפּראַכען „לאַנג לעבען זאָל דער קאַליף און די קאַליפין" האָט זיך געהערט פון איבעראַל.

ווען זיי זיינען צוגעפאהרען צום נייעם פאלאץ זיינען די אויסגעשרייען נאך שטארקער געווארען. די מוזיק האט אנגעהויבען שפיעלען. אלע בעאמטע און סאלדאטען וועלכע זיינען געווען ארום דעם פאלאץ און וועלכע זיינען געווען אנ־געטהאן אין זיידענע בגדים, האבען זיך פארנייגט פאר די קעניגליכע פאר.

דער פאלאץ וואו דער טראהן איז געשטאנען איז געווען זעהר שעהן און הערליך דעקארירט. דער טראהן איז געווען פון ריינעם גאלד איינגעפאסט מיט קאסטבארע שטיינער. וואונדער־שעהנע און רייכע טעפיכער זיינען געהאנגען איבער די ווענט און געווען אויסגעשפרייט אויף די דילען פון זאאל.

דער דאך איז געווען פון גאלד איינגעפאסט מיט בריליאנטען.

ווען דער קאליף און די קאליפין האבען זיך געזעצט אויפ'ן טראהן, זיינען באלד אריינגעפיהרט געווארען אין פאלאץ די געסט, די געזאנדטע פון פערשי־דענע קעניגרייכען, וועלכע זיינען ספעציעל געשיקט געווארען צו בעגריסען דעם קאליף. יעדער איינער איז פארגעבראכט געווארען בעפאר די קעניגליכע פאר; און זיי האבען בעגריסט דעם קאליף און די קאליפין אין נאמען פון זייער קעניג און זיי פרעזענטירט מיט א מתנה אלס צייכען פון פריינדשאפט. נאך דעם ווען די געזאנדטע האבען זיך געזעצט אויף זייערע פלעצער זיינען אריינגעקומען דעם קאליף'ס מיניסטארען. חסדאי אבן שפרוט, דער הויפט מיניסטער איז געגאנגען פאראויס און זיי בעגריסט אין נאמען פון אלע מיניסטארען. און ווען די מיניס־טארען האבען פארנומען זייערע פלעצער, זיינען אריינגעקומען די ריכטער פון לאנד; נאך זיי — די פאעטען און נאכהער די גייסטליכע פון אלע רעליגיאנען.

יעדער פארשטעהער פון די פערשידענע גרופען האט אין זיין בעגריסונגס רעדע בעטאנט דעם פאקט דאס אלע אונטערטהאנען פון דעם קאליף געניסען פון אלע פרייהייטען און ליעבען און אכטען דעם קאליף אלס זייער קלוגער איבערגע־בענער פאטער, וועלכער פיהרט זיין קעניגרייך מיט גוטהערציגקייט און פאר־שטאנד.

נאך דיזער צערעמאניע זיינען אלע פערזאמעלטע, נאכפאלגענדיג דעם קאליף מיט די קאליפין, אריין אין זאאל פון וואונדערס. דער קאליף האט איינגעלאדען איינעם פון די בעסטע אראבישע רעדנער ער זאל רעדען פאר די פערזאמעלטע.

דער זאאל איז געווען פארפאלקאמט מיט אלע וואונדערליכע איינריכטונגען. דער קונסטרייכער, האנד געשניצטער פאנטאן האט געפונקציאנירט; ער האט דאס וואסער ארויפגעשפריצט מיט א אומגעהייער גרויסער מאכט ביז'ן באלקען.

דער גאלדענער בעקען וואס איז געשטאנען אין מיטען זאאל איז געווען פול מיט קוועקזילבער. די זונן האט אריינגעשיינט דורך די פענסטער פון קריסטאל און דורך די טהירען פון עבען־האלץ און עלפאנטביין וואס איז געווען איינגע־פאסט מיט בריליאנטען. דער קוועקזילבער האט זיך גענומען באוועגען אין בעקען

און זיך פּעראייניגט מיט די זונן־שטראַהלען און די פינקעלדיגע קאָסטבאַרע שטיינער. אין זאַאַל האָט פּלוצים געוואַקעלט, עס האָט אויסגעזעהן ווי ער ווייסט ניט וואָס „בליצען". דער פאַנטאַזיע האָט „גערע־גענט". א באַוועגונג פון אויבען האָט געמאַכט אַזאַ רעש ווי עס וואָלט געדונערט...

די אַלע אַנוועזענדע זיינען געוואָרען אַזוי ערשטוינט פון די וואונדערבאַרע ערשיינונג דאָס זיי זיינען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און בעוועגלאָז.

ווען דער רעדנער האָט זיך אוועקגעשטעלט און געוואָלט אָנפאַנגען זיין רעדע, האָט ער פון גרויס בעוואונדערונג און בעגייסטערונג ניט געקענט עפענען זיין מויל. ער איז אַנידערגעפאַלען צום באָדען און גע'חלש'ט... מען האָט גע־בראַכט א צווייטען רעדנער, אבער יענער האָט אויך נישט געקענט ריידען פון איבערראַשונג.

דער קאַליף האָט דאַן געבעטען חסדאי אבן שפּרוט, זיין בעליעבטען מי־ניסטער, צו זאָגען עטליכע ווערטער צו די געסט.

חסדאי וועלכער איז געווען אָנגעטהאַן אין זיין מיניסטערישען יוניפאָרם, האָט זיך פאַרנויגט פאַר דעם קאַליף און קאַליפין און זיך אוועקגעשטעלט אויף דעם פּלאַץ פון די רעדנער און האָט אָנגעפאַנגען:

„מיר זיינען אַלע געקומען צו פייערען די חנוכת הבית פון די גרעסטע וואונדער און בוי־קונסט וואָס די גאַנצע וועלט האָט נישט געזעהען זייט די צייטען פון דעם גרויסען און קלוגען קעניג שלמה. א חוץ דעם וואָס שלמה המלך בעוואוסט אַלס דער קליגסטער און געלערנטסטער קעניג איז ער אויך בעוואוסט אַלס דער קעניג פון שלום. דורך דער גאַנצער צייט פון זיין רעגירען, האָט ער קיינע מלחמות נישט געפיהרט מיט די אַרומיגע פעלקער, ער האָט מיט אַלעמען געלעבט אין שלום, און דאָס איז דער סוד וואָס נאָר ער אַליין האָט געקענט אויפ־בויען אַזאַ פּראַכטפאַלען און וואונדער־שעהנעם טעמפעל אין פּאַלאַץ.

„אונזער גנעדיגער קאַליף, אבדו ראַחמאַן דער דריטער, איז אויך דער הערשער פון שלום, און כאָטש ער האָט געמוזט פיהרען עטליכע מלחמות מיט אַרומיגע פעלקער, איז דאָס געווען אַרויפגעצוואונגען אויף איהם. זיין מאַיעס־טעט, ווי מיר אַלע ווייסען, האָט יעדעס מאָל געפּרובירט רעדען שלום מיט'ן שונא. און דער אַלמעכטיגער האָט איינגעזעהן די גערעכטיגקייט פון אונזער גוטען קאַליף און האָט איהם בעגליקט אין אַלע זיינע וועגען. און ער האָט איהם אויך געגעבען פאַרשטאַנד און קלוגשאַפט ער זאָל אויפבויען דיזען וואונדערבאַרען פּאַלאַץ, פאַר וועלכען מיר אַלע האָבען נישט גענוג ווערטער אויסצודריקען די בעוואונדערונג פון די פּראַכט און קונסט, פון דיזער צויבערנדער ערשיינונג וואָס מיר זעהען מיט אונזערע אויגען. דיזע ערשטוינענדע קונסט־רייכע אַרכי־טעקטור וועט ברייגנען שטאָלץ, רוהם און כבוד צו אונזער טהייערען ליעבען פאַטערלאַנד. די אויגען פון אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלען זיין געווענדעט

אהער, אין קאָרדאָוואַ, זיי וועלן זעהען אונזערע גייסטרייכע אוצרות וואָס מיר פאַרמאָגען, זיי וועלן פון אונז לערנען און נאָכטהאָן אונזערעביישפּיעלע... און מיר אלע ווילען דאָ, ביי דער געלעגענהייט, געבען אונזער הייסע ברכה און בענשונג צו די קעניגליכע פּאָר וועלכע פייערען צוזאַמען מיט דעם חנוכת הבית אויף זייער דריטען יאָהרצייט פון זייער הייראַטה וואָס איז אויף אזא וואונדערליכען אופן בעשטימט געוואָרען פאַר זיי פון הימעל. לאַנג לעבען זאָל דער קאַליף און די קאַליפין!"

אלע געסט האָבען אויפגעהויבען זייערע הענד און הויך אויסגעשריען:

— לאַנג לעבען זאָל דער קאַליף און די קאַליפין!

אין אבענד זיינען זיך אלע געסט צוגאַנגען און דער קאַליף האָט איינגעלאַדען נאָר זיינע נאָהענטסטע פריינד און די מיניסטאָרען צו דעם פייערליכען באַנקעט וואָס ער האָט געמאַכט לכבוד דעם דריטען יאָהרצייט פון זיין הייראַטה מיט די פּרינצעסין עז־זאַראַה.

חסדאי'ס פּלאַץ איז געווען נעבען דעם קאַליף'ס לינקע האַנד. ביים קאַליף'ס רעכטע האַנד איז געזעסען די וואונדער־שעהנע קאַליפין עז־זאַראַה.

דער קאַליף האָט אָנגעגאָסען צוויי בעכער ווייַן; איינעם האָט ער געגעבען דעם קאַליפין, דעם צווייטען האָט ער געהאַלטען אין זיין אייגענע האַנד; ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— מיינע טהייערע געסט! איך טרינק פאַר דעם גליק פון אונזער גלאָררייכע קעניגרייך און פאַר דעם גליק פון אונזערע אלע גוטע אונטערטהאַנען. איך טרינק פאַר דעם וואָהלזיין פון מיין ליעבענדע פרוי, דעם טהייערסטען אוצר וועמען דער ליעבער גאָט האָט מיט זיין גרויס גנאָד מיר אויף אזא וואונדערבאַרען שטייגער געשאָנקען... איך עראינער זיך ווען איך האָב בעשלאָסען צו פאָהרען אין דעם לאַנד פון אונזערע אבות, צו געפינען דאָרטען מיין באַשערטע, האָבען פיעלע פון מיינע גוטע פריינד געזאָגט, אז איך האָב דאָס נישט געזאָלט טהאָן, וויל אונזער פאָטערלאַנד וועט מעגליך ליידען פון מיין אבוועזענהייט... אָבער דער קליינער שאָדען וואָס מיין אָבפאָהרען האָט פיעלייכט פעראורזאַכט דאָס לאַנד איז געדעקט געוואָרען מיט דעם גרויסען געווינס וואָס מיינע אלע ווירדיגע בירגער האָבען געוואונען אין די נאָבעלע און גוטהערציגע מוטער וואָס זיי האָבען געקראָגען, און מיט מיין גרויסען געווינס וואָס איך האָב געוואונען איהר, די שעהנסטע, איידעלסטע, די קלוגסטע און די געלערנטסטע פּרינצעסין אין דער גאַנצער וועלט, מיין טהייערע עז־זאַראַה, פאַר מיין פרוי!

"איך געדענק, — האָט דער קאַליף פאָרטגעזעצט, האַלטענדיג דעם בעכער ווייַן אין האַנד, — ווען איך האָב בעשלאָסען צוריקצופאָהרען אהיים, בין איך געווען זעהר שטאַרק ענטטוישט. איך האָב זיך געטראַכט: אזוי פיעל צייט

פאַרבראַכט, און אומזיסט... איך פאָהר אהיים מיט ליידיגע הענד... איך בין געווען אומעטיג און מוטהלאָז. איך האָב געוואָלט וואָס שנעלער אהיים פאָהרען. איך בין פאַרבייגעפאָהרען הונדערטע דערפער און איך האָב קיין חשק ניט געהאַט זיך אָפּצושטעלען אין קיינעם פון זיי. אָבער ווען איך בין פאַרבייגעפאָהרען יענעם דאָרף וואו איך האָב נאָכהער צופעליגערווייזע געטראָפען די פּרינצעסין, האָט מיר מיין הארץ געצויגען אהין... און וואָס טיעפער איך בין דאָרט אריין, אַלץ מעהר האָט עפּעס מיר אהין געצויגען... ביז וואַנען איך בין אריין אין דעם גאָרטען וואו איך האָב געטראָפען עז־זאַראַה... יעצט, מיינע ליעבע פריינד, זעהט איהר דאָס מיין רייזע נאָך אראביען איז געווען נויטהווענדיג, און ווען איך וואָלט אהין נישט געפאָהרען, וואָלט עז־זאַראַה יעצט נישט געווען די קאַליפין פון קאָרדאָווא... איך טרינק פאַר דעם געזונד פון מיין באַשערטע פון גאָט!"

אַלע געסט האָבען זיך אויפגעשטעלט און מיט בעגייסטערונג אַפּלאָדירט זייער באַליעבטען קאַליף און קאַליפין.

א בעשיידענע רויטקייט האָט בעדעקט עז־זאַראַה'ס פּנים. זי האָט זיך פאַר אַלעמען פאַרנייגט.

אַלעמענס אויגען זיינען יעצט אָנגעווענדעט געוואָרען אויף חסדאי אבן שפּרוט, דעם קאַליף'ס הויפּט־מיניסטער. מען האָט געוואָלט הערען עטליכע ווערטער פון דעם גרעסטען און קליגסטען מאַן אין קאָרדאָווא.

חסדאי האָט זיך אוועקגעשטעלט, האָט אויפגעהויבען זיין בעכער וויין, וואָס ער האָט אָנגעגאָסען פון א ספּעציעלע פערזינגעלטע פלאַש, און האָט געזאָגט:

—איך טרינק פאַר דעם אַלערהעכסטען גליק פון איהר מאַיעסטעטין, די פון גאָט געבענשטע קאַליפין, און פאַר זיין מאַיעסטעט אונזער נאָבעלער און פאָטער־ליכער קאַליף, זאָל דער וואָס איז אין הימעל זיי צושיקען זיין בענשונג און זעגען, און זאָלען זיי ביידע דערלעבען צו א גרייז־גראָהען עלטער פון גליק און פרייד, און זאָל דער שלום הערשען ביי אונז אין לאַנד דורך זייער גאַנצען לעבען.

— ביי דיזער געלעגענהייט, —האָט חסדאי פאָרטגעזעצט מיט א קליינעם שמייכעל, — וויל איך אָבער ארויסזאָגען מיין מיינונג וואָס וועט פיעלייכט נישט זיין אין איינקלאַנג מיט דער מיינונג פון זיין מאַיעסטעט. אונזער ווירדיגער קאַליף האָט זיך יעצט אויסגעדריקט דאָס זיין רייזע נאָך אראביען איז געווען נויטהווענ־דיג, און ווען ער וואָלט אהין נישט געפאָהרען וואָלט די נאָבעלע עז־זאַראַת יעצט נישט געווען די קאַליפין... מיר אַלע זעהען מיט אונזערע אויגען דאָס דער זיווג איז באַשערט פון גאָט, קען זיך דען איינער פון אונז פאָרשטעלען פאַר א ווילע דאָס אונזער קאַליף'ס פרוי זאָל אימיצער אנדערש זיין און נישט די ליעבענסווירדיגע פּרינצעסין עז־זאַראַה. דאַריבער ווילט זיך מיר זאָגען אונזער מאַיעסטעט, דעם קאַליף, אז אפילו ווען ער וואָלט זיין רייזע דורך אראביען נישט געמאַכט

און געבליבען זיין גאַנצען לעבען אין קאָרדאָווע, וואָלט גאָט דאָך געמאַכט אַז די פּרינצעסין עז־זאַראַה זאָל די קאַליפֿין ווערען. איך גלויב ווי אונזער הייליגער תּלמוד זאָגט: ״ארבעים יום קודם יצירת הולד, בת קול יוצאת ומכרזת: בת פּלוני לבן פּלוני ובן פּלוני לבת פּלוני״ (פערציג טעג איידער דאָס קינד ווערט געבאָרען קומט אַרויס אַ בת קול פֿון הימעל און רופֿט אויס אַז דעם׳ס זוהן זאָל נעהמען יענעם׳ס טאָכטער און יענעם׳ס טאָכטער זאָל נעהמען דעם׳ס זוהן). פֿון דעם זעהען מיר, דאָס דער ליעבער גאָט האָט שוין בעשטימט די קאַליפֿין פֿאַר אונזער קאַליף, פֿערציג טעג איידער ער איז געבאָרען געוואָרען. און אויב אפילו ווען דער קאַליף וואָלט קיין מעגליכקייט נישט געהאַט אַרויסצופֿאָהרען זוכען זיין באַשערטע, וואָלט שוין גאָט געמאַכט דאָס עז־זאַראַה וואָלט געקומען אַהער נאָך קאָרדאָווע וואו דער קאַליף וואָלט מיט איהר געהייראַט...״

פּיעלע פֿון די געסט האָבען אַפּלאָדירט חסדאַי׳ן. זיי האָבען אין זייער האַרצען מיט איהם איינגעשטימט.

— איך גלויב, — האָט דער קאַליף צוגעשמייכעלט, — אַז אפילו ווען אַ פֿרוי איז בעשערט דעם מאַן, מוז דאָך דער מאַן איהר געהן זוכען... און דו אַליין, מיין געטרייער חסדאַי, האָסט מיר דערצעהלט, דוכט זיך, אויך פֿון דיין תּלמוד, דאָס ווען אַ מענש פֿאַרלירט אַן אבדה דאַרף דער מענש געהן זוכען די אבדה, אָבער די אבדה וועט נישט געהן זוכען דעם מענשען. און אַזוי ווי אדם הראשון האָט פֿאַרלאָרען אַ ״ביין״ פֿון וואָס גאָט האָט געמאַכט זיין פֿרוי, חוה, זינט דאַן מוז דער מאַן געהן זוכען זיין פֿאַרלאָרענעם ביין, די פֿרוי. אויב אַזוי האָב איך דאָך געמוזט אַרויספֿאָהרען זוכען מיין בעשערטע, און נישט ווי דו זאָגסט אַז ווען איך וואָלט פֿאַרבליבען אין דער היים וואָלט זי צו מיר אַליין געקומען...

— וואָלסטו, מיין ליעבע עז־זאַראַה, ווען געדענקט צו פֿאָהרען נאָך קאָר־דאָווע? — האָט זיך אַבדו ראַחמאַן געווענדעט צו די קאַליפֿין.

— געוויס נישט, — האָט די קאַליפֿין געענטפֿערט, — ווען איך בין צעהן יאָהר אַלט געוואָרען, האָט מיר מיין ליעבער פֿאָטער, אַל מאַמון, דער קאַליף פֿון באַגדאַד, בעהאַלטען אין אַ דאָרף, ווייל ער האָט מורא געהאַט דאָס מיין עלטסטער ברודער זאָל מיר נישט טויטען, כדי צונישט צו מאַכען די נבואה פֿון אַ שטערנזעהער, וועלכער האָט נביאות געזאָגט, דאָס איך וועל זיין די הערשעריןׂ איבער פֿיעלע לענדער. מיין פֿאָטער האָט בדעה געהאַט צו האַלטען מיר אין דאָרף ביז וואַנען איך וועל צוואַנציג יאָהר אַלט ווערען און דערנאָך האָט ער מיר געזאָלט פֿעהייראַטען צו איינעם פֿון די פּרינצען פֿון זיין הויף. און ווען דער קאַליף פֿון קאָרדאָווע וואָלט נישט געקומען אין צייט וואָלט איך דאָך געוויס געווען פֿערהייראַט צו אַן אַנדערען. און אויב אַזוי וואָלט דאָך אונזער ווערטהען חסדאַי׳ס טהעאָריע וועגען באַשערטקייט נישט אויסגעהאַלטען געוואָרען.

— אבער מיר זעהען דאך, — האט זיך חסדאי ווידער אפגערופען, — דאס די באשערטקייט איז געווען פון הימעל, ווייל אויב עס איז געווען אן אונמעג־ליכקייט פאר איהר מאיעסטעטין צו קומען אהער נאך קארדאווא, האט גאט ארייננעגעבען א געדאנק דעם קאליף ער זאל פאהרען אהין. און ווען עס וואלט געווען אונמעגליך פאר דעם קאליף צו פאהרען אהין, וואלט דער וואס איז הימעל מעגליך געמאכט דאס די פרינצעסין זאל קענען און וועלען פאהרען נאך קארדאווא. און דא וויל איך יעצט ברייננען די לעגענדע פון שלמה המלך'ס טאכטער וואס איך גלויב, דאס איך האב שוין אמאל דערמאהנט פאר'ן קאליף און די קאליפין: עס ווערט דערצעהלט דאס שלמה המלך האט געהאט א זעהר שעהנע און געראטענע טאכטער וועמען ער האט ליעב געהאט מעהר ווי אלע זיינע קינדער, און גראדע פאר דער טאכטער האט ער געזעהן פון די שטערען, דאס איהר באשערטער איז א בחור וועלכער איז דער גרעסטער ארימאן פון שטאדט. שלמה המלך איז זעהר ניט צופרידען געווען מיט אזא שידוך. און ער האט בעשלאסען דאס זיין טאכטער זאל בעסער בלייבען אונפערהייראט איהר גאנצען לעבען איידער חתונה צו האבען מיט אזא קבצן. שלמה המלך האט דאריבער געלאזט בויען א גרויסען און הויכען טהורעם, ווייט אין דער מדבר; דער טורעם האט קיינע טרעפ נישט געהאט און עס איז קיין מעגליכקייט נישט געווען אויף איהם ארויפצוקלעטערען, נאר דורך ספעציעלע געמאכטע לייטערס. ער האט דארטען בעזעצט זיין געליעבטע טאכטער. און יעדען מאנאט פלעגט ער שיקען מיט זיינע אנפערטרויעטע דיענער גענוג שפייז, וואסער און קליידער. זיינע דיענער פלעגען מיטנעהמען די לייטער, ארויפגעהן אויפ'ן הויכען טהורעם, איבערגעבען די פרינצעסין די שפייז און די איבריגע זאכען. נאכהער פלעגען זיי ארונטערשטייגען, אוועקנעהמען דעם לייטער און עס צוריק אוועקפיהרען נאך ירושלים.

שלמה המלך איז געווען זעהר צופריעדען פון זיין פלאן.

"יעצט, — האט ער זיך געטראכט, — וועט ער קענען אלעמען איבערציינגען דאס עס איז גאר נישטא אזא זאך ווי באשערטקייט. אט איז באשערט דאס זיין טאכטער זאל הייראטען אן ארימען בחור, און אז ער וויל נישט, וועט טאקע די הייראט נישט פארקומען. דער בחור, וועלכער איז געווען בעשטימט פון הימעל צו הייראטען שלמה המלך'ס טאכטער איז געווען זעהר קלוג און געלערנט, אבער אזא גרויסער ארימאן דאס ער האט נישט געהאט אפילו וואו איבערצונעכטיגען א נאכט. ער פלעגט דאריבער שלאפען אין פעלד. און איינמאל ווען ער האט געזוכט א פלאץ צו שלאפען, האט פלוצלינג אנגעפאנגען צו רעגענען. ער האט אין פעלד געפונען א פעל פון א פערד. ער האט זיך איינגעוויקעלט אין דער פעל. שטארק מיעד איז ער געווען, איז ער באלד איינגעשלאפען. א זעהר גרויסער

און מעכטיגער פויגעל איז דאָן פאַרביי־געפלויגען און ווען ער האָט דערשמעקט דעם ריח פון דעם פייכטען פעל, האָט ער עס אויפגעהויבען און גענומען דאַמיט פליהען. און ווען דער פויגעל איז מיעד געוואָרען פליהענדיג האָט ער זיך אַפּגע־שטעלט אויף דעם טהורעם און דאָרטען איבערגעלאָזט די פעל מיט דעם אָרימען בחור. אויף מאָרגען, גאַנץ פריה, איז די פּרינצעסין, ווי זי איז געוואוינט געווען, אַרויף אויף דעם דאַך פון טהורעם פאַר אַ שפּאַציער, און ווי דערשראָקען איז זי געוואָרען ווען זי האָט געפונען אַ שלאָפענדען בחור, אָנגעטהאָן אין שמאַטעס, ליגט אין אַ פעל. דער בחור האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, ער האָט געריבען זיינע אויגען און געפרעגט: וואו בין איך? שלמה המלך׳ס טאָכטער האָט אָנ־געפאַנגען מיט איהם צו ריידען און האָט באַלד געזעהן ווי קלוג און געלערנט ער איז. זי האָט איהם געפרעגט ווי אַזוי ער קומט אַהער אויף אַזאַ הויכען טהורעם. ער האָט איהר דערצעהלט, דאָס ער איז זעהר אָרים און ער האָט קיין פּלאַץ נישט געהאַט וואו צו שלאָפען, האָט ער זיך איינגעוויקעלט אין דער פעל וואָס ער האָט געפונען אין פעלד און איז אַנשלאָפען געוואָרען. און יעצט ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער דערזעהען דאָס ער געפינט זיך דאָ אויפ׳ן הויכען טהורעם, אָבער ווי אַזוי ער קומט דאָ ווייס ער נישט. די פּרינצעסין האָט באַלד פער־שטאַנען אַז דאָס איז איהר באַשערטער וועמען איהר פאָטער האָט נישט גע־וואָלט זי זאָל הייראַטען. זי האָט באַלד איבערגענעהט פון איהרע קליידער מלבושים פאַר איהם. זי האָט זיך אין איהם שטאַרק פערליעבט און ער האָט איהר אויך זעהר ליעב געהאַט. דער בחור האָט איינגעשניטען זיין פינגער און מיט די בלוט האָט ער אָנגעשריבען אַ כתובה און זיי האָבען ביידע געהייראַט. ווען שלמה המלך האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אַהין אליין אַוועק אויסגעפינען. און ווען ער האָט דערזעהען די יונגע פּאָר, האָט ער געזאָגט: „יעצט זעה איך אַז דאָס וואָס איז אַ מענשען באַשערט מוז דאָס איהם אָנקומען. און דעם מענשען׳ס קלוגען זיך קען דערצו גאָרנישט העלפען. און דאַריבער — האָט חסדאי פער־ענדיגט, — גלויב איך מיט מיין גאַנצען הארצען דאָס ווען מיין מאַיעסטעט, אונזער קאַליף, וואָלט קיין מעגליכקייט נישט געהאַט אליין אַהין צו פאָהרען וואָלט שוין גאָט געמאַכט אַז די פּרינצעסין וואָלט אַהער געקומען, כדי דאָס וואָס איז באַשערט פון הימעל, זאָל מקוים ווערען.

כמעט אַלע מיניסטאָרען האָבען איינגעשטימט מיט חסדאי׳ן. די מעשה פון שלמה המלך האָט ביי זיי שטאַרק אויסגענומען. אָבער דער אַלטער מיניסטער אַבן מומין וואָס האָט אין זיין הארצען געטראָגען אַ שנאה אויף חסדאי׳ן צוליעב דעם וואָס ער האָט אַלע מאָל געהאַפּט דאָס דער קאַליף וועט איהם מאַכען פאַר׳ן הויפּט־מיניסטער, האָט מיט איהם נישט איינגעשטימט.

— דאָס קען זיין, איז אַ פיינע לעגענדע, — האָט אַבן מומין געזאָגט, —

אבער אין דער ווירקליכקייט מוז דער מאן געהן זוכען די פרוי, און אז נישט וועט ער בלייבען אונפערהייראט. און דאריבער בין איך זיכער דאס אונזער גנעדיגער קאליף האט געמוזט מאכען זיין רייזע, און אויב נישט וואלט די שעהנע פרינצעסין עז־זאראה נישט געווען אונזער קאליפין...

— נאך דיינע ווערטער קומט אויס, אז אלעס וואס זאל מיט דעם מענשען פאסירען איז אנגעשריבען אין הימעל, — האט זיך דער קאליף ווידער אריינגעמישט, — טא ווי איז ווען איינעם פאלט פלוצלינג איין א משוגעת און ער וויל זיך אפשניידען זיין האנד, איז דאס אויך באשערט פון הימעל? דוכט זיך מיר, אז אויב ער וויל טהוט ער עס, אויב נישט, — טהוט ער עס נישט...

— אויב עס איז איהם באשערט ער זאל זיך אליין אפשניידען זיין האנד, גיט איהם גאט אריין אזא געדאנק עס צו טהאן, — האט זיך חסדאי אפגערופען צום קאליף, — אויב עס איז באשערט א מענשען צו געפינען אן אוצר, גיט איהם גאט אריין א געדאנק ער זאל געהן אין יענעם פלאץ וואו דער אוצר געפינט זיך. דאס זעלבע איז געווען מיט דעם קאליף. עס איז איהם באשערט געווען צו קריגען עז־זאראה'ן פאר זיין פרוי, האט איהם גאט אריינגעגעבען א געדאנק ער זאל איהר געהן זוכען. אבער ווען עס וואלט פאר דעם קאליף נישט מעגליך געווען צו געהן זוכען, וואלט גאט אריינגעגעבען א געדאנק עז־זאראה'ן זי זאל געהן זוכען דעם קאליף...

— גאט בעהיט, ווען איך וואלט נישט האבען די מעגליכקייט ארויסצופאהרען פון מיין לאנד, וואלט איך מיין שעהנע קאליפין יעצט נישט געהאט פאר מיין פרוי, — האט פעסט בעשלאסען דער קאליף.

חסדאי האט בשום אופן נישט אפגעטראטען פון זיין מיינונג.

— איך וועל דיר נאך אמאל איבערצייגען דאס איך בין גערעכט, — האט דער קאליף געזאגט מיט א שמייכעל.

23טער קאפיטעל.

דער בריעף

א היבשע ווייל איז ר' שמואל געבליבען אין דעם פארבארגענעם הייחל ווי צוטומעלט. עפעס האט ער ניט געקענט פארשטעהן וואס מיט איהם האט דא פאסירט . . . עס דוכט זיך איהם דאס ער האט א שרעקליכען חלום געזעהען . . . ער בעגרייפט ניט אז דאס אלעס עס זאל האבען פארגעקומען אין דער ווירקליכקייט . . . ביסלעכוויז האט ער זיך גענומען דערמאנען אלע שוידערליכע איינצעלהייטען : אט זעהט ער דעם פארשטעלטען בעטלער . . . ווי ער פארנארט איהם מיט אזא שוידערליכע געשיכטע ; די פינף געזונטע אראבער באפאלען

איהם מיט זיינע דינער . . . . מען פארבינט איהם די אויגען, מעןווארפט איהם אריין אהער אין דיזען פינסטערען היהל . . .

ערגעץ אין א ווינקעל ברענט א ליכט און ווארפט שרעקליכע שאטענס איבער'ן היהל. ביי דעם שיין פון דאס ליכט האט ער באמערקט אויף די ווענט הענגען פארשיעדענע כלי זיין : שווערדען, שפיזען, העק, לאנגע שארפע מעסערס און פייל און בויגען . . . צום באדען זיינען צוגעשמידט פיעלע דיקע קייטען . . .

דערוויילע האט מען אויף איהם די קייטען ניט ארויפגעטאן . . . אבו נאסיף האט געוואוסט דאס דער אלטער וועט קיין פארזוך ניט מאכען פון דאנען אנטלויפען. און אויב אפילו ער זאל וועלען, וועט איהם ניט געלינגען ; ער איז דאך ניט קיין יונגער מאן, וואס זאל קענען קלעטערען אויף די ווענט . . .

ר' שמואל האט זיך ארומגעקוקט, ער האט געזוכט א טיהר, אבער ער האט קיין שום סימן פון טיהר ניט געזעהען . . . אויף איין וואנט אין דער הויך האט ער באמערקט עטליכע לעכער, אבער זיי זיינען געווען אזוי קליין דאס א האנט האט דורך זיי ניט געקענט דורכגעהן . . . עס מוז דאך אבער פארט זיין א געהיימע טיהר. אבער וואו איז דאס ? ער האט געשפרייזט איבער'ן היהל, האט בעטראכט יעדען ווינקעל, אבער קיין אריינגאנג האט ער נאך אלץ ניט באמערקט . . . אלעס ארום איז שטיל, ער הערט נאר דעם אפקלאנג פון זיינע טריט. א גרויער ראץ שפאצירט דורך דעם היהל, פארביי איהם . . . א ציטער לויפט דורך זיין לייב.

— גאט, טראכט ער, פארוואס קומט דאס איהם אזא שטראף. האט ער דען געזינדיגט ? ער קען זיך ניט דערמאנען ער זאל האבען אימיצען אן אומרעכט געטאן . . . וועט ער נאך אמאל זעהען זיין ליעבע טייערע פרוי און טאכטער ? וועט ער נאך אמאל זעהען זיין בן יחיד'ל, עמנואל'ן. וועט ער נאך זוכה זיין צו פיהרען זיין טאכטער צו דער חופה מיט חסדאי'ן ? . . . ביי די געדאנקען האט ער זיך פלוצלונג אפגעשטעלט : אפשר . . . אפשר שטראפט איהם גאט צוליעב חפני'ן . . . ער זעהט דאך דאס ער ווערט געשטראפט מיט די זעלבע זאך מידה כנגד מידה, ער איז געפאנגען געווארען ווי זיין טאכטער. דערמיט אפשר צייט איהם גאט דאס ער האט ניט ריכטיג געהאנדעלט נעגען חפני, ווען ניט חפני, וואו וואלט יעצט זיין טאכטער געווען ? ווען ניט זיין העלדישקייט, גאט ווייס וואס מיט איהר וואלט פאסירט . . . ער האט זיין לעבען אין סכנה געשטעלט און האט געראטעוועט שושנה'ן פון אזא שרעקליכען שיקזאל. האבען זיי דען איהם באלוינט ? אמת, ער האט איהם אנגעבאטען א גרויסע סומע געלד אלס באלוינונג, אבער ער האט זיך דערפון ענטזאגט.

— קיין געלד באלוינונג פארלאנג איך ניט — האט ער דאן געזאגט, און

האָט ניט אַרונטערגענומען די אויגען פון שושנה'ן . . . ער האָט געוואוסט דאָס חפני ליעבט זיין טאָכטער זעהר פיעל און אפשר איז דאָס טאקי געווען א גאָט זאַך, דאָס זיין שושנה זאָל זיך געפינען אין אזא סכנה און דוקא חפני זאָל זיין דער וואָס זאָל איהר רעטען . . . פּליצים איז ער גאָר איהר באַשערטער און ניט חסדאַי . . . און דאָס וואָס זיי האָבען געמאַכט תנאים מיט חסדאַי'ן איז עס אפשר געגען גאָט'ס ווילען . . .

— אָבער, — האָט ר' שמואל ווידער געטראַכט. ווי קען דאָס מעגליך זיין, דאָס אזא פאַרגרעבטער שקלאַפען הענדלער זאָל זיין שושנה'ס באַשערטער ! ווי קומט ער צו איהר ? ער איז דאָך אזא עם הארץ און נאָך דערצו אזא עקשן . . . ניט געוואָלגט פאָלגען דעם בעפעהל פון דעם רב און פון דער קהילה . . . ניין, עס קען ניט זיין דאָס חפני זאָל זיין איהר זווג. דער רבונו של עולם וואָלט דאָך ניט וועלען דאָס די איידעלע און גוט הערציגע שושנה זאָל אומגליקליך זיין איהר גאַנצען לעבען...

אמת, עס קען זיין דאָס זיין איינגעשפּאַרטקייט איז געקומען צוליעב זיין ענטוישונג . . . דאָס איז ביי איהם געווען א מין להכעיס . . . עס האָט איהם אפילו ניט געאַרט דער חרם . . . ווען אָבער ער וואָלט ניט אַנגעוואָרען זיין האָפנונג אין שושנה'ן וואָלט דערצו ניט געקומען. עס איז אויך מעגליך דאָס ער וואָלט גאָר אַנ'אַנדער מענש געווען אונטער שושנה'ס השפּעה . . .

— אָ, גאָט ! — האָט ר' שמואל מתפּלל געווען. אויב איך האָב דאָמיט געזינדיגט, בעט איך דיר זיי מיר מוחל, און בעפריי מיר פון מיינע פאַנגערס הענד... איך טהו זיך א נדר, דאָס אויב איך וועל בעפרייט ווערען, וועל איך זעהען אז דאָס אומרעכט צו חפני'ן זאָל פאַרריכט ווערען. כל זמן אז חסדאַי און שושנה האָבען נאָך ניט חתונה געהאַט, איז נאָך ניט צו שפּעט . . . איך וועל זיי ערקלעהרען אז דאָס איז דיין ווילען, אָ, גרויסער גאָט ! זיי וועלען פאַר־שטעהן. חסדאַי וועט געוויס קיין פאַריבעל האָבען . . . ער וועט דאָך איינזעהען דאָס עס איז א גאָט זאַך . . . און שושנה וועט אויך ניט געהן געגען גאָט'ס ווילען . . .

— גאָט פון אברהם, — האָט ר' שמואל פאָרטגעזעצט זיין תפילה, — דו האָסט דיינע קנעכט וועלכע האָבען דיר מיט טריישאַפט געדיענט, געהאָלפען אין אן עת צרה, העלף מיר ווי דו האָסט יוסף'ן געהאָלפען אין געפענגניס ; העלף מיר ווי דו האָסט געהאָלפען דניאל'ן אין לייבען גרוב ! העלף מיר צוליעב דעם זכות פון מיין טהייערע גאָטספאַרכטיגע פרוי מרים ! העלף מיר צוליעב דעם זכות פון מיינע אומשולדיגע קינדער, שושנה און עמנואל !

ר' שמואל האָט זיך אויף עפּעס אוועקגעזעצט, האָט אַנגעשפּאַרט זיין קאָפּ

אויף די הענט. טרעהרען האבען זיך באוויזען אין זיינע אויגען, ווען די טרויע־ריגע געדאנקען האבען זיך צו איהם ווידער אומגעקעהרט ; עס איז דאך מעגליך דא ער וועט שוין זיינע ליעבע פרוי און קינדער מעהר קיינמאל ניט זעהן . . . ער דערמאנט זיך אין זיין נדר וואס ער האט נאר וואס געטאן, און א פארציטער־טער איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ : וואס האט ער דא געטהאן ? ער האט זיך א נדר געטאן, דאס אויב גאט וועט איהם בעפרייען, וועט ער זעהען דאס זיין שושנה זאל התונה האבען מיט חפני׳ן ! ווי אזוי האט ער דאס געהאט א רעכט צו טהאן אזא נדר אויף דעם חשבון פון זיין טאכטער׳ס גליק ? ! יפתח פון גלעד האט אזא מין נדר געטאן ; ער האט נאכהער מקריב געווען זיין שעהנע יונגע טאכטער איהר גליק, איהר לעבען צוליעב זיין נדר . . .

איז דען ניט גאט אויף איהם אין כעס געווען דערפאר ?

און יעצט, יעצט קומט ער און טהוט אזא נדר, וואס וועט צווינגען זיין טאכטער מקריב צו זיין איהר גליק, איהר יוגענד, ווי האט ער דאס נאר געקענט טראכטען וועגען אזא זאך, וואס וועט אומגליקליך מאכען זיין ליבע און טייערע טאכטער... ניין, דאס טאר ניט געשעהן ! ער וויל שוין בעסער ניט באפרייט ווערען, כדי ער זאל ניט זיין געצוואונגען נאכהער מקיים זיין דעם נדר.... ווען ער זאל נאר האבען א מעגליכקייט זיך צו זעהן מיט חפני׳ן, ער וואלט איהם איבערגעבעטען, ער וואלט איהם צוגעזאגט אנדערע באלוינונג, און ער איז זיכער דאס ער וואלט איהם מוחל געווען.

— עס איז דאך מעגליך — האט א געדאנק אין איהם אויפגעבליצט, — דאס זיינע פאנגער זיינען שקלאפען־הענדלער, און אויב אזוי האבען זיי דאך מסתמא געהערט פון חפני׳ן. ער וועט מיט זיי פרובירען ריידען וועגען דעם ; ער וועט זיי דערצעהלען דאס חפני איז זיינער א גוטער פריינד, און אויב זיי וואלטען נאר געקענט זיך זעהען מיט חפני׳ן, וואלט ער איהם געווים אויסגעלייזט. ער וואלט מיט זיי שוין איבערגערעדט און זיי וואלטען זיך צוגעהערט צו איהם ; ער וואלט זיך מיט זיי דאריבער פארבונדען געשעפטליך און דער עסק וועט זיך לוינען פאר זיי . . .

פלוצלונג האט ר׳ שמואל געהערט א שטיקעל גערודער. ער האט אויפגעהוי־בען זיינען אויגען צו דעם פלאץ פון וואנען דער טומעל איז געקומען. א טהיר האט זיך פון אויבען געעפענט, א פאס ליכט האט אריינגעדרונגען אין פינסטע־רען הייהל, א לייטער איז ארונטערגעלאזען געווארען . . . ר׳ שמואל האט באַ־מערקט צוויי מענשליכע פיגורען געהן ארונטער פון לייטער. א טוים שרעק איז אויף איהם אנגעפאלען . . . ער באמערקט דאס זיי טראגען שווארצע מאסקעס... וועד וויים אפשר זיינען זיי געקומען איהם טויטען ?

חפני איז געבליבען שטעהן נעבען לייטער; ער איז געווען אנגעטאן אין אראבישע קליידער, און ער האט זיך געהיט ניט צו ריידען הויך צו אבו נאסיפ׳ן כדי שושנה׳ס פאטער זאל איהם ניט דערקענען . . .

אבו נאסיף האט זיך דערנעהענטערט צו ר׳ שמואל׳ן און האט איהם א ווײלע באטראכט . . .

ר׳ שמואל האט אראפגעלאזען זיין קאפ און שטילערהייד האט ער וידוי געזאגט . . .

— שרעק זיך ניט, מיר זיינען דיר ניט געקומען טהאן שלעכטעס — האט איהם אבו נאסיף געזאגט.

— איך האב אין מיין לעבען קיינעם קיין שלעכטעס געטאן. ערבארימט זיך איבער מיין פרוי און קינדער און לאזט מיר פריי . . .

— מיר האבען צו דיר גאר ניט, מיר ווילען דיר געווים בעפרייען. דו וועסט דארפען זעהען דאס דיין פאמיליע זאל אונז צושטעלען א געוויסע סומע אויסלייז געלד . . .

— וואס האט איהר צו מיר געהאט, פארוואס האט איהר מיר אויסגעקליבען פאר דעם קרבן — האט זיך ר׳ שמואל געבעטען מיט טרעהרען.

— דאס איז דיין אייגענער שולד — האט אבו נאסיף געלאכט — פארשטעהסטו מיר. מיר נויטיגען זיך אין א געוויסע סומע געלט, ווען מיר האבען באמערקט די דורכפאהרענדע סוחרים האבען מיר באשלאסען איינעם פון זיי ארייצונארען און ארויסקריגען פון איהם די נויטיגע סומע געלט. נו, יעצט אז דו האסט זיך געלאזען ארייננארען, וועסטו דארפען אונז צושטעלען דאס געלט, אויב דו ווילסט בעפרייט ווערען.

— אין קארדאווא האב איך זעהר א גוטען פריינד, א שקלאפען הענדלער — האט איהם ר׳ שמואל געזאגט — עס איז מעגליך דאס איהר קענט איהם אויך, ווייל ער פיהרט א גרויסען מסחר מיט שקלאפען. אויב איהר וואלט זיך קענען פארבינדען מיט איהם, וואלט ער אייך צוגעשטעלט די נויטיגע סומע אויסלייז געלט.

— ווער איז ער דאס, און ווי הייסט ער ? — האט אבו נאסיף נעפרעגט.

— ער הייסט חפני אבן זמרי און ער איז דער איינציגער אידישער שקלאפענהענדלער אין קארדאווא — האט ר׳ שמואל געענטפערט.

— חפני אבן זמרי ? ! . . . — האט אבו נאסיף איבערגע׳חזר׳ט — ניין, איך האב קיינמאל ניט געהערט פון איהם.

— דו קענסט זיך נאכפרעגען ביי די אנדערע שקלאפען פאנגער, פיליכט וועסטו פון זיי דערגעהן וועגען איהם, און איך פארזיכער דיר, אז עס וועט דיר

פון דעם אויך אַרויסקומען אַ טובה, ווייל ער וועט זיך געוויס מיט דיר פאַרבינ־דען אין שקלאַפען מסחר.

— ווי דו דערצעהלסט מיר, איז ער אויך אַ איד, ווי דו, טו וואָס וועל איך טהאָן, אויב ער וועט מיר איננאַנצען פערראַטען. ניין, מיר דאַרפען ניט אַנקו־מען צו קיינע פרעמדע פאַרמיטלער. מיר האָבען אונזערע אייגענע וועגען ווי אַזוי אַרויסצוקריגען געלט. אַלזאָ, מיר ווילען דאָס דיין פאַמיליע זאָלען אונז צו־שטעלען הונדערט טויזענט שקלים, ווען מיר וועלען קריגען דאָס געלד אָהן קיינע שטערונגען, דאַן בעפרייען מיר דיר; און אויב מיר וועלען דאָס געלד ניט קריגען אָדער מיר וועלען טרעפען הינדערניסען אויף אונזער וועג, דאַן וועט דיין בלוט פאַלען אויף דיין פאַמיליעס קאָפּ . . .

חפני, וועלכער איז געשטאַנען נעבען לייטער, האָט אויפגעציטערט ווען ער האָט דערהערט דאָס ר' שמואל דערמאָנט זיין נאָמען . . . ער האָט זיך געטראַכט, אפשר איז איהם ר' שמואל חושד דאָס ער האָט אַ האַנט אין זיין פאַנגשאַפט . . . ער מוז דאָס באַלד אויסגעפינען, אויב יע, וועט ער, נאָכדעם ווי זיי וועלען אַרויס־קריגען פון איהם דאָס געלט, מוזען באַצאָהלען מיט זיין לעבען. ער וועט מוזען איינשטימען מיט אַבו נאַסיף'ן דאָס מען זאָל איהם טויטען . . . יעצט אַבער, ווען ער האָט געהערט דאָס ר' שמואל זוכט גאָר זיך צו באַפרייען דורך איהם, איז אַראָפּ אַ שטיין פון זיין האַרצען . . . נאָך מעהר, אויב אַזוי, וועט ער דאָך האָבען אַ גלענצענדע געלעגענהייט ווי צו קריגען שושנה'ן . . . ער וועט דאָך איהר קענען איבערצייגען דאָס מיט זיין ערפאַהרונג און שכל האָט ער געראַטעט איהר פאָטער פון זיכערען טויט . . .

חפני האָט אַ מאַך געטאָן מיט זיין האַנט צו אַבו נאַסיף'ן און איהם אַ וואונק געטאָן דאָס ער וויל מיט איהם ריידען.

— דו ריהר זיך ניט פון דיין פּלאַץ ביז וואַנען מיר וועלען זיך צוריקקעה־רען — האָט אַבו נאַסיף אָנגעזאָגט ר' שמואל'ן און איז מיט חפני'ן אַרויס פון הייהל.

— דיינקסטו דאָס דער אַלטער איז חושד אַז איך בין מיט דיר פאַרבונדען?

— האָט איהם חפני געפרעגט.

—דאָס קען איהם גאָר ניט איינפאַלען — האָט איהם אַבו נאַסיף בארוהיגט

— פאַרשטעהסטו מיך, ער גלויבט דאָס דו ביזט זיינער אַ פריינד, און אַזוי ווי דו האַנדעלסט מיט שקלאַפען, קענסטו דאָך אָט די אַלע וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט דעם שקלאַפען פאַנגען. נו דענקט ער, דער אַלטער נאַר, ווען דו וועסט דערהערען דאָס ער איז אַ געפאַנגענער, וועסטו זעהען פועל'ן ביי אונז דאָס מען זאָל איהם באַפרייען . . .

— אויב אזוי — האָט חפני אויסגערופען צופרידען — איז דאָס דאָך גאָר בעסער ווי געוואונשען . . . זאָג איהם דאָס דו האָסט יעצט אויסגעפונען, דאָס איינער פון דיינע פריינד האָט יע געהערט וועגען א שקלאַפען הענדלער מיט דעם נאָמען חפני און ווען ער וועט שרייבען דעם בריעף זאָל ער בעטען זיין פאַמיליע זיי זאָלען מיר זעהען... און דאַן וועט שוין שושנה בעלאַנגען צו מיר...

— גוט, — האָט אבו נאסיף איינגעשטימט און זיי זיינען ווידער ארונטער אין הייהל.

ר' שמואל'ס טרויער און יאוש האָט זיך פארגרעסערט. דער איינציגער האָפענונג, דאָס חפני וועט איהם קענען ארויסהעלפען אין נויטה, איז געוואָרען צו גאָרנישט, ווייל זיינע פאַנגער האָבען מורא דאָס ער זאָל זיי נאָכהער ניט פערראַטען . . . ער וועט שווערען און זיי פארזיכערען דאָס חפני וועט זיי ניט פערראַטען. זיי זאָלען איהם נאָר גלויבען . . . יע, חפני איז דער איינציגער וואָס וואָלט מיט זיי דורכגעקומען . . . ווי אבער קען ער זיי איבערצייגען, דאָס זיי דארפען ניט מורא האָבען פאַר איהם . . .

אָט קומען זיי ווידער, ער הערט זייערע טריט . . . דאָס הארץ קלאַפּט איהם, די אויגען שווינדלען איהם . . .

— יעצט וועסטו מוזען שרייבען א בריעף צו דיין פאַמיליע, זיי זאָלען אונז צושטעלען די הונדערט טויזענט שקלים — האָט אבו נאסיף געזאָגט צוגעהענדיג צו ר' שמואל'ן. — איך האָב יעצט געפרעגט איינעם פון מיינע פריינד, וועגען דעם שקלאַפען הענדלער, וועגען וועמען דו האָסט פריהער מיט מיר גערעדט און ער האָט מיר געזאָגט, דאָס ער האָט פון איהם געהערט . . יעצט אויב דו פארזיכערסט אונז דאָס ער וועט מיט אונז טהאָן מסחר, קענסטו אנדייטען אין בריעף צו דיין פאַמיליע, דאָס ער זאָל זיך זעהען מיט אונזער שליח, אבער דאָס געלט וועלען זיי מוזען סיי ווי סיי צושיקען.

— דאָס קען איך אויף זיכער זאָגען — האָט ר' שמואל געזאָגט עטוואָס מונטערער — אויב איך וועל דאָס פון איהם פארלאַנגען וועט ער עס זיכער טהאָן.

— ווי ביזטו עס אזוי זיכער — האָט איהם אבו נאסיף געפרעגט — אויב ער טהוט מסחר מיט אנדערע שקלאַפען פאַנגער, גלויב איך ניט דאָס ער וועט דיר וועלען פאָלגען . . .

— חפני איז שטארק פארליעבט אין מיין טאָכטער — האָט ר' שמואל גע־ענטפערט — ער האָט איהר איינמאָל געראַטעט פון זיכערען טויט, אבער צוליעב א מיספארשטענדענים האָבען מיר ניט געוואָלט ער זאָל איהר הייראַטען, און דא־ריבער איז זי פאַר'קנסט געוואָרען צו א צווייטען. יעצט זעה איך דאָס זי איז געווען זיין באַשערטע און גאָט שטראָפט מיר צוליעב דעם וואָס איך האָב געזינ־

דיגט געגען חפני׳ן, איך האב זיך דאריבער א נדר געטאן דאס אויב איך וועל בע־פרייט ווערען, וועל איך זעהען דאס מיין טאכטער זאל הייראטען מיט איהם, דאריבער בין איך זיכער דאס ער וועט פאלגען אלעס וואס איך וועל איהם הייסען...

— ווען איך פריג איהם אריין אלס מיין שטענדיגען סוחר — האט אבן נאסיף כיטרע א זאג געטאן — דאן וועל איך דיר אומקעהרען די גאנצע סומע אויסלייז געלט וואס איך וועל אריינקריגען פון דיין פאמיליע.

אבו נאסיף האט איהם דערלאנגט א פעדער מיט טינט. ר׳ שמואל האט זיך אוועקגעזעצט נעבען טישעל און אבו נאסיף האט איהם דיקטירט וואס צו שרייבען:

”איך, שמואל אבן ברוך, געפין זיך יעצט אין די הענד פון מיינע פאנגער. זיי פאדערען הונדערט טויזענד שקלים אויסלייז־געלד פאר מיר. זעהט צו קריגען דאס געלד און גיט עס איבער צום שליח. דערצעהלט קיינעם נישט וועגען דעם. ווארים אויב מיינע פאנגער וועלען זיך דערוויסען דאס זייער שליח האט געהאט שטערונגען אין זיין וועג, וועלען זיי מיר געווים טויטען. איך בעט אייך נאך אמאל צו זיין זעהן פארזיכטיג, ווייל מיין לעבען הענגט אויף א האר“...
אייער מאן און פאטער, שמואל אבן ברוך.

— אויב דו האסט נאך עפעס צו שרייבען, — האט איהם אבו נאסיף גע־זאגט, — ערלויב איך דיר עס צו טהאן, אבער דו קענסט נאר שרייבען דאס וואס מיר וועט געפעלען ווערען.

— מעג איך צושרייבען דאס מיין טאכטער זאל זיך זעהן מיט חפני׳ן וועגען דעם, — האט ר׳ שמואל געפרעגט האלטענדיג די פעדער אין האנד.

— שרייב!

ר׳ שמואל האט ווידער גענומען שרייבען:

”נ. ב. — מיין ליעבע טאכטער שושנה, דו זעהסט דאך ווי מיין לעבען איז אין גרויס סכנה. איך האב מיינע פאנגער געפרעגט אויב זיי וואלטען וועלען פערהאנדלען מיט חפני׳ן וועגען מיר. און כאטש זיי קענען איהם נישט, נאר וויבאלד איך האב זיי געזאגט, דאס חפני איז א שקלאפען־הענדלער, און עס איז מעגליך דאס ער זאל מיט זיי תמיד טהאן מסחר, האבען זיי צוגעשטימט דאס ער קען אריינגעבראכט ווערען אין דיזען געהיימנים... אלזא, מיין ליעבע טאכטער, וואלט איך וועלען דאס איידער דער שליח קריגט דאס געלד, זאלסטו זיך זעהן מיט חפני׳ן און איהם צייגען דיזען בריעף. פיעלייכט וועט ער מיטגעהן מיט דעם שליח און פיהרען פערהאנדלונגען מיט מיינע פאנגער. בעט איהם אויך דאס ער

זאָל זעהר פאָרזיכטיג זיין און מיט קיינעם וועגען דעם נישט ריידען, ווייל מיין לעבען איז אין גרויס סכנה.

דיין פאטער, שמואל".

ר' שמואל האט געענדיגט שרייבען. אבו נאסיף האט דעם בריעף איבער־געלייענט, ארייגעלייגט צו זיך אין קעשענע און צוזאמען מיט חפני'ן ארויס פון היכל.

— יעצט, מיין טהייערער חפני, קענסטו זיכער זיין אז שושנה וועט זיין דיין פרוי, — האט איהם אבו נאסיף געזאגט, — אלעס איז אונז געלונגען ביז אהער, און איך בין זיכער, אז אונזער פלאן וועט אין גאנצען פארווירקליכט ווערען.

— אויף אזוי פיעל האב איך זיך שוין גארנישט געריכט, — האט חפני געלאכט, — ער זאל מיר האלטען פאר זיינעם א גוטען פריינד און וועלען איך זאל איהם ארויסהעלפען... דאס צייגט יעצט אז מיין מזל האט זיך צו מיר אומ־געקעהרט, און די שעהנע שטאלצע שושנה וועט ענדליך געהערען צו מיר...

— דו געדיינקסט ווען דו ביזט צו מיר געקומען א פארזארגטער, א מוטה־לאזער און א פארצווייפעלטער, און ווען איך האב דיר געזאגט נישט צו זארגען, אז אלעס וועט רעכט ווערען, איך וועל דיר העלפען קריגען דיין שושנה'ן, האסטו מיר געענטפערט מיט א יאוש'דיגען טאן, דאס דו האסט מורא אז קיינע עצות וועלען שוין דיר נישט העלפען... יעצט זעהסטו דאס ווען אבו נאסיף זאגט עפעס צו, וויים ער וואס ער רעדט...

— איך בין דיר זעהר דאנקבאר אבו נאסיף, איך פיהל זיך גליקליך דאס איך האב געפונען אין דיר אזא קלוגען און איבערגעבענעם פריינד. נאר פון דעסטוועגען האב איך מורא, טאמער וועט דער שליח געכאפט ווערען... פערשטעהסטו מיר, חסדאי קומט דאך אריין צו שושנה'ן יעדען טאג, און ווען ער וועט דערהערען די גאנצע געשיכטע, וועט ער גלייך מאכען אן אויספארשונג און קען נאך צווינגען דעם שליח זיך מודה צו זיין און דאן וועט אלעס ענטדעקט ווערען...

— וועגען דעם האסטו געווים גארנישט צו זארגען, — האט אבו נאסיף געזאגט, — אין בריעף בעט ער אז זיין פאמיליע, זיי זאלען קיינעם וועגען דעם נישט דערצעהלען, א חוץ דיר, וועלען זיי דאך געווים פאלגען. זיי וועלען נישט וועלען ריזיקירען מיט זיין לעבען... און א חוץ דעם וועל איך שיקען איינעם אויף וועמען מען קען זיך גוט פארלאזען... מען זאל פון איהם אפילו שניידען שטיקער פלייש, וועט מען גארנישט קענען ארויסקריגען פון זיין מויל. האט מען עפעס געקענט ארויסקריגען פון מיינע צוויי בראווע קנעכט, מוק טאראב און אבדו מאלעק? דו האסט דאך געהערט וויפיעל מען האט זיי געמאטערט. מען

האט זיי געפרעגט, אויסגעפארשט, אבער קיין זאך האט נישט געהאלפען; זייער מויל איז ווי פארזיגעלט געווען...

— אפשר וואלט געווען א סברא אז מען זאל טאקי איינעם פון זיי שיקען אלס שליח צו קריגען דאס געלד פון שושנה׳ס פאמיליע? — האט זיך חפני ארויסגערעדט.

— האסטו פארלארען דיין זינען, אדער ביזטו בערוישט פון דעם ווייך וואס דו האסט פריהער געטרונקען?... ווי אזוי קענסטו גאר ארויסריידען אזא נארישקייט... ווייסטו נישט, ווען איך שיק מוק טאראב׳ן אדער אבדו מאלעק׳ן אלס שליח וואלט דאס געמיינט דאס מיר אליין פערראטהען זיך. מען וואלט דאך איהם גלייך דערקענט... און דער חשד וואלט גלייך געפאלען אויף מיר און אויך אויף דיר! . . .

— ענטשולדיג מיר, אבו נאסיף, איך האב גאר וועגען דעם נישט געטראכט. איך בין אזוי פער׳שכור׳ט פון מיין גליק דאס איך האב זיך נישט איבערלעגט וואס איך האב געזאגט. איך וואונדער זיך יעצט אויף זיך אליין, ווי אזוי איך האב געקענט ארויסזאגען אזא אומגעלומפערטע זאך!...

— אויף פערליעבטע און שכור׳ע דארף מען זיך שטארק נישט וואונדערען. — האט אבו נאסיף געלאכט.

— יא, איך וויל דיר דערמאהנען, — האט זיך חפני אפגערופען, — זאג אן דעם שליח דאס ער זאל נישט קומען צו שושנה׳ס הויז אין אבענד, ווייל דאן קען ער נאך טרעפען חסדאי׳ן אין הויז. די בעסטע צייט איז אין־דער־פריה... חסדאי קומט קיינמאל נישט אין־דער־פריה. און זאג אויך אן דעם שליח, ער זאל זיי שטרענג ווארענען קיינעם וועגען דעם נישט דערצעהלען.

— דו מעגסט רוהיג שלאפען, — האט איהם אבו נאסיף געקלאפט איבער׳ן פלייצע, — אלעס וועט ריכטיג בעזארגט ווערען.

24סטער קאפיטעל

דעם קאליף׳ס פארבאט

נאך דעם גרויסען ויכוח וואס חסדאי אבן שפרוט האט געהאט מיט דעם קאליף וועגען די באשערטקייט פון הייראטה, האט דער קאליף נאך פיעל גערעדט וועגען דעם מיט זיינע מיניסטארען און מיט זיין קאליפין עז־זאראה, ווען חסדאי איז דערביי נישט געווען.

— חסדאי איז אן אויסערגעוויינליכער פעהיגער יונגערמאן, — האט דער קאליף געזאגט, — זיינע ווערטער זיינען קלוג, לאגיש און אויסגערעכענט, אבער

פון דעסטוועגען קען איך זיך פארט נישט ניט ערלויבען צו זאגען דאס ער איז געווען גערעכט. איך קען זיך ניט פארשטעלען ווי אזוי דאס וואלט געקענט פארקומען... אבער איין זאך מוזען מיר אלע מודה זיין, דאס אזא מאן ווי מיין הויפט־מיניסטער חסדאי איז א גליק פאר אונזער פאטערלאנד. פיעלע מאל האט ער שוין אונזער לאנד ארויסגענומען פון גרויסע סכנות. געלויבט איז דער אלמעכטי־גער, אונזער געבענשטע לאנד איז מעכטיג און שטארק, מיר האבען קיין מורא ניט פאר אנפאלען פון אונזערע שונאים... די קונסט אבער ליגט נישט אין מלחמה, יעדער איינער, ווי אונפעהיג ער זאל נישט זיין קען ארויסרופען מלחמה... די קונסט ליגט אין אויסהיטען צוויי פיינדליכע נאציאנען פון מלחמה... אין דעם שלום צווישען פעלקער ליגט די קונסט און שכל, און אין דעם איז זיין קראפט זעהר גרויס... ווען דער דייטשער קייזער אטא דער ערשטער האט שוין געהאט פערזאמעלט זיינע חילות און געוועז גרייט אנצופאנגען א פירכטערליכען שלאכט פאר די כלומרשטע בעליידיגונג וואס זיינע געזאנדטע האבען געקרא־גען. און ווען נישט מיין געטרייער חסדאי וואלט פיעלע אומשולדיגע און אומ־זיסטע בלוט פארגאסען געווארען.

— איך גלויב קוים, — האט דער אלטער אבן מומין געזאגט, — דאס חסדאי'ס ארײנלייגען זיך אין דער לייננ און אין דער ברייט וועגען מאכען שלום איז געוועז פון לויטער פאטריאטישע געפיהלען צו אונזער פאטערלאנד.

— וואס מיינסטו דערמיט? צווייפעלסטו דען אין חסדאי'ס עהרליכקייט און זיין איבערגעבענהייט צו מיר? — האט דער קאליף מיט ערשטוינונג גע־פרעגט.

— אה, ניין, גנעדיגער קאליף, — האט זיך דער אלטער מיניסטער גענומען ארויסדרעהען פון דעם פלאנטער וואס ער האט יעצט אנגעמאכט, — איך מיין אז ע... איך מיין, אז דער פאטריאטיזם איז ביי איהם נישט געווען דער איינ־ציגער מאטיוו. מיר דארפען נישט פארגעסען, אז אין קארדאווא געפינען זיך זעהר פיעל אידען... נו... און א מלחמה מיינט, דאס פיעלע פון די אידען וועלען גערופען ווערען צום מיליטער... פיעלע פון זיי וועלען פאלען אין שלאכט־פעלד און פיעלע וועלען זיך איינגאנצען וועלען ארויסדרעהען פון שלאכט... נו, אום צו פארמיידען דיזע אונאנגענעהמע לאגע זיינען גרעסערע מאטיווען פון א אידישען מיניסטער!...

—דאס איבערצייגט מיר, — האט דער קאליף געזאגט מיט כעס, — אז דיין שנאה צו דעם זאנדערבארען אידישען פאלק רעדט אין דיר... דו אליין ווייסט ווי בראוו און העלדיש די אידען האבען געקעמפט אין אונזערע רייהען געגען דעם אלגעמיינעם שונא, וועלכער האט פאר פיעלע יאהרען געדריקט אונזערע ברידער,

ווי ליבען האָבען זיי געקעמפט! און טאַקי א דאַנק די אונגעהייערע גרויסע הילף וואָס די אידען האָבען געלייסטעט אונזערע עלטערען, זיינען מיר יעצט א שטאַרקע מעכטיגע נאַציאָן, און מיר בעזיצען דיזע פּראַכטפאָלע לאַנד. איך בין איבערצייגט, אז ווען, בעהיטע גאָט, א מלחמה זאָל אויסברעכען צווישען אונזער קעניגרייך און א צווייטע, דאָס די אידען וועלען זיין די ערשטע אין די רייהען צו קעמפען פאַר אונזער פאָטערלאַנד... און וועגען חסדאַי'ן? וויפיעל כבוד און שטאָלץ ער האָט אונזער לאַנד פאַרשאַפט ווען ער האָט אויסגעהיילט דעם פעטען קעניג, סאַנקאָ, האָט ער דאַן אויך געהאַט אַנדערע מאָטיווען?...

דער שונא ישראל אבן מומין, האָט מעהר גאָרנישט גערעדט, ער האָט זיך ארומגעזעהען דאָס ער איז ארייַנגעפאַלען און האָט פאַרשטאַנען אז דאָס בעסטע איז פאַר איהם צו שווייגען...

דעם קאַליף'ס איבריגע מיניסטאָרען האָבען געזעהען א שטיקעל נקמה אין אבן מאמין, ווייל שטאַרק ליעב האָבען זיי איהם נישט געהאַט צוליעב דעם וואָס ער האָט זיך גרויס געהאַלטען געגען זיי און געוואָלט זיי זאָלען איהם אָפּ־געבען כבוד, אויב נישט צוליעב זיין חכמה, לכל הפחות צוליעב זיין עלטער...

— איך ווינש נאָר איין זאַך, — האָט דער קאַליף אונטערבראָכען די שטיל־קייט, — איך ווינש דאָס איך זאָל קענען חסדאַי'ן איבערצייגען דאָס זיין מיינונג וועגען היראַטה איז א פאַלשע... זיין מיינונג דאָס יעדען איינעם'ס זיווג איז פאַר איהם בעשטימט געוואָרען נאָך איידער ער איז געבאָרען געוואָרען און אז מיין עז־זאראַה וואָלט זיכער צו מיר געקומען אויב איך וואָלט איהר נישט געגאַנ־גען זוכען, דאָס ערגערט מיר זעהר פיעל... כל זמן איך וועל איהם נישט קענען איבערצייגען דאָס עז־זאראַה האָט קיינמאָל אין איהר לעבען געהאַט א מעגליכ־קייט צו קומען אהער אין קאָרדאָווא, וועל איך זיך פיהלען געערגערט; מיר וועט זיך אימער דוכטען דאָס מיין רייזע נאָך אראַביען איז געווען ניט אין גאַנ־צען בערעכטיגט... און כאָטש דער צוועק פון מיין רייזע איז אויך געווען זיך צו בעקענען מיט די מנהגים, זיטען און טראַדיציאָנען פון אונזערע ברידער אין אראַביען, איז דאָך אָבער מיין הויפּט מאָטיוו געווען צו געפינען דאָרט מיין זיווג, און לויט חסדאַי'ס מיינונג, האָב איך צוליעב דעם נישט געדאַרפט מאַכען אזא קאָסטבאַרע רייזע און פעראורזאַכען אונזער פאָטערלאַנד אומזיסטע ליידען פון מיין דריי מאָנאַטענדיגע אבוועזענהייט...

— דאָס איז געווען מיין כונה, —האָט אבן מאמין געזאָגט, — ווען איך האָב גערעדט געגען חסדאַי'ן. איך האָב געמיינט צו צייגען זיין מאַיעסטעט, דאָס נישט אַלעס וואָס חסדאַי זאָגט איז ריכטיג און בפרט אין דעם ענין פון באַשערט־קייט איז ער אין גאַנצען אומגערעכט, אין אזא זאַך קען מען זיך אויף נסים געוויס נישט פאַרלאָזען... און איך וויל פאַרזיכערען דעם ווירדיגען קאַליף און דער

קאליפין דאָס די רייזע פון זיין מאַיעסטעט איז געווען א נויטווענדיגע, און דער קאליף האָט קיין אורזאכע צו האָבען דערפון עגמת נפש.

— אבער ווי אזוי קען איך איהם איבערצייגען דאָס איך בין גערעכט. קענסטו מיר געבען אן עצה צו איבערצייגען איהם, דאָס ער זאָל קומען און מיר מודה זיין אז איך בין גערעכט און אז יעדער איינער מוז זיין געליעבטע אליין געהן זוכען, ווייל זי זעלבסט וועט צו איהם נישט קומען.

אבן מאמין האָט א ווייל געטראַכט, נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופען:

— איך האָב א פּלאַן, און איך גלויב אז דער פּלאַן איז זעהר א גוטער.

— נו, וואָס איז דיין פּלאַן, — האָט דער קאליף אומגעדולדיג געפרעגט.

— ווי איך ווייס, — האָט דער אלטער מיניסטער געזאָגט, — איז חסדאי פערליעבט אין איינע פון די שעהנסטע מיידלעך אין קאָרדאָווא און ער קומט איהר בעזוכען יעדען אבענד... מיין עצה דאריבער איז, אז דער קאליף זאָל חסדאי'ן פערבאָטען צו געהן בעזוכען זיין געליעבטע, און נישט נאָר זאָל ער אויפהערען איהר בעזוכען, זאָנדערן ער זאָל פערבאָטען ווערען צו דערצעהלען איהר די אורזאכע וועגען זיין פּלוצלינגען אויפהערען איהר בעזוכען, אפילו נישט דורך א שליח. דער קאליף זאָל חסדאי'ן באשווערען דאָס ער זאָל קיינעם נישט ענטדעקען די גזרה וואָס איז אויף איהם ארויפגעלייגט געוואָרען... זאָל אפילו זיין געליעבטע אליין איהם קומען פרעגען די אורזאכע, זאָל ער נישט ערלויבט ווערען צו ערקלעהרען איהר וועגען דעם אפילו מיט איין וואָרט... און אויב, ווי ער זאָגט, אז דאָס וואָס איז באשערט פון גאָט מוז עס יענעם אנקומען, — זאָל דאן זיין גאָט ארויסצייגען א נס און טראָץ דעם קאליף'ס פערבאָט, זאָל ער מאכען דאָס חסדאי זאָל הייראטען מיט זיין געליעבטע... און אויב נישט וועט ער זיך ארומזעהען און זיך איבערצייגען דאָס ער איז אומגערעכט און וועט דאן בעטען דעם קאליף ארונטערצונעהמען דעם פערבאָט אום ער זאָל קענען הייראטען זיין געליעבטע!...

— דאָס איז א וואונדערבארער פּלאַן, — האָט די קאליפין געזאָגט, — חסדאי וועט געוויס קיין לאנגע צייט נישט קענען אויסהאלטען נישט צו זעהן זיין הארצענס-ליעבענדע כלה, וועט ער געוויס באלד צו דיר קומען בעטען ערלויבניס איהר יא צו זעהן, און דו גיב איהם קיין ערלויבניס פריהער ער וועט זיך פאר אלעמען מודה זיין דאָס דיין מיינונג וועגען הייראטה איז די גערעכטע...

דעם קאליף אליין איז די עצה אויך שטארק געפעלען געוואָרען, ער וועט דערמיט קענען אויספּרובירען חסדאי'ס שטארקען כאראקטער און טאקי אליין זעהן צו זיין טעאָריע וועגען הייראטה איז אן אויסגעהאלטענע...

* * *

אויף מאָרגען ווען חסדאי איז געקומען צום קאליף, האָט ער איהם זעהר פיין

אויפגעגאַנגען. ער האָט מיט איהם פאַרבראַכט ביז שפּעט אין אָבענד. דער קאַליף האָט באַמערקט ווי חסדאי ווערט אומרוהיג.

— איך זעה אַז דו ווילסט זיך ערגעץ וואו צו געהן, — האָט איהם דער קאַליף געזאָגט, — אויב עס איז פאַר דיר זעהר וויכטיג, וועל איך דיר נישט אָפּהאַלטען, אָבער איך בעט דיר, זאָג מיר וואוהין ווילסטו יעצט געהן? זאָג מיר די ריינע וואָהרהייט, פאַרלייקענען גאָרנישט פון מיר!...

— הם... איך... איך האָב זיך שוין לאַנג געקליבען צו דערצעהלען ווענען דעם זיין מאַיעסטעט, אָבער איך האָב נישט געהאַט די געלעגענהייט... יעצט ווען דער קאַליף האָט דיזע זאַך אָנגערירט, וויל איך דעם גנעדיגען קאַליף דער־צעהלען, דאָס איך בין אַ גליקליכער חתן צו איינער פון די שעהנסטע און קליגסטע מיידלעך אין קאָרדאָוואַ. יעדען אָבענד ווען איך ווער פריי פון מיינע אַרבייט און פליכטען, פאַרברענג איך אַ פּאָר גליקליכע שטונדען מיט מיין ליעבענדע שושנה.

— ווער איז דאָס די גליקליכע שושנה? — האָט דער קאַליף געפרעגט.

— זי איז מיין באַשערטע פון הימעל, — האָט חסדאי געשמייכעלט.

— ביזטו איהר געגאַנגען זוכען, אָדער זי האָט דיך געפונען?...

— דער ליעבער גאָט האָט איהר געשיקט צו מיר... דאָס איז געווען מיט דריי יאָהר צוריק, דאַמאָלס ווען דער ווירדיגער קאַליף האָט מיר געלאָזט אַרעס־טירען צוליעב די ליעד וואָס איינער אַן אומווירדיגער מענש האָט געלעסטערט די קאַליפין, און דערנאָך אַנגעוויזען דאָס איך בין דער מחבר פון דעם דאָזיגען ליעד...

— אָה, יאָ, איך עראינער זיך, ווען נישט יענער אומווירדיגער מענש, וואָלסטו יעצט נישט געווען מיין הויפּט־מיניסטער, — האָט דער קאַליף געלאַכט.

— אָבער וואָס געהערט דאָס אַן מיט דיין באַשערטע?

— אויב דער קאַליף עראינערט זיך, דאָס אין דער צייט ווען איך בין גע־שטאַנען אַ בעשולדיגטער און געהאַט זעהר גרויסע שוועריגקייטען איבערצייגען מיין אומשולד, איז געקומען אַ יונגע מיידעל און געזאָגט דאָס זי האָט געפונען דאָס צווייטע העלפטע פּאַפּירעל אויף וואָס עס איז געווען אָנגעשריבען דער אָריגינעלער ליעד, אַ לויב־געזאַנג פאַר דעם קאַליף און קאַליפין... און אַ דאַנק דעם מיידעל האָט זיך דער קאַליף באַלד איבערצייגט אין מיין אומשולד... און דאַן איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב איהר דערזעהען... און יעצט איז זי מיין כלה.

— ווי איך דערמאָהן זיך יעצט, איז זי געווען אַ זעהר שעהנע מיידעל. אויב אַזוי ווינש איך דיר גליק און גיב אייך מיין ברכה פון טיעפסטען האַרצען, אָבער זאָג מיר, איך בעט דיר, ביזטו נאָך דעם ווי דו האָסט איהר צום ערשטען מאָל געזעהען צו איהר אַהיים נישט געגאַנגען.

— המ... געוועהנליך ביז איך צו איהר געגאַנגען, וויל זי איז מיר באַשערט פון הימעל, פערציג טעג איידער זי איז געבאָרען געוואָרען, און דער וואָס רוהט אין די הימלען האָט מיר אריינגעגעבען א געדאַנק איך זאָל איהר גיהן בעזוכען...

— דו האַלסט זיך נאָך אַלץ ביי דיין מיינונג דאָס די באַשערטע מוז אנקומען צום באַשערטען, — האָט דער קאַליף איהם געזאָגט, — ווי וואָלט זיין ווען דו וואָלסט צו איהר נישט געקענט קומען, לאָמיר זאָגען צוליעב א געוויסע סיבה, וואָלט זי דען אויך געוועהן יעצט דיין כלה?...

— ווען איך וואָלט נישט געקענט קומען צו איהר וואָלט גאָט געמאַכט זי זאָל קומען צו מיר...

— אָבער ווי וואָלט געוועהן, — האָט דער קאַליף איהם ווידער געפרעגט, — ווען עס שאַפט זיך אזא לאַגע ווען דו קענסט צו איהר נישט געהן, און זי וויל נישט, אָדער זי קען נישט געהן צו דיר... ווי אזוי וואָלט דיין טעאָריע אויס־געהאַלטען געוואָרען אין אזא פאַל.

— אויב עס איז באַשערט פון גאָט, קען אזא פאַל גאָרנישט פארקומען, און אויב עס קומט יא פאָר אזא לאַגע, געפינט שוין גאָט אַן אויסוועג און ברייננגט די באַשערטע פאָר צוזאַמען...

— קענסטו עס מיר איבערצייגען? — האָט דער קאַליף א נייגעריגער גע־פרעגט.

— ווען אזא צופאַל וואָלט פאָרגעקומען צווישען מיר און מיין שושנה׳ן, וואָלט איך דעם קאַליף געקענט איבערצייגען. אָבער ווי דער קאַליף זעלבסט זעהט דאָך קען גאָר אזא לאַגע נישט פאַרקומען צווישען באַשערטע...

— גלויבסטו אז דיין שושנה איז דיין באַשערטע פון הימעל?

— יא, גנעדיגער קאַליף, איך גלויב אזוי...

— אויב אזוי, — האָט דער קאַליף מיט אַן ערנסט געזאָגט, — באַשווער איך דיר, דאָס דו זאָלסט מעהר נישט געהן באַזוכען דיין געליעבטע כלה, סיידען דו וועסט פון מיר קריגען אַן ערלויבנים פאַר דעם, און איך שווער ביי אַללאה דאָס איך וועל דיר קיינמאָל נישט געבען אזא ערלויבנים, סיידען דו וועסט מיר מודה זיין, דאָס דיין מיינונג וועגען באַשערטקייט פון הייראַטה איז אַן אומ־געגרעכטע!...

— אָבער גנעדיגער קאַליף, — איז חסדאי בלאַס געוואָרען, — עס איז דאָך אזא הארבע שטראַף...

— נאָך מעהר, — האָט דער קאַליף ווידער געזאָגט, — דו מוזט מיר שווערען אז דו וועסט קיינעם אין דער וועלט נישט דערצעהלען וועגען מיין פאַרבאָט צו געהן זעהן דיין כלה, און ווען אפילו שושנה זאָל צו דיר אַליין קומען און פרעגען די אורזאַכע פון דיין פּלוצלינגען אויפהערען איהר צו בעזוכען, ביזטו פאַרבאָטען

נישט נאָר צו דערצעהלען וועגען דיין שבועה צו מיר, נאָר אפילו נישט אנדייטען וועגען דעם... און נאָך דיין מיינונג וועט דאָך דיין באשערטע אלץ איינס צו דיר אנקומען, וועסטו דאָך סוף כל סוף דורך דעם נאַרנישט ליידען, אלזאָ הויב אויף דיין האַנד און שווער מיר צי דו וועסט פאָלגען אלעס וואָס איך האָב דיר אַנגעזאָגט...

חסדאי האָט געטהאָן ווי דער קאַליף האָט איהם באַפוילען; ער האָט אויפגעהויבען זיין האַנד און מיט א ציטערנדע שטימע האָט ער געשוואָרען...

25טער קאַפּיטעל

די פאַרצווייפלונג

איינינע טעג זיינען פאַראיבער און חסדאי איז נישט געגאַנגען באַזוכען זיין שושנה'ן... זיין האַרץ געהט אויס פון בייַנקעניש און זיין נשמה לעכצט נאָך זיין הערצענס־ליעבענדע שושנה... ווי ער וואָלט איהר יעצט געוואָלט זעהן און אריינקוקען אין איהרע שעהנע קאַרשען אויגען... זי וואָלט אין זיין שטומען בליק געפונען די בעדייטונג, זי וואָלט געוויס פאַרשטאַנען אלעס וואָס אין איהם קומט פאָר . . .

די טעג זיינען נאָך צו דערליידען. אין דער פריה איז חסדאי פערנומען מיט דעם קאַליף. זיי בעטראַכטען צוזאַמען מלוכה־ענינים, פערברייננגען די צייט אין פערשידענע געשפּרעכען און ויכוחים... בייטאָג ווען חסדאי קעהרט זיך צוריק צו זיין פּאַלאַץ וואַרטען אויף איהם פערשידענע מענשען וועלכע קומען איהם בעזוכען; איינינע אום צו פרעגען זיין עצה, אַנדערע ווידער קומען בעטען הילף... קראַנקע קומען ער זאָל זיי היילען פון זייער קראַנקהייט... און זייענדיג אַזוי פערנומען דעם גאַנצען טאָג פיהלט ער נישט אַזוי שטאַרק זיין איינענע שמערצליכע לאַגע אין וואָס דער קאַליף האָט איהם געשטעלט... אַבער ווען עס קומט דער אבענד, די צייט ווען ער פלעגט טאָג־טעגליך געהן צו זיין געליעבטע שושנה, דאַן ווערען זיינע ליידען אונערטרעגליך...

איינזאַם פול מיט בייַנקעניש שפּאַצירט חסדאי אין די גרויסע צימערען פון זיין פּאַלאַץ; דאָס האַרץ איז איהם צעקלעמט... ער געפינט זיך קיין אָרט נישט... אַט געהט ער אַרונטער אין זיין גאָרטען, ער שפּרייזט הין און צוריק... און אַט געהט ער צוריק אַרויף צו זיין פּאַלאַץ, געהט אַרום פון איין צימער צום צווייטען... און אַט זעט ער זיך א זעץ אַוועק אויפ'ן שטוהל, זיין קאָפּ אַרונטערגעלאָזען און פערטיעפט זיך אין זיינע טרויעריגע געדאַנקען.

— די וועלט איז פול מיט יסורים און צרות, — טראַכט ער זיך, — אַזוי פיעל מענשען קומען צו איהם יעדען טאָג און גיסען אויס זייערע טרויעריגע

נעמיטהער ,יעדער איינער טראָגט זיין איינען פעקעל צרות... נעהמט ער אבער צוגלייכען זיין אומגליק, זיין בעשטראפונג, דוכט זיך איהם אז דאס שטייגט אריבער אלע צרות וואס עס איז איהם ווען דערצעהלט געוואָרען... אך, ווי גרויזאם דער קאַליף האָט איהם בעשטראָפט פאר זיינע איבערצייגונגען!...

עס איז מעגליך דאס דער גוט־הארציגער קאַליף האָט פּרובירט א שפּאס טהאָן מיט איהם... ער וויל איהם דערמיט איבערצייגען דאס ער איז גערעכט... אָבער, גאָט! וויפיעל אנגסט און ליידען אזא שפּאס פערשאַפט איהם! און נאָך מעהר: וויפיעל יסורים, פּיין און פאַרצווייפלונג דאס וועט געוויס פערשאפען זיין אומשולדיגע, ליעבינקע שושנה'ן... ער ווייס דאָך אז דאס איז נישט מעהר ווי א פאַרבייגעהענדער קאַפּריז פון דעם קאַליף, און פריהער אָדער שפּעטער, וועט דער קאַליף איהם מוחל זיין די שבועה... ער וועט שוין געפינען אן אויסוועג ווי אזוי די שבועה זאָל ארונטערגענומען ווערען פון איהם... אָבער זי, זיין געטרייע, ליעבע שושנה, ווייס דאָך גאָרנישט וואס דא קומט פאר!... וואָס וועט זי איבערטראַב־טען?... וואָס וועט זי דיינקען ווענען זיין פּלוצלינגען אויפהערען צו קומען צו איהר... זי קען דאָך איהם חושד זיין אין ווער ווייס וואָס: אין אונטרייהייט, אין בעטרוג און אין אַפּנאַרונג!... אך, איהר פערצווייפלונג מוז דאָך זיין שרעק־ליך! און נאָך יעצט, אין דער צייט ווען איהר פאטער איז אין־דער־היים נישטאָ... ווי טרויעריג און איינזאם זי מוז זיך פיהלען, וויפיעל טרעהרען הייסע און שטילע זי פערגיסט, זיין אָרימע שושנה!...

ער פרעגט זיך אליין צי האָט ער געהאט א רעכט גורם צו זיין שושנה'ן אזוי פיעל אומזיסטיגע עגמת נפש צוליעב זיינע איבערציינונגען... אפשר זאָל ער טאַקי באלד אוועקגעהן צום קאַליף און איהם זאָגען:

— געעהרטער קאַליף, איך בין זיך מודה דאס דיין מיינונג ווענען ליעבע און באַשערטקייט איז די גערעכטע... נעהם פון מיר ארונטער דיין שבועה... איך זעה דאס איך בין אומגערעכט...

אָבער ניין, ער קען דאס נישט טהאָן; ער קען נישט זיין, פאלש צו זיך און זאָגען א זאך וואס ער מיינט נישט... זיין גלויבען, זיין אידעאל איז ביי איהם זעהר הייליג... ער טאָר זיך זעלבסט נישט בעטריגען, נישט קוקענדיג וויפיעל ער ליידט דערפון.. נאָך אלעמען איז ער דאָך זיכער אז שושנה איז איהם באַשערט פון הימעל, און סוף כל סוף וועט זי דאָך געהערען צו איהם... זיין הארץ טהוט איהם אָבער וועה פאר איהר, פאר זיין געליעבטע כלה. ער געדענקט דאָך ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט ווענען די אונערטרעגליכע ליידען פון ליעבע... נאָט ווייס צי זי וועט עס קענען איבערטראָגען... אה, ווי ער ווינשט דאס גאָט זאָל איהר א געדאנק אריינגעבען דאס זי זאָל צו איהם קומען באַזוכען אין זיין פאלאַץ, דאָן וואָלט זי אפשר געקענט פארשטעהען אז "עפּעס" קומט דא פאָר... כאָטש

לויט דער שבועה וואָס ער האָט געגעבען דעם קאַליף, טאָר ער איהר נישט אפילו געבען אַן אַנצוהערעניש וועגען זיין פערבאָט. און ער טאָר איהר אויך נישט אָנ־דייטען אַז אַלעס וועט זיך ענדיגען גוט... אָבער פונדעסטוועגען פיהלט ער, דאָס אויב זי וועט קומען צו איהם, וואָלט פאַר זיי ביידען עטוואָס גרינגער געוואָרען... ער ווייס אָבער אַז דאָס איז אויך אַן אומזיסטע האָפנונג... צו שטאָלץ איז זי, שושנה, דאָס זי זאָל גיהן צו איהם אויסגעפינען די אורזאַכע פאַרוואָס ער האָט איהר אַזוי פּלוצלינג פאַרלאָזען...

א געדאַנק קומט חסדאי׳ן ארויף, אפשר זאָל ער זיך גאָר קראַנק מאַכען... וועלען דאָך אַלע אין שטאָדט וועגען דעם זיך דערוויסען... דאַן וועט זי דאָך געוויס קומען... אָבער ניין, ער קען דאָך דעם קאַליף נישט אָפּנאַרען... און דער קאַליף וועט נאָך אפשר אַליין זיך כאַפּען און פאַרשטעהען אַז דאָס איז א געמאַכטע זאַך... און ווידער וואָס וועט זיין אַז זי וועט שוין דאַן יאָ קומען ?... ער וועט דאָך איהר אַלץ איינס נישט קענען ענטדעקען די גאַנצע געשיכטע... זי וועט איהם נעהמען פרעגען פערשידענע פראַגען און ער וועט איהר גאָר נישט קענען ער־קלעהרען, וועט זי דערפון האָבען מעהר עגמת נפש... זי וועט געוויס ביינקען דאָס ער האָט איהר אויפגעהערט ליעב צו האָבען... ניין, ער טאָר דאָס נישט טהאָן...

יעדעס מאָל ווען איהר פאָטער פלעגט אָפּפאָהרען צוליעב מסחר, פלעגט שושנה ארומגעהן זעהר אומעטיג און באַזאָרגט. זי האָט זיך אימער געשראָקען עס זאָל, חלילה, מיט איהם נים פּאַסירען קיין אומגליק אין וועג . . . שטאַרק, זעהר שטאַרק האָט זי איהר פאָטער און מוטער ליעב געהאַט. איהר קלוגער, געלערענטער פאָטער ! ווי זיס און אַנגענעהם עס איז געוועזען פאַר איהר צו פאַרברייינגען מיט איהם און הערען זיינע קלוגע הארציגע ווערטער, זיינע משלים און מליצות, זיינע מעשה׳לאַך פון תלמוד און מדרש . . . די קורצע צייט וואָס ער פלעגט אָפּפאָהרען פון דעם היים, איז פאַר שושנה׳ן געוועזען ווי אַן עביג־קייט . . . און מיט דעם גרעסטען אונגעדולד פלעגט זי וואַרטען אויף איהר פאָטער׳ס צוריקקעהר.

ר׳ שמואל׳ס לעצטע רייזע האָט שושנה׳ן בעאומרוהיגט מעהר ווי די פריה־ערדיגע. אין דער צייט ווען איהר גליק איז אַזוי גרויס און נאָהענט, האָט זי נאָך מעהר ווי אַלע מאָל געוואָלט דאָס ער זאָל בלייבען אין דער היים ; זי האָט געוואָלט זיך טיילען איהר גליק מיט אַלע איהרע ליעבע און טייערע. גע־שראָקען האָט איהר עפּעס דאָס הארץ . . . איהר פרייד און גליק זיינען אריבער אַלע גרעניצען . . . זי האָט מורא באַקומען עפּעס זאָל נים פּאַסירען און צו־נישט מאַכען איהר הימלישע גליקזעליגקייט . . . זי איז אַליין נים זיכער צו איז זי ווערטה אַזאַ מאַן ווי חסדאי, וואָס א חוץ זיין שעהנקייט און העלדישקייט, זיין קלוגשאַפט און געלערנטקייט, איז ער יעצט געוואָרען דער הויפּמיניסטער

ביים קאַליף . . . ער איז איינער פון די גרעסטע מענשען אין דער וועלט. און ער געהערט נאָר צו איהר אליין . . . ווי זיכערער זי וואלט יעצט מיט איהר גליק געווען ווען איהר פאָטער וואלט געווען אין הויז; זי שטאָלצירט דאָך אזוי פיעל מיט איהר ליעבען פאָטער. זי פיהלט אז נאָר צוליעב זיין זכות קומט איהר אַן אזא גליק . . . און כאָטש מרים איז אליין געווען בעזאָרגט און שטאַרק גע־ביינקט נאָך איהר מאַן, האָט זי נאָך געגומען טרייסטען און בארוהיגען איהר ליעבע טאָכטער.

— דו ווייסט דאָך, טאָכטער מיינע, האָט איהר מרים געזאָגט, אז עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל זינט דער פאָטער פאָהרט אין וועג ארויס, און גאָט האָט איהם אימער בעשיצט און איהם צוריקגעקעהרט אהיים בשלום, לאָמיר האָפען צו גאָט דאָס ער וועט זיך דיעזען מאָל אויך אומקעהרען צו אונז בשלום.

— איך וויים ניט, מוטער — האָט שושנה מיט טרעהרען געזאָגט — אָבער דאָס מאָל שרעקט מיר מיין הארץ זעהר פיעל . . . איך קען זיך ניט בערוהיגען ביז וואנען איך וועל איהם שוין זעהען צווישען אונז א געזונטען און מונטערען ווי ער איז געווען איידער ער איז אפגעפאָהרען . . .

אין אבענד ווען חסדאי איז געקומען איהר בעזוכען, פלעגט זיך שושנה פיהלען מוטהיגער און מיט מעהר האָפנונג.

זי האָט איהם דערצעהלט ווי אומרוהיג זי איז וועגען איהר פאָטער, ווי דאָס הארץ שרעקט איהר אזוי שטאַרק, אז עפעס זאָל מיט איהם, חלילה, ניט פאַסירען אויפ'ן וועג . . .

— זאָרג ניט ביין טייערע, האָט איהר חסדאי געקושט. אונזער גוטער גאָט וועט בעשיצען דיין ליעבען פאָטער, און ער וועט איהם אומקעהרען בשלום אהיים און אם ירצה השם, ווי ער וועט קומען וועלען מיר גלייך א חופה שטעלען, און מיר וועלען איהם איבעררייידען ער זאָל שוין מעהר ניט מאַכען אזעלכע רייזעס.

חסדאי'ס טרייסט־ווערטער זיינען געווען ווי באַלזאַם פאר איהר. זי האָט געגלויבט און געווען זיכער אז יעדעס וואָרט וואס איהר ליעבער חסדאי רעדט ארויס פון זיין מויל איז הייליג . . . אלע טרויעריגע געדאנקען פלעגען דאן פאר־שווינדען פון איהר און זי איז צוריק געוואָרען פרעהליך און מונטער.

פלוצלונג אבער, האָט חסדאי אויפגעהערט צו קומען איהר באַזוכען . . . דעם ערשטען אבענד ווען ער איז ניט געקומען, איז זי באַלד אומרוהיג געוואָרען, זי האָט יעדע מינוט געוואַרט אויף זיין קומען, און אַט איז שוין שפּעט אין דער נאַכט און חסדאי איז נאָך ניטאָ.

— אפשר איז ער פלוצלונג קראַנק געוואָרען — האָט שושנה געזאָגט מיט שרעק צו איהר מוטער.

פארוואס זאָלסטו אויסלייגען צום שלעכטען, מיין ליעבע טאָכטער, — האָט

איהר מרים געזאגט. עס איז דאך מעגליך אז ער איז פארהאלטען געווארען ביים קאליף. מסתמא האט ער זיך מיט איהם געדארפט בעראטען וועגען א דרינגענדען ענין און ער האט דארט געמוזט פארבלייבען ביז שפעט אין דער נאכט.

שושנה האט זיך עטוואס בערוהיגט: די מוטער איהרע איז גערעכט. געוויס איז ער פארבליבען מיט דעם קאליף ביז שפעט... ווען ער וואלט, חלילה, קראנק געווארען, וואלט ער איהר דאך געשיקט אנזאגען דורך אימיצען... און דאן, דאן וואלט זי דאך גלייך צו איהם געלאפען זעהען וואס ער מאכט... יע, ווי עס ווייזט אויס איז ער פערהאלטען געווארען ביים קאליף... מארגען אבענד וועט ער קומען און איהר אלעס ערקלעהרען.

אויף מארגען ווען עס איז געווארען אבענד, איז שושנה ארויס פון הויז; זי איז געשטאנען אין דרויסען און מיט גרויס אומגעדולד ערווארט חסדאי׳ס אנקומען.

די זון האט אלץ נידעריגער געזונקען אין מערב זייט. עס האט אנגעהויבען טונקעל ווערען און שושנה שטעהט אין דרויסען און ווארט...

דער שאראך פון די בלעטער, יעדע בעוועגונג וואס זי האט געהערט, האט זיך איהר געדוכט אז אט, אט קומט ער... איהר הארץ האט געפלאטערט. און מיט גרויס שפאנונג ערווארט זי איהם... זי ווערט אבער גלייך ענטוישט: חסדאי קומט ניט.... עס האט זיך איהר נאר געדוכט אז ער געהט...

— גאט, וואס איז דא געשעהען? !... האט זי געטראכט, און זי איז שנעל אריין אין הויז.

— ליעבע מוטער — האט שושנה מיט איינגעהאלטענע טרעהרען געזאגט. עפעס האט פאסירט... איך וועל יעצט אריבערגעהן צו איהם אין פאלאץ אויסגעפינען וואס ער מאכט... איך פיהל אז איך מוז איהם זעהן!...

— ניין, טאכטער, טו עס ניט. עס איז שוין שפעט ביינאכט...

— אבער, מוטער, אפשר איז ער, חלילה, קראנק...

— וואלט ער דאך געוויס געשיקט א שליח אונז אנזאגען וועגען דעם.

— פיליכט וויל ער אונז ניט מצער זיין — האט שושנה זיך געפרואווט אליין טרייסטען.

מיין ליבינקע טאכטער — האט איהר מרים געדריקט צו זיך — ווען ער וואלט, חלילה והס, קראנק געווען, וואלט מען דאך דערפון געוואוסט אין שטאדט און מען וואלט נאך אפילו געקומען אהער זיך נאכפרעגען וואס ער מאכט...

— וואס דען, אבער, האט פאסירט, האבען שושנה׳ס טרויעריגע אויגען געפרעגט. אפשר?... זי האט א ציטער געטהאן, זי האט זיך געשראקען אפילו ארויסצוברייגגען אזא געדאנק... ניין, דאס איז אומעגליך!...

— טאכטער מיינע, — האט איהר מרים געגלעט איבערן קאפ,— דו מוזט

האבען אביסעל געדולד . . . נאך א טאג און אלעס וועט דיר קלאהר ווערען, ווארט ביז מארגען און דאן וועלען מיר בעשליסען וואס צו טהאן . . .

מרים האט אליין אויך ניט געקענט פארשטעהן, וואס זאל פלוצלונג האבען פאסירט מיט חסדאי'ן . . . פארוואס האט ער פלוצלונג אויפגעהערט צו בעזוכען שושנה'ן, זאל דאס זיין א רכילות ? . . . און אפשר ווער ווייס ? . . . אפשר צוליב דעם, וואס ער איז עולה לגדולה געווארען, צוליב דעם וואס ער איז אזוי דערהויבען געווארען ביי דעם קאליף און זיין גרויסקייט שטייגט פון טאג צו טאג, פאסט איהם פילייכט ניט דער שידוך . . . מרים האט זיך א טרייסעל געטאן פון דעם געדאנק ; זי איז אויף זיך אליין אין כעס געווארען וואס זי לאזט גאר צו אזא געדאנק . . . ניין, דער איידעלער, געלערנטער און גוט־הארציגער חסדאי וועט אזא זאך ניט טהאן. עפעס האט פאסירט . . .

מרים איז אריין צו די אלטע דבורה'ן, שושנה'ס ערציהערין אין צימער.

— דבורה — האט זי געזאגט מיט א טרויעריגע שטימע. דו זעהסט דאך אז שושנה'ס חתן איז ניט געקומען איהר בעזוכען שוין צוויי טעג. שושנה איז שטארק ערשיטערט און צעקלעמט. איך אליין קען אויך ניט פארשטעהן פארוואס ער האט פלוצלונג אויפגעהערט צו קומען . . . די איינציגע זאך וואס איך דענק איז, דאס ער מוז זיין שטארק פארנומען ביי דעם קאליף . . . דאריבער בעט איך דיר, דבורה, דו זאלסט אזוי גוט זיין און אוועקשפאצירען צו חסדאי'ס פאלאץ, און פון וויטען באמערקען צו ער געפינט זיך יעצט ביי זיך אין פאלאץ . . . אויב אין זיינע פענסטער ברענען ניט קיין ליכט, איז א סימן דאס ער מוז זיין ביים קאליף. יעדענפאלס זאלסטו קיין זאך וועגען דעם ניט דערמאנען אין שושנה'ס אנוועזענהייט. איך וועל דערווייל זעהען זיך איבעררייידען מיט איהר, אפשר וועל איך קענען לינדערען איהרע יסורים . . .

דבורה איז צוגעקומען צו חסדאי'ס פאלאץ. זי האט זיך געשטעלט הינטער א בוים און געווארט . . . זי בעמערקט ווי די מענשען, וועלכע זיינען ביי איהם אין פאלאץ געוועזן, געהען אוועק. זי דערזעהט ווי חסדאי געהט צו צום פענ־סטער קוקט ארויס פאר א ווײלע און געהט אוועק. זי בעמערקט ווי ער שפרייזט איבער זיין צימער הין און צוריק . . . אט זעהט זי ווי ער געהט ארויס פון זיין פאלאץ, און געהט אריין ביי זיך אין גארטען.

דבורה האט זיך געשטעלט הינטערן בוים אזוי, דאס זי זאל קענען זעהען אלץ וואס חסדאי טהוט און דאס ער זאל איהר ניט באמערקען. זי האט געווארט א לאנגע צייט . . . זי זעהט ווי חסדאי שפאצירט הין און צוריק אין זיין גארטען. ער זעצט זיך צו פאר א ווײלע און נאכהער שפאצירט ער ווידער . . .

— דו, אומגליקליכע, שושנה, — האט זיך דבורה געטראכט — ווי איך זעה האט איהר חסדאי געוויס פארלאזען . . . ער האט צייט און וויל שוין גאר

אפילו ניט קומען איהר בעזוכען . . . גאָט ווייס אויב זי וועט עס אריבערטראַ־גען . . . דוכט זיך אזא פיינער מאַן, ווער וואָלט עס געגלויבט אויף איהם!... וויפיעל מאָל האָט זי זיי געטראָפען זיך קושענדיג . . . ווי ליעבליך און צערט־ליך ער האָט געגלעט שושנה'ס האָר . . . ווען זי פלעגט דורכגעהן און באַמער־קען ווי חסדאי ליעבט די שעהנע שושנה'ן, פלעגט איהר האַרץ נעהמען ציטערען פון פרייד . . . אזא גליקליכע פּאָר . . . און יעצט ! . . . יעצט האָט ער איהר פאַרלאָזען . . . דער חתן האָט פאַרלאָזען די כלה . . . ניט לאַנג צוריק איז גע־ווען די תנאים, ווער האָט זיך גאָר דאָן געקענט ריכטען דאָס עס וועט זיך אזוי אויסלאָזען . . . יע, יע, — האָט דבורה געזיפצט. דער קאַליף האָט איהם אזוי גרויס געמאַכט . . . ער גלויבט מסתמא, דאָס ער וועט קריגען א שעהנערע און א בעסערע פון שושנה'ן . . . אי, אי, ווי נאַריש דער מענש איז. און ווען אפילו ער זאָל פאָהרען פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, וועט ער דען קריגען אזא טייערע קינד, ווי די שעהנע און קלוגע שושנה!

מיט א פאַרקוועטשטע האַרץ און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט זיך דבורה צוריקגעקעהרט.

— דבורה וואָס איז, פאַרוואָס ביזטו פאַרוויינט ? — האָט איהר מרים גע־פרעגט צושראָקען. דערצעהל מיר וואָס האָסטו געזעהען ?

דבורה האָט זיך ארומגעקוקט און ווען זי האָט באַמערקט אז שושנה איז ניטאָ אין צימער האָט זי מיט א האַרץ רייסענדען זיפץ געזאָגט :

— מיין אומגליקליכע, ליבענקע, שושנה . . . ווען זי זאָל נאָר וויסען!...

— וואָס איז געשעהען ? ! גאָט איז מיט דיר, דבורה ! דערצעהל מיר וואָס האָסטו אויסגעפונען וועגען חסדאי'ן ? . . .

— יע, יע, האָט די אַלטע דבורה געווישט איהרע טרעהרען — איך בין אוועק צו זיין פּאַלאַץ און זיך פאַרשטעלט הינטער א בוים. איך האָב באַמערקט ווי אַלע בעאַמטע צוגעהען זיך. נאָכהער זעה איך ווי חסדאי געהט ארויס . . .

— מיט אַנ'אַנדערע ? ! אונטערברעכט איהר מרים מיט שרעק.

— ניין ,אליין איז ער ארויסגעגאַנגען און האָט גענומען שפּאַצירען אין זיין גאָרטען מעהר ווי צוויי שטונדען הין און צוריק . . . א ווייַלע זעצט ער זיך צו און באַלד שטעלט ער זיך ווידער אויף און נעמט שפּרייזען דורכ'ן גאָרטען. נאָכ־העהר האָב איך געזעהען ווי ער איז אריין צוריק צו זיך אין פּאַלאַץ . . . נו, האָב איך דאָך געזעהען דאָס ער איז ניט שטאַרק פאַרנומען . . . יע, ער האָט גענוג צייט, און פון דעסטוועגען האָט ער אפילו גאָרנישט געטראַכט צו צוקומען צו שושנה'ן . . . מסתמא האָט ער זיך אבגעזוכט א צווייטע . . . ווער וואָלט עס אויף איהם, אויף חסדאי'ן, געקענט גלויבען ? . . .

— דבורה, זינדיג ניט מיט דיינע ווערטער — האָט מרים א בלאַסע געזאָגט

— דו זאָגסט דאָך אַליין אין פּרק : "אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו". (בעשולדיגט ניט דיין פריינד, ביז וואַנען דו וועסט אַלעס ריכטיג דערגעהן), אפשר דריקט איהם א גרויסער צער און ער קען ניט קומען אהער. און, ווער ווייס אפשר האָט דאָ חפני אבן זמרי אָפּגעטאָן א שפּיצעל . . . דו ווייסט דאָך ווי חפני איז פאַרליעבט אין שושנה'ן . . . ווער קען וויסען וואָס האָט פּאַסירט, און כל זמן אז מיר האָבען די אורזאַכע גרינדליך ניט אויסגעפונען, איז ער ביי מיר אזוי טייער ווי פריהער . . .

— הלואי זאָל זיך אַלעס אויסלאָזען צו גוטען — האָט דבורה געווישט די אויגען.

— געדענק אָבער, דבורה, — האָט זיך מרים אָפּגערופען — דערצעהל גאָר ניט וועגען דעם שושנה'ן, צייג איהר ניט אַרויס אז דו פאַרדעכטיגסט עטוואָס... אם ירצה השם נאָך אין עטליכע טעג וועט מיין שמואל זיך צוריקקעהרען פון זיין רייזע, ער וועט שוין אַלעס אויסגעפינען, אָבער מיר, פרויען, טאָרען זיך אין דער זאַך ניט מישען . . .

דערווייַלע איז שושנה אַריינגעקומען אין צימער. זי האָט באַמערקט דאָס דבורה'ס, איהר ערציהערינס אויגען זיינען פאַרוויינט, און זי האָט געפרעגט :

— וואָס איז דיר, דבורה, פאַרוואָס האָסטו געוויינט ? האָט עפּעס פּאַסירט? זאָג דאָך מיר, מאַמע — האָט זיך שושנה געווענדעט צו איהר מוטער מיט פאַר־שעמטע אויגען.

— גאָר ניט האָט פּאַסירט, טאָכטער מיינע, — האָט איהר מרים געקושט.

— ניין, ניין, שושנה'לע, עס האָט גאָר ניט פּאַסירט. איך האָב זיך א ווייַלע דורכגעשפּאַצירט און געהענדיג צוריק אהיים האָב איך באַגעגענט דעם קליינעם חנוך אונזער רב'ס, ר' משה'ס זוהן. איך האָב איהם אָפּגעשטעלט און זיך מיט איהם דורכגערעדט. איך האָב געפרעגט צו ער געדענקט זיין מאַמען... נו, האָט ער מיר גענומען דערצעהלען אַלע איינצעלהייטען, ווי דער קאַפּיטאַן האָט גענומען אוועקטראָגען זיין מוטער און ווי ער האָט איהר געמוטשעט און ווי זי איז אַריינגעשפּרונגען אין ים און זיך דערטרונקען . . . מיין האַרץ האָט מיר שטאַרק פאַרקוועטשט און איך האָב זיך פאַרנאַנדערגעוויינט . . .

— אזוי פיעל צרות און ליידען איז געגעבען געוואָרען די מענשען — האָט שושנה אָפּגעזיפצעט —גענומען דער מענש נאָר עטוואָס פון בעבער פון פריידען, אזוי מוז ער גלייך פאַרבייסען פון דעם בעבער מיט ליידען . . . וואָס וואָלט יעצט געפעלט הדסה'ן, ר' משה'ס פרוי, עליה השלום, אזא כבוד, אזא גדולה און אזא רייכטום . . . זי האָט דאָך געקענט זיין די גליקליכסטע פרוי אין קאָר־דאָווא . . . און יעצט, ר' משה איז איינזאַם, זיין לעבען פאַרביטערט און פאַר־טרויערט און זיין איין איינציגער זוהן געבליבען א יתום, וואָס ווייס ניט די צערט־

ליבקייט פון א מוטער. ער איז דאָך אזא גערא־טענער קינד! וויפיעל נחת און פארגעניגען א מוטער וואָלט פון אזא קינד געהאט, און יעצט מוז זי ליגען אין דער טיפענים פון ים . . . אך, ליבער גאָט, פאר וואָס קומט דעם עהרליכען און גוטען מענשען אזעלכע שרעקליכע שטראָפען . . . פארוואָס איז דעם צדיק שלעכט און דעם רשע גוט . . .

טרעהרען האָבען זיך באַוויזען אין מרים'ס אויגען. דבורה האָט געפיהלט אז זי אליין וועט באלד אויסברעכען אין א גרויס געוויין, און זי האָט שנעל פארלאָזען דעם צימער.

— טאָכטער מיינע — האָט מרים געזאָגט, — מיר מענשען קענען קיינ־מאָל ניט אורטיילען וואָס עס איז שלעכט און וואָס איז גוט. פיעלע זאכען וואָס אין אונזערע אויגען קומט אויס טרויעריג טראגיש פאר'ן מענשען, לאָזט זיך נאָכהער גאָר אויס צום גוטען. נעהם צום ביישפיעל די געשיכטע פון יוסף הצדיק. וואָס קען נאָך זיין מעהר טראגיש און טרויעריג ווי ברידער נעהמען און פארקויפען אַן אייגענעם ברודער פאר א שקלאַף. וואָס פאר א צער דער גרייז גראָהער אומ־גליקליכער פאָטער יעקב האָט דורכגעלעבט דורך דער גאנצער צייט, ווען ער האָט געמיינט דאָס זיין ליעבסטער זוהן, יוסף, איז צעריסען געוואָרען פון חיות. און מיר קענען זיך פארשטעלען ווי דער אומגליקליכער יוסף האָט דאַן געפיהלט. א שקלאַף אין א פרעמדער לאנד. און זיינע אייגענע ברידער האָבען איהם דער־צו געבראכט. ער וועט שוין מעהר זיין טייערען ליעבען פאָטער ניט אנזעהען. ווי שלעכט און טרויעריג ער האָט געמוזט פיהלען . . . ווי שטארק ער האָט גע־בייינקט נאָך זיין פאָטער, נאָך זיין היים . . . און דערנאָך האָט מען איהם גאָר ארייינגעזעצט אין געפענגענים צוליעב א בלבול. און אַט וואָלט דאָך יעדער איי־נער בעטראכט יוסף'ס לאגע פאר די גרעסטע טראגעדיע. אבער דער ליעבער גאָט האָט אלס געהאט געפלאנט און דאָס פון וואָס עס האָט געזאָלט זיין א גרויסער אומגליק, איז געוואָרען דער גרעסטער גליק פאר אלעמען . . . יעצט זעהסטו מיין ליעבע טאָכטער, אז דער מענש, דער בשר ודם, קען ניט אורטיילען וואָס איז גליק און וואָס איז אומגליק . . .

— אבער, ליעבע מוטער, — האָט שושנה געזאָגט, — די צוואנציג יאָהר וואָס יעקב האָט געטרויערט נאָך יוסף'ן, דיעזע אומגליקליכע צייט וואָס יוסף'ס פאָטער האָט דורכגעלעבט, גלויב איך, וועגט אריבער אלע גליקען וואָס האָט זיך ארויסגעלאָזען נאָכהער . . . דעם מענשענס לעבען איז דאָך אזוי קורץ, אז יעדע מינוט ליידען וואָס א מענש מאכט דורך אין לעבען ווירקט עס אויף אזוי פיעל אז אפילו די פריידען וואָס ער קריגט נאָכהער קענען עס ניט פערהיילען . . .

— יע, ליעבע טאָכטער, דו ביזט גערעכט, אבער פארגעס ניט אז דער מענש קען נאָר דאַן ריכטיג אפשאצען דאָס גליק, סיידען ער זאָל פריהער פארזוכען פון

אומגליק . . . די זונען שיין ווערט אונז נאך מעהר ליעב און טייער נאכדעם ווען מיר האבען געהאט עטליכע פארוואלקענטע טעג . . . אזוי איז עס מיט אלעס...

— פונדעסטוועגען, מוטער, פיהל איך, אז די צוויי טעג יסורים וואס איך לייד צוליעב דעם וואס חסדאי האט פלוצלונג אויפגעהערט קומען, וועל איך, דוכט זיך, קיינמאל ניט פארגעסען, כל זמן איך וועל לעבען.

— נו, טאכטער מיינע, בארוהיג זיך, — האט איהר מרים געקושט. — עס איז שוין שפעט, און לאמיר דערוויל געהן שלאפען. מארגען, אם ירצה השם, וועסטו אפשר אליין אריבערגעהן צו איהם און דאן וועסטו אלץ אויסגעפינען . . .

שושנה האט געקושט איהר מוטער און איז אוועק צו זיך אין צימער.

26טער קאפיטעל

די מוטער און די טאכטער

אויף מארגען האט שושנה ערוואכט פון שלאף גאנץ פריה. זי איז געלעגען אין בעט מיט האלב פערמאכטע אויגען און געטראכט פון חסדאי'ן... זי האט געטראכט פון פערשידענע סיבות וואס זאלען רעכטפערטיגען זיין נישט קומען צו איהר, אבער זי האט בשום אופן נישט געקענט פערשטעהן פארוואס ער האט נישט געקענט אויף וועלכען עס איז וועג, איהר מודיע זיין וועגען דער סיבה...

זי האט בעשלאסען היינט אליין צו געהן זעהן חסדאי'ן און אויסגעפינען די אורזאכע... זי וועט צו איהם אין פאלאץ נישט אריינגעהן, אבער זי וועט איהם אפווארטען נעבען פאלאץ. זי ווייס וועלכע צייט ער דארף אנקומען פון קאליף'ס פאלאץ. זי וועט איהם באגעגענען אין גאס. דאן וועט איהר אלעס קלאהר ווערען.

נאכמיטאג האט זיך שושנה אנגעטהאן איהר זיידענע קלייד און זי האט אוועקגעשפאצירט אין די ריכטונג פון חסדאי'ס פאלאץ. זי האט לאנגזאם שפאצירט איבער דער גאס וואוהין חסדאי האט געדארפט אנקומען. פון וויטען באמערקט זי זיין קארעטע... יא, דאס פאהרט חסדאי... זי דערקענט זיין קארעטע. איהר הארץ הויבט אן שטארק צו קלאפען... די פיס בייגען זיך און די הענד ציטערען... אבער זי פאסט זיך מוטה און שפאצירט מיט שטאלץ. זי וויל דאס עס זאל אויסקוקען אז זייער באגעגעניש איז נאר א צופעליגע... זיין קארעטע דערנעהנטערט זיך... זי זעהט ווי חסדאי זיצט אינעווייניג, זיין פנים זעהר בלאס און פון זייגע אויגען קוקען ארויס אומעט און טרויער...

חסדאי באמערקט שושנה'ן, ער גיט זיך א שטעל, בויגט ארויס זיין קאפ... קאליר'ען האבען זיך געביטען אין זיין פנים... שושנה באמערקט ווי חסדאי מאכט א פארזוך ארויסצושפרינגען פון זיין קארעטע... אבער עפעס האלט איהם צו־

ריק... ער האט נור זיך א נייג געטהאן און זיך צוריקגעזעצט און איז ווייטער געפאהרען... אט ווערט זיין קארעטע פארשוואונדען פון איהרע אויגען... און זי איז געבליבען שטעהן אויף דער גאס ערשיטערט און הילפלאז ווי א קליין קינד... די אויגען האבען איהר גענומען שווינדלען, דער קאפ דרעהען, און ווען זי וואלט זיך נישט אנגעכאפט אין א הערבייאיגען בוים, וואלט זי געווים אומגעפאלען...

א ווײלע איז זי געשטאנען אזוי ווי צוטומעלט... זי האט נישט געוואוסט וואס דא איז פארגעקומען מיט איהר.

— גאט מיינער, — האט זי געטראכט, ווען זי איז עטוואס צו זיך געקומען, — וואס האט דא יעצט פאסירט? איהר חתן, איהר ליעבער חסדאי, האט איהר באמערקט און זיך נישט אפגעשטעלט... דעם דריטען טאג ווי ער האט איהר נישט געזעהן, און ער זאל נישט געפינען פאר נויטיג אבצושטעלען זיין קארעטע און מיט איהר אויסריידען א פאר ווערטער!... ווען נאך אימיצער וואלט מיט איהם געווען אין קארעטע, וואלט זי פערשטאנען, אפשר וויל ער נישט ארויסצייגען פאר'ן פרעמדען ווער און וואס זי איז צו איהם... זי האט אבער דאך באמערקט דאס חסדאי איז דארט געווען איינער אליין, און דאך האט ער אזוי געהאנדעלט נעגען איהר... ער, וועלכער האט איהר אייביגע ליעבע געשווארען, ער, וועלכער וואלט זיין גאנצען לעבען אפגעגעבען פאר איהר... און מיט עטליכע טעג צוריק האט ער דאך איהר געזאגט דאס ווי נאר איהר פאטער וועט זיך צוריקקעהרען פון וועג וועלען זיי שטעלען א חופה, ווייל זיין ליעבע צו איהר איז זעהר גרויס און ער וואלט שוין זיך פארבינדען מיט איהר אויף אייביג... און יעצט? וואס פאר אן איבערקעהרעניש! איהר חסדאי זאל איהר אזוי איבערלאזען שטעהן אויפ'ן מיטען גאס!... האט ער איהר פלוצלינג אויפגעהערט צו ליעבען?... ניין, עס איז אונמעגליך... צו גוט קען זי איהם און זיין כאראקטער... אבער ער האט דאך איהר, זיין געליעבטע, דאך באמערקט, ער האט דאך זיך פארנייגט פאר איהר... און פונדעסטוועגען זיך נישט אפגעשטעלט! און בפרט, נאכדעם ווי ער האט פארפעהלט צו קומען די לעצטע צוויי אבענדען איהר צו בעזוכען ווי ער איז געוואוינט געווארען צו טהאן יעדען אבענד... סיידען... סיידען ער האט זיך אפשר פארליעבט אין אן אנדערער...

ביי דיזען געדאנק טהוט שושנה א ציטער... ווי קען דאס מעגליך זיין, אז מיט איהר חסדאי'ן זאל פאסקומען אזא זאך!... און אויב יא, ווער קען זי דאס זיין, דאס ער זאל איהר אזוי שנעל אומבייטען אויף יענער...

מיט א טרויעריגען געמיטה און מיט וואקלענדע פיס האט זיך שושנה אומ-געקעהרט אהיים.

— טאכטער מיינע, וואס איז מיט דיר? פאר וואס ביזטו אזוי בלאס? האסטו עפעס אויסגעפונען וועגען חסדאי'ן? — האט איהר מרים באגעגענט.

— מאמע, מיין ליבע טהייערע מאמע, חסדאי ליעבט מיר שוין מעהר נישט!... — איז שושנה ארויפגעפאלען אויף איהר מוטער און זיך פאנאנדער־געוויינט.

מרים האט מיט איהר מיטגעוויינט. נאכדעם ווי ביידע האבען זיך גוט אויסגעוויינט, האט זיך מרים אפגערופען צו שושנה'ן:

— זאג דאך מיר, טאכטער, וואס האסטו אויסגעפונען פון איהם, האט ער דיר אליין עס דייטליך געזאגט?

— ניין, ליעבע מוטער, ער האט מיט מיר אפילו קיין איין ווארט נישט גערעדט.

— האסטו איהם געזעהן אין דער בעגלייטונג פון אן אנדער מיידעל?

— ניין, ער איז געפאהרען פון קאליף צו זיך אהיים. ער האט מיר באמערקט אויפ'ן גאס, ער האט זיך א נויג געטהאן פאר מיר, און ווייטער געפאהרען... ווי איך וואלט איהם געווען א פרעמדע.

— איז אימיצער מיט איהם מיטגעפאהרען?

— ניין, ער איז געווען איינער אליין אין קארעטע.

— ביזטו זיכער?

— יא, מוטער, איך בין זיכער. דערפאר איז מיין ערשטוינונג געווען גרע־סער. ער איז געווען אליין און דאך זיך נישט אפגעשטעלט...

— אפשר, טאכטער, האט ער זיך געאיילט צו א חולה מסוכן, און ער האט נישט געוואלט פארלירען קיין מינוט צייט...

— ניין, זיין קארעטע איז געפאהרען זעהר לאנגזאם... און א חוץ דעם, ווייסטו דאך דאס ער איז נישט געקומען צו אונז אין הויז שוין היינט דער דריטער טאג, טו ווי קען מען אזא האנדלונג אנדערש ערקלעהרען! — האט שושנה מיט פערצווייפלונג געזאגט.

— בערוהיג זיך דאך, מיין טאכטער, — האט איהר מרים געטרייסט, — כל זמן דו האסט נישט געהערט פון זיין אייגען מויל דאס ער ליעבט דיר מעהר נישט, בין איך זיכער אז ער איז גאר אין גאנצען אומשולדיג. ער איז דאך אזוי גוטהערציג און טהייער. ניין, איך צווייפעל נישט אין זיין עהרליכקייט... דא האט געמוזט פארקומען א מיספערשטענדניס צווישען אייך...

— איך אליין ווייס אויך נישט ווי אזוי דאס אנצונעהמען. עפעס גלויבט זיך מיר נישט אז מיין חסדאי זאל זיין פעהיג מיר צו בעטריגען... אוי, מאמע, דו האסט איהם געדארפט זעהן די מינוט ווי ער האט מיר באמערקט... וואס פאר אנגסט און יסורים זיינע געזיכטסציגע האבען אויסגעדריקט... וויפיעל שמערצען ער האט אין דעם אויגענבליק געליטען! איך האב עס באמערקט אין

זיינע באַוועגונגען... ניין, עס קען נישט זיין! ער ליעבט מיך נאָך יעצט אַזוי שטאַרק ווי פריהער!

— עס קען זיין אַז מען האָט דעם קאַליף עפּעס שלעכטעס וועגען אונז דערצעהלט, און דער קאַליף דערלאָזט איהם נישט מיט דיר צו הייראַטען.

— מעגליך, — איז שושנה פרעהליכער געוואָרען, — איך האָב זיך דער־מאַהנט, אַז דעם לעצטען מאָל ווען ער איז דאַ געווען, האָט ער מיר געזאָגט דאָס ער געהט דערצעהלען דעם קאַליף אַז מיר געהען ביידע הייראַטען.

— נו, אויב אַזוי, — האָט מרים געזאָגט אַ צופרידענע, — וועלען מיר דאָך קענען איבערצייגען דעם קאַליף אונזער אומשולד און אַלעס וועט רעכט ווערען...

— ניין, מאַמע, דאָס גלויבט זיך מיר אויך נישט, ווייל אויב איך געפעל נישט דעם קאַליף, וואָלט דאָך חסדאי מיר געדאַרפט אַלעס ערקלעהרען... און נישט איבערלאָזען מיר אין אַזאַ צווייפעל און אַנגסט... קיין זאַך, דוכט זיך מיר, דאַרף נישט שטעהן אין וועג פון אמת'ע ריינע ליעבע... ניין, דאָס איז נישט די אורזאַכע...

ביידע, די מוטער און די טאָכטער, האָבען אַרונטערגעלאָזען די קעפּ מיט צווייפעל און יאוש...

* * *

שושנה האָט פערבראַכט אַ זעהר אומרוהיגע און שלאָפלאָזע נאַכט... ווי זי האָט נאָר איינגעשלאָפען האָט זי גע'חלום'ט זעהר שרעקליכע חלומות. איין חלום האָט איהר זעהר בעאומרוהיגט: זי האָט גע'חלום'ט אַז זי געהט אָנגעטהאָן אין איהר חופה קלייד, איהר פּנים איז פאַרדעקט מיט אַ ווייסען שלייער. איהר פאָטער און מוטער פיהרען איהר צו דער חופה אין שוהל. דער רב, ר' משה מיט'ן חזן און שמש שטעהען אָנגעגרייט אויף דער בימה און וואַרטען... נעבען איהר שטעהט חסדאי, איהר חתן. זיין פּנים ליכט ווי די זון און זיינע אויגען — צוויי בריליאַנטען. ער קוקט אויף איהר מיט אַזאַ ליעבליכען שמייכעל... זי ענטפערט איהם מיט אַ שמייכעלדיגען בליק פון איהרע אויגען אונטער דעם שלייער... אַט שטעהט זי אונטער דער חופה... דער חזן הויבט אָן צו זינגען אַ תפילה, און דער רב פאַנגט אָן די ברכות... חסדאי נעהמט אַרויס אַ רינג, נעהמט אָן איהר האַנד און וויל אַרויפזעצען אויף איהר פינגער... פּלוצלינג ערשיינט אַ שוואַרצע האַנד און רייסט אַרויס דעם רינג פון חסדאי'ס האַנד... איהר פאָטער און איהר חתן הויבען זיך אָן צו ראַנגלען מיט דער האַנד, זיי ווילען אַרויסרייסען דעם רינג פון דער שוואַרצער האַנד... אָבער די האַנד הויבט זיי אויף ביידען, איהר פאָטער און איהר חתן, הויך, זעהר הויך און פאַרשווינדט מיט זיי... אַלע לויפען אַרום זיי זוכען אָבער אומזיסט, זיי זיינען ניטאָ... זי גיט אַ קוק, נעבען איהר שטעהט

חפני אבן זמרי... ארום שטעהען פיעלע טויזענדע שקלאַפען געשמידט אין קיי־טען... זייערע פּנים׳ער אויסגעדאַרט און פארצעהרט... זייערע אויגען שטאַרצען ארויס... זיי קוקען אויס זעהר מיעד און דערשלאָגען... אין גאַנצען הויט און ביינער... חפני הויבט זיי אָן צו שמייסען מיט א לאַנגען בייטש... אלע שקלאַפען פאַלען צו דער ערד מיט א שרעקליך יאָמערליכען געוויין... חפני קעהרט זיך אום מיט זיין פּנים צו איהר, צו שושנה׳ן, און מיט א שטן׳ס געלעכטער ארויס־וויזענדיג זיינע פארקריממטע געלע צייהן, זאָגט ער איהר:

— קום, מיין געליעבטע כלה, קום! אַט דאָ ליגען אלע דיינע קנעכט נעבען דיינע פיס... קום, ווער זייער קעניגין!... חסדאי און דיין פאַטער וועלען אונזער גליק מעהר נישט שטערען... זיי האָב איך שוין בעזאָרגט... טאַ קום דאָך, מיין שושנה, שטעה דאָ נישט, עס ווערט שפּעט, לאָמיר געהן... ער האָט אָנגענומען איהרע ביידע הענד און איהר גענומען שלעפּען צו זיך... זי האָט זיך ביי איהם גענומען בעטען:

— חפני, זאָג דאָך מיר, וואו איז מיין טהייערער פאַטער? וואו איז מיין חתן אהינגעקומען? גיב זיי דאָך צוריק צו מיר!...

— איך בין דיין חתן! און איך וועל זיין דיין פאַטער, קום מיט מיר. דו געהערסט צו מיר... חפני האָט איהר אויפגעהויבען אויף זיינע הענד און איהר גענומען טראָגען... שושנה האָט גענומען שרייען:

— לאָז מיר אָפּ... העלפט... העלפט... דער מערדער... העלפט!.

מרים האָט דערהערט די קולות פון שושנה׳ס צימער און גענומען איהר וועקען.

— טאָכטער מיינע, וואָס איז מיט דיר, פאַר וואָס האָסטו אזוי געשריען... דיינע אויגען זיינען פאַרוויינט... האָסטו עפּעס גע׳חלום׳ט? בערוהיג זיך, מיין ליעבע שושנה...

— אה, מאַמע, א דאַנק גאָט וואָס דאָס איז מעהר נישט ווי א חלום... אָבער אזא שרעקליכען חלום, אזא דייטליכען און קלאָהרען חלום האָב איך נאָך אין מיין לעבען נישט געזעהן...

שושנה האָט דערצעהלט איהר מוטער, וואָס זי האָט נאָר וואָס גע׳חלום׳ט.

— עס איז א סימן אַז דו וועסט, אם ירצה השם, גליקליכערהייד חתונה האָבען מיט דיין ליעבענדען חסדאי, — האָט איהר מרים געטרייסט, — דו ווייסט פאַרוואָס דו חלום׳סט אזעלכע שרעקליכע חלומות ביינאַכט, ווייל דו טראַכסט בייטאָג פון אזעלכע משונה׳דיגע טרויעריגע זאַכען... זאָרג נישט, מיין טאָכטער, אזוי פיעל, אלעס וועט מיט גאָטעס הילף רעכט ווערען... איך וויים, מיין ליעבע טאָכטער, אַז דו ביזט אויך זעהר שטאַרק בעזאָרגט וועגען פאַטער, דו בייגקסט זעהר שטאַרק נאָך איהם און דיר קומט פאַר אלערליי שרעקליכע בילדער... עס

איז דאך נישט דאס ערשטע מאל ווי דער טאטע פאהרט אוועק פון דער היים... און נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, ער קומט ברוך השם צוריק אהיים בשלום... בפרט אז דעם מאל איז ער געפאהרען צוזאמען מיט אזוי פיעל סוחרים... יענע זיינען דאך אויך נישטא. מסתמא וועלען זיי אלע קומען צו פאהרען צוזאמען.

— איך וויים, מוטער, אז דער אויבערשטער וועט בעשיצען מיין ליעבען פאטער פון שלעכטעס, און איך וויים דאך אויך דאס ער איז ארויסגעפאהרען מיט נאך דרייסיג סוחרים, און יענע זיינען נאך אויך נישט געקומען, און פון דעסטוועגען שרעקט מיר מיין הארץ אזוי פיעל... ווען איך דערמאהן זיך אין פאטער, הויב'ט מיר עפעס צו ציהען און נאגען ביים הארצען... איך פארשטעה אז דאס איז נאריש... איך וויים אז עס איז אומזיסטע שרעק... אבער איך קען זיך נישט העלפען...

— איך וועל דיר זאגען, מיין טאכטער, — האט מרים געזאגט, — ווען עטליכע שווערינקייטען קומען אן מיט אמאל, ווערט יעדע קליינע דאגה פאר־גרעסערט... גראדע יעצט מאכט זיך נאך די מיספארשטענדנים מיט חסדאי'ן...

— איך האב געטראכט און געטראכט וועגען דעם און ביז יעצט קען איך נישט געפינען אן אורזאכע וואס זאל פארענטפערען חסדאי'ס טהאט... — האט שושנה אפגעזיפצט נאך א קליינע פויזע.

— מיט דער צייט וועט אלעס פארענטפערט ווערען, — האט מרים געזאגט גלעטענדיג איהרע האר, — יעדע גוטע זאך, מיין טאכטער, מוז אנקומען דעם מענשען מיט פערשידענע שוועריגקייטען און שטרויכלונגען. און ווען דער מענש דערגרייכט זיין ציעל, טראץ אלע שוועריגקייטען, דאן ערשט, ווערט ביי איהם די זאך ריכטיג אפגעשאצט און טהייער... אלעס וואס קומט אן גרינג, פארלירט א סך פון די ווערדע... און אויב דו מיינסט, מיין טאכטער, אז איך האב כלה־וויין נישט דורכגעמאכט הארצוויטאג און קלעמעניש, מאכסטו א טעות.

— וואס האט מיט דיר פאסירט, מוטער, ווען דו ביזט א כלה געווארען, — האט שושנה געפרעגט מיט נייגעריגקייט, — דערצעהל דאך מיר.

— ווען איך בין א כלה געווארען פאר דיין פאטער, — האט מרים אנגע־פאנגען, — בין איך געווען די גליקליכסטע מיידעל פון קארדאווא... איך האב איהם געליעבט ווי דו ליעבסט חסדאי'ן... און ער, מיין שמואל, האט א טאג נישט פארפעהלט מיך צו זעהן. ווען די צייט פון אונזער חתונה איז באשטימט געווא־רען, איז ביי אונז ביידען, יעדער טאג ביז דער חתונה געווען אן אייביגקייט... דער גליקליכער טאג איז געקומען, מיר זאלען אויף אייביג פארבונדען ווערען. אלעס איז געווען געגרייט פאר דער חתונה. די חופה איז געשטעלט געווארען אין שוהל. די געסט פון אונזערע ביידע צדדים זיינען געווען. דער חזן האט נור גע־דארפט מאכען א הזכרה נאך דעם חתן'ס מוטער. ער האט געפרעגט דעם חתן

ווי זיין מוטער האט געהייסען. גראדע האט זיין מוטער געהייסען מרים... ווי דער רב, וועלכער האט געוואלט זיין אונזער מסדר קדושין, האט דאס דערהערט, האט ער אויסגערופען:

— חתן, איך האב מורא אז די חתונה וועט נישט קענען פארקומען.

— פארוואס ?! — האט מיין חתן געפרעגט פערוואונדערט.

— ווייל דיין מוטער האט געהייסען מרים, און דיין כלה הייסט אויך מרים, — האט דער רב געענטפערט. — דאריבער איז נישט רעכט, דאס איהר זאלט חתונה האבען צוזאמען...

מיין שמואל איז געווארען בלייך ווי קאלך, און איך האב גלייך אויפ'ן ארט גע'חלש'ט... מען האט מיר קוים דערמינטערט.

ווען איך בין צו זיך געקומען, האב איך געהערט ווי מיין שמואל זאגט צו דעם רב, אז דאס איז מעהר נישט ווי א מנהג און עס איז אין ערגעץ נישט דער־מאהנט דאס א מאן טאר נישט הייראטהען א פרוי וועלכע טראגט זיין מוטערס נאמען...

— עס זיינען פאראן ביי אידען פיעלע מנהגים וועלכע ווערען פאררעכענט אזוי גוט ווי מצוות — האט איהם דער רב געענטפערט.

דערווייל איז אונזער חופה אבגעלייגט געווארען... די חופה האט מען פאר־נאנדערגענומען און אלע געסט זיינען זיך צוגאנגען אהיים, אומעטיג און פאר־שעהמט.

פינף מאנאטען האב איך געלעבט אין צווייפעל און אנגסט... איך האב מורא געהאט טאמער וועט אזא דין געפונען ווערען ערגעץ־וואו, און שמואל וועט מיט מיר נישט טארען הייראטען... דער גערדאנק האט מיר נישט צורוה געלאזען. איך האב געוואוסט דאס איך וועל דאס נישט אריבערטראגען... מיין גליק איז דאך אזוי נאהענט געווען, און יעצט צוליעב אזא קלייניגקייט, צוליעב א נאמען, ווערט עס צושטערט, און מיין לעבען ווערט פינסטער... טאג און נאכט האב איך געוויינט און געקלאגט... שמואל איז ארומגעגאנגען ווי א שאטען... ער פלעגט מיר קומען טרייסטען יעדען אבענד... איך האב אבער באמערקט אין איהם אז עס זיינען פאראן זעהר קליינע האפנונגען דאס מיר זאלען צוזאמען קענען הייראטען... אבער ווען עס איז באשערט פון הימעל, העלפט קיין זאך נישט און עס מוז אויסגעפיהרט ווערען. צו אונזער גליק איז דאן אנגעקומען אין קארדאווא דער רב ר' נתן...

שמואל איז גלייך אוועק צו ר' נתן און איהם דערצעהלט וועגען אונזער פערצווייפלונג. ר' נתן האט איהם געהייסען ער זאל צו איהם מארגען קומען צוזאמען מיט מיר.

אוועק צום נייעם רב, ר׳ נתן.

ער האט אונז זעהר פיין אויפגענומען און מיט א ליעבליכען שמייכעל געזאגט:

— קינדער, איהר פערשאפט זיך אומזיסט און אומנישט עגמת נפש און שמערצען... ערשטענס, איז אזא דין אין ערגיץ נישט צו געפינען, עס איז נישט מעהר ווי א מנהג צו פערהיטען דעם כבוד פון דער מוטער... טאמער וועט זיך דעם מאנס מוטער און זיין פרוי געפינען אין איין צימער, און דער מאן וועט מיט קלאפענדע הערצער און מיט א פונק האפנונג זיינען מיר אויף מארגען וועלען רופען זיין פרוי, וועט די מוטער דענקען דאס איהר זוהן רופט עס איהר ביים נאמען, וועט זי זיך געפינען באליידיגט... אבער שמואל׳ס מוטער איז דאך טויט שוין פינף יאהר... קען דאך צו אזא חלול הכבוד פון דער מוטער נישט קומען, גילט דאך דא נישט אפילו דער מנהג.

ר׳ נתן האט אונז התונה געמאכט און איך בין נאך געווען גליקליכער ווי פריהער, ווייל אט די אלע שטרויכלונגען האבען מיין גליק מעהר אנגענעהם געמאכט... איך דערמאהן יעצט די אמאליגע ליידען מיט פרייד... און דו, מיין ליעבע טאכטער, וועסט זעהן ווי דו וועסט נאך דיינע יעצטיגע זארגען און ליידען דערמאהנען אין גליק און אין פריידען...

מרים און שושנה זיינען שוין מעהר צוריק נישט געגאנגען שלאפען. די מוטער האט מיט איהר טאכטער פערבראכט ביז וואנען עס האט אנגעפאנגען טאגען... מרים׳ס דערצעהלען פון די עפיזאדען און פאסירונגען פון איהר לעבען, האבען געטרייסט שושנה׳ן און איהר ערמונטערט... איהר האפנונג איז שטארקער געווארען אז אלעס וועט זיך ביי איהר אויך ענדיגען צום גוטען...

27טער קאפיטעל

א קלאפ נאך א קלאפ

נאך עטליכע טעג זיינען פאראיבער און שושנה האט נאך אלץ גאר נישט געהערט פון חסדאי׳ן... יעצט איז זי כמעט זיכער, אז חסדאי האט איהר אויפגעהערט צו ליעבען... איהר הארץ איז צובראכען, איהר גליק איז אזוי פלוצלינג פערשוואונדען...

א טרויעריגע זיצט שושנה דעם גאנצען טאג אין הויז; זי געהט אין ערגעץ נישט ארויס. זי איז אין איהר צימער אליין מיט איהרע אומעטיגע געדאנקען. צייטענווייז פיהלט זי אין איהר הארצען א כעס אויף איהר חתן... ער, חסדאי זאל איהר אזוי אפטהאן!... איז זיין ליעבע צו איהר געווען פון אנפאנג אן נישט קיין אמת׳ע. אבער ער האט דאך איהר אזוי שטארק געליעבט... זי האט דאך

עם געפיהלט מיט אלע פיבערען פון איהר נשמה... האבען דען זיינע אויגען איהר נישט געזאגט ווי שטארק און אויפריכטיג ער ליעבט איהר...

זי דערמאהנט זיך די שעהנע אבענדען ווען זי האט מיט איהם פארבראכט אין זייער גארטען... וויפיעל צערטליכקייט און ליעבע זיינען געווען אין זיינע ווערטער... ווי שעהן און ערהאבען, ווי געטליך היילי זיי האבען זיך געליעבט.

זי געדענקט ווי זי האט מיט איהם גערעדט פון די ליידען פון ליעבע און איהם געזאגט אז זי וואלט אזעלכע ליידען נישט געקענט אריבערטראגען... און חסדאי האט איהר דאן געקושט און געזאגט: "מיין ליעבענקע, לאמיר האפען צו גאט דאס קיין זאך וועט זיך נישט שטעלען אין וועג פון אונזער ליעבע, מיר וועלען אונזער גאנצען לעבען גליקליך זיין!"

און יעצט... איז דאס אלעס געווען נישט מעהר ווי א חלום?... אזוי קורץ איז געווען איהר גליק... און ווי גרוים זיינען יעצט איהרע יסורים... וואס איז יעצט איהר לעבען... אז דער, וועלכער האט איהר אזוי שטארק געליעבט, און וועמען זי האט געליעבט מיט איהר גאנצען לייב און לעבען, האט איהר פארלאזען פלוצלינג און אהן קיין שום אורזאכע...

גאט! פארוואס קומט דאס איהר אזא הארבע שטראף... פארוואס האט פאר איהר די זון אזא הערליכען שיין געטהאן... און פלוצלינג האט א שווארצע כמארע פארדעקט איהר הימעלשען גליק?...

וואס האט דא פאסירט?... האט מען אויף איהר אנגערעדט... טו ווי אזוי קומט עס דאס ער זאל אלעס גלויבען אויף איהר... ער האט דאך אם וויינינגסטען געדארפט קומען צו איהר און עס דערצעהלען... אויסהערען וואס זי האט צו זאגען... איהר חסדאי זאל אזוי האנדלען! ווי איז דאס מעגליך... די איינציגע זאך וואס לייגט זיך אויפ'ן שכל איז דאס ער האט איהר אויפגעהערט ליעב צו האבען, אדער ער האט זיך פארליעבט אין אן אנדערער... כאטש דאס איז איהר אויך שווער צו גלויבען אויף איהם...

שושנה איז פון הויז נישט ארויסגעגאנגען. זי איז געזעסען אין איהר צימער דעם גאנצען טאג פערטיעפט אין איהרע טרויעריגע געדאנקען... דער פרעהליכער און ליעבליכער שמייכעל וואס איז ביי איהר שטענדיג געלעגען אויף די ליפען איז פארשוואונדען געווארען...

אן אומעט איז געלעגען אויפ'ן גאנצען הויז... מרים איז אויך ארומגעגאנגען אומעטיג מיט א טרויעריגען געמיטה... זי אליין האט אויך בשום אופן ניט געקענט פארשטעהען די פלוצלינגע ענדערונג אין חסדאי'ן... האט זי דען נישט בעמערקט ווי שטארק ער האט געליעבט איהר טאכטער... אזא געטליך היילי ליעבע איז געווען צווישען זיי ביידע... מענשען האבען זיי מקנא געווען... אזא גליק, דער גרעסטער, קליגסטער מענש אין לאנד ווערט זייער איידעם... דעם קאליף'ס

הויפט־מיניסטער איז איהר טאכטער'ס חתן... ווי שטאלץ זיי זייגען געווען מיט איהם... ווי גרויס און טהייער איז אלעמענס גליק געווען... שווער איז איהר צו פארשטעהען וואס דא איז פארגעקומען, אבער זי זעהט דאך אז חסדאי האט אויפגעהערט צו ליעבען איהר טאכטער...

זי טרייסט איהר טאכטער, זי זאגט איהר אז אלעס וועט זיך ענדיגען גוט... אבער זי אליין גלויבט אין דעם נישט. שוין באלד צוויי וואכען ווי ער איז איהר נישט געקומען בעזוכען... און גארנישט, ווי עס וואלט דא גאר נישט פארגעקומען צווישען זיי... ווי מען וואלט דא קיינמאל קיין תנאים נישט געשריבען... קיין איין איינציגען אבענד האט ער נישט פארפעהלט צו קומען...

ווען זי זאל וויסען אז איהר טאכטער האט זיך מיט איהם צוואווערטעלט, און ער איז אויף איהר אין כעס געווארען, דאן וואלט זי פארשטענען... זי ווייס דאך אבער דאס ער איז פון איהר אוועק אזוי גליקליך, פול מיט ליעבע, מיט האפנונג פאר זייער צוקונפט... ער האט נאך איהר דעם לעצטען אבענד געזאגט, אז ווי נאר איהר פאטער וועט קומען, וועלען זיי שטעלען א חופה... ניין, עס איז אונמעגליך! עפעס אויסערגעוועהנליכעס האט דא געמוזט פאסירען... ווען איהר שמואל וואלט שוין געווען אין דער היים וואלט ער שוין אלעס אויסגעפינען... אבער ווען וועט ער שוין קומען? דערווייל האט איהר ליעבע טאכטער אזוי פיעל עגמת נפש און צער... זי האט פארלארען דעם אפעטיט און עסט גאר נישט, זי געהט פון הויז נישט ארויס...

מרים ווייס שוין ניט ווי אזוי איהר טאכטער צו טרייסטען. זי האט שוין מעהר קיין ווערטער נישט. די איינציגע זאך וואס בלייבט יעצט צו טהאן, איז אז שושנה אליין זאל אריבערגעהן און זיך מיט חסדאי'ן דורכריידען און דאן וועט זי שוין אלעס וויסען...

און מרים איז אריין צו שושנה'ן אין צימער און מיט איהר ווידער גענומען ריידען.

— טאכטער מיינע, דו טארסט זיך אזוי פיעל נישט פייניגען, דו מוזט געהן עסען און דו מוזט זעהן זיך ארויסשלאגען די טרויעריגע געדאנקען פון קאפ... איך בין זיכער, אז מיר וועלען עס אלעס דערמאהנען אין פריידען...

— ווען איך זאל וויסען דאס ער האט אויפגעהערט מיך צו ליעבען, וואלט מיר שוין אזוי פיעל נישט אויסגעמאכט. אבער דער נישט וויסען, די פערצווייפלונג, דאס קלעהרען און נישט קענען פארשטעהען וואס דא קומט פאר, אט דאס ערגערט מיך מעהר פון אלץ, — האט שושנה געזאגט מיט א טרויעריגע שטימע.

— ווייסט וואס, מיין טאכטער, — האט מרים זיך אפגערופען, — איך האב פיעל נעקלעהרט ווענען דעם. אפשר וואלט געווען א גלייכע זאך ווען דו אליין

געהסט אריבער צו איהם, אין זיין פאלאץ אין אבענד, ווען ער איז פריי, און זיך מיט איהם דורכריידען און אלעס דערגעהען פון איהם אליין...

— אה, ניין, ליעבע מוטער, איך וועל אזא זאך קיינמאל נישט טהאן. אויב ער געפינט נישט פאר נויטיג צו געבען מיר אן ערקלעהרונג, וועל איך דאך נישט געהן אליין צו איהם ארויסצווינגען אן ערקלעהרונג... איך וועל זיך ביי איהם נישט געהן בעטען...

מרים האט איינגעזעהן דאס איהר טאכטער איז גערעכט. עס וואלט פאר איהר געווען אן ערנידריגונג אויב זי וואלט צו איהם געגאנגען... צו שטאלץ איז איהר שושנה דאס זי זאל אזא זאך טהאן. זיי וועלען שוין מוזעןווארטען ביז וואנען שמואל וועט זיך צוריקקעהרען פון וועג.

* * *

זינט ר׳ שמואל איז אוועקגעפאהרען האט חפני אבן זמרי בעזוכט דאס הויז עטליכע מאל. עפעס האט ער באמערקט אן ענדערונג אין הויז... די פרעהליכקייט איז פארשוואונדען... אלע זיינען שטארק באזארגט... איז דאס מעגליך דאס זיי בענקען נאך ר׳ שמואל׳ן?... חפני האט זיך אויך דערוואוסט אז חסדאי קומט מעהר נישט באזוכען שושנה׳ן. ער היט אפ שושנה׳ס הויז פאר די לעצטע עטליכע אבענדען, און חסדאי קומט נישט... און ביז נישט לאנג האט ער דאך זיי געזעהען צוזאמען כמעט יעדען אבענד. וואס זאל דאס באדייטען? אפשר איז דאס שוין אויס שידוך צווישען זיי?... דאס הארץ גיט איהם א צאפעל פון פרייד ווען דער געדאנק איז איהם געקומען אויפ׳ן זינען; אויב אזוי וועט דאך איהם גאר ניט שווער אנקומען... ער האט בעשלאסען צו בעזוכען שושנה׳ן אין אבענד. ביז אהער איז ער קיינמאל נישט געקומען אין אבענד, ווייל ער האט געוואוסט, אז דאן וועט ער טרעפען זיין שונא, חסדאי. יעצט אבער אז חסדאי האט אויפגעהערט צו קומען, האט ער זיך געפאסט מוטה און איז אריין צו שושנה׳ן אין הויז.

מרים האט איהם גאנץ פריינדליך אויפגענומען. זי איז געווען צו איהם דאנקבאר פאר זיין העלדענטהאט וואס ער האט ארויסגעוויזען ווען שושנה איז געפאנגען געווארען...

חפני האט ביי יעדער געלעגענהייט איהר דערמאהנט ווי שטארק ער האט געקעמפפט געגען די צוויי געזונטע אראבער... ער האט זיין לעבען אין געפאהר געשטעלט...

— חפני, — האט זיך מרים צו איהם אפגערופען, — דו ביזט א בראווער און העלדישער יונג... מיר אלע וועלען קיינמאל נישט פארגעסען דיין העלדישקייט וואס דו האסט ארויסגעצייגט ווען דו האסט געראטעוועט שושנה׳ן... מיר וועלען זיך נישט בארוהיגען ביז וואנען דו וועסט פון אונז א בעלאהנונג נעהמען...

— מיין בעלאָהנונג איז שוין דאָס אליין, אז גאָט האָט מיר מעגליך גע־מאַכט איך זאָל ראַטעווען דאָס לעבען פון די שענסטע טאָכטער פון קאָרדאָווא, — האָט חפני געזאָגט מיט א שמייכעל.

מרים האָט פארשטאַנען זיינע כוונות. זי האָט געשוויגען...

— וואו איז דאָס שושנה, — האָט חפני א פרעג געטהאָן.

— שושנה פיהלט נישט אזוי גוט און איז דאריבער געגאַנגען צו בעט עטוואס פריהער ווי געוועהנליך, — האָט איהם מרים געענטפערט.

חפני איז געזעסען א קורצע ווייַלע. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

— לאָזט גריסען שושנה'ן פון מיינעטוועגען.

ער האָט געזאָגט א גוטע נאַכט און איז ארויסגעגאַנגען.

מרים האָט דערצעהלט שושנה'ן וועגען חפני'ס באזוך.

— זאָל עס זיין דאָס ער ווייס אז חסדאי קומט מעהר נישט אהער, — האָט שושנה געזאָגט.

— עס איז מעגליך אז ער ווייס, אז נים וואָלט ער דאָך נישט געקומען איין אבענד, — האָט מרים באַמערקט.

— פונדעסטוועגען גלויב איך נישט אז ער זאָל עפּעס האָבען צו טהאָן מיט חסדאי'ס אויפהערען צו קומען... ערשטענס, ווי קומט ער צו איהם, און ווידער חסדאי ווייס דאָך וועך ער איז און ער וועט זיינע ווערטער נישט נעהמען צום הארצען... יעדענפאַלס וואָלט ער דאָך מיר געדאַרפט דערצעהלען וואָס חפני האָט געזאָגט וועגען מיר...

— איך בין אויך זיכער, אז חפני ווייס נישט פון וואָס צו זאָגען, — האָט מרים איינגעשטימט מיט איהר טאָכטער, — עפּעס א מאָדנע געהיימניס שטעקט דערינען... און אם ירצה השם, ווען דער פאָטער וועט קומען, וועט ער אלעס אויסגעפינען...

* * *

פריהמאָרגען. דבורה האָט געגרייט צום טיש. זי האָט גערופען מרים'ן און שושנה'ן צו געהן עסען. עמנואל האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסען און האָט זיך שוין געקליבען געהן אין דער ישיבה. ער האָט געקושט זיין מוטער און שוועסטער און איז אוועקגעגאַנגען.

אן אומעטיגע שטילקייט האָט געהערשט אין הויז... מרים און שושנה זיי־נען געווען פערטיעפט אין דיזעלבע טרויעריגע געדאַנקען... פּלוצלינג האָבען זיי דערהערט א קלאַפּ אין טהיר...

מרים איז געגאַנגען עפענען. נעבען טהיר איז געשטאַנען א פיין געקליידע־טער אראַבישער יונגערמאַן.

— ווערמען ברויכסטו און וואס איז דיין פערלאנג? — האט איהם מרים געפרעגט.

— וואהנט דא די פאמיליע אבן ברוך? — האט דער אראבער געפרעגט.

— יא, וואס איז? — האט מרים געפרעגט א דערשראקענע.

— איך האב דא א בריעף פון שמואל אבן ברוך.

— שושנה! — האט מרים אויסגעשריען, — א בריעף פון פאטער!...

שושנה איז שנעל צוגעלאפען צום טהיר און א פרעהליכע אויסגערופען: "א בריעף פון פאטער! וואו איז ער?"

דער אראבער האט זיי דערלאנגט דעם בריעף...

מיט ציטערנדע הענד האט מרים געעפענט דעם בריעף און זי מיט שושנה'ן האבען שנעל גענומען לעזען.

— געפאנגען! . . . — האבען ביידע מיט אמאל אויסגעשריען. עס האט זיי גענומען ווארפען אין היץ און אין קעלט.

— אוי, מיין שרעקליכער חלום! — האט שושנה היסטעריש געוויינט.

— מיין טהייערער גוטער מאן געפאנגען, מיין ליעבער שמואל, וואו ביזטו! . . . — האט מרים געיאמערט. — ווי איז דאס מעגליך, ער איז דאך געפאהרען מיט אזוי פיעל אנדערע סוחרים! אבער יא, עס איז זיין האנד־שריפט. און ער שרייבט:

"איך, שמואל אבן ברוך, געפין זיך יעצט אין די הענד פון מיינע פאנגער. זיי פאדערען הונדערט טויזענד שקלים אויסלייז־געלד פאר מיר. זעהט צו קריגען דאס געלד און גיט עס איבער צום שליח. דערצעהלט קיינעם נישט וועגען דעם. ווארום אויב מיינע פאנגער וועלען זיך דערוויסען דאס זייער שליח האט געהאט שטערונגען אין זיין וועג, וועלען זיי מיר געוויס טויטען. איך בעט אייך נאך אמאל צו זיין זעהר פארזיכטיג, ווייל מיין לעבען הענגט אויף א האר. . ."

אייער מאן און פאטער, **שמואל אבן ברוך.**

נ. ב. — מיין ליעבע טאכטער שושנה, דו זעהסט דאך ווי מיין לעבען איז אין גרויס סכנה. איך האב מיינע פאנגער געפרעגט אויב זיי וואלטען וועלען פערהאנדלען מיט חפני'ן וועגען מיר. און כאטש זיי קענען איהם נישט, נאר ווייבאלד איך האב זיי געזאגט, דאס חפני איז א שקלאפען־הענדלער, און עס איז מעגליך דאס ער זאל מיט זיי תמיד טהאן מסחר, האבען זיי צוגעשטימט דאס ער קען אריינגעבראכט ווערען אין דיזען געהיימניס... אלזא, מיין ליעבע טאכטער, וואלט איך וועלען דאס איידער דער שליח קריגט דאס געלד, דו זאלסט זיך זעהן מיט חפני'ן און איהם צייגען דיזען בריעף. פיעלייכט וועט ער מיט־

געהן מיט דעם שליח און פיהרען פארהאנדלונגען מיט מיינע פאנגער. בעט איהם אויך דאס ער זאל זעהר פארזיכטיג זיין און מיט קיינעם וועגען דעם נישט ריידען, ווייל מיין לעבען איז אין גרויס סכנה.
דיין פאטער שמואל.

די מוטער און טאכטער האבען גענומען שטארק וויינען...

— מיינע איידעלע פרויען, — האט זיך דער אראבער צו זיי אפגערופען. — אייער שמואל'ס לעבען ליגט אין אייערע הענד. אויב איהר וועט אזוי נעהמען ליארמען און שרייען, וועלען פרעמדע מענשען זיך דערפון דערוויסען, און אויב איך זאל האבען שוועריגקייטען צוצושטעלען צו די פאנגער די נויטיגע סומע אויסלייז־געלד, דאן פארליערט איהר איהם אויף זיכער און עס וועט זיין אייער אייגענע שולד... מיין עצה איז דאריבער, דאס איהר זאלט זיין זעהר געלאסען און זעהן בעסער גלייך צו קריגען די דערמאהנטע סומע געלד און זיי וועלען איהם זאפארט בעפרייען. און אויב איהר האט די מעגליכקייט זיך צו זעהן מיט דעם שקלאפען־הענדלער, שמואל'ס פריינד, וועלכער איז דערמאהנט אין בריעף וועט עס נאך גרינגער אנקומען... און אייער שמואל וועט באפרייט ווערען אהן קיינע שוועריגקייטען... געדענקט אבער, אז איהר מוזט נישט ארויסריידען קיין ווארט צו אימיצען אנדערש... ווארום, אויב זיינע פאנגער וועלען זיך דערוויסען אז די פאליציי איז אויף זייער שפור אדער אז אנדערע מענשען זיינען פעראינ־טערעסירט איהם צו בעפרייען, וועלען זיי איהם גלייך טויטען.

— אבער זאג דאך מיר, גוטער מענש, — האט זיך שושנה גענומען בייי איהם בעטען מיט טרעהרען אין די אויגען, — וואס זאלען מיר יעצט טהאן? ווי אזוי קענען מיר ראטעווען אונזער פאטער?...

— דיין פאטער וועט קענען געראטעוועט ווערען נור דאן, ווען דו, דיין מוטער און דער שקלאפען־הענדלער וועלען זיין זעהר פארזיכטיג, — האט זיי דער שליח געענטפערט. — דערווייל דארפט איהר מיר צושטעלען די הונדערט טויזענד שקלים... ווארים אהן דיזע סומע געלד איז גאר קיין האפנונג ניטא איהם צו בעפרייען... איך גיב אייך צוויי טעג צייט ביז וואנען איהר וועט האבען די מעגליכקייט מיר איבערצוגעבען דאס געלד. אבער איך מוז אייך ווארנען נאך אמאל, אז דאס מוז געהאלטען ווערען בסוד... איך וועל קומען אין צוויי טעג ארום, און איך האף אז אלעס וועט זיין אין גוטען ארדנונג.

דער אראבער האט זיך פערנייגט און איז ארויסגעגאנגען.

א ווייללע זיינען ביידע, מוטער און טאכטער, געשטאנען ווי צומומעלטע. באלד אבער האבען זיי ביידע אויסגעבראכען אין א געוויין.

— מיין שמואל, מיין ליעבער מאן, איז געפאנגען געווארען... אוי, רבונו

של עולם, פאַר וואָס שטראָפסטו מיך אַזוי שווער! ?... — האָט מרים גע־יאָמערט.

— מיין ליעבער פאַטער איז געפאַנגען געוואָרען!... גאָט! בעשיץ דאָך איהם און קעהר איהם אום צו אונז א געזונטען, — האָט שושנה געוויינט.

— טאַכטער מיינע, — האָט זיך מרים אָפגערופען, — אונזער קלאָגען און וויינען וועט איהם גאָרנישט העלפען. מיר דאַרפען אָנפאַנגען עטוואָס טהאָן. געה, מיין קינד, אַריבער צו חפני'ן, צייג איהם דעם בריעף און האַלט זיך מיט איהם אַן עצה וואָס צו טהאָן און ווי צו האַנדלען... בעט איהם זעהר שטאַרק דאָס ער זאָל וועגען דעם מיט קיינעם נישט ריידען... די בעסטע זאַך וואָלט געווען ווען ער קען קומען אהער וואָלטען מיר זיך ביידע מיט איהם דורכגערעדט.

שושנה האָט זיך אַרומגעוואַשען און איז אַוועקגעגאַנגען צו חפני'ן... זי האָט דאָרט געטראָפען חפני'ס מוטער.

— א גאַסט, זיץ, שושנה! — האָט זי געזאָגט א פרעהליכע.

— איז חפני דאָ אין דער היים? — האָט שושנה איהר געפרעגט.

— חפני, המ... ער איז גראָדע יעצט ניטאָ. ער איז פאַרנומען דעם גאַנצען טאָג. ער איז א געבאָרענער געשעפטסמאַן. טאָג ווי נאַכט איז ער נור מיט די געשעפטען. די געשעפטען זיינען זעהר גרויסע און אָפטמאָל איז ער געצוואונגען אַוועק צו זיין פון דער היים פאַר עטליכע טעג.

— ווען ער היינט זיין אין דער היים? — האָט שושנה געפרעגט.

— מעגליך אַז ער וועט היינט קומען... ער וועט זיין זעהר צופריעדען ווען ער וועט דערהערען דאָס דו ביזט געקומען איהם זעהן... — האָט חפני'ס מוטער געזאָגט מיט שטראַהלענדע אויגען.

— איך וויל זיך מיט איהם אַן עצה האַלטען וועגען עפּעס. זייט דאָך אַזוי גוט און זאָגט איהם ער זאָל גלייך אַריבערקומען צו מיר אין הויז...

— ווי נאָר ער וועט קומען וועט ער גלייך אַריבערגעהן צו דיר, — האָט חפני'ס מוטער געזאָגט מיט א שמייכעל.

שושנה האָט איהר באַדאַנקט און איז אַוועקגעגאַנגען.

מרים האָט גענומען איהר גאַנצע ציערונג, עס איינגעפּאַקט אין א קעסטעלע און איז אַוועקגעגאַנגען צום מלוה לייהען די גרויסע סומע געלד.

דער מלוה האָט זיך גענומען וואונדערען:

— ווי קומט עס איהר זאָלט דאַרפען קומען לייהען געלד, איהר זייט דאָך אַזוי רייך!

— איך מוז האָבען די געלד זעהר נויטיג פאַר א קורצע צייט, און אָט האָב איך דיר געבראַכט מיינע ציערונג אַלס משכון, — האָט איהם מרים געזאָגט.

— די אבן ברוך פאמיליע וועל איך טרויען אהן א משכון, — האט דער מלוה געזאגט א צופריעדענער.

— אה, ניין, דו מוזט נעהמען דעם משכון, — האט איהם מרים געזאגט און איבערגעלאזען איהרע ציערונג ביים מלוה.

דער מלוה האט איהר געגעבען דאס געלד און מרים איז שנעל אוועק אהיים.

28טער קאפיטעל

חפני און שושנה

שושנה איז געקומען אהיים פון חפני'ס הויז א טרויעריגע און פארזארגטע; זי האט מורא געהאט טאמער וועט חפני נישט זיין אין הויז און מען וועט מוזען אפגעבען דעם שליח דאס געלד אהן חפני'ן... איהר איינציגע האפנונג איז איצטער געווען אין איהם... זי האט געוואוסט אז ער, אלס שקלאפען־הענדלער וועט וויסען ווי אזוי צו אונטערהאנדלען מיט איהר פאטער'ס פאנגער... ער זאל נאר וועלען... אפשר איז ער אויף איהר אין כעס און ער וועט גארנישט וועלען הערען און וויסען פון איהר... זי וועט איהם אבער בעטען ער זאל רחמנות האבען אויף איהר און אויף איהר ליעבען פאטער און זעהען טהאן אלעס אין זיין מעג־ליכקייט איהם צו רעטען פון די רויבער'ס הענד. זי איז זיכער דאס ער וועט איהר נישט ענטזאגען. ער זאל נאר היינט אהיים קומען...

שושנה האט יעצט ניט געטראכט וועגען איהרע אייגענע לײדען... איהר פאטער'ס לעבען איז אין סכנה... איהר ליעבער טהייערער פאטער! אה, ווי איהר הארץ האט איהר געשראקען, ווי זי האט זיך דאס ביי איהם געבעטען ער זאל נישט פאהרען. זי האט זיך דערמאהנט אין איהר שרעקליכען חלום און זי האט א ציטער געטהאן... זי האט פארלארען איהר געליעבטען חתן... איהר טרויער און צער איז געווען גרויס... איהר לעבען איז איהר נמאס געווארען; זי איז געווארען גלייכגילטיג צום לעבען... עס וואלט איהר גאר נישט געקימערט ווען זי שטארבט... אבער יעצט ווען זי האט זיך דערוואוסט אז איהר פאטער איז אין געפאהר, יעצט געהערט נישט איהר לעבען צו איהר... עס געהערט צו איהר פאטער... זי וועט אלעס אין דער וועלט טהאן אום צו ראטעווען איהר פאטער... קיין זאך וועט איהר נישט צו שווער זיין צו טהאן...

מרים איז צוריקגעקומען פון מלוה מיט די געלד. זי האט דערזעהן דעם טרויעריגען פנים פון איהר טאכטער, און איהר באלד געפרעגט:

— חפני וויל אונז נישט העלפען?

— ער איז נישט געווען אין דער היים, — האט שושנה געענטפערט, —

זיין מוטער האט מיר געזאגט, אז ווי נור ער וועט קומען, וועט זי איהם צושיקען אהער. איך האב אבער מורא אפשר וועט ער גאר נישט קומען אהיים נעכטי־גען... ווייל זיין מוטער האט מיר געזאגט, אז אפטמאל געהט ער אוועק פון דער היים אויף עטליכע טעג.

— וועלען מיר מוזען בעטען דעם שליח ער זאל צוואווארטען ביז וואנען חפני וועט קומען, — האט מרים געזאגט, — איך האב געקראגען דאס געלד פון דעם מלוה, און אז מיר וועלען איהם צייגען דאס געלד און בעטען איהם ער זאל ווארטען, גלויב איך, אז ער וועט אונז טהאן די געפעלינקייט און ווארטען.

— אבער איך האב מורא, אז וואס לייגגער עס פארציהט זיך, אלץ גרעסער ווערט די געפאהר... — האט שושנה געזאגט מיט טרעהרען אין די אויגען, — די רויבער וועלען דיינקען אז מען האט זייער שליח פארנארט און זיי וועלען...

— גאט וועט זיך מרחם זיין! — האט מרים א ציטער געטהאן, — מיר וועלען איהם פרעגען אויב א פאר טעג וועט קיין גרויסער אונטערשיעד נישט זיין פאר שמואל'ס פאנגער...

— אה, מוטער! — האט שושנה געזאגט, — אז גאט וועט העלפען און עס וועט געלינגען חפני'ן צו ראטעווען מיין טהייערען פאטער, וועל איך נישט וויסען איהם ווי אזוי און מיט וואס צו בעדאנקען.

— זאל ער נאר באפרייט ווערען, א, ליעבער גאט, און אויב מיר וועלען זיך דערוויסען אז ער איז באפרייט געווארען נור א דאנק חפני'ס בעמיהונגען, דאן . . . דאן וועלען מיר זעהן אז א שקלאפען־הענדלער איז אויך א זעהר נויטיגע זאך אויף דער וועלט...

* * *

ווען חפני איז געקומען אהיים איז איהם זיין מוטער געגאנגען אנטקעגען מיט א שמייכעל.

— טרעף וואס פאר א גאסט מיר האבען דא אין הויז היינט געהאט?

— א גאסט? — האט חפני געפרעגט פערוואונדערט. — ווער איז דא געווען?

— שושנה, ר' שמואל אבן ברוד'ס טאכטער! — האט זי שנעל געזאגט, און בעטראכט איהר זוהן חפני'ן צו זעהן וואס פאר אן איינדרוק איהרע ווערטער האבען אויף איהם געמאכט.

— שושנה!?

— יא, שושנה, — האט חפני'ס מוטער געזאגט מיט א שמייכעל, — זי האט מיר געזאגט דאס זי וויל זיך אן עצה האלטען מיט דיר, און ווי נאר דו וועסט קומען, אזוי זאלסטו באלד אריבערגעהן צו איהר אין הויז. זי האט אויס־געקוקט זעהר בעזארגט...

— וואס קען דאס זיין, — האט חפני געקוועטשט מיט די פלייצעס, — איך געה גלייך אריבער אהין! . . .
— פריהער נעהם עפעס עסען, — האט זיך די מוטער ביי איהם געבעטען,
— דו ביזט דאך געוויס הונגעריג.
— איך בין נישט הונגעריג, — האט חפני געזאגט און איז גלייך ארויס פון הויז.
חפני'ס מוטער האט א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס און איז אריין אין צימער וואו איהר מאן מנשה איז געלעגען און געכאפט א דרעמעל.
— מנשה, דו שלאפסט? — האט זי א פרעג געטהאן.
— ניין, איך שלאף נישט, וואס איז? — האט זיך מנשה אויפגעהויבען.
— גארנישט. דו האסט געדארפט זעהן חפני'ן בעת איך האב איהם געזאגט אז שושנה איז דא געווען, אין זיין פנים האט זיך געביטען אלע קאלירען. ער האט אפילו דעם אטהעם נישט אפגעכאפט און שוין געפלויגען אהין צו שושנה'ן...
— וואס פליהט ער, דער גולם, — האט מנשה געזאגט, — האפט ער נאך דען אז שושנה וועט ווערען זיינע?!... זי וועט אפגעבען איהר חתן, דעם קאליף'ס הויפט־מיניסטער, צוליעב מיין זוהן, חפני'ן דעם שקלאפען־הענדלער...
— ווייסטו וואס מען רעדט אין שטאדט? — האט איהם זיין ווייב געזאגט, — מען זאגט אז חסדאי האט פארלאזען שושנה'ן... ער האט אויפגעהערט צו קומען איהר בעזוכען...
— וואו האסטו די נייעס געהערט? — האט מנשה געפרעגט.
— איך האב עס געהערט אין שוהל שבת ביים דאווענען. מרים און שושנה זיינען נישט געווען דאווענען לעצטען שבת, האבען זיך די פרויען געוואונדערט. האט איין פרוי אונז אריינגערוימט א סוד דאס חסדאי האט פארלאזען שושנה'ן. חסדאי, — האט זי געזאגט, — פלעגט יערען אבענד פארבייגעהן איהר הויז, ווען ער פלעגט געהן צו שושנה'ן, און יעצט איז שוין עטליכע אבענדען אז זי האט באמערקט דאס חסדאי קומט מעהר נישט... זי האט מיט א כיון געווארט אין דרויסען ביז שפעט אין דער נאכט און חסדאי איז נישט פארבייגעגאנגען...
— ווייס איך וואס ווייבער פלאפלען, — האט מנשה א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס, — מסתמא האט ער דאן נישט געפיהלט אזוי גוט...
— איך האב אבער דיזעלבע זאך געהערט פון נאך עטליכע פרויען.
— עס איז אלץ קיין ראיה נישט דאס זיי זיינען זיך צוגאנגען... — האט מנשה געזאגט, — עס קען זיין אז זיי האבען זיך צוואווערטעלט און וועלען זיך מסתמא באלד איבערבעטען... און אפילו, לאמיר זאגען, אז די ווייבער זיינען גערעכט און חסדאי האט טאקע פארלאזען שושנה'ן, וועט גלייך געהן ר' שמואל

און זיך מתחתן זיין מיט מיר... ער וועט נעהמען מיין תכשיט פאר אן איידעם!...

— ביי דיר איז דיין אייגענער זוהן א גארנישט און ביי לייטען איז ער א מענש מיט וועמען מען רעכענט זיך און וועמען מען גיט אפ כבוד.

— יא, כבוד גיט מען איהם אפ! קללות גיט מען איהם, נישט קיין כבוד... זעהסטו ווען ער וואלט דאן געפאלגט דעם רב און ווען עס וואלט נישט געקומען צו קיין חרם, דאן וואלט אלעס אנדערש געווען. רייך איז ער און דערצו האט ער ארויסגעוויזען א העלדישקייט און געראטעוועט ר' שמואל'ס טאכטער, דאן וואלט מען זיך מיט איהם טאקע גערעכענט. און אפילו מיר אליין האט מען אנגעהויבען איינטיילען כבוד אין שוהל, אבער יעצט צוליעב זיין נארישע עקשנות האט ער אלעס פארלארען. אין שוהל איז ער ביי אלעמען פארהאסט און צוליעב איהם לייד איך אויך יעצט... מען האט מיר שוין אנגעפאנגען צו געבען עליות און אנדערע כבודים... און יעצט, זינט דער חרם, האב איך נאך קיין איין עליה נישט געקראגען...

— נו, וואס קען מען העלפען אז אונזער חפני איז א געבוירענער געשעפטס־מאן, אהן מסחר קען ער נישט אויסקומען, — האט די מאמע פארטיידיגט איהר זוהן.

— מסחר! — האט זיך מנשה פארקרימט, — א נו, זאג מיר, וואו איז זיין געלד?... דאנקען גאט, מיר זיינען רייך, געלד פעהלט נישט... אבער חפני טהוט דאך אזוי פיעל מסחר; ער איז דער איינציגער אידישער שקלאפען־הענדלער און געדארפט יעצט האבען א מטמון מיט געלד, פונדעסטוועגען ווען ער דארף געלד קומט ער נעהמען פון אונז... איך זאג דיר נאך אמאל, ווען נישט דו, וואלט חפני געווען אנדערש. דו פערדארבסט איהם...

— וויפיעל קינדער האסטו עס? איין־איינציגען זוהן, ווילסטו זיך מיט איהם נאר קריגען און אמפערען. פארגעס נישט אז ער איז שוין א מענש פאר זיך... און אז דו וועסט נעהמען צופיעל טענה'ן מיט איהם וועט ער גאר פאר־לאזען דאס הויז.

— דו האסט נאר מורא ער זאל נישט פארלאזען דאס הויז, און דאריבער איז ביי דיר רעכט ער זאל געהן צום אפגרונד... לעצטענס איז ער אין גאנצען ארומגעהילט מיט סודות... און עד היום האט ער מיר נאך נישט אויסגעזאגט דעם סוד פאר וואס ער האט זיך נישט געוואלט אונטערגעבען צו דעם רב'ס פארבאט און איז בעסער אריינגעלייגט געווארען אין חרם... ווער וויים אין וואס פאר א געזעלשאפט ער געפינט זיך יעצט... איך גלייך נישט זיין פלוצלינגען פארפאלען ווערען אויף עטליכע טעג, און איך פארשטעה נישט זיינע גע־היימניסען. איך האב באשלאסען איינמאל פאר אלע מאל צו מאכען א סוף צו

דעם, אדער ער זאל אויפגעבען דם שקלאפן־האנדעל מיט אלע זיינע חברים שקלאפען־הענדלער און אז נישט זאל ער פארלאזען מיין הויז...

— ווי קענסטו דאס זאגען אזא זאך, מנשה, — האט זי געוויישט די אויגען, — מיין איין־און־איינציג קינד זאל פארלאזען אונזער הויז? וואס וועט פון איהם ווערען.

— אבער לאזען איהם געהן אין זיינע וועגען וועט נאך ערגער זיין. ער וועט זיך אליין רואינירען און אויך אונז.

— דו וועסט זעהן, מנשה, ער וועט חתונה האבען וועט ער גאר אנאנדער מענש ווערען... האב נאר אביסעל גערולד. מיר וועלען נאך האבען פון איהם פיעל נחת.

— ווי וועט ער חתונה האבען אז ער האט זיך איינגערעדט דאס ער וועט קריגען שושנה'ן... און יעצט איז קיין קארדאוואער מיידעל נישט גענוג פאר איהם. ער וועט אזוי קריגען שושנה'ן אזוי ווי איך וועל קריגען די גבאות אין שוהל... אפילו ווען די קלאנגען זיינען ריכטיג און חסדאי האט איהר טאקע אויפגעגעבען, וועט שושנה מיט איהם נישט חתונה האבען. קיין בעסערע יונגע לייט ווי חפני דער שקלאפען־הענדלער איז שוין אין קארדאווא נישטא?...

— פארגעס נישט אבער, אז חפני האט איהר געראטעוועט פון א זיכערען טויט.

— זעהסטו, —האט זיך מנשה ווידער אפגערופען, — ווען חפני וואלט אויף זיך נישט געהאט אט דעם "פלעק" פון חרם, וואלט איך זיך יעצט גע־לאזט איינריידען וועגען א מעגליכען שידוך צווישען איהם מיט שושנה'ן, וויול איהר חתן האט איהר פערלאזען... אבער מיט אזא "פלעק" אויף זיין נאמען, און ווען אלע האסען איהם, וויל ער זיך נאך איינריידען אז שושנה וועט מיט איהם חתונה האבען?

— פונדעסטוועגען אז שושנה דארף זיך האלטען אן עצה קומט זי צו קיינעם נישט, נור צו חפני'ן, — האט דיא מוטער געזאגט מיט שטאלץ, — אזא יאהר אויף מיר וואס פאר א קלוגער זוהן אונזער חפני איז... און אויב עס איז ריכטיג אז זי איז געווארען אוים כלה פאר חסדאי'ן, קען נאך זיין אז חפני'ס האפנונגען זיינען נישט אומזיסט.

מנשה האט געשוויגען... ער האט נישט געקענט פארשטעהען פארוואס שושנה איז טאקע געקומען צו חפני'ן זיך האלטען אן עצה... אפשר? ווער ווייס?... — האט ער זיך געטראכט, — עס קען זיין אז זי איז טאקע גערעכט, הלואי זאל דאס טאקע אזוי זיין...

ווען חפני איז אריינגעקומען אין ר' שמואל'ס הויז, זיינען ביידע, מרים און שושנה, איהם געגאנגען אנטקעגען און איהם זעהר פריינדליך עמפפאנגען.

— איך בין נאר וואס געקומען אהיים און מיין מוטער האט מיר געזאגט, אז שושנה איז געווען און מיך געבעטען אריבערקומען צו איהר אהיים, בין איך גלייך אוועק אהער.

— איך דאנק דיר זעהר, חפני, וואס דו ביזט גלייך געקומען אהער, — האט איהם שושנה געזאגט.

— מיר וועלען דיר אנפערטרויען א סוד, — האט מרים געזאגט, — און מיר האפען אז נישט נאר וועסטו זיין פארזיכטיג, נאר דו וועסט אונז העלפען אין אונזער גרויסען אומגליק.

שושנה האט גענומען ווישען די טרעהרען פון איהרע אויגען, און נאכהער האט זי דערלאנגט חפני׳ן איהר פאטער׳ס בריעף.

חפני האט איבערגעלעזען דעם בריעף און אויסגערופען מיט א געמאכטער איבערראשונג:

— ר׳ שמואל געפאנגען! ווי אזוי האט עס פאסירט? איז דער שליח נאך דא. איך וועל איהם צושטעלען די הונדערט טויזענד שקלים!

— גוטער חפני, — האט מרים געזאגט, — דער שליח וועט מארגען קומען אפנעהמען דאס געלד. איך האב די גאנצע סומע געלד, אבער איך האב מורא, אז נאכדעם ווען מיין מאן׳ס פאנגער וועלען קריגען דאס געלד, וועלען זיי איהם נאך אלץ נישט באפרייען... אבער ווען דו, חפני, זאלסט מיט זיי פערהאנדלען, ווי מיין שמואל שרייבט, דאן בין איך זיכער, אז דיר וועט געלינגען איהם צו בעפרייען.

— מיט גאטעס הילף, — האט חפני געזאגט, — האף איך אז מיר וועט געלינגען איהם צו בעפרייען. געוועהנליך ווענדעט עס זיך ביי וועמען אין די הענד ער איז אריינגעפאלען. אויב מעגליך וועל איך מיטגעהן מיט דעם שליח צו דעם פלאץ...

— חפני, — האט שושנה געזאגט מיט טרעהרען, — ווען דיר וועט געלינגען צו בעפרייען מיין ליעבען, טהייערען פאטער, וועל איך דיר נישט וויסען ווי צו בעדאנקען פאר דיין העלדישקייט און איבערגעבענהייט צו אונז... איך... איך געפין זיך זעהר שולדיג געגען דיר, חפני, איך וויים אז איך האב דיר נישט בעהאנדעלט לויט דיין ווירדע, ווען דו האסט דיין לעבען פאר מיר איינגעשטעלט... דו האסט אפילו קיין בעלאהנונג פון אונז נישט געוואלט נעהמען...

— מיין גרעסטע בעלאהנונג איז געווען, ווען איך האב די מעגליכקייט גע־האט צו זעהן דיין פנים און מיט דיר צו ריידען אונגעשטערטערהייד... און איך פארזיכער דיר, געטליכע שושנה, ווען די געלעגענהייט וועט קומען און איך זאל נאכאמאל דארפען איינשטעלען מיין לעבען פאר דיר, וואלט איך דאס געטהאן מיט׳ן גרעסטען פארגעניגען און פרייד... איך וויים אז דאס וואס איך געה יעצט

טהאָן איז אויך זעהר א געפעהרליכע זאַך. איך געה צו מענשען־פאַנגער... מעגליך דאָס איך וועל זיך מעהר צוריק נישט אומקעהרען...

— בעהיטע גאָט! — האָט איהם מרים אונטערבראָכען, — פאַרוואָס מיינסטו אז דו וועסט זיך חלילה נישט צוריקקעהרען?

— עס איז מעגליך דאָס זיי וועלען מיר אויך ארייננארען צו זיך און דער־נאָך פאַרקויפען פאַר א שקלאַף אָדער פאַרהאַלטען פאַר אויסלייז געלד...

— אַך, דאָס וואָלט געווען שרעקליך!... — האָט שושנה געוויינט, — דאַן וואָלטען אַלע האָפנונגען צו זעהן מיין פאָטער פאַרשוואונדען!

— זאָרג נישט, ליעבע שושנה, — האָט איהר חפני געטרייסט, — איך וועל מיין לעבען איינשטעלען אויב נויטיג, און בעפרייען דיין פאָטער. מיין גאַנצען פאַרמעגען און מיין לעבען וועל איך אָפּפערען אום איהם צו בעפרייען.

שושנה איז געריהרט געוואָרען פון חפני׳ס "הארציגע" ווערטער. זי האָט מיט א ציטערנדע שטימע געזאָגט:

— איך ווייס, אז איך בין נישט ווערטה דו זאָלסט פאַר מיר טהאָן אזא גרויסע זאַך, אָבער ווען דיר וועט געלינגען מיין פאָטער צו בעפרייען, דאַן... דאַן וועט אַלעס אנדערש זיין...

חפני׳ס הארץ איז כמעט צושפּרונגען געוואָרען פון פרייד... שושנה׳ס לעצטע ווערטער האָבען איהם גליקליך געמאַכט... "יא, דאַן וועט אַלעס אנדערש זיין"... יעצט איז זי זיכער זיינע... חסדאי קומט שוין מעהר נישט צו איהר, מסתמא האָט זי איהם אויפגעגעבען... יעצט וועט די וואונדער־שעהנע שושנה געהערען צו איהם, צו איהם אויף אייביג... ווי זיס וועט זיין די נקמה אָן חסדאי׳ן... ער, חסדאי׳ס ביטערסטער שונא וועט חתונה האָבען מיט חסדאי׳ס כלה. קען נאָך זיין א גרעסערע נקמה ווי דאָס!... חפני איז ווי פער׳שכור׳ט געוואָרען פון גליק, זיין בלוט האָט זיך אין איהם צוזונגען, זיינע אויגען האָבען אויפגעלויכטען, זיינע פּיס האָבען זיך גענומען באַוועגען... ער וואָלט יעצט געטאַנצט פון שמחה און מיט א פון גליק צוגאָסענע פרעהליכקייט האָט ער זיך אָפּגערופען:

— שושנה, איך שווער דיר מיט אַלעס וואָס איז הייליג אז איך וועל אומ־קעהרען דיין ליעבען פאָטער צו דיר א געזונטען, אומבעשעדיגט... איך שווער, דאָס איך וועל דיין פּנים מעהר נישט אַנקוקען סיידען איך וועל בעפרייען דיין פאָטער!...

שושנה איז עטוואָס מונטערער געוואָרען... זי האָט געקראָגען צוטרויען אין חפני׳ן... און זי האָט געגלויבט אז איהר פאָטער וועט זיכער בעפרייט ווערען דורך חפני׳ס מיה... ראַטעווען איהר פאָטער, דאָס איז געווען איהר איינציגער וואונש, וועגען זיך זעלבסט האָט זי גאָרנישט געקלעהרט... איהר לעבען איז איהר

אלץ איינס נישט ניחא, און חלילה ווען עפּעס זאָל געשעהן צו איהר פאטער, דאן וועט זי געווים עם נישט אריבערטראָגען...

אויף מאָרגען איז חפני געקומען צו שושנה׳ן גאנץ פריה און האט געשוואָרט אויף דעם שליח.

מרים האט איבערגעגעבען חפני׳ן דעם פּעקעל געלד און דער שליח איז געקומען האט זי צו איהם געזאָגט:

— דאָס איז חפני, וועמען מיין מאן דערמאָהנט אין זיין בריעף, מיט איהם וועסטו פערהאנדלען.

דער שליח האט זיך פארנייגט און נאכהער אפּגערופען:

— ווי איך פארשטעה ביזטו א שקלאַפען־הענדלער, קענסטו מיר נישט זאָגען מיט וועמען דו האסט געהאנדעלט ביז יעצט.

— ביז יעצט האָב איך געהאנדעלט מיט דעם בעוואוסטען אבו נאסיף, נאר איך בין זעהר נישט צופריעדען מיט זיין בעהאנדלונג. און אויב דיינע חאררען וואָלטען וועלען פארבינדען מיט מיר א האנדעלשאפט וואָלט איך זיכער צו־פריעדען געווען.

— האָסטו די הונדערט טויזענד שקלים אויסלייז געלד פאר דעם מאן שמואל, — האט דער שליח איהם ווידער געפרעגט.

— איך האָב דאָס געלד מיט זיך און איך בין געגרייט מיט דיר מיטצוגעהן און איהם אויסלייזען...

— וואָס וועל איך טהאָן אז דו וועסט אונז פערראטהען, — האט דער שליח געזאָגט און א קוק געטהאָן אויף מרים׳ן און שושנה׳ן.

— חפני אבן זמרי האט נאך קיינעם נישט פערראטהען, — האט חפני מיט שטאָלץ געענטפערט.

— איך בין צופריעדען אז דו זאָלסט מיט מיר מיטגעהן, — האט דער שליח זיך אפּגערופען, — אבער ווי מיר געהען ארויס פון שטאָדט וועסטו מוזען זיך לאָזען פארבינדען די אויגען און זיך אין גאנצען פארלאָזען אויף מיר ביז וואנען איך וועל דיר צופיהרען צום פּלאץ... אזוי האט מיר מיין האר אנגעזאָגט.

— וואָס וועט אבער זיין אז דו וועסט מיר פארפיהרען און נאכהער ער־מאָרדען? — האט איהם חפני געפרעגט.

— אויב דו האסט מורא אז איך וועל טהאָן אזא זאך, דאן דארפסטו מיט מיר נישט מיטגעהן, — האט דער שליח געזאָגט מיט א געמאכטען כעס.

— אָה, ניין, ניין, איך האָב קיין מורא נישט, איך וועל מיט דיר מיטגעהן.

— אויב אזוי גיב מיר די סומע געלד און מיר וועלען ביידע גלייך צוזאמען.

חפני האט איהם איבערגעגעבען דאָס געלד און זיך געזעגענט מיט שושנה׳ן און מרים׳ן.

— זייט געזונד און זארגט נישט, ר׳ שמואל וועט בעפרייט ווערן.
— גאט זאל דיר העלפען, — האט מרים געוויינט.
— גאט וועט דיר בעשיצען און בעגליקען, — האט שושנה געווישט איהרע אויגען.
— זייט זעהר פארזיכטיג פאר קיינעם אווארט וועגען דעם נישט צו ריידען.
— האט חפני זיי געזאגט, און איז מיט דעם שליח ארויסגעגאנגען פון הויז.

29טער קאפיטעל

אבו נאסיף רעדט

אוועקרייטענדיג מיט דעם שליח הינטער׳ן שטאדט, האט זיך חפני געפיהלט זיכערער, זיין הארץ איז פול געווארען מיט גליק און פרייד.

— ווי געפעלט דיר שושנה, — האט ער א פרעג געטהאן דעם שליח, — איז זי נישט די שעהנסטע מיידעל אין קארדאווא?

— יא, מיין האר, — האט זיך דער שליח אפגערופען, — איך האב נאך אזא שעהנהייט אין מיין לעבען נישט געזעהען. דו דארפסט זיין דער גליקליכסטער אין דער וועלט צו האבען די זכיה איהר צו קריגען פאר דיין פרוי.

— קענסטו זיך פארשטעלען וואס פאר א נקמה איך וועל האבען אין מיין ביטערסטען שונא, אין דעם קאליף׳ס הויפט־מיניסטער חסדאי... שושנה איז דאך זיין כלה און יעצט, א דאנק אבו נאסיף׳ס קלוגע עצות, וועט זי ווערען מיינע, מיינע אויף אייביג!...

— א קליינעם דאנק קומט מיר אויך, — האט זיך דער שליח אפגערופען, — אמת, איך האב אויסגעפאלגט מיין האר׳ס באפעהל, ווען איך האב זיך פארשטעלט אלס בעטלער און ארייננעארט שמואל׳ן מיט זיינע צוויי בעדיענטע אין אבו נאסיף׳ס רשות... איך האב געשפיעלט מיין ראלע אויסגעצייכנט... איך האב מיין לעבען אין סכנה געשטעלט... ווען איך האב געזעהען אזוי פיעל סוחרים פאהרען מיט ר׳ שמואל׳ן, האט מיר בעת מעשה דאס הארץ א ציטער געטהאן... שטעל זיך פאר, ווען אלע סוחרים באשליסען מיטצופאהרען מיט שמואל׳ן צו ״רעטען״ די ארימע פרוי מיט איהר קינד... וואס וואלט איך דאן געטהאן?... וואו וואלט איך דאמאלס געקענט קריגען אן ארימע, קראנקע פרוי מיט איהר קינד... זיי וואלטען דאך פארשטאנען אז איך האב זיי געוואלט ארייננארען... נו, וואלטען זיי דען מיר נישט טויט געשלאגען? דיזעלבע זאך מיט מיינע איבריגע העלפער, ווען זיי וואלטען געפונען געווארען אין זייערע בעהעלטנישען, וואלטען זיי אויך קיין גוטען סוף נישט געהאט.

— איך האב אלע מאל געזאגט, אז דו ביזט בראוו און קלוג, — האט איהם

חפני געלויבט, — און טאַקע צוליעב דעם האָב איך דיר און דיינע מיטהעלפער באַפרידיגט.

— דעם אמת זאָגענדיג, איז דיין באַפרידיגונג געווען זעהר נישט צופרי־דענשטעלענד, — האָט איהם דער שליח געענטפערט, — נאָר פאַר מיר זעלבסט קימערט מיר נישט אזוי פיעל... אָבער מיינע חברים זיינען אויף דיר שטאַרק אין כעס... זיי האָבען מיר געזאָגט: ווען זיי וואָלטען וויסען דאָס דו וועסט זיי אזוי ווייניג בעלוינען, וואָלטען זיי גאָרנישט אָנגעפאַנגען...

— נו, און וואָס וואָלט אבו נאסיף געזאָגט, — האָט איהם חפני א פרעג געטהאָן, — זיי זיינען דאָך זיינע קנעכט, וואָלטען זיי דאָך איהם אַלץ איינס גע־מוזט פאָלגען... און אויב זיי וואָלטען עס נישט געטהאָן, וואָלט זיי אבו נאסיף געצוואונגען דערצו און דאַן וואָלטען זיי פון מיר גאָרנישט געקראָגען...

— אבו נאסיף קען קיינמאָל נישט צווינגען זיינע קנעכט דורכצופיהרען אזא געפעהרליכע זאַך, און אפילו ווען ער וואָלט יא געקענט צווינגען, וואָלט ער דאָס אליין נישט געטהאָן... ווען מיר וואָלטען געצוואונגען געווען דערצו, וואָל־טען מיר קיינמאָל נישט געווען אזוי ערפאָלגרייך ווי יעצט...

— זאָרג נישט, גוטער ברודער, — איז חפני ווייכער געוואָרען, — דיין בעלאָהנונג איז נאָך גרויס... וואַרט נאָר א ווייַלע ביז וואַנען איך וועל קריגען שושנה'ן, דאַן וועל איך דיר זיכער מעהר געלד געבען. פאַרשטעהסטו מיר, שושנה'ס עלטערען זיינען זעהר רייך, און ווען איך קריג שושנה'ן, קריג איך אויך א טייל פון זייער רייכטהום, דאַן וועל איך דיר שוין גוט באַפרידיגען.... אָבער זאָג מיר, וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט שמואל'ס בריעף געמאַכט אויף שושנה'ן?

— שושנה איז מעהר פאַרציטערט געוואָרען ווי איהר מוטער, — האָט דער שליח איהם געענטפערט, — זי האָט מיר געבעטען מיט טרעהרען איך זאָל איהר געבען אַן עצה ווי אזוי זי זאָל ראַטעווען איהר פאַטער...

— און וואָס האָסטו איהר געזאָגט?

— איך האָב איהר געענטפערט, אז איהר פאַטער וועט קענען געראַטעוועט ווערען נור דאַן ווען זי, איהר מוטער, און דער שקלאַפען־הענדלער, מיינענדיג דיר, וועלען זיין זעהר פאָרזיכטיג...

— דו ביזט זעהר קלוג און געשיקט, — האָט איהם חפני א קלאַפּ געטהאָן איבער'ן פּלייצע, — איך זעה אז איך האָב זיך אין דיר נישט גענאַרט. יעצט, אז מיר וועלען ברייגגען אבו נאסיף'ן דאָס געלד, וועט ער דיר דערפון מסתמא אויך געבען א חלק.

— ניין, מיין האַר, — האָט דער שליח געענטפערט מיט אַן אומעטיג קול, — אבו נאסיף טיילט זיך מיט קיינעם נישט...

— איך וועל איהם בעטען וועט ער דיר דיזען מאָל יא געבען, איך וועל

איהם זאָגען אז דו האָסט עס כשר פערדיענט, — האָט חפני געטרייסט דעם שליח.

דער שליח האָט א שמייכעל געטהאָן. ווי עס ווייזט אויס קען נאָך חפני נישט זיין האר אבו נאסיף...

— וואָס שמייכעלסטו, — פרעגט איהם חפני.

— ווי איך זעה ווייסטו נישט אז אבו נאסיף האָט נישט ליעב ווען איינער גיט איהם אן עצה וואָס צו טהאָן מיט זיין געלד.

— דו וועסט אָבער זעהן, אז איך וועל איהם בעטען וועט ער מיר פאָלגען, — האָט חפני מיט זיכערקייט געזאָגט.

* * *

אבו נאסיף האָט אונגעדולדיג געוואַרט אויף דעם שליח מיט די געלד. ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט חסדאי, דעם קאַליף'ס מיניסטער עטוואָס ארויסקריגען פון דעם שליח און דאריבער איז אבו נאסיף געווען זעהר פאַר־זיכטיג; ער האָט מיט זיך גענומען זיין געלד און רייטענדיג אויף א פערד, האָט ער בעטראַכט פון ווייטען יעדען אַנקומענדען... אויב עס איז איהם אויסגעקומען עטוואָס פאַרדעכטיג, האָט ער גלייך פאַרקירעוועט זיין פערד צום וואַלד און דאָרטען, בעהאַלטענערהייד, האָט ער אָפּגעוואַרט ביז וואַנען ער האָט זיך איבער־צייגט אין זיין טעות...

ארומרייטענדיג אזוי דעם גאַנצען פריהמאָרגען, האָט אבו נאסיף פּלוצים באַמערקט פון ווייטען ווי צוויי רייטער אויף פערד קומען אַן אין זיין ריכטונג... ער האָט זיך שוין געוואָלט פאַרקירעווען אין וואַלד, אָבער ווען ער האָט זיי גוט בעטראַכט, האָט ער דערקענט זיין שליח מיט חפני'ן. ער איז צו זיי גלייך אנטקעגען געריטען.

— ברייננט איהר פריעדען און געלד? — האָט זיי אבו נאסיף געפרעגט גלייך ווי ער האָט זיי באַגריסט.

דער שליח האָט איהם איבערגעגעבען דאָס געלד, און אַלע דריי האָבען אוועק־געריטען צו אבו נאסיף'ס פאַרבאָרגענע היההל.

— אַלעס געהט בשורה, — האָט חפני געזאָגט צו אבו נאסיף'ן, — דו ביזט דער קליגסטער מענש אין דער וועלט און איך בין דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט וואָס איך האָב געקראָגען אזא פריינד ווי דו.

— אבו נאסיף האָט איבערגעצעהלט דאָס געלד און זיך אָפּגערופען צו חפני'ן:

— נו, יעצט ביזטו שוין זיכער מיט דיין שושנה'ן?

— שושנה איז שוין יעצט מיינע, — האָט ער אויסגערופען מיט א שטראַה־לענדע פרייד, — איך האָב צוויי אורזאַכען יעצט אזוי צו גלויבען: ערשטענס,

האָט שושנה אָפּגעבראָכן מיט חסדאי'ן, ער קומט שוין מער נישט איהר בע־זוכען... צווייטענס, האָט זי מיר אַליין געזאָגט...

— וואָס האָט זי דיר אַזוי געזאָגט אַז דאָס מאַכט דיר אַזוי גלויבען אַז שושנה איז דיינע?

— ווען זי האָט מיר געבעטען איך זאָל העלפען אויסלייזען איהר פאָטער, האָב איך געמאַכט אַן אָנשטעל אַז איך געה ווידער איינשטעלען מיין לעבען אין סכנה... איך האָב איהר געזאָגט, אַז עס איז מעגליך אַז די שקלאַפען־פאַנגער וועלען מיך אויך אַריינכאַפּען און דערנאָך פאַרקויפען פאַר אַ שקלאַף אָדער גאָר אוועק'הרג'ענען... פונדעסטוועגען, האָב איך איהר געזאָגט, וועל איך איינשטעלען מיין לעבען און מיין גאַנצען פאַרמעגען אום צו באַפרייען איהר פאָטער... דאַן האָט זי מיר געזאָגט: "ווען דיר וועט געלינגען מיין פאָטער צו באַפרייען, דאַן... דאַן וועט אַלעס אַנדערש זיין"... פאַרשטעהסט מיר, דאַן וועט אַלעס אַנדערש זיין!...

— גלויבסטו טאַקע אַז איך וועל שמואל'ן באַפרייען? — האָט איהם אַבו נאַסיף געפרעגט.

— געוועהנליך נישט אַזוי גיך, — האָט געזאָגט חפני מיט אַ שמייכעל, — אויב דו וועסט איהם גלייך באַפרייען קענען זיי נאָך מיר חושד זיין אַז איך בין בעקאַנט מיט זיינע פאַנגער... זאָל נעהמען עטליכע טעג, וועלען זיי דאַן זעהען ווי שווער מיר איז אָנגעקומען איהם צו באַפרייען...

— דו פאַרשטעהסט מיר נישט, אָדער דו מאַכסט זיך ווי דו פאַרשטעהסט נישט, — האָט אַבו נאַסיף געלאַכט, — זאָג איך דיר יעצט נאָך אַמאָל, אַז איך קען נישט און טאָר נישט בעפרייען דיין שושנה'ס פאָטער!...

— וואָס... וואָס מיינסטו? — האָט חפני אַ צושראָקענער געפרעגט.

— גאָר פּשוט, ווען איך באַפרייע שמואל'ן וועט גאַנץ קאָרדאָווא זיך נעה־מען מיר אויסצוגעפינען. און שמואל, כאָטש מען האָט איהם פאַרבונדען די אויגען ווען מען האָט איהם אַהער געבראַכט, וועט איהם דאָך געלינגען צו געבען דער פּאָליציי אויסקינפטע וועגען אונז. און ער וועט זיי פיהרען אויף אונזער שפּור. דעריבער האָב איך באַשלאָסען איהם צו טויטען.

— אָבער אַבו נאַסיף... איך וועל דאָך דערפון גאָרנישט האָבען... שושנה וועט זיין מיינע נאָר דאַן ווען איהר פאָטער וועט דורך מיר באַפרייט ווערען... אָבער אויב דו וועסט איהם טויטען, פאַרליער איך אַלע מיינע האָפנונגען אויף שושנה'ן...

— איך קען אָבער מיין לעבען און מיין פאַרמעגען נישט איינשטעלען אין סכנה צוליעב דעם אַז דו זאָלסט קריגען דיין שעהנע שושנה'ן...

— איך האָב אָבער אַזוי פיעל איינגעשטעלט און יעצט וועט אַלעס זיין

אומזיסט... אזוי פיעל געלד האָב איך אויסגעגעבען, בין אין חרם אריינגעלעגט געוואָרען און יעצט וועט פון דעם גאָרנישט ווערען, — האָט חפני טרויעריג געזאָגט.

— ווייסטו וואָס, איידער איך וועל איהם טויטען, וועל איך איהם צווינגען ער זאָל שרייבען א בריעף צו זיין טאָכטער און ער זאָל איהר הייסען זי זאָל מיט דיר הייראַטען, און ווען דו וועסט שוין זיין פערהייראַט, וועל איך נאָכהער איהם טויטען. נו, ווי געפעלט דיר די עצה? — האָט איהם אבו נאַסיף געפרעגט.

— דיינע עצות זיינען אימער גוט, — האָט איהם חפני א הגיפה געטהאָן,

— אָבער איך האָב מורא אז זיי וועלען זיך אפשר אָנשטויסען אז איך האָב א האַנד דערינען...

— אויב אזוי קען איך דיר גאָרנישט העלפען, פארגעס נישט, אז שמואל איז א וויכטיגע פּערזאָן אין קאָרדאָוואַ, און מען וועט נישט שווייגען ביז וואַנען זיי וועלען אויסגעפינען ווער זיינע פאַנגער זיינען. גלויב מיר, אז פאַר דיר אַליין איז אויך בעסער דאָס מען זאָל איהם טויטען.

— איך האָב א פּלאַן, — האָט חפני אויסגערופען, — דו קענסט איהם בלינד מאַכען, און איהם נאָכהער באַפרייען, און אזוי ווי איך האָב איהר צוגעזאָגט דאָס איך וועל אַלעס טהאָן אום צו באַפרייען איהר פאַטער און ברייננען איהם א לעבעדיגען צו איהר, וואַרט מיך נישט אויב ער וועט בלינד זיין. זי וועט דאָך פארשטעהען אז איך האָב אַלעס געטהאָן און איהם באַפרייט און דאַן וועט זי געוויס איינוויליגען מיט מיר צו הייראַטען... און שמואל, זייענדיג בלינד, וועט דער פּאָליציי נישט קענען געבען קיין שפּור...

— גוט, — האָט אבו נאַסיף צוגעשטימט, — איך וועל טהאָן ווי דו ווילסט, איך גלויב אויך אז אויב ער וועט בלינד זיין וועט ער נישט קענען געבען קיין וויכטיגע אויסקינפטע וועגען אונז און וועט געוויס קיינעם פון אונז נישט קענען אָנצייגען. אָבער איידער איך געה דאָס טהאָן, וואָלט איך וועלען אַרויסקריגען מעהר געלד פון זיין פאַמיליע. איך קען פארשטעהען ווי רייך זיי זיינען אז אין איין טאָג האָבען זיי געקענט שאַפען אזא גרויסע סומע געלד. און א חוץ דעם פארלאַנג איך פון דיר אַליין דו זאָלסט מיר געבען פופציג טויזענד שקלים פון דיין אייגענעם פארמעגען, פאַר דער טובה וואָס איך טהו דיר.

— פופציג טויזענד שקלים מיין אייגען געלד!!... — האָט חפני אויסגעשריען, — וואו וועל איך קענען קריגען אזא גרויסע סומע. דו ווייסט דאָך, אז מיין אייגען געלד האָב איך צו'פּטר'ט אויף דיינע פרויען דאָ... און א סך געלד האָב איך גענומען ביי מיין פאַטער... יעצט אז איך וועל איהם בעטען ער זאָל מיר געבען מעהר געלד, וועט ער מיין פארלאַנג געוויס נישט ערפילען... ווי אזוי וועל איך קענען קריגען פאַר דיר אזוי פיעל געלד.

— עס וועט דיר קיינע תירוצים נישט העלפען, — האָט איהם אבו נאסיף געוואָרנט, — אויב דו וועסט מיר נאָך מאָרגען נישט צושטעלען דיינע אייגענע פופציג טויזענד שקלים, וועל איך טהאָן מיט שמואל'ן ווי איך פאַרשטעה...

— איך וועל מאָרגען דיר ברייננען דאָס געלד, — האָט חפני געזאָגט מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס.

— אַט אזוי רעדסטו ווי א גוטער פריינד, — האָט איהם אבו נאסיף א קלאַפּ געטהאָן איבער'ן פּלייצע, — יעצט וועל איך צווינגען שמואל'ן ער זאָל שרייבען א צווייטען בריעף צו זיין פאַמיליע. איך וועל איהם זאָגען, אז איך האָב דאָס געלד נישט בעקומען, ווייל מיין שליח איז באַפאַלען געוואָרען אויפ'ן וועג און מען האָט פון איהם אַוועקגענומען דאָס געלד... און דאָס איז זיין פאַמיליע'ס שולד, ווייל זיי זיינען נישט געוועזען גענוג פאָרזיכטיג, און האָבען זיך מסתמא אַרויסגערעדט וועגען דעם צו אימיצען... דאַריבער וועט ער יעצט מוזען שרייבען א צווייטען בריעף אז זיין פאַמיליע זאָל אַנדערע אויסלייז־געלד איבערגעבען מיין צווייטען שליח.

— וואָס וועט זיין אויב שמואל וועט מעהר קיין בריעף נישט וועלען שרייבען? — האָט איהם חפני געפרעגט.

— וואָס הייסט נישט וועלען! און וואו זיינען די שטעקענס און ברע־נענדע אייזענס... ער וועט מוזען שרייבען... פאַרשטעהסטו מיר, איך דאַרף האָבען געלד זעהר נויטיג... ווי איך זעה, וועל איך לאַנג דאָ נישט קענען פאַרבלייבען, ווייל ווי מען דערוויסט זיך אין קאָרדאָווא פון שמואל'ס געפאַנ־גענשאַפט, וועט מען נישט רוהען ביז וואַנען מען וועט געפינען א שפּור, און דאַן בין איך פאַרפאַלען, און אלע דיינע סודות וועלען ענטדעקט ווערען...

— ניין, ניין, דאָס וועט קיינמאָל נים געשעהן, — האָט חפני א ציטער געטהאָן.

— דאַריבער, — האָט אבו נאסיף געזאָגט, — האָב איך בעשלאָסען צו פאַרלאָזען דיזען פּלאַץ און פאָהרען אהיים.

— וואו איז דיין געבורטס־שטאָדט? — האָט איהם חפני געפרעגט.

— מיין געבורטס־שטאָדט איז פּאַדואַ, אין איטאַליען, דו געדענקסט דאָך איך האָב דיר נישט לאַנג דערצעהלט אז איך האָב ערגעץ א געליעבטע, א שעהנע פרוי וואָס צו איהר שעהנקייט איז קיין גלייכען נישטאָ אין דער וועלט, און זי איז אפילו שעהנער פון דיין שושנה'ן, כאָטש איך האָב דיין געליעבטע קיין מאָל נישט געזעהען... מיט יענער פרוי האָב איך זיך פאַר־א־יאָהרען גע־זעהן און איהר פאַרשפּראָכען צו קומען צו איהר אין א יאָהר אַרום. יעצט ווי־איך האַלטען מיין פאַרשפּרעכען. אין מיין ליעבע מיט יענער פרוי איז אויך פאַרהילט א גרויסער סוד, און כאָטש איך וויל דיר נישט ענטדעקען דעם גאַנ־

צען סוד, וועל איך דיר נאָר זאָגן אז מיין בעסטער פריינד האָט מיר בעטראָגן און געהייראטה מיט מיין געליעבטע. מיר זיינען געוואָרען ביטערע שונאים און איך האָב געשוואָרען צו נעהמען ראכע פון איהם. זייט דאן בין איך געוואָרען א פיראט, אונטער'ן נאמען אבן רומחים. מיין ריכטיגער נאמען אין דער היים איז געווען רופוס... און ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אז מיין פריהערדיגער פריינד פאָהרט אָפּ פון פאדוא, האָב איך איהם אָפּגעהיט און גענומען געפאנגען פון זיין שיף. איך האָב איהם געוואָלט טויטען, נאָר אזוי ווי איך האָב געדאַרפט געלד זעהר נויטיג, האָב איך איהם פארקויפט צו דיר אלס שקלאף.

— ווי האָט ער געהייסען דיין "פארעטהער"? — איז חפני נייגעריג געוואָרען.

— ער האָט געהייסען גאיוס.

— גאיוס?! — האָט חפני אויפגעציטערט און זיך באלד צוריקגעהאלטען.

— גאיוס... הם... הם...

— וואָס איז? דיר געפעלט זיין נאמען? — האָט אבו נאסיף געלאכט. — יא, גאיוס, אויב ער איז נישט געשטאָרבען א שקלאף מוז ער נאָך ערגעץ־וואו שקלאפען און פארשווארצט ווערען... אבער זיין פרוי, קלאריס, וועלכע איז מיין געליעבטע, גלויבט אז ער איז דערטרונקען געוואָרען... און כאָטש זי האָט זיך נישט געוואָלט טרייסטען, האָב איך איהר פארשפּראָכען צו קומען אין א יאָהר ארום. צוליעב דעם וויל איך האָבען א סך געלד כדי איך זאָל האָבען אלע מעגליכקייטען איהר איינצוריידען זי זאָל מיך הייראטען. נו, יעצט ווייסטו שוין פארוואָס דו דארפסט מיר אויך ברייגנען די פופציג טויזענד שקלים?...

חפני איז צוטומעלט געוואָרען. ער האָט נישט געהערט זיינע לעצטע ווערטער... גאיוס איז דאָך דער קנעכט וועמען ר' שמואל האָט אויסגעלייזט און וועלכער איז צוריק אוועקגעפאָהרען צו זיין היימאטה אין פאדוא... ווער ווייס, — האָט ער געטראכט, — ווען אבו נאסיף זאָל איהם נאָר טרעפען א באפרייטען אין פאדוא, אפשר וועלען אויך מיינע סודות ענטדעקט ווערען... און ווי ער האָט געהערט, האָט דאָך דער גר געזאָלט קומען מיט זיין פאמיליע אהער, וועט עס אויך דערגרייכען צו שושנה'ן... אפשר זאָל ער דערצעהלען אבו נאסיף'ן וואָס האָט פאסירט מיט דעם שקלאף גאיוס... ווי אזוי ער איז באפרייט געוואָרען דורך שמואל'ן און ווי אזוי זיי האָבען איהם אָפּגעשיקט צוריק אהיים נאָך פאדוא... אויב ער זאָל פון אלעם וויסען וועט ער פיעלייכט נישט פאָהרען אהין... פון דער אנדערער זייט האָט חפני מורא געהאט יעצט צו זאָגען אבו נאסיף'ן וועגען דעם, אז גראָדע דעם קנעכט האָט מען בעפרייט... ער וועט צוליעב דעם זיין אויף איהם שטארק אין כעס... און ווער ווייס וואָס ער קען איהם טהאָן...

חפני האָט בשלאָסען איהם גארנישט צו דערצעהלען.

— מארגעז האסטו די פופציג טויזענד שקלים, — האט איהם חפני געזאגט.
— יעצט רעדסטו ווי מיינער א גוטער פריינד, — האט איהם אבו נאסיף געדריקט זיין האנד, — און וועגען שמואל׳ן? איך וועל שוין ביי איהם ארויס־קריגען אזוי פיעל געלד, ווי פיעל איך וועל וועלען... נישט אומזיסט איז ער איינער פון די רייכסטע אידען אין קארדאווא.
— און וואס הערט זיך מיט׳ן אלטען, וואס טהוט ער אין הייהל די גאנצע צייט? — האט חפני געפרעגט מיט א שמייכעל.
— דער אלטער זיצט טאג און נאכט און איז מתפלל צו זיין גאט ער זאל איהם ארויסהעלפען אין זיין נויט, ער זאל איהם בעפרייען... אבער ער וועט דארפען לאנג ווארטען ביז וואנען זיין גאט וועט איהם בעפרייען פון מיינע הענד... דערווייל עסט ער קיין זאך נישט א חוץ ברויט מיט וואסער... קום מיט מיר חפני, לאמיר ארונטערגעהן און זאל דער אלטער דיר זעהן. ער וועט זיך שטארק דערפרעהען מיט דיר, דער אלטער נאר...
— איך וויל איהם בעסער יעצט נישט זעהן, — האט חפני געזאגט, — פריהער וועל איך דיר בריינגען דאס געלד, און מארגען וועל איך איהם זעהן.
— זאל זיין אזוי, — האט אבו נאסיף געזאגט, — אבי דו וועסט מיר בריינגען דאס געלד.

30טער קאפיטעל

מנשה צווייפעלט

עס איז געווען טונקעל ווען חפני האט פארלאזען אבו נאסיף׳ן. ער האט זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און אוועקגעריטען אין שטאדט אריין. אויפ׳ן הארצען איז איהם שוין ניט געווען אזוי פרעהליך; ער דארף צושטעלען אבו נאסיף׳ן אזא גרויסע סומע געלד... וואו וועט ער דאס נעהמען? זיין פאטער, ווייס ער, וועט איהם מעהר קיין פרוטה נישט געבען. די איינציגע האפנונג וואס איהם איז פארבליבען, איז זיין מוטער. דורך איהר וועט ער מעגליך קענען ארויסקריגען פון פאטער אביסעל געלד, אבער אזא ריזיגע סומע וואס אבו נאסיף פאדערט פון איהם, וועט ער דורך זיין מוטער אויך נישט קריגען. זי וועט איהם פרעגען אויף וואס ער דארף דאס געלד, וואס פאר א תירוץ קען איהר געבען?... ער דארף האבען דאס אפצוקויפען שקלאפען?... מיט אזא תירוץ האט ער דאך שוין עטליכע מאל ארויסגעקראגען געלד...
— דער איינציגער וועג, — האט חפני ביי זיך בעשלאסען, — איז צו קריגען די שליסלען פון זיין פאטער׳ס שראנק.
ווען ער איז געקומען אהיים איז שוין געווען גאנץ פינסטער. מנשה איז

נאך געווען אין שוהל צו מעריב. חפני האט זיך שטארק דערפרעהט וואס זיין פאטער איז יעצט אין דער היים נישטא...

— גוט וואס דו ביזט געקומען, מיין זוהן, — האט זיך אפגערופען זיין מוטער, — איך האב שוין געמיינט אז דו וועסט שוין היינט ווידער נישט קומען נעכטיגען... נו, זאג מיר וואס האט שושנה פון דיר פערלאנגט?

— שושנה, — האט חפני געזאגט א פרעהליכער, — שושנה וויל מיר "בעצאהלען" פאר מיין העלדישקייט וואס איך האב ארויסגעצייגט ווען איך האב איהר גערעטעט פון די אראבער...

— וואס מיינסטו בעצאהלען?

— מאמע, איך האב דיר זעהר גוטע נייעס צו דערצעהלען, — האט איהר חפני ארומגענומען און איהר געקושט, — שושנה... האט איינגעשטימט צו ווערען מיין כלה!...

— דיין כלה!? נעה שוין נעה, וואס רעדסטו! — האט זי אויפגעלויכטען פון גליק, — שושנה וויל ווערען דיין כלה? און וואס איז געווארען מיט חסדאי'ן?

— זי האט זיך ארומגעזעהען אז חסדאי איז ניט פאר איהר, האט זי איהם משלח געווען... יעצטווארט זי אויף איהר פאטער, און ווי נאר ער וועט קומען וועלען מיר מאכען תנאים.

— זאל זיין מיט גליק און מיט מזל, מיין זוהן, — איז די מוטער ארויפגע־פאלען אויף איהם קושען, — יעצט זעה אז וואס ס'איז באשערט פון גאט מוז אנקומען, און קיינע קונצען העלפען נישט. אזא שידוך! א קלייניגקייט ר' שמואל אבן ברוך'ס טאכטער, אי, וועל איך זיך דאס באלד א רייץ טהאן מיט'ן טאטען!... איך האב מיט איהם דא נישט לאנג גערעדט וועגען דיר און שושנה, האט ער זיך פון מיר אויסגעלאכט. אהא! יעצט פארשטעה איך שוין פארוואס חסדאי האט אויפגעהערט צו קומען צו שושנה'ן... שבת אין שוהל האט מען וועגען דעם גערעדט, און קיינער האט נישט געוואוסט די ריכטיגע אורזאכע. אוי, אוי, דו קענסט זיך גארנישט פארשטעלען ווי גליקליך איך וועל זיך פיהלען ווען איך וועל קענען אלעמען דערצעהלען די ריכטיגע אורזאכע פאר וואס חסדאי האט אויפגעהערט צו בעזוכען שושנה'ן... אונזערע שונאים וועלען דאך צושפרונ־גען ווערען פון קנאה...

— אבער מוטער, קיינער טאר דערפון נישט וויסען ביז וואנען ר' שמואל וועט קומען, — האט חפני איהר שטרענג אנגעזאגט, — דאס מוז דערווייל בלייבען א סוד אפילו פאר'ן פאטער, ווייל ער קען זיך נאך ארויסריידען מיט א ווארט אין שוהל און דאס קען נאך מיר שאדען... דאריבער, בעט איך דיך, מוטער, דערצעהל דאס אפילו נישט פאר'ן פאטער...

— וואס רעדסטו, מיין קינד, וואס הייסט נישט דערצעהלען אן אייגענעם

פאטער, וואס איז ער, דיין שטיעף־פאטער? אויב דו ווילסט נישט ער זאל נישט רעדען וועט ער נישט רעדען. אבער דערצעהלען מוזטו איהם! ער וועט דאך שטאלצירען מיט דיר, ער וועט זיין דער גליקליכסטער פאטער אין קאָרדאָווא!

— נו, גוט, מוטער, איך וועל איהם דערצעהלען, אבער איהר וועט זיך ביידע מוזען קאנטראלירען נישט אויסצורייידען א ווארט וועגען דעם בעפאר די תנאים...

— דו קענסט זיך אויף אונז פארלאזען, מיין זוהן, מיר וועלען דיר קיין שלעכטס ניט טהאן.

— מוטער, — האט זיך חפני אפגערופען נאך א קליינע פויזע, — איך מוז האבען אויף מארגען א גרויסע סומע געלד, פופציג טויזענד שקלים, אויף א קורצע צייט, און איך וויל אז דו זאלסט פועל'ן ביים טאטען ער זאל מיר גלייך דאס געלד געבען.

—אויף וואס דארפסטו עס פלוצים אזוי פיעל געלד, — האט די מוטער אויף איהם געקוקט מיט חשד...

— איך קען דיר יעצט נישט זאגען, אבער איך דארף עס זעהר נויטיג, און דו מוזט זעהן אז איך זאל דאס געלד קריגען נאך היינט ביינאכט, ווייל מארגע[ן] גאנץ פריה מוז איך עס געברויכען.

די מוטער האט א קוק געטהאן אויף חפני'ן מיט פארדעכטיגע אויגען. איהר הארץ האט איהר געשראקען, טאמער איז די גאנצע געשיכטע מיט שושנה'ן א ליגען און ער האט עס נאר אויסגעטראכט, כדי עס זאל איהם גרינגען אנקומען ארויסצוקריגען דאס געלד.

— וואס פאר א סודות, מיין זוהן, האסטו, אז דו קענסט נישט דערצעהלען דיין איינענע מוטער... דו מוזט מיר און דעם פאטער זאגען אויף וואס דו דארפסט דאס געלד, און דאן וועסטו עס זיכער קריגען.

— גלויב מיר, מיין ליעבע מוטער, דאס איך קען דיר יעצט נישט זאגע[ן] אויף וואס איך דארף אזוי פיעל געלד... אבער איך שווער דיר מיט דעם לעבע[ן] פון מיין טהייערער כלה, שושנה, אז איך וועל דאס געלד אין גאר א קורצער צייט אפגעבען... אבער איך בעט דיר דו זאלסט מיר יעצט נישט פרעגען אויף וואס איך דארף דאס געלד... איך בין אונטער א שבועה און איך וויל מיין שבועה נישט ברעכען.

— מיין זוהן, איך האב אבער מורא אז דיין פאטער וועט דיר קיין געלד נישט געבען אויב דו וועסט איהם נישט זאגען אויף וואס דו דארפסט עס. ווייל זוי איך פארשטעה, איז ער זעהר נישט צופריעדען מיט דיינע געהיימניסען.

— וועגען דעם דארפסטו נישט זארגען, מוטער, ווען איך וועל איהם דער־צעהלען אז שושנה ווערט מיין כלה וועט ער בעסער ווערען און מיר געבען דאס געלד.

— הלואי, — האָט די מוטער א זיפץ געטהאָן.

ווען מנשה איז געקומען אהיים, האָט איהם זיין פרוי באגעגענט מיט א פרעהליכען פּנים.

— חפני איז נאר וואָס געקומען, — האָט זי צו איהם געזאגט מיט א גליקליכען שמייכעל.

— וואָס איז דאָס אזא גדולה אויף דיר אז דער תכשיט קומט אמאל נעכ־טיגען אין דער היים... ווייסטו דען וואו און מיט וועמען ער פאַרברייננגט די נעכט וואָס ער קומט נישט נעכטיגען ?

— מנשה, נו זיין נישט אין כעס יעצט, איך האָב דיר אָנצוזאָגען א גוטע בשורה... אונזער חפני ווערט שוין מיט מזל א חתן און וועט אין גיכען חתונה האָבען. אנו, טרעף מיט וועמען ?

— מיט וועמען ? וואָס ווייס איך מיט וועמען ? ! — האָט מנשה אויסגע־גלאָצט זיינע אויגען.

— אז איך וועל דיר זאגען מיט וועמען וועסטו זיכער זיין שטאָלץ מיט אונזער חפני׳ן...

— נו, זאג שוין... אדרבא מיט וועמען ?... — איז מנשה זעהר נייגעריג געוואָרען.

— מיט שושנה׳ן, ר׳ שמואל אבן ברוך׳ס טאָכטער ! — האָט די מאַמע מיט שטאָלץ געזאָגט.

— מיט שושנה׳ן ? !... ווער האָט עס דיר געזאגט ? — האָט מנשה געצווייפעלט.

— ווער האָט מיר געזאָלט זאגען אויב נישט חפני אליין ? אנו, חפני, חפני ! — האָט די מוטער איהם גערופען.

חפני איז געווען אין א צווייטען צימער. ער האָט דאָרטען געזוכט די שליסלען פון זיין פאָטער׳ס שראַנק. טאָמער וועט זיין פאָטער איהם ענטזאגען צו געבען דאָס געלד וועט ער שוין וויסען וואָס צו טהאָן... ער האָט געפונען די שליסלען און געוואָלט זיי בעהאַלטען אין א צווייטען פּלאַץ, האָט ער אבער פּלוצלונג דערהערט זיין מוטערס שטימע... ער האָט פאַרשטאַנען אז זיין פאָטער איז שוין דאָ אין הויז. ער האָט שנעל צוריקגעלייגט די שליסלען אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ און איז ארויס פון צימער.

— חפני, מיין זוהן, דערצעהל דאָך דעם פאָטער וועגען דיר און שושנה׳ן, — האָט איהם די מוטער געבעטען.

חפני איז א וויילע געשטאַנען ווי צוטומעלט און האָט געשוויגען.

— **איז עס טאַקע אמת, אז שושנה ווערט דיין כלה ? — האָט איהם מנשה נעפרעגט.**

— עס איז אמת, מיין ליעבער פאטער, — האט חפני געענטפערט.
— דערצעהל דאך מיר, ווי אזוי האט עס פאסירט?
— זינט איך האב מיין לעבען אין סכנה געשטעלט, — האט חפני אנ־געפאנגען, — און גערעטעט שושנה׳ן פון די צוויי אראבישע פאנגער, זינט דאן האט זי מיר ליעב בעקומען... נאר חסדאי האט איהר פשוט פארדרעהט דעם קאפ... און אזוי ווי ער איז פלוצלינג געווארען דעם קאליף׳ס מיניסטער האט מען נאכהער גלייך געשריבען תנאים. יעצט אבער האט זיך שושנה ארומגעזעהען אז חסדאי איז נישט פאר איהר און זי האט איהם אזוי גוט ווי משלח געווען...
— צוליעב וואס אבער האט דיר שושנה געדארפט אזוי נויטיג האבען, אז זי איז דא אליין געקומען? — האט איהם מנשה געפרעגט.
— הם... הם... זי האט מיר געוואלט זאגען, — האט חפני געשטאמעלט, — אז זי האט אבגעשיקט די תנאים צו חסדאי׳ן.
— אזוי, אזוי, — האט מנשה א צופריעדענער געשאקעלט מיט׳ן קאפ, — זי האט דיר, הייסט עס, אליין געזאגט.
— נו, וואס האב איך געזאגט, טהייערער מאן מיינער, — האט זיך די מוטער אריינגעמישט, — איך האב נאך געוואוסט פון פריהער אז שושנה האט אפגעלאזט דעם שידוך מיט חסדאי׳ן, און דו האסט מיר נישט געוואלט גלויבען.
— איך גלויב נאך איצטער אויך נישט, — האט זיך מנשה אפגערופען, — כל זמן איך וועל נישט זעהן מיט מיינע אויגען ווי מען שרייבט צווישען זיי די תנאים, בין איך נאך נישט זיכער. עפעס שיקט זיך דאס נישט, אז שושנה זאל אפגעבען אזא חשוב׳ען און ביי אלעמען בעליעבטען יונגענמאן ווי חסדאי און...
— וואס מיינסטו, — האט איהם זיין פרוי אונטערבראכען, — אז חפני נארט אונז אפ, מסתמא אז ער רעדט ווייס ער דאך וואס... זי האט דאך דאס איהם אליין געזאגט!...
— אויב אזוי, מיין זוהן, ווינש איך דיר גליק, — האט איהם מנשה גע־זאגט, — ווען וועט מען שרייבען תנאים?
— ווי נאר ר׳ שמואל וועט זיך צוריקקעהרען פון זיין רייזע, — האט חפני געענטפערט.
— און וואס זאגט שושנה מכח דיין שקלאפען־האנדעל? וועט זי דיר דען לאזען אנגעהן מיט דעם האנדעל פון מענשען?
— איך וועל דעם שקלאפען־האנדעל אין גיכען אויפגעבען, איך וועל נאר אפשר אנהאלטען א צוויי דריי וואכען. איך דארף זיך נאר אויסרעכענען מיט אבו נאסיף׳ן און מעהר קיין שקלאפען וועל איך שוין מעהר נישט איינהאנדלען.
— אויב דו וועסט טאקי אזוי טהאן ווי דו זאגסט, וועלען דיר אלע איז שוהל מוחל זיין, — האט מנשה געזאגט.

— פאטער, — האט זיך חפני אפגערופען, — איך דארף נויטיג פופציג טויזענד שקלים פאר עטליכע טעג. בארג מיר דאס געלד און איך וועל דיר נאר אין גיכען אפגעבען.

— וואס?! דו דארפסט שוין ווידער געלד? — איז מנשה אין כעס געוואָרען, — דו פארדיענסט דאך אזוי פיעל געלד פון דעם שקלאפען־האנדעל, טא זאג מיר, וואו איז דיין געלד? יעדעס מאל ווען דו דארפסט געלד קומסטו בעטען ביי מיר, וואו קומט אהין דיין אייגענע געלד?

— פאטער, — האט חפני זיך ביי איהם געבעטען, — נאך דער חתונה וועל איך פאר דיר קיינע סודות מעהר נישט האבען, איך וועל דיר אלעס דערצעהלען. יעצט אבער קען איך דיר גארנישט זאגען, דו מוזט מיר געבען דאס געלד... איך פארזיכער דיר, אז מעהר וועל איך ביי דיר קיינמאל נישט דארפען בעטען, ווייל איך וועל האבען מיין אייגענע געלד... שושנה'ס עלטערען זיינען זעהר רייך, און נאך דער חתונה וועט א חלק פון זייער רייכטהום געהערען צו מיר... גיב מיר, איך בעט דיר, די פופציג טויזענד שקלים, ווייל איך מוז עס זעהר נויטיג האבען.

— דו וועסט מעהר ביי מיר א פרוטה נישט קריגען! — האט מנשה געזאגט מיט כעס, — דו ביזט, פארשטעה איך, אין שלעכטע געזעלשאפט און דו פאר־שווענדעסט דיין געלד! ניין, איך וועל דיר גארנישט געבען! איצט הייב איך צו צווייפלען אין דיין גאנצע מעשה וועגען שושנה'ן. איך בין זיכער אז דו האסט עס אויסגעטראכט כדי ארויסצוקריגען ביי מיר נאך פופציג טויזענד שקלים... איך קען דיר, דו ביזט א פארדארבענער יונג!

— מנשה! — האט זיך די מוטער אריינגעמישט, — גאט איז מיר דיר, וואס רעדסטו? ווייסטו דען נישט אז שושנה איז דא אליין געוועז, און אויב ווי דו דענקסט אז אלעס איז א ליגען, טא וואס האט טאקי שושנה גענדארפט האבען חפני'ן אזוי נויטיג, אז זי איז געקומען צו אונז אין הויז?!...

— ווער ווייס צוליעב וואס זי איז געקומען, אפשר איז זי געקומען אויס־צולייזען פון איהם א שקלאף, און אפשר צוליעב עפעס אנדערש.

— אויב דו וועסט מיר דאס געלד נישט געבען, געה איך אוועק פון הויז און מיין פוס וועט מעהר קיינמאל נישט ארויפטרעטען אויף דיין שוועל.

— מנשה, איך בעט דיר, גיב דאך איהם דאס געלד, — האט זיך די מוטער גענומען בעטען, — דיין יעצט מיט איהם נים איין, דו זעהסט דאך אז ער נעהמט שוין געהן אויפ'ן ריכטיגען וועג...

— ווען ער וואלט געוואלט געהן אויפ'ן ריכטיגען וועג, וואלט ער יעצט קיין געלד נישט געדארפט... ער קען אפנארען דיך, זיין מוטער, אבער נישט מיר. און זיין פארדארבענהייט האט ער צו פערדאנקען נאר דיר, ווייל דו

גיסט איהם אימער נאָך... און אזוי וועט ער גלײַך אפּגרונד געהן! ניין, איך וועל איהם יעצט נישט נאָכגעבען. ער קען אפילו פאַרלאָזען דאָס הויז, דיין ווייבען און בעטען וועט איהם גאַרנישט העלפען...

חפני איז ארויס פון צימער מיט גרוים כעס. און אין מיטען נאכט, ווען אלע האָבען געשלאָפען, האָט חפני גענומען די שליסלען און שטילערהייד צוגע־גאַנגען צום שראַנק, אויפגעעפענט און ארויסגענומען דאָס גאַנצע געלד פון דאָרט. שטילערהייד איז ער ארויס פון הויז און אריין אין שטאַל, זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און פערשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט...

— — — — — — — — — — — — — — —

— דיין פּנים זאָגט עדות אז דו האָסט געקראָגען דאָס געלד, — האָט אבו נאַסיף געזאָגט ווען חפני איז אריין אין הייחל.

— דו האָסט געטראָפען, — האָט חפני געזאָגט, — און אוועקגעלייגט דאָס פעקעל געלד אויפ'ן טיש, — נישט זעהר גרינג איז מיר אנגעקומען ארויס־צוקריגען דאָס געלד... מיין פאָטער האָט גאַרנישט געוואָלט הערען דערפון... באַטש ער איז זעהר צופריעדען געווען דאָס איך קריג שושנה'ן פאַר מיין ווייב, אָבער ווי איך איהם דערמאָהנט מכח געלד, איז ער שטאַרק אין כעס געוואָרען און ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט געבען... איך האָב געבעטען ער זאָל מיר עס באָרגען, און האָב געשוואָרען אז איך וועל איהם אין גיכען אפּגעבען צוריק, אָבער עס האָט נישט געהאָלפען. „דו פערדיענסט אזוי פיעל געלד", — האָט ער צו מיר גע'טענה'ט, — „וואו טהוסטו אהין דיין געלד? וואָס פאַר א סודות בעלאַסטו פון מיר?" ער האָט געוואָלט איך זאָל איהם אלעס דערצעהלען... נו, געה דערצעהל איהם אז דאָ זיינען פאַראַן אזעלכע שעהנע פרויען, — איז חפני צוגעלאָפען צו איינע פון די פרויען, וועלכע איז געזעסען נישט ווייט און געדרעמעלט נעבען א קריגעל ווייָן.

די פרוי, וועלכע האָט געהאט שפּורען פון אמאָליגער שעהנקייט, איז געווען איינע פון די פיעלע פרויען וועלכע האָבען זיך אויפגעהאַלטען ביי אבו נאַסיף'ן. זי האָט זיך פאַררעכענט פאַר חפני'ס ליעבלינג. זי איז געווען בעהאַנגען מיט פערעל און דיאַמאַנטען.

— נו, געה דערצעהל איהם אז הילאַריא (אזוי האָט געהייסען די פרוי) פערלאַנגט פיעלע קאָסטבאַרע מתנות, — האָט חפני געזאָגט צו אבו נאַסיף'ן, ארומנעהמענדיג הילאַריא'ן.

אבו נאַסיף האָט געלאַכט.

— ווי אזוי האָסטו פאָרט געקראָגען דאָס געלד?

— וואָס פאַרשטעהסטו נישט? איך האָב געזעהן אז ער איז שטאַרק איינגע־עקשנ'ט, האָב איך אויפגעזוכט די שליסלען פון איינע פון די שראַנקען, און אין

מיטען דער נאַכט ווען זיי האָבען שטאַרק געשלאָפען, האָב איך אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלד, וואָס איך האָב געפונען אין שראַנק.

— יעצט וועסטו מיר קויפען אַ שעהנע מתנה, — איז הילאַריאַ איהם אַרויפגעפאַלען אויפ׳ן האַלז און גענומען קושען...

— געוויס, — האָט חפני געזאָגט און איהר אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, — יעצט וועל איך שוין מוזען דאָ נעכטיגען אַלע נאַכט ביז וואַנען איך וועל חתונה האָבען, ווייל אהיים צו מיינע עלטערען קען איך שוין קיינמאָל ניט קומען...

— איך בין זעהר גליקליך אויב דו וועסט דאָ פאַרבלייבען אַלע נאַכט, אַבו נאַסיף וועט מיר דאַן אַזוי פיעל ניט שלאָגען, — האָט הילאַריאַ געזאָגט.

— ווען מען פאָלגט אַבו נאַסיף׳ן שלאָגט ער נישט, — האָט אַבו נאַסיף איהר געזאָגט, — און ווען אַבו נאַסיף בעט דיינע ציערונג, דאַרפסטו קיין חזיר נישט זיין און עס איהם גלייך אָפּגעבען. ווי זאָגסטו, חפני, בין איך נישט גערעכט?

— געוויס ביזטו גערעכט, — האָט חפני געזאָגט, — אַבו נאַסיף׳ן טאָר מען קיינמאָל ניט ענטזאָגען.

— יעצט געה פון דאַנען, — האָט אַבו נאַסיף איהר באַפוילען.

הילאַריאַ איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ צווייטען ווינקעל פון היכל, און אַבו נאַסיף האָט זיך געזעצט מיט חפני׳ן צעהלען דאָס געלד...

31טער קאַפּיטעל

אבן מומי׳ס צווייטע עצה

חסדאי אבן שפּרוט איז געוואָרען אין גאַנצען פאַרענדערט; זיין פּנים בלאָס און זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט דעם טיעפען צער און טרויער וואָס שפּיעלט זיך אָפּ ביי איהם אין האַרצען.

שוין באַלד דריי וואָכען זינט דער קאַליף האָט איהם מיט אַ שבועה פאַרבאָטען זיך צו זעהן מיט זיין ליעבענדע שושנה. די שבועה איז אַזאַ האַרבע, אַזאַ שווערע. ער טאָר איהר נישט אָנווינקען אפילו דורך אַ שליח אַז דער קאַליף האָט עפּעס צו טהאָן מיט זיין פּלוצלינגען פאַרלאַזען שושנה׳ן... דער קאַליף האָט געשוואָרען דאָס ער וועט איהם קיינמאָל ניט ערלויבען איהר צו זעהן, סיידען ער וועט מודה זיין אַז דעם קאַליף׳ס מיינונג וועגען באַשערטקייט פון הייראַטה, איז די גערעכטע.

ער וויים דאָס איהרע יסורים זיינען אונערטרעגליך... ווען זי זאָל נאָר וויסען דעם אמת, דאַן וואָלט זיין צער פיעל קלענער געווען. דאַן וואָלטען זיי

מעחר נישט געליטען פון דעם וואס זיי זיינען ביידע געצוואונגען זיך נישט צו זעהן פאר א לאנגע צייט. יעצט אבער אז זי וויים גאר נישט וואס דא איז פארגעקומען... ווי גרוים און שרעקליך מוז זיין איהר פארצווייפלונג !... וואס טראכט זי וועגען איהם ? ער דערמאהנט זיך דעם טאג ווען ער האט דערזעהן שושנה׳ן אויף דער גאס... ער פארשטעהט אז זי האט עס שוין מעהר ניט געקענט אריבערטראגען און געגאנגען איהם באגעגענען ווען ער קעהרט זיך אום פון קאליף... ווי שרעקליך זי האט געמוזט פיהלען ווען איהר געליעבטער חתן האט זיך נישט אפגעשטעלט און אפילו א ווארט נישט אויסגערעדט מיט איהר... וואס האט זי דאן געטראכט וועגען איהם ? זי מוז יעצט אין איהר הארצען טראגען א שנאה אויף איהם... זי איז געווים חושד דאס ער האט איהר אויפגעהערט ליעבען. אדער דאס ער האט זיך אפגעזוכט אנאנדערע...

חסדאי קומט צום קאליף יעדען טאג. זיי פארברייגגען צוזאמען ווי פריהער, איידער דער קאליף האט ארויפגעלייגט אויף איהם זיין פארבאט... ניט דער קאליף און נישט חסדאי דערמאהנען עפעס וועגען דעם.

איינמאל ווען חסדאי איז געזעסען נעבען קאליף און האט מיט איהם פערבראכט ווי געוועהנליך ארומריידענדיג פערשידענע מלוכה אנגעלעגענהייטען, האט זיך דער קאליף צו איהם אפגערופען :

— זאג מיר חסדאי, האסטו ביז אהער אפגעהיט מיין שבועה וואס איך האב דיר דא נישט לאנג בעשווארען ?

— יא, גנעדיגער קאליף, — האט חסדאי אומעטיג געענטפערט, — דעם קאליף׳ס ווארט איז ביי מיר זעהר הייליג און בפרט נאך זיין שבועה.

— האסטו נאך דיין כלה זינט דאן נישט געזעהן ?

— איך האב איהר געזעהן נור איינמאל, אה, גרויסער קאליף !...

— וואס ? ביזטו דען געגאנגען איהר זעהן און דאמיט געבראכען מיין שבועה ? — האט דער קאליף מיט ערנסט געפרעגט.

— ניין, ווירדיגער קאליף, איך בין געפאהרען אהיים פון דעם קאליף׳ס פאלאץ, האב איך פלוצלינג באמערקט מיין כלה שושנה געהט מיר אנטקעגען. די באגעגעניש איז געווען אזוי פלוצים דאס איך האב געוואלט ארויסגעהן פון מיין קארעטע און צו איהר צוגעהן... אבער איך האב זיך באלד דערמאהנט אן די שבועה און איך האב זיך גלייך צוריקגעצויגען. איך וויים, אז זי האט שטארק דערפון געליטען, און מיר זעלבסט האט עס פיעל אנגסט און צער פערשאפט, אבער איך וועל מיין שבועה נישט ברעכען.

— וויים נאך דיין כלה גאר נישט די סיבה פאר וואס דו האסט פלוצים אויפגעהערט איהר צו באזוכען ?...

— ניין, זי האט דערפון קיין אהנונג.

— האסטו גאר נישט מורא אז דיין שושנה וועט מיינען אז דו האסט איהר פארלאזען, ווייל דו ליעבסט איהר מעהר נישט און דערוועיל קען זי הייראטען מיט א צווייטען, און דאן וועסטו איהר אין גאנצען פארלירען?

— איך האב פאר דעם קיין מורא נישט, — האט חסדאי געענטפערט, — ווייל ערשטענס, ווייס איך ווי שטארק מיין שושנה האט מיך ליעב, און זי ווייס אויך ווי מעכטיג מיין ליעבע איז צו איהר... און צווייטענס, גלויב איך אז מיין שושנה איז מיר באשערט פון הימעל, און זי וועט פריהער אדער שפעטער געהערען צו מיר... קיינער וועט איהר פון מיר נישט קענען אוועקנעהמען...

— גלויבסטו אז די געשאפענע לאגע וועט פארשאפען דיין שושנה'ן פיעל ליידען און שמערצען?

— איך בין זיכער אז זי ליידעט זעהר, זעהר פיעל דערפון, — האט חסדאי טרויעריג געזאגט.

— און דו ליעבסט איהר זעהר שטארק, מעהר ווי דיין אייגען לעבען?

— יא, מעכטיגער קאליף, איך ליעב איהר מעהר ווי אלעם אין דער וועלט.

— און ביי דיר איז רעכט אז צוליעב דיינע א נארישע עקשנות, זאל דיין געליעבטע אזוי פיעל שמערצען ליידען? — האט דער קאליף געפרעגט פער־וואונדערט, — איך גלויב אז אפילו ווען דו זאלסט זיין גערעכט, האסטו אלץ קיין רעכט נישט צו פערשאפען דיין הערצענס-ליעבענדע כלה אזוי פיעל עגמת נפש... שטעל זיך פאר איהרע יסורים... איהר געליעבטער חתן האט איהר פלוצלינג פארלאזען אהן קיין אורזאכע, איהר גלויבען, איהר אידעאל ווערט צושמעטערט, איהר הארץ ווערט צובראכען!...

— גנעדיגער קאליף, — האט חסדאי געענטפערט, — מיין איבערצייגונג איז מיין גלויבען, מיין אמונה, איך קען נישט זיין פאלש צו זיך און צו מיין אידעאל. די חכמים פון תלמוד האבען בעהויפטעט אז יעדענס באשערטע איז באשטימט פון הימעל. איך בין איבערצייגט אין דעם און איך גלויב אין די הייליגקייט פון זייערע ווערטער. און יענע חכמים האבען זיך מוסר נפש געווען פאר א ווארט פון אונזער הייליגע תורה און פון אונזערע גרויסע נביאים... מען האט געשניטען זייער פלייש מיט אייזערנע קאמען; מען האט זיי געברענט אין פייער; מען האט זיי אנגעטהאן אלערליי נגישות און יסורים כדי זיי זאלען ענדערען זייער מיינונג און איבערצייגונג, און דאך האבען זיי נישט געענדערט אויף א האר זייער גלויבען און זייערע אידעאלען... איך ווייס, גוטער קאליף, אז מיין ליעבע שושנה ליידעט פיעל, זעהר פיעל דערפון, און איך אליין האב אויך גרויסע יסורים פון מיין שושנה'ס אומזיסטע ליידען, אבער איך קען נישט און וויל נישט זאגען א זאך אין וואס איך גלויב נישט. איך קען נישט זיין פאלש צו זיך און בעטריגען מיינע איבערצייגונגען... און כאטש איך און מיין

נעליעבטע וועלען מוזען ברייגנען קרבנות, וועל איך דאך נישט ענדערען מיין מיינונג וועגען הייראטה... נור דאן וועל איך מודה זיין אז איך בין אומגערעכט אויב דעם קאַליף וועט נעלינגען מיר איבערצייגען אז איך בין אומגערעכט...

— דו ווייסט דאך אבער חסדאי, אז איך האב געשווארען און וועל דאך נישט קענען אפטרעטען פון מיין שבועה. און אויב אז דו וועסט זיך נאך אלץ האלטען ביי דיין מיינונג, דאן וועט דיר דאך קיינמאל נישט מעגליך זיין צו הייראטען מיט דיין נעליעבטע.

— אונזער גאָט אין הימעל וועלכער איז "מזוג זווגים" וועט שוין געפינען אן אויסוועג אויב ער האָט שושנה'ן פאר מיר בעשטימט אין הימעל פערציג טעג איידער זי איז געבארען געווארען.

— איך זעה נישט איין ווי אזוי... — האט דער קאַליף געקוועטשט מיט די פלייצעס.

ווען חסדאי איז אוועק אהיים, האט דער קאַליף זיך איבערגערעדט מיט דער קאַליפין און מיט זיינע איבריגע מיניסטארען:

— עס טהוט מיר זעהר באנג וואס איך האב גורם געווען מיין געטרייען און איבערגעבענעם חסדאי אזוי פיעל עגמת נפש... ער געהט ארום ווי א שאטען, זיין פנים איז אויסגעבלייכט, ער איז פאר דער לעצטער צייט זעהר אומעטיג און טרויעריג... עס איז גאָרנישט דערזעלבער חסדאי!

— מיך וואונדערט עס זעהר, — האט די קאַליפין עז־זאַראה געזאגט, — דאס חסדאי האָט געקענט אויסהאַלטען אזא לאנגע צייט נישט צו זעהן זיין נעליעבטע כלה. ווי איך האב געקענט זעהן פון חסדאי'ן האט ער איהר זעהר ליעב, און פארשטעהט זיך, אז שושנה האט איהם אויך שטארק ליעב. טו ווי אזוי איז דאס מעגליך אזביידע זאלען עס קענען אריבערטראגען? נישט אנדערש אז שושנה האָט זיך דערוואוסט פון דיין פארבאָט.

— אָה, ניין, מיין ליעבענדע עז־זאַראה, — האט איהר דער קאַליף געענט־פערט, — חסדאי וועט זיין שבועה נישט ברעכען... און איך בין זיכער אז שושנה וויים גאָרנישט דערפון; ארימע שושנה! זי גלויבט מסתמא אז חסדאי האָט איהר אויפגעהערט צו ליעבען אדער דאס ער האט איהר אויסגעביטען אויף א צווייטע... זי איז דאך גאר אומשולדיג און זי ליידעט דאך פיעל מעהר פאר חסדאי'ן. איהר פארצווייפלונג מוז זיין אונערטרעגליך.

— מיין ליעבער אבדו ראחמאן, — האט די קאַליפין געזאגט, — אויב איהרע ליידען זיינען אזוי גרויס, פאר וואָס־זשע קומט נישט חסדאי זיך אונטערגעבען? פאר וואס וויל ער נישט צוגעבען אז דיין מיינונג וועגען באשערטקייט פון הייראטה איז די גערעכטע און דאן וועסטו דאך איהם קענען מוחל זיין די שבועה?

— אַט צוליעב דעם טאקי איז חסדאי ביי מיר געשטיגען, — האט דער

קאליף געזאגט, — זיין ווארט און איבערצייגונג איז ביי איהם הייליג!... ער איז די עהרליכקייט אליין... ער וועט בעסער ליידען פאר'ן אמת אבי זיך זעלבסט נישט בעטריגען. איך בין יעצט מעהר איבערצייגט אז מיין הויפט־מיניסטער חסדאי איז דער עהרליכסטער און נאבעלסטער מענש אין מיין קעניגרייך. איך האב מיט איהם פריהער גערעדט וועגען זיין שושנה'ן און וועגען זיינע און איהרע ליידען. איך האב איהם אויך אנגעוואונקען דאס ער קען אלעס רעכט מאכען ווען ער זאל נאר מודה זיין אז איך בין גערעכט, דאן קען איך פון איהם די שבועה ארונטערנעהמען. אבער ער האט מיר געזאגט, אז כל זמן איך וועל איהם נישט קענען איבערצייגען אז איך בין גערעכט, וועט ער זיך האלטען מיט זיין מיינונג.

— אויב אזוי, — האט עז־זאראה געזאגט, — פארדריסט מיר שוין אין גאנצען אויף דעם שפאס וואס מיר האבען געוואלט טרייבען מיט חסדאי'ן... איך קען זיך פארשטעלען ווי שרעקליך זיין געליעבטע פיהלט זיך. — קענסטו יעצט גארנישט טהאן, — האט זיך געווענדעט עז־זאראה צום קאליף מיט א בעטענדע שטימע, — פיעלייכט וועלען מיר געפינען אן עצה ווי אזוי דו זאלסט קענען דיין שבועה מבטל מאכען?

— איך וויל אבער אויך נישט, — האט דער קאליף געזאגט, — אז עס זאל אויסקומען אז איך גיב צו דאס ער איז גערעכט. איך בין דאך פארט איבערצייגט אז יעדער מאן מוז אליין געהן זוכען זיין באשערטע... דאריבער וועט עס זיין זעהר שווער ארויסצופלאנטערען זיך פון דער לאגע.

— אפשר האט אבן מומין אן עצה, — האט די קאליפין געזאגט.

— אדרבה, — האט זיך דער קאליף געווענדעט צו אבן מומין — דו האסט דאך מיר געגעבען די ערשטע עצה, אז איך זאל חסדאי'ן פערבאטען זיך צו זעהן מיט זיין געליעבטע, קענסטו פיעלייכט מיר יעצט געבען א צווייטע עצה, ווי אזוי איך זאל האבען די מעגליכקייט ארונטערצונעהמען מיין פערבאט פון חסדאי'ן און עס זאל נישט אויסקומען דאס ער האט געזיעגט.

דער אלטער מיניסטער, אבן מומין, האט פערקנייטשט זיין שטערן, א קורצע ווילע האט ער געטראכט...

— איך האב א גוטע עצה, — איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ מיט א לייכטענדען פנים — איך בין זיכער, אז מיין עצה וועט דעם קאליף און די קאליפין זעהר געפעלען ווערען.

— נו, לאמיר הערען דיין עצה — האט דער קאליף אונגעדולדיג געזאגט.

— איך גלויב, — האט אבן מומין געזאגט — אז דעם קאליף'ס מיינונג וועגען הייראט איז די גערעכטע. איך בין פעסט איבערצייגט, אז עס איז נישטא

אזא זאַך ווי בעשערטקייט, וויייל ליעבע איז א זאַך פון געפיהל וואָס קומט פון הארצען, און דאָס געפיהל וואַקסט ביי דעם מענשען מיט די אומשטענדען און די אומגעבונג... עס איז מעגליך, אז די ווירדיגע קאַליפין עז־זאַראַה וואָלט ער־צויגען געוואָרען אין קאָרדאָוואַ, וואָלט איהר דער קאַליף פילייכט גאָרנישט בעמערקט. נאָר אונטער די אומשטענדען און די אומגעבונג, אין וועלכע דער קאַליף האָט געטראָפען דער פרינצעסין עז־זאַראַה, האָט ביי דעם קאַליף ער־וואַכט דאָס הייליגע געפיהל פון ליעבע. און וואָלט אָבער דער קאַליף נישט געמאַכט זיין רייזע דורך אַראַביען, וואָלט עז־זאַראַה יעצט נישט געווען די קאַליפין פון קאָרדאָוואַ.

— דאָס ווייס איך און איך בין אין דעם איבערצייגט — האָט איהם דער קאַליף געזאָגט — דו בעסער זאָג מיר, ווי אזוי איך קען איבערצייגען חסדאי'ן, אז מיר זיינען גערעכט?...

— גאַנץ איינפאַך, — האָט אבן מומין געזאָגט — — חסדאי גלויבט, אז שושנה איז זיין בעשעהרטע. ער גלויבט, אז עס איז בעשטימט געוואָרען פון הימעל, דאָס ער זאָל איהר הייראַטען; וואָס וואָלט ער געזאָגט, למשל, ווען ער איז געצוואונגען צו הייראַטען א צווייטע, לאָמיר זאָגען, א פרוי נישט פון זיין ראַנק...

— ווילסטו, הייסט דאָס, אז איך זאָל איהם צווינגען, ער זאָל הייראַטען מיט א צווייטער. אָה, ניין, אזוי גרויזאַם בין איך נישט — האָט דער קאַליף געזאָגט.

— נישט דאָס מיין איך, גנעדיגער קאַליף — האָט אבן מומין געענט־פערט — איך מיין, אז דער קאַליף זאָל איהם צושיקען א פרוי און איהם אָנזאָגען, דאָס ער מוז מיט איהר הייראַטען. און זאָל חסדאי זיין צו איהר פער־הייראַט א טאָג צו צוויי, און נאָכהער וועט דער קאַליף די הייראַט מבטל מאַכען, אָדער חסדאי וועט ערלויבט ווערען גלייך איהר אָבצו'גט'ן... דאַן וועלען דאָך אַלע זעהן, אז יענע פרוי איז דאָך געווים נישט זיין בעשעהרטע און פונדעסט־וועגען האָט ער איהר געהייראַט... און חסדאי אַליין וועט זיך אַרומזעהן, דאָס זיין מיינונג וועגען בעשערטקייט אין הייראַט איז נישט קיין ריכטיגע, וועט ער דאַך קומען צו דעם ווירדיגען קאַליף און זיך מודה זיין אין זיין טעות. דאַן וועט דאַך זיין שבועה ממילא בטל ווערען, און חסדאי וועט ערלויבט ווערען זיך צו זעהן מיט זיין שושנה'ן... און אויב עס איז נישט צו שפּעט, וועט דאַך שושנה ווידער געהערען צו איהם...

דער קאַליף האָט זיך א ווייילע פערטראַכט, נאָכהער האָט ער זיך אָפּגע־רופען:

— איך גלויב, אַז אַבן מומין האָט רעכט. דאָס איז דער איינציגער וועג, ווי אַזוי אַרויסצודרעהען זיך פון דעם פּלאָנטער.

— און איך גלויב, — האָט די קאַליפין צוגעגעבען — אַז נאָכדעם ווי חסדאי וועט אויסגעפינען, אַז די אורזאַכע פאַר וואָס מען האָט געצוואונגען צו טאָן אַזאַ זאַך, איז געווען כדי אַרונטערצונעהמען פון איהם די שבועה, וועט ער געווים קיין פּאַראיבעל נישט האָבען. אדרבה, איהם וועט דאָך נאָך הנאה טאָן!...

אַבן מומין, חסדאי׳ס גרעסטער שונא, איז געווען העכסט גליקליך וואָס זיין פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרען ביי דעם קאַליף און דער קאַליפין. ער האָט געוואוסט, דאָס ווען דער קאַליף זאָל איהם צושיקען אַ נישט־אידישע פרוי, וועט דאָך חסדאי זיך ענטזאָגען צו פאָלגען דעם קאַליף... דאָס קען ברייננען, אַז דער קאַליף זאָל שטאַרק אין כעס ווערען אויף חסדאי׳ן און איהם אַרונטערזעצען פון זיין גדולה, און ער קען נאָך איהם פאַר דעם איינשפּאַרען אין געפענגעניש, דאַן וועט ער, אַבן מומין, ווערען דעם קאַליף׳ס הויפּט־מיניסטער... און זיין חלום וואָס ער האָט שוין לאַנג געחלומ׳ט, צו ווערען דעם קאַליף׳ס הויפּט־מיניסטער, וועט אין גיכען פערווירקליכט ווערען...

— איך וואָלט ראַטען דעם קאַליף, — האָט אַבן מומין אומגעדולדיג געזאָגט — דאָס מען זאָל טאַקע נאָך היינט צו איהם צושיקען אַ פרוי, מיט אַ בריעף געחתמ׳עט ביי דעם קאַליף, וואו חסדאי ווערט געפאָדערט גלייך צו הייראַטען די פרוי וועלכע וועט איהם איבערגעבען דעם בריעף.

— גוט, — האָט דער קאַליף אַ שמייכעל געטאָן — איך וועל אַרויסקוקען דורכ׳ן פענסטער און די ערשטע פרוי וועלכע איך וועל בעמערקען פאַרבייגעהענדיג דעם פּאַלאַץ, וועט זיין חסדאי׳ס "בעשערטע"...

דער קאַליף און די קאַליפין זיינען צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט... פון ווייטען האָבען זיי בעמערקט אַן עלטערע זעהר דיקע פרוי.

— אָט יענע פרוי וועט נאָך אונזער שפּאַס נאָך גרעסער מאַכען — האָט דער קאַליף געזאָגט לאַכענדיג.

עז־זאַראַה האָט זיך אויך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט:

— כאַ, כאַ, כאַ... דאָס וועט זיין אַן אַמוזירענדער שפּאַס...

— נעה רוף צו יענע פרוי צום פּאַלאַץ און הייס איהר וואַרטען אַ ווייַלע — האָט דער קאַליף געזאָגט צו אַבן מומין.

ווען אַבן מומין האָט דערזעהן די אַלטע, דיקע פרוי, איז ער געוואָרען אויסער זיך פון שמחה: חסדאי וויים דאָך נישט, אַז דאָס איז אַ שפּאַס, וועט ער דאָך געווים נישט וועלען פאָלגען דעם קאַליף און הייראַטען מיט אַ נישט־אידישע, און דערצו נאָך אַן אַלטע און דיקע פרוי... דאַן וועט ער איבערציי־

גען דעם קאַליף, ווי וױנציג געטריי און איבערגעגעבען חסדאי איז איהם און דערמיט װעט ער אױפרייצען דעם קאַליף׳ס כעס אויף חסדאי׳ן.

— איך געה גלייך, אַלמעכטיגער קאַליף — האָט זיך אבן מומין פערנייגט און איז שנעל ארויס פון פּאַלאַץ. ער איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטער פרוי און איהר געזאָגט:

— גוטע פרוי, דער קאַליף וויל מיט דיר רעדען וועגען עפּעס. זיי דאָך אַזוי גוט און קום צו מיט מיר צום קאַליף׳ס פּאַלאַץ.

די עלטערע פרוי האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און זי האָט זיך גענומען ביי איהם בעטען:

— איך וויים, איך האָב געזינדיגט געגען דעם גרויסען קאַליף... איך בין עטליכע מאָל פאַרבייגעגאַנגען מיט מיין קאַרב וועש בעפאַר דעם פּאַלאַץ... איך האָב דאָס אָבער געטאָן אומגערען... איך האָב נישט געוואוסט, אַז דאָס איז פערבאָטען... דער וועג איז מיר אַ קירצערער, און איך בין אַן אָרימע שוואַכע אַלמנה, האָב איך מיר געזוכט צו פערגרינגערען מיין ארבייט.

— דו ביזט אַן אַלמנה? — האָט אבן מומין מיט פרייד געזאָגט — זאָרג דאָך נישט, גוטע פרוי, קיין שלעכטס וועט מיט דיר נישט פּאַסירען. קום מיט מיר און פריידען וועט זיין צו דיר...

אבן מומין האָט זיך דערנעהנטערט צום פּאַלאַץ מיט דער פרוי.

ווען דער קאַליף האָט זיי בעמערקט, איז ער אַרויס אויף דעם באַלקאָן און האָט זיך אָפּגערופען צו דער פרוי:

— ווי אַלט ביזטו?

— דיין דינסט איז זעכציג יאָהר אַלט — האָט די פרוי געענטפערט און האָט זיך פערנויגט ביז דער ערד — דער הייליגער אַללאַה זאָל שיקען זיין ברכה צו דעם קאַליף און דער קאַליפין.

— האָסטו אַ מאַן און קינדער? — האָט איהר דער קאַליף געפרעגט.

— דיין דינסט האָט קיין חן נישט געפונען אין די אויגען פון אַללאַה, ער האָט מיר דעריבער קיין קינדער נישט געגעבען און שוין באַלד צוויי יאָהר ווי ער האָט מיין מאַן פון מיר צו זיך אין הימעל צוגענומען.

— ווי אַזוי ערנעהרסטו זיך? — האָט איהר דער קאַליף געפרעגט.

— איך בין אַ וועשערין, און דער גנעדיגער קאַליף וועט מיר מוחל זיין וואָס איך געה פערביי זעהר אָפט מיט מיין קאַרב וועש, ווייל דיין דינסט איז אַ שוואַכע פרוי און דער וועג נעבען פּאַלאַץ איז דער קירצערער...

— דער וועג איז פאַר דיר אימער פריי, — האָט דער קאַליף געשמייכעלט — אָבער דו וואַרט דאָ צו אַ ווײַלע, איך וויל דיר איבערגעבען אַ שליחות. איך האָף, אַז דו וועסט מיר נישט ענטזאָגען.

— דיין דינסט פּיהלט זיך גליקליך מיט עפּעס צו דינען דעם קאַליף — האָט זיך די פרוי נאָך אמאָל פערנויגט.

דער קאַליף מיט אבן מומין זיינען אריין צו זיך אין פּאַלאַץ.

— אללאה האָט אונז מיטגעהאָלפען — האָט אבן מומין געלאַכט — עס האָט זיך גראָדע געדאַרפט מאַכען, אַז די ערשטע פרוי וואָס איז אַנגעקומען, זאָל זיין אַן אַלמנה... איך פערהאָף נאָר, אַז חסדאי וועט וועלען פאָלגען דעם קאַליף'ס בעפעהל.

— איך וועל דאָס מאַכען זעהר שטאַרק — האָט דער קאַליף געלאַכט — און חסדאי וועט געוויס פאָלגען אַלעס וואָס איך הייס איהם.

דער קאַליף האָט זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבען דעם פאָלגענדען בריעף:

„מיין טהייערער חסדאי!

„ווי נאָר דיזע פרוי וועט דיר איבערגעבען דעם בריעף, זאָלסטו, אָהן קיינע פראַגעס, מיט איהר גלייך חתונה האָבען. דאָס איז מיין בעפעהל. איך בין איבערציינגט, אַז דו וועסט מיך פאָלגען און טאָן מיין פערלאַנג. גלייך נאָך דער חופה זאָלסטו קומען צו מיר אויפ'ן מאַהלצייט, וואָס איך מאַך לכבוד אייך ביידען, די נאָר וואָס פערהייראַטע פּאָאַר. איך ווינשט דיר מזל־טוב.

אבדו ראַכמאַן דער דריטער."

דער קאַליף האָט דעם בריעף פאַרגעלעזען פאַר דער קאַליפין און אבן מומין, וועלכע האָבען האַרציג געלאַכט... ער האָט אוועקגעלעגט די קעניגליכע חתימה און דעם בריעף פערזיגעלט. ער האָט אריינגערופען די פרוי און איהר דערלאַנגט דעם פערזיגעלטען בריעף.

— דער בריעף איז זעהר א וויכטיגער — האָט דער קאַליף געזאָגט צו דער פרוי — און איך וויל, אַז דו זאָלסט איהם איבערגעבען מיין הויפּט־מיניס־טער, חסדאי אבן שפּרוט.

— דיין דינסט וועט טאָן ווי דער קאַליף פערלאַנגט — האָט זיך די פרוי פערנויגט; זי האָט גענומען דעם בריעף און איז אוועקגעגאַנגען צו חסדאי'ס פּאַלאַץ.

32טער קאַפּיטעל

מנשה'ס „טעות"

ווען מנשה אבן זמרי איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָט ער גלייך באַמערקט וואָס זיין זוהן חפני האָט איהם אָפּגעטהאָן... ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם שראַנק און איהם בעטראַכט...

— קום נאר אהער! — האט ער גערופען זיין פרוי, — קום נאר אהער און זעה וואס דיין תכשיט האט אונז געטהאן.

א בלייכע איז חפני'ס מוטער צוגעגאנגען צו מנשה'ן וועלכער איז גע־שטאנען נעבען שראנק און געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— נו, וואס זאגסטו אויף דיין תכשיט? — האט ער געזאגט אנצייגענדיג איהר אויף דעם אפענעם שראנק, — ער האט אונז פשוט בע'גנב'עט!... זיך דערלעבט נחת פון אונזער בן יחיד'ל!

די מוטער איז געשטאנען א דערשראקענע און געשוויגען. טרעהרען האבען זיך באוויזען אין איהרע אויגען.

— יעצט האט חפני גע'גנב'עט א טהייל פון אונזער געלד, — האט זיך מנשה מעהר צוהיצט, — דעם צווייטען מאל וועט נאך אונזביידען ערמארדען אום ארויסצוקריגען דאס איבריגע געלד...

— מנשה!... וואס רעדסטו, — האט זיך זיין פרוי אפגערופען מיט בע־טענדע אויגען, — ווי קענסטו אזוי ריידען וועגען דיין אייגענעם זוהן?...

— מיין זוהן!? ער איז דיין זוהן! דו ביזט שולדיג אין דעם וואס חפני איז יעצט געווארען א גנב, ווייל דו האסט איהם אלעס נאכגעגעבען. דו האסט אלע מורא געהאט ער זאל פון הויז נישט אוועקגעהן.

— אבער, מנשה, ער וועט דיר דאס געלד צוריק אפגעבען. דו האסט דאך אליין געהערט נעכטען ביי נאכט, ער האט זיך ביי דיר געבעטען דו זאלסט איהם לייהען דאס געלד, און דו האסט זיך איינגע'עקשן'ט. ווי איך פארשטעה, האט ער דאס געלד געמוזט זעהר נויטיג האבען... און ווען ער האט געזעהן דאס ער קען מיט דיר גארנישט מאכען, האט ער עס אליין גענומען מיט דעם געדאנק עס אפצוגעבען ווי נאר ער וועט קריגען געלד. דו האסט אבער קיין רעכט נישט איהם צו רופען גנב, מערדער.

— ער איז אן אויסוואורף, א בן סורר ומורה, — האט זיך מנשה צושריען.
— איך האב תמיד פערשטאנען דאס ער איז אין שלעכטע געזעלשאפט, איך האב קיינמאל נישט געגליכען זיינע סודות וואס ער האט מורא אונז צו דערצעהלען, אבער דו האסט איהם אלע מאל פערטיידיגט און ער איז זיך אנגעגאנגען מיט זיינע סודות און מיט זיינע שלעכטע חברים.

— פונדעסטוועגען איז יעצט געווים נישט די צייט צו זאגען אזעלכע ווער־טער וועגען חפני'ן, — האט די מוטער איהם פערטיידיגט, — ער וועט, אם ירצה השם, באלד ווערען א חתן פאר שושנה'ן און ער וועט אין גאנצען אנדערש ווערען.

— און איך זאג דיר, — האט זיך מנשה אפגערופען, — אז די גאנצע מעשה

מיט שושנה׳ן איז א ליגען, ער האט געמיינט, אז דורך אזא ליגען וועט ער קענען ארויסקריגען געלד פון מיר.

— וואס זאגסטו דערצו, דאס שושנה איז געקומען צו אונז אין הויז זיך זעהן מיט חפני׳ן?

— איך בין זיכער, אז זי איז געקומען צוליעב א גאנץ אנדער אורזאכע. און איך געה טאקע באלד אריבער צו שושנה׳ן און ביי איהר פרעגען וועגען חפני׳ן, — האט מנשה געזאגט.

— אום גאטעס ווילען, טהו דאס נישט; טאמער האלט עס ביי א שידוך צווישען זיי ביידען, וועסטו יעצט קומען און אלעס קאליע מאכען.

— זארג נאר נישט וועגען דעם, איך וועל שוין וויסען ווי אזוי צו ריידען, און אויב עס קומט יא עפעס פאר צווישען זיי ביידען, וועל איך געוויס נישט קאליע מאכען... אבער איך מוז איינמאל פאר אלע מאל אויסגעפינען אלע זיינע סודות... ער קען מיר נישט נארען די גאנצע צייט...

— ווארט נאך צו א פאר טעג, — האט זיך די פרוי ביי איהם געבעטען — פיעלייכט וועט חפני אליין קומען און אונז אלעס דערצעהלען...

— גוט, איך וועל ווארטען עטליכע טעג, — האט מנשה צוגעשטימט, — און אויב ער וועט דורך דער צייט נישט קומען אהיים, וועל איך אומבעדינגט אריבערגעהן צו שושנה׳ן און איהר אויספרעגען אלעס...

— און איך וועל מיט דיר מיטגעהן, — האט איהם די פרוי געזאגט.

— צו וואס דארפסטו זיך נאכשלעפען? איך וועל אליין וויסען ווי אזוי צו ריידען מיט איהר.

— פאר וואס זאל איך מיט דיר נישט געהן, — האט די פרוי געזאגט, — געדענקסטו ווען שושנה איז געפאנגען געווארען, איז ר׳ שמואל געקומען צוזאמען מיט מרים׳ן זיך נאכפרעגען צו מיר וויסען עפעס וועגען זיין טאכטער, און מיר האבען נאך דאן געמיינט אז חפני שפאצירט ערגעץ מיט שושנה׳ן. יעצט ווען דו געהסט איהר פרעגען וועגען חפני׳ן מעג איך מיט דיר מיטגעהן.

— גוט, דו קענסט אויך געהן, אבער געדיינק, דו דארפסט מיר גארנישט ארויסהעלפען אין ריידען. איך וועל שוין וויסען וואס צו זאגען...

* * *

איינציגע טעג זיינען פאראיבער זייט דער שליח האט פון ר׳ שמואל׳ס פאמיליע געקראגען דאס אויסלייז געלד און איז צוזאמען מיט חפני׳ן אוועק צו בעפרייען ר׳ שמואל׳ן.

מרים און שושנה זיינען זעהר בעאומרוהיגט געווארען.

— וואס קען דאס זיין, — האט מרים געזאגט צו שושנה׳ן, — עס איז

שוין דער פיערטער טאָג און מען הערט גאָרנישט... זאָל דאָס זיין אז עס געלינגט נישט הפני'ן איהם צו בעפרייען ?...

— מיין אָרעמער פאָטער, — האָט שושנה געווישט די אויגען, — גאָט ווייס צי איך וועל דיר שוין ווען עס איז זעהן... ווער ווייס, עס קען זיין אַז די פאַנגער האָבען אַריינגענאַרט אויך הפני'ן.

— מען טאָר נישט פאַרלירען די האָפנונג אין גאָט, מיין ליעבע טאָכטער, — האָט מרים פּרובירט טרייסטען איהר טאָכטער און אַליין אויך געווישט די טרעהרען, — עס קען זיין אַז חפני איז שוין דאָ אין דער היים, נאָר אַזוי ווי עס האָט איהם נאָך נישט געלונגען איהם צו בעפרייען, שעהמט ער זיך צו קומען, ווייל דו געדענקסט דאָך ווי ער האָט געשוואוירען דאָס ער וועט דיין פּנים מעהר נישט אָנקוקען סיידען ער וועט בעפרייען דיין פאָטער...

— יאָ, ליעבע מוטער, — האָט שושנה געענטפערט, — איך געדענק אָבער אויך ווי ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס וואָס ער געהט טהאָן פאַר אונז איז אַ געפעהרליכע זאַך... ער געהט צו מענשען־פאַנגער, און מעגליך, אַז ער וועט זיך מעהר צוריק נישט אומקעהרען... און איך האָב דאַן געהערט ווי דער שליח האָט געזאָגט צו חפני'ן אַז אויסער'ן שטאָדט וועט ער זיך מוזען לאָזען פאַרבינדען די אויגען און זיך אין גאַנצען פאַרלאָזען אויף דעם שליח ביז וואַנען ער וועט איהם אַריינפיהרען אין דעם פאַרבאָרגענעם פּלאַץ... איך האָב מורא טאָמער האָבען זיי אויך חפני'ן גענומען געפאַנגען און וועלען איהם האַלטען פאַר אויסלייז־געלד.

— ניין, מיין טאָכטער, — האָט מרים געזאָגט, — איך גלויב נישט דאָס זיי זאָלען איהם פערהאַלטען... זיי דענקען דאָס זיי וועלען מאַכען בעסערע געשעפטען ווען זיי וועלען זיך מיט איהם פערבינדען אין האַנדעלשאַפט.

— אָבער פאַר וואָס בעפרייען זיי נישט מיין פאָטער, זיי האָבען דאָך שוין געקראָגען דאָס אויסלייז־געלד, — האָט שושנה טרויעריג געזאָגט.

— דו ווייסט, שושנה, — האָט זיך מרים אָפּגערופען, — איך דענק זיך אַריבערצוכאַפּען צו הפני'ס הויז און פרעגען זיינע עלטערען אויב זיי האָבען עפּעס געהערט פון חפני'ן.

— דאַן וועסטו דאָך זיי מוזען אַלעס דערצעהלען.

— דו ביזט גערעכט, מיין טאָכטער, אויב הפני'ס עלטערען וועלען וויסען, וועט זיך באַלד די גאַנצע שטאָדט דערפון דערוויסען און דאָס וועט די לאַגע ערגער מאַכען. מיר וועלען מוזען געדולדיג וואַרטען און דער אויבערשטער וועט זיך מרחם זיין און ער וועט אונז שיקען זיין הילף פון הימעל... לאָמיר צו איהם מתפלל זיין!

שושנה האָט זיך צוגעזעצט נעבען איהר מוטער, און ביידע האָבען מיט אַ וויינענדיג־טרויעריגען ניגון אָנגעפאַנגען צו זאָהען תהילים:

"למה ה' תעמד ברחוק, תעלים לעתות בצרה" (פאר וואס, א. גאט, שטעהסטו פון ווייטען, דו פארבארגסט זיך אין דער צייט פון אונזער צרה).

א קלאפ אין טהיר האט זיך געהערט... מרים איז געגאנגען עפענען. שושנה האט שנעל אפגעווישט איהרע טרעהרען...

— קומט אריין, — האט מרים געזאגט מיט צופרידענהייט, — און בריינ געעפענט די טהיר פאר מנשה'ן און זיין פרוי.

— האט איהר עפעס געהערט פון חפני'ן, — איז שושנה צו זיי צוגעלאפען און מיט איבערראשונג געפרעגט.

מיט אן איינגעהאלטענעם שמייכעל האט מנשה אנגעווענדעט זיין בליק צו זיין פרוי... און זי, די פרוי זיינע, האט איהם באלד געענטפערט מיט א בליק וואס האט בעדייטעט:

— נו, וואס ווערסטו יעצט זאגען? יעצט גלויבסטו שוין אז שושנה איז פערליעבט אין אונזער חפני'ן... נו, ווער איז גערעכט, איך צו דו?...

— זאגט מיר, איך בעט אייך, — האט שושנה ווידערהאלט איהר פראגע, — האט איהר נאך פון חפני'ן גארנישט געהערט?

— זינט ער האט גענומען... איך מיין, ער האט געבעטען ביי מיר פופציג טויזענד שקלים, האב איך פון איהם נישט געהערט, — האט מנשה געזאגט.

— ווען איז דאס געווען? — האט מרים געפרעגט.

— מיט דריי טעג צוריק, ער איז געקומען אין הויז און מיר געבעטען איך זאל איהם געבען פופציג טויזענד שקלים, ווייל ער דארף עס זעהר נויטיג האבען... איך האב איהם געפרעגט אויף וואס ער דארף אזוי פיעל געלד, האט ער מיר געזאגט, אז דאס איז א סוד און ער קען מיר יעצט נישט זאגען...

— מיין מאן האט איהם אפילו נישט געוואלט געבען דאס געלד, — האט מנשה'ס פרוי איהם אונטערבראכען, — אבער אז מיין חפני האט געזאגט אז ער דארף עס דרינגענד, האט ער איהם געגעבען דאס געלד, און זינט דאן האבען מיר פון איהם נים געהערט...

— יעצט פארשטעה איך, מוטער, — האט זיך שושנה ארויסגערעדט, — די פאנגער האבען מסתמא געפאדערט ביי איהם מעהר געלד — — —

מרים האט איהר א וואנוק געטהאן זי זאל נישט ריידען. אבער מנשה און זיין פרוי האבען שושנה'ן אנגעקוקט פארגליווערט...

— ווייסטו יא דעם סוד, — האט זיך מנשה צו איהר אפגערופען, — זאג דאך מיר, איך בעט דיר, ווענען וואס האנדעלט זיך דא?

— איהר מוזט ביידע שווערען דאס איהר זאלט פאר קיינעם וועגען דעם נישט ריידען, ווייל דא האנדעלט זיך אום דאס לעבען פון א מענשען... און איין איבריג ווארט קען קאסטען זיין לעבען...

ווען מנשה און זיין פרוי האָבן געשוואָרען דעם סוד קיינעם נישט דער־צעהלען, האָט מרים זיך אָפּגערופען שטילערהייד:

— מיין מאַן, שמואל, איז געפאַנגען געוואָרען פון שקלאַפען־הענדלער. זיי האָבען ביי אונז געפאָדערט דורך א שליח הונדערט טויזענד שקלים אויסלייז־געלד און דער שליח האָט אונז איבערגעגעבען א בריעף פון מיין מאַן. אין דעם בריעף בעט מיר מיין שמואל דאָס מיר זאָלען צושטעלען דאָס געלד צו דעם שליח, און ער בעט מיין טאָכטער דאָס זי זאָל זיך זעהן מיט חפני'ן, ווייל די שקלאַפען־פאַנגער האָפען זיך צו פארבינדען מיט איהם געשעפטליך, און דורך דעם וועט חפני'ן אָנקומען גרינגער איהם אויסצולייזען. חפני איז דאָ ביי אונז געווען מיט פיער טעג צוריק, און איז אוועק מיט דעם שליח אויסצולייזען מיין שמואל'ן... יעצט ווייזט אויס, אַז די פאַנגער האָבען ביי איהם מעהר געלד געפאָדערט, און נישט וועלענדיג אונז דערשרעקען, האָט ער בעטען דאָס געלד ביי אייך געבעטען. יעצט וועל איך אייך דאָס געלד באַלד אומקעהרען...

— אָה, ניין, — האָט מנשה געזאָגט, — וועגען דעם געלד וועט איהר זיך אויס'חשבון'ען מיט מיין זוהן. עס טהוט מיר זעהר לייד וואָס ר' שמואל איז געפאַנגען געוואָרען. אָבער איך בין צופריעדען אַז מיין זוהן האָט ביי מיר דאָס געלד גענומען פאַר אַזאַ נאָבעלען און הייליגען צוועק.

— אייער חפני איז א בראַווער יונגערמאַן און באַזיצט אַן איידעלען כאַ־ראַקטער, — האָט שושנה געזאָגט צו מנשה'ן און זיין פרוי, — איך האָף נאָך, אַז דער ליעבער גאָט וועט איהם געבען די מעגליכקייט מיין פאַטער צו בע־פרייען... און איך וועל איהם מיין גאַנצען לעבען דאַנקבאַר זיין...

— זאָרג נישט, מיין קינד, — איז חפני'ס מוטער צוגעגאַנגען צו שושנה'ן, איהר אַרומגענומען און געקושט, — זאָרג נישט און קלעם זיך נישט, שושנה. ווען מיין חפני, זאָל געזונד זיין, אונטערנעהמט זיך עטוואָס צו טהאָן וועט ער זיין ערפאָלגרייך... ער וועט שוין וויסען ווי צו האַנדלען מיט זיי, און דיין פאַטער וועט אין גיכען פריי ווערען... מיין חפני איז זעהר גוטהערציג. ער וועט זיין אייגען לעבען אין סכנה שטעלען אבי ער זאָל קענען יענעם העלפען... מערקווירדיג, וויפיל מיר האָבען זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל אונז אויסזאָגען דעם סוד פאַר־וואָס ער דאַרף אַזוי נויטיג געלד, האָט ער נישט געוואָלט זאָגען... ווייל ער האָט אייך מסתמא געגעבען זיין וואָרט מיט קיינעם וועגען דעם נישט צו ריידען.

— וואָס קען דאָס אָבער זיין, —האָט זיך מרים אָפּגערופען פאַרזאָרג־
— אַז נאָכדעם ווען חפני האָט זיי שוין צוגעשטעלט נאָך געלד, און מיין שמואל איז נאָך אַלץ נישט באַפרייט...

— נישט אַזוי גרינג קומט אַזאַ זאַך אָן צו טהאָן, — האָט מנשה זיי גע־טרייסט, — אָבער איך גלויב אַז מען קען זיך פאַרלאָזען אויף חפני'ן, ער ווייס דעם געשעפט זעהר גוט און ער פאַרשטעהט ווי צו האַנדלען מיט זיי...

—איהר וועט זעהן, — האָט מנשה'ס פרוי זיך אָפּגערופען צו מרים'ן און איהר טאָכטער, — אַז מיר וועלען נאָך גאָר אין גיכען צוזאַמען קומען אויף שמחות...

מנשה און זיין פרוי האָבען נאָך אַמאָל פאַרשפּראָכען פאַר קיינעם זיך נישט אַרויסצורײדען וועגען ר' שמואל'ס געפאַנגענשאַפט, און האָבען פאַרלאָזען דאָס הויז.

— נו, איך פרעג דיר, — האָט זיך חפני׳ס מוטער אָפּגערופן צו מנשה׳ן, ווי נאָר זיי זיינען ארוים פון ר׳ שמואל׳ס הויז, — האָסטו געהאַט א רעכט איהם אָנצורופען גנב, און... מערדער... זעהסטו שוין וואָס פאַר אַן איידעלע נשמה אונזער חפני בעזיצט. ווען ער האָט זיך נעבעך ביי דיר געבעטען, און דו ביזט געוועזען צו איהם אַזוי גרויזאַם און בשום אופן איהם ניט געוואָלט לייהען דאָס געלד, ביז וואַנען ער איז געצוואונגען געווען עס אַליין צו נעהמען.

— מיין טהייערע פרוי, — האָט זיך מנשה ענטשולדיגט, — איך זעה יעצט איין מיין טעות. מיר פאַרדריסט זעהר שטאַרק פאַר די עגמת נפש וואָס איך האָב איהם פערשאַפט. אָבער איך האָב דאָך געמיינט פון זיין טובה וועגען. מיר האָט זיך נאָר געדוכט דאָס ער איז אין שלעכטע געזעלשאַפט. איך האָב גאָר נישט געקענט גלויבען דאָס עס זאָל האַלטען ביי א שידוך צווישען איהם און די טהייערע שושנה.

— נו, און יעצט גלויבסטו שוין? — האָט איהם זיין פרוי געפרעגט מיט נצחון, — יעצט גלויבסטו אַז מיין זוהן האָט קיין ליגען נישט געזאָגט...

— יעצט איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, — האָט מנשה א שולדיגער געזאָגט, — האָב איך דען נישט געהערט וואָס פאַר א טהייערע מיינונג שושנה האָט וועגען חפני׳ן. מען קען פאַרשטעהען פון איהרע ווערטער, אַז זי איז אין איהם פערליעבט. און מען קען האָפען אַז ווי נאָר איהם וועט געלינגען צו בעפרייען ר׳ שמואל׳ן וועלען זיי באַלד שרייבען תנאים...

— דו קענסט זיך גאָר נישט פאַרשטעלען וואָס פאַר א גליק דאָס איז פאַר חפני׳ן און פאַר אונז... אָ, ווי שטאַרק די פרויען וועלען מיר מקנא זיין... און איך וועל טאַקע יעצט זעהן אין זיי א נקמה... אַזעלכע גרויסהאַלטער! זינט דער חרם האָבען זיי דאָך צו מיר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט... און אַז איך פלעג אָנפאַנגען צו רעדען מיט א פרוי פלעגט זי אומדרעהען איהר קאָפּ...

— און די מאַנסבילען האָבען זיך פון מיר אויך דערווייטערט און זינט דעם חרם האָט מען מיר נאָך קיין עליה נישט געגעבען... יעצט וועט אָבער אַנדערש זיין... א קלייניגקייט, ר׳ שמואל פרנס׳ם מחותן...

* * *

נאָך א פּאָר טעג זיינען פאַריבער און מען האָט פון חפני׳ן גאָר נישט געהערט. מרים און שושנה זיינען געוואָרען נאָך מעהר פאַרטרויערט און פאַרצווייפעלט.

— יעצט בין איך זיכער, — האָט שושנה געזאָגט וויינענדיג, אַז חפני איז אויך געפאַלען א קרבן פון די רויבער־באַנדע... זיי האָבען ביי איהם געפאָדערט נאָך געלד און ווי זיי האָבען פון איהם דאָס געלד גענומען, האָבען זיי זיך אויסגעלאַכט פון איהם... אָ, מיין אומגליקליכער אַלטער פאָטער!...

— ווען חפני וואָלט געקומען צו אונז בעטען דאָס איבריגע געלד, וואָלט ער דאָך אונז געזאָגט דערוויילע ווי ווייט אומגעפעהר געפינט זיך די באַנדע, און מיר וואָלטען לכל הפחות געהאַט א קליינעם שפּור... ווייל אויב אפילו מען האָט איהם די אויגען פאַרבונדען, האָט ער דאָך געקענט האָבען א שטיקעל ידיעה אין וועלכען געגענד זיי געפינען זיך...

—חפני האָט קיין שלעכטס נישט געמיינט, ליעבע מוטער, ער האָט אונז פשוט נישט געוואָלט איבערשרעקען... איך זעה יעצט איין וואָס פאַר אַן איידעלען

כאראקטער ער האט, ווי בראוו ער איז, ער האט געוואוסט ווי געפעהרליך זיין אונטערנעהמונג איז, און ער איז דאך געגאנגען...

— איך צווייפעל נישט אין זיין גוטהערציגקייט און אין זיין בראווקייט, — האט זיך מרים אפגערופען, — אבער ער האט געטהאן א נארישקייט וואס ער איז אהער נישט געקומען נאך דעם געלד... וויבאלד אז ער האט זיך שוין מיט די פאנגער געזעהען, האט ער בעדארפט קומען צו אונז און אונז איבערגעבען אלעם וואס ער וויים וועגען די פאנגער און חס וחלילה ווען עס וואלט געהאלטען שמאל וואלטען מיר געהאט א שפור... יעצט ציטערט מיין הארץ אין מיר...

— וואס קען מען יעצט טהאן? וואס קען מען יעצט טהאן? — האט שושנה געיאמערט.

— מיין טאכטער, — האט איהר מרים צוגעדריקט צו זיך און אליין אויך געוויינט, — עס איז יעצט פארבליבען נאר איין וועג... אבער איך וויים ווי שווער דיר וועט עס זיין צו טהאן...

— מוטער, קיין זאך אין דער וועלט וועט נישט זיין צו שווער פאר מיר, ווען עס האנדעלט זיך אום מיין פאטער'ס לעבען...

— דער איינציגער וועג, מיין טאכטער, איז — האט מרים מיט א שוואכע שטימע געזאגט, — אז דו זאלסט אריבערגעהען צו חסדאי'ן, איהם דערצעהלען אלעם וואס האט פאסירט מיט דיין פאטער און איהם בעטען ער זאל אונז העלפען... איך בין זיכער, אז ער וועט טהאן אלעם מעגליכעס צו העלפען דיין פאטער... אויב נישט צוליעב דיר, וועט ער דאס טהאן צוליעב זיין פריינדשאפט מיט דיין פאטער. איין זאך איז זיכער, אויב חסדאי וועט נאר וועלען קען ער א סך העלפען. אלס דעם קאליף'ס הויפט־מיניסטער קען ער אנשטעלען די גאנצע קארדאווער פאליציי און אויסגעפינען די גאנצע באנדע... וואס זאגסטו מיין טאכטער, דו ווילסט געהן?...

שושנה האט א ציטער געטהאן... זי זאל יעצט געהן בעטען הילפע ביי דעם וועלכער האט איהר אזוי שוידערליך בעטראגען!... אבער וואס וואלט זי נישט געטהאן כדי צו ראטעווען איהר פאטער, וואלט זי דען איהר לעבען נישט גע־אפפערט פאר איהר ליעבען פאטער.

— איך פארשטעה דיר, מיין טאכטער, איך וויים ווי שרעקליך אונאנגענעהם דיר איז דאס צו טהאן, אבער איך גלויב אז דאס איז יעצט דער איינציגער וועג...

— איך געה, מיין ליעבע מוטער, — האט שושנה איהר געגומען קושען. איך געה באלד אריבער צו חסדאי'ן און דער אויבערשטער וועט אונז העלפען.

שושנה האט זיך ארומגעוואשען און אנגעטאן, נאך אמאל געקושט איהר מוטער און זי איז אוועקגעגאנגען צו חסדאי'ן.

33טער קאפיטעל

אז עס איז באשערט פון הימעל . . .

ביז האלבען טאג איז חסדאי אבן שפרוט פארנומען מיט דעם קאליף. נאך מיטאג קעהרט זיך חסדאי אום צו זיין פאלאץ, וואו ער נעהמט אויף די מענשען וועלכע ווארטען אויף איהם.

יעדען טאג קומען צו איהם פערשידענע מענשען, אידען, אראבער און קריסטען; אייניגע נויטיגען זיך אין א קלוגע עצה, קומען זיי פרעגען חסדאי'ן. אנדערע ברויכען געלד־שטיצע, קומען זיי איהם דערצעהלען זייער לאגע... ארימע קראנקע קומען צו איהם זיך היילען; אלע געהן אוועק פון חסדאי'ן צופריעדענע, גליקליכע...

אט קומט אריין צו חסדאי'ן אן אלטער אראבער און באקלאגט זיך פאר איהם אז זיין גאנצע פאמיליע שטארבען פון הונגער, זיינע צוויי זיהן זיינען פערוואונדעט געווארען אין א צוזאמענשטויס מיט פיינדליכע זעלנער. איידער זיי זייען פערוואונדעט געווארען זיינען זיי געווען די ברויט־געבער פון פאמיליע, יעצט ליגען זיי ביידע קראנקע ביי איהם אין הויז, און ער איז נישט אימשטאנד זיי צו שטיצען.

חסדאי האט איהם עפעס געגעבען און געזאגט: "געה זיך אהיים און זארג מעהר נישט". דער אלטער האט שוין מעהר טאקע נישט געדארפט זארגען, ווייל נאך אן אויספארשונג האט חסדאי באשטימט פאר דעם אלטען אראבער'ס פאמיליע א מאנאטליכע געהאלט.

טאג־טעגליך איז חסדאי'ס פאלאץ פול מיט מענשען וועלכע ווארטען אין רייהע אויפגענומען צו ווערען ביי דעם קאליף'ס הייפט מיניסטער. פיעלע קומען גאנץ פריה, נאך איידער חסדאי קעהרט זיך אום פון קאליף; זיי שטעלען זיך די ערשטע אין די רייהע, כדי וואס פריהער אויפגענומען צו ווערען פון חסדאי'ן. מאנכע שטעהן און ווארטען שטונדען לאנג און איידער עס קומט צו זייער רייהע, ווערט שוין אבענד און זיי פערלאזען דעם פאלאץ ענטוישטע.

ווען שושנה איז אריין אין חסדאי'ס פאלאץ, האט זי שוין געפונען באלד צוויי צעהנדליג מענשען ווארטענדיג אין א שורה נעבען טהיר וואס פיהרט צו חסדאי'ס אינערליכען צימער. יעדער איינציגער האט מיט אונגעדולד געווארט ביז וואנען זיין צייט וועט קומען אויפגענומען צו ווערען פון חסדאי'ן... שטילערהייד און בעשיידען האט זיך שושנה אוועקגעשטעלט די לעצטע אין שורה און געווארט... זי באמערקט יעדען איינעם וואס געהט ארויס פון חסדאי'ס צימער. זי זעהט ווי זייערע פנים'ער לייכטען פון גליק, זייערע אויגען דריקען אויס דאנקבארקייט און ליעבשאפט צו יענעם ווער עס האט זיי נאר וואס געהאלפען... יא, אלע האבען איהם ליעב פאר זיין גוטסקייט, פאר זיין איידעלקייט און פאר זיין עהרליכקייט.. ער איז גוט און איבערגעבען צו יעדען איינעם, נאר צו איהר, צו זיין געוועזענע געליעבטע כלה, איז ער געווארען אזוי שלעכט, אזוי גרויזאם... איהר האט ער אזוי געמיין בעטראגען... פון אזא גרויסע שטארקע ליעבע,, האט ער איהר פלוצלינג אהן א פארוואס פערלאזען, און וויל פון איהר מעהר נישט וויסען... וואלט ער לכל הפחות צו איהר געקומען און ערקלעהרט די אורזאכע, וואלט איהר נישט געווען אזוי שווער דאס איבערצוטראגען... אבער דאס איז געקומען אזוי אונערווארטעט... זי קען בשום אופן נישט פערשטעהן פאר וואס און ווי אזוי איז געקומען צו חסדאי'ן אזא שרעקליכע ענדערונג... זי, צו וועמען ער האט געשוואוירען אייביגע ליעבע, עקזיסטירט נישט מעהר פאר איהם!... און יעצט, דארף זי שטעהן דא און ווארטען ביז וואנען ער וועט איהר אויפנעהמען און איהר אויסהערען... יעצט וועט זי דארפען פארלאנגען פון איהם א טובה, נאכדעם ווי זי איז אזוי שטארק בעליידיגט געווארען פון איהם...

א שוידער נעהמט איהר דורך! ניין, זי קען דאָס נישט טהאָן, זי מוז פון דאַנען אוועקגעהן... דאָ אָבער האָט זיך שושנה דערמאָהנט צוליעב וועלכען צוועק זי איז אהער געקומען: איהר ליעבער, טהייערער פאטער איז אין גרויס סכנה, זיין לעבען הענגט אויף א האָר... זי האָט קיין רעכט נישט יעצט פון דאַנען אוועקצוגעהן... זי איז דאָך נישט געקומען צו איהם בעטען אן ערקלעהרונג פאַרוואָס ער האָט איהר פאַרלאָזען... זי וועט אפילו אויף זיין פנים נישט קוקען. זי וועט איהם נאָר דערצעהלען וועגען דעם גרויסען אומגליק וואָס זיי האָט געטראָפען, ווי אזוי איהר פאטער איז געפאנגען געוואָרען און כאָטש זיי האָבען שוין איבערגעגעבען די סומע אויסלייז־געלד צו די פאנגער, האָט מען נאָך איהר פאטער נישט באפרייט. זי וועט איהם בעטען ער זאָל זעהן טהאָן אלעס אין זיין מעגליקייט און ארויסצוקריגען איהר פאטער פון די רויבער'ס הענד...

שושנה האָט זיך עטוואָס בערוהיגט און איז געבליבען שטעהן אויף איהר פּלאַץ...

* * *

די עלטערע דיקע אלמנה דורך וועמען דער קאַליף האָט געשיקט דעם בריעף צו חסדאי'ן איז אריינגעקומען אין חסדאי'ס פּאלאַץ. זי האָט באמערקט די גרויסע שורה מענשען וועלכע זיינען געשטאנען און געווארט אויף זייער רייהע, און האָט זיך א קרים געטהאָן; זי וועט דארפען לאנג ווארטען ביז וואנען עס וועט קומען צו איהר. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט הינטער שושנה'ן און געווארט...

— דעם קאַליף'ס הויפּט־מיניסטער מוז זיין א זעהר קלוגער און גוטער מאַן, — האָט זיך די אלמנה אָפּגערופען צו שושנה'ן, — איך זעה אזוי פיעל מענשען קומען זוכען זיין הילף.

— יא, ער איז, ווי עס ווייזט אויס, בעליעבט ביי יעדען, — האָט שושנה איהר געענטפערט.

— דער גנעדיגער קאַליף אליין האָט איהם זעהר שטארק ליעב, — האָט די אלטע ווידער געזאָגט.

שושנה האָט א שמייכעל געטהאָן און האָט גאָרנישט געענטפערט.

— אוי, אוי, איך בין אזוי מיעד, — האָט די אלטע געזיפצט, — און איך וועל נאָך דארפען אזוי לאנג ווארטען, מיינע פיס טהוען מיר וועה.

— שטעל זיך אויף מיין פּלאַץ, — האָט איהר שושנה אָנגעבאָטען, — וועט דיר אויסקומען עטוואָס ווייניגער צו ווארטען.

די דיקע אלמנה האָט איהר הערצליך בעדאַנקט:

— זאָל דיר אללאה בענשען פאר דיין גוטהערציגקייט, — האָט די אלטע געזאָגט, — און זיך מיט שושנה'ן געביטען די פּלעצער.

א שטונדע איז פאַראיבער, די שורה איז געוואָרען עטוואָס קירצער, אָבער עס וואָלט נאָך אלץ געווען לאנג געדויערט ביז וואנען עס וועט דערגרייכען צו דער אלטער וועשערין...

— איך פיהל זיך זעהר שוואך, — האָט זיך די אלמנה בעקלאָגט פאר שושנה'ן, — דעם גאנצען פריהמאָרגען האָב איך געוואשען און איך האָב אפילו קיין צייט נישט געהאט צו עסען. יעצט דארף איך שטעהן אזוי לאנג אויף מיינע פיס, און ווער ווייס ווי לאנג איך וועל נאָך דארפען ווארטען.

— איך וועל בעטען איינגע מענשען וועלכע שטעהן נעהענטער צום מי־

ניסטערס טהיר, אפשר וועט דיר איינער אפטרעטען זיין פלאץ, — האט שושנה געזאגט צו דער דיקער פרוי.

— זאל דיר ווער עס רוהט אין די הימלען, בעגליקען אין אלע דיינע וועגען. די גנאדע וועל איך דיר קיינמאל נישט פארגעסען, — האט די אלטע מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט.

שושנה איז ארוים פון איהר שורה און איז צוגעגאנגען צו איינינע מענשען וועלכע זיינען געשטאנען נעהענטער צום טהיר און זיי געפרעגט אויב איינער פון זיי וואלט נישט אפגעטראטען זיין פלאץ צו אן אלטע שוואכע פרוי וועלכע האלט זיך קוים אויף איהרע פים.

אלע האבען איהר ענטזאגט.

— מיר ווארטען שוין דא שטונדען לאנג, — האבען זיי איהר געענטפערט.

— און מיר זיינען אליין אויך מיעד צו ווארטען.

שושנה האט זיך אומגעקעהרט צו דער אלטער און איהר מיט בעדויערען געזאגט, אז קיינער וויל איהר זיין פלאץ נישט אפטרעטען.

— יא, יא, — האט די אלטע געשאקעלט מיט'ן קאפ, — דו ביזט אזוי גוט ווי א מלאך פון הימעל... זעהר ווינציג זיינען פאראן אזעלכע גוטהערציגע ווי דו...

שושנה האט זיך געוואלט צוריקשטעלען אויף איהר פלאץ הינטער די אלמנה, אבער די מענשען וועלכע זיינען געשטאנען הינטער איהר, האבען זיך א רוק געטהאן נעהענטער און איהר נישט געוואלט אפטרעטען איהר פלאץ צוריק.

— אויב דו האסט פארלאזען דיין פלאץ אין דער שורה, דארפסטו זיך שטעלען גאר פון הינטען, — האט מען איהר געזאגט.

די אלטע האט זיי געגומען שילטען און זידלען, אבער שושנה האט איהר אפגעהאלטען:

— רעג זיך נישט אויף, — האט זי זיך ביי איהר געבעטען, — דו ביזט דאך אזוי אויך שוואך און מיעד. עס איז גארנישט, אט וועל איך זיך אוועקשטעלען צום לעצטען. איך בין נישט מיעד.

שושנה האט זיך אוועקגעשטעלט די לעצטע אין שורה...

נאך א שטונדע איז פאראיבער, און די אלטע אלמנה איז נאך געווען גאנץ ווייט פון דער טהיר וואס פיהרט צו חסדאי'ס אויפנאהמס צימער. זי איז געווען פערמאטערט און אפגעשוואכט פון שטעהן אזוי לאנג אויף איהרע פים... זי האט געפיהלט אז ווען זי שטעהט נאך א קורצע וויילע וועט זי פאלען אין חלשות... זי האט זיך ארויסגעבויגען פון איהר שורה און א וואונק געטהאן צו שושנה'ן, וועלכע איז נאך אלץ געווען די לעצטע אין דער שורה.

שושנה איז צו איהר צוגעגאנגען און געפרעגט:

— וואס איז דיר, גנעדיגע פרוי, פיהלסטו זיך נישט גוט?...

— איך פיהל זיך זעהר שוואך, איך קען שוין מעהר אויף מיינע פים נישט איינשטעהן... און אויב דיר, מיין גוטער מלאך, וואלט נישט שווער געווען מיר א צווייטע טובה צו טהאן, וואלט איך דיר געבעטען מיר צו טהאן דיזע גנאדע: דער קאליף האט מיר געגעבען א פארזיגעלטען בריעף וואס מוז אומבאדינגט איבערגעגעבען ווערען צו זיין הויפט־מיניסטער חסדאי אבן שפרוט... איך פיהל, אז ווען איך זאל שטעהן נאך א וויילע וועל איך אנידערפאלען פון שוואכקייט, טהו

דאַך מיר די טובה, נעהם ביי מיר דעם קאליף׳ס בריעף און גיב עס איבער צו זיין מיניסטער חסדאי, און זאָל דיר דער באשעפער פון דער וועלט באלוינען פאר דיין גוטסקייט!...

— זיי רוהיג, ערדעלע פרוי, — האָט שושנה געזאָגט נעהמענדיג פון איהר דעם בריעף, — איך וועל דעם בריעף איבערגעבען דעם קאליף׳ס מיניסטער איידער איך וועל פאר איהם מיין בקשה פאַרלייגען.

די אלטע האָט איהר בעדאנקט און איהרע הענד געקושט:

— זאָל אללאה ערפילען אלע דיינע פאַרלאנגען, — האָט זי געזאָגט און איהר איבערגעגעבען איהר פּלאץ אין דער שורה.

שושנה האָט זיך געשטעלט אויף דער אלטער פרוי׳ס פלאץ, און די אלמנה האָט זיך קוים שלעפּענדיג איהרע פיס ארויסגערוקט פון חסדאי׳ס פּאלאץ.

אין א קורצע ווײלע איז שוין שושנה געשטאנען נעבען דער טהיר וואס פיהרט צו חסדאי׳ן... איהר הארץ האָט שטארק געקלאפּט... אין קאָפּ האָט איהר געשווינדעלט...

די טהיר פון חסדאי׳ס צימער האָט זיך געעפענט און א מאן איז פון דארטען ארויס. א דיענער האָט אָנגעזאָגט שושנה׳ן אז זי קען אריינגעהן...

מיט וואקלענדע טריט איז שושנה אריין צו חסדאי׳ן אין אויפנאהמס־צימער. חסדאי איז געוואָרען אזוי בלאס און ערשטוינט ווען ער האָט דערזעהן שושנה׳ן אז ער האָט זיך פון אָרט נישט געקענט ריהרען.

שושנה האָט באמערקט זיין בלאס געוואָרענעם פּנים און דעם טיעפען טרויער אין זיינע אויגען... זי האָט אָבער גלייך אומגעקעהרט איהר קאָפּ און מעהר נישט קוקענדיג אין זיין ריכטונג, האָט זי איהם איבערגעגעבען דעם קאליף׳ס בריעף...

ווען חסדאי האָט באמערקט דעם קאליף׳ס זיגעל, האָט ער גלייך גענומען דעם בריעף און איהם שנעל געעפענט...

— מיין טהייערע, ליעבענקע שושנה! — איז ער א גליקליכער צוגעלאָפען צו איהר, ארומגענומען און באדעקט מיט קושען. . . — מיין זיסינקער געטליכער מלאך, ווי גליקליך איך בין אז איך קען דיך צודריקען צו מיין הארצען, קושען דיר און זאָגען אז דו ביזט מיינע אויף עביג, אויף עוויג!... דער קאליף האָט דאָך נאָך אלעמען טאקע מעהר נישט ווי געשפּאסט מיט מיר...

שושנה איז געוואָרען אזוי צוטומעלט אז זי האָט נישט געוואוסט אויף וואס פאר א וועלט זי איז... זי פיהלט די צערטליכע קושען פון איהר ליעבענדען חתן חסדאי, אָבער זי באגרייפט נישט וואס האָט דאָ פּלוצלינג פּאסירט... זי האָט אָנגעשפּארט איהר קאָפּ אויף חסדאי׳ס שולטער און זיך היסטעריש פאנאנדער־געוויינט...

חסדאי האָט געגלעט איהר קאָפּ און איהר געקושט און געקושט...

— מיין ליעבענקע, איך ווייס וויפיעל דו האָסט דערפון געליטען, — האָט ער איהר געקושט אין איהרע וויינענדע אויגען. — איך האָב אויך זעהר פיעל דערפון געליטען, אָבער דאנקען גאָט, יעצט איז געקומען אן ענדע צו אונזערע ליידען!... מיר מוזען גלייך געהן צום רב ער זאָל אונז זאָפארט פער־הייראטען, ווייל מיר זיינען ביידע איינגעלאַדען צום קאליף אויף א מאלצייט

וואָס ער מאַכט לכבוד אונז ביידען, דער אויף צו ווײנען, מיין טהייערע, און לאָמיר וואָס שנעלער פאָהרען!...

שושנה איז געווען אַזוי בערוישט פון די פּלוצלינגע געשעהעניש, אַז זי האָט נישט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר.

חסדאי האָט אָנגעזאָגט זיין דיענער אַז היינט וועט ער מעהר קיין מענשען נישט אויפנעהמען און אַלע וועלכע זיינען נאָך געשטאַנען אין זייער שורה און געוואַרט, האָבען פאַרלאָזען דעם פּאַלאַץ ענטוישטע.

ארויסגעהענדיג האָבען זיי באַמערקט ווי חסדאי זעצט זיך אריין אין זיין עקיפּאַזש מיט דער מיידעל וועמען זיי האָבען פריהער נישט געוואָלט צולאָזען צו פאַרנעהמען צוריק איהר פאַרלאָרענעם פּלאַץ...

— פאָהר גלייך צום רב, ר' משה בן חנוך, — האָט חסדאי באַפוילען זיין קוטשער.

חסדאי האָט שושנה'ן צוגעדריקט צו זיין הארצען און האָט איהר ווידער גענומען קושען.

— יעצט, מיין ליעבענקע, וועט אונז קיינער נישט קענען צושיידען, מיר וועלען געהערען איינער צום צווייטען דעם גאַנצען לעבען. נישט אַזוי מיין געט־ליבע שושנה?

שושנה איז געווען אַזוי איבערוועלטיגט פון איהרע געפיהלען, אַז זי האָט אַ וואָרט נישט געקענט אויסריידען... זי האָט איינגענורעט איהר קאָפּ אין זיין בוזעם, און אַלע איהרע טרויעריגע געדאַנקען זיינען ווי פערשוואונדען געוואָרען... זי האָט נאָר געפיהלט אַז דער הימלישער גליק האָט זיך צו איהר אומגעקעהרט... זי איז אין די אָרעמס פון איהר געליעבטען חתן חסדאי... ער ליעבט זי דאָך אַזוי פיעל, אַזוי שטאַרק... און דאָ דערמאַהנט זי זיך אָן איהר פאָטער. זי וויל איהם דערצעהלען וועגען דעם, אָבער זי קען איהר מויל נישט עפענען...

חסדאי גלעט איהרע שוואַרצע לאָקען, ער צערטעלט איהר און זי פיהלט זיך אַזוי גוט און אַזוי גליקליך...

ווען זיי זיינען צוגעפאָהרט צום הויז האָט דער רב ר' משה באַמערקט חסדאי'ס עקיפּאַזש, און ער איז איהם גלייך ארויס אַנטקעגען.

חסדאי איז ארויס פון זיין עקיפּאַזש און האָט זיך אָפּגערופען צו ר' משה'ן שטילערהייד:

— איך האָב אַ באַפעהל פון קאַליף אַז איך מוז זאָפאָרט הייראַטען מיין כלה שושנה. דאַריבער בין איך דאָס יעצט צו דיר געקומען דו זאָלסט אונזער מסדר קדושין זיין...

— גאָר אַזוי פּלוצלינג, — האָט זיך דער רב געוואונדערט, — אָהן איהרע עלטערען, און אָהן קיין פייערליכע צערעמאָניעס?!...

— מיר טאָרען קיין צייט נישט פאַרלירען, וויל דער קאַליף פאַרלאַנגט מיר זאָלען זאָפאָרט קומען צו דעם פּאַלאַץ וואָס ער מאַכט לכבוד אונז ביידען... מיר טאָרען נישט פאַרשפּעטיגען...

ר' משה בן חנוך האָט אריינגערופען צוויי אידען אַלס עדות: דער שמש האָט צונויפגעשטעלט די חופּה און איז גלייך געלאָפען ברייננגען אַ רינג פאַר חסדאי'ן. דער רב האָט מסדר קדושין געווען... חסדאי האָט ארויפגעזעצט דעם רינג אויף שושנה'ס פינגער און געזאָגט „הרי את מקודשת לי"...

— מזל טוב, — האָט זיי דער רב געוואונשען.

— מזל טוב, מזל טוב! — האָט דער שמש און די עדות נאָכגעזאָגט דעם רב, וואונדערנדיג זיך וואָס דאָ קומט פאָר...

חסדאי איז מיט שושנה'ן אריין אין עקיפּאַזש און געהייסען דעם קוטשער וואָס שנעלער טרייבען צום קאַליף'ס פּאַלאַץ...

* * *

דער קאַליף, די קאַליפין און אבן מומין האָבען מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט אויף חסדאי'ס קומען.

— מיר וועלען זיך דאָ באַלד אביסעל אַנלאַכען, — האָט דער קאַליף געזאָגט, — איך שטעל זיך פאָר ווי חסדאי וועט ארויסגעהן פון זיין עקיפּאַזש מיט די דיקע פרוי... ער וועט אַרונטערלאָזען זיין קאָפּ א טרויעריגער. מיר אַלע וועלען איהם גראַטולירען צו זיין חתונה...

— פון דעסטוועגען, — האָט די קאַליפין געזאָגט מיט א שמייכעל, — דאַרף מען דעם שפּאַס צו לאַנג נישט פאַרציהען, — ווי ער וועט מודה זיין אַז דיין מיינונג וועגען הייראַטה איז די גערעכטע, וועסטו איהם גלייך הייסען אָפּ'גט'ן זיך מיט דער פרוי.

— און איך גלויב נאָך נישט אַז ער וועט אויספאָלגען דעם קאַליף'ס באַפעהל, — האָט אבן מומין געזאָגט, — עס קען גאָר זיין אַז ניט ער וועט מיט איהר הייראַטען און ער וועט היינט אַהער מעהר נישט קומען.

— אין דעם צווייפעל איך נישט, — האָט דער קאַליף מיט זיכערקייט געזאָגט, — איך קען מיין חסדאי'ן, ער וועט מיר פאָלגען אַלעם וואָס איך האָב אין דעם בריעף אָנגעזאָגט, איך בין זיכער, אַז ער וועט באַלד קומען.

זיי זיינען אַלע דריי ארויס אויף דעם באַלקאָן פון פּאַלאַץ צו זעהן אויב חסדאי'ס עקיפּאַזש קומט אָן.

זיי האָבען גערארפט נישט לאַנג וואַרטען; פון ווייטען האָבען זיי באַמערקט חסדאי'ס עקיפּאַזש קומט אָן.

— ער קומט, — האָט דער קאַליף אויסגערופען, — מיר וועלען זיך באַלד אַמוזירען מיט א שעהנעם שפּאַס אויף מיין פער'עקשן'טען מיניסטערס חשבון...

— אָרימער חסדאי, — האָט די קאַליפין געלאַכט, — ער וועט דאַרפען באַלד ארויסהעלפען אַזא דיקע פרוי פון זיין עקיפּאַזש.

דער אַלטער אבן מומין האָט זיך געקייקעלט פון געלעכטער:

— אָט קומט ער! אָט קומט ער! כאַ, כאַ, כאַ!... אָט קומט חסדאי מיט זיין באַשערטע פון הימעל. פערציג טעג איידער ער איז געבאָרען געוואָרען, האָט מען אויסגערופען אין הימעל אַז חסדאי זאָל חתונה האָבען מיט דער אַלטער דיקער אַלמנה... כאַ, כאַ, כאַ!...

— איך וועל איהם זאָגען, — האָט דער קאַליף ווידער געלאַכט, — איך וועל איהם זאָגען, אַז יעצט זעה איך אַז ער, חסדאי איז גערעכט, די באַשערטע מוז קומען צום באַשערטען אין הויז...

וואָס נעהענטער חסדאי'ס עקיפּאַזש איז צוגעפאָהרען צום קאַליף'ס פּאַלאַץ, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען זייער געלעכטער...

— ער וועט שוין באַלד ריידען וועגען באַשערטקייט מיט אַנאַנדער טאָן, — האָט אבן מומין ווידער אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער, און גענומען נאָכמאַכען

ווי חסדאי וועט אַריינמאַרשירען מיט דער אַלטער דיקער אַלמנה אַלס זיין פרוי...

— לאָמיר איהם געהן אַנטקעגען און איהם גראַטולירען צו זיין חתונה מיט זיין באַשערטע, — האָט דער קאַליף געזאָגט, — און אָנגעהמענדיג עז־זאַראַה׳ן אונטער׳ן אָרעם איז ער אַרונטער פון באַלקאָן. אבן מומין, אַ גליקליכער, אַז אָט באַלד, באַלד וועט ער זיך נוקם זיין אין זיין שונא, איז אויך אַרונטער פון באַלקאָן.

דער עקיפאָזש האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען פּאַלאַץ. און חסדאי, דערזעהענדיג דעם קאַליף און די קאַליפין, איז גלייך אַרויס פון עקיפּאַזש און זיך פאַר זיי פאַרנויגט.

— מיר קומען דיר גראַטולירען און ווינשען אַ מזל טוב צו דיין הייראַטה מיט דיין באַשערטע, — האָט דער קאַליף געדריקט חסדאי׳ס האַנד, און קוים זיך איינגעהאַלטען זיך נישט פאַנאַנדערצולאַכען...

— מיין הערצליכען דאַנק דעם גוטען און גנעדיגען קאַליף, — האָט חסדאי מיט אַ שטראַהלענדען פּנים געזאָגט, און זיך נאָך אַמאָל פאַרנויגט פאַר איהם.

— יעצט, — האָט דער קאַליף געזאָגט, — נעהם דיין פרוי און לאָמיר אַלע אַרויסגעהן און זיך משמח זיין לכבוד דיין באַשערטע.

חסדאי האָט אויפגעעפענט די טהירעל פון עקיפּאַזש און האָט אַרויסגעהאָלפען זיין שושנה׳ן אַרויסצושטייגען.

— וואָס איז דאָס ? ! — האָט דער קאַליף אויסגעשריגען מיט כעס, — ווי אַזוי האָסטו געוואָגט מיר ווידערצושפּעניגען ! פאַר וואָס האָסטו נישט אויסגעפאָלגט מיין באַפעהל !...

חסדאי און שושנה זיינען געשטאַנען צושראָקענע... דער קאַליף רעדט צו זיי מיט אַזאַ כעס.

אבן מומין איז צוגעגאַנגען עטוואָס נעהענטער. ער האָט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען באַטראַכט חסדאי׳ן און שושנה׳ן...

— איך האָב אָבער געוואוסט אַז ער וועט נישט פאָלגען דעם קאַליף׳ס באַפעהל, — האָט ער געזאָגט און געוואָרפען אַ בליק פון פאַראַכטונג און שפּאָט אויף חסדאי׳ס זייט.

— פאַרוואָס האָסטו נישט געטהאָן ווי איך האָב דיר אָנגעזאָגט אין דעם בריעף ? — האָט דער קאַליף געשטורעמט...

— גנעדיגער קאַליף, — האָט חסדאי געענטפערט אַ דערשראָקענער, — איך האָב אַלעס געפאָלגט ווי דער קאַליף האָט אין זיין בריעף צו מיר געשריבען, איך בין זאָפאָרט אוועקגעפאָהרען צום רב און חתונה געהאַט מיט מיין באַשערטע און גלייך נאָכדעם זיינען מיר געפאָהרען צום קאַליף...

— וואָס ? ! דו ווילסט גאָר טרייבען אַ שפּאָס מיט מיר ? — האָט דער קאַליף מיט צאָרן געזאָגט, — פאַר וואָס האָסטו נישט געהייראַט מיט דער פרוי וועלכע האָט דיר מיין בריעף איבערגעגעבען ? !...

— אָבער, גוטער קאַליף, — האָט חסדאי געזאָגט פערוואונדערט, — איך האָב דאָך אָבער יאָ געהייראַטה מיט דער פרוי וועלכע האָט מיר דיין בריעף איבערגעגעבען...

— האָט זי דיר מיין בריעף איבערגעגעבען ?

— יאָ, מיין ווירדיגער קאַליף.

— ווי אזוי אבער איז מיין בריעף געקומען צו דיין שושנה'ן? — האט דער קאליף ערשטוינט געפרעגט.

חסדאי האט א קוק געטהאן אויף שושנה'ן און א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס.

שושנה איז געשטאנען א צוטומעלטע און א הילפלאזע, זי האט גאר נישט פארשטאנען וואס דא קומט פאר.

— דו וועסט דאך מיר זאגען, — האט זיך דער קאליף צערטליך געווענדעט צו שושנה'ן, — ווי אזוי איז מיין בריעף געקומען אין דיינע הענד?

דא איז שוין שושנה געקומען צו זיך און האט פאר זיי אלעמען דערצעהלט אלעס וואס איז פארגעקומען, ווי אזוי איהר פאטער איז געהאלטען געפאנגען, און כאטש זיי האבען צוגעשטעלט די געפאדערטע סומע האט מען נאך איהר פאטער אלץ נישט באפרייט. זי האט צו חסדאי'ן נישט געוואלט געהן בעטען הילף, ווייל ער האט איהר פלוצלינג פארלאזען, נאר איהר פאטער'ס לעבען איז אין סכנה, איז זי צו איהם אוועק. ביי חסדאי'ן האט זי געווארט אין שורה. און אן אלטע שוואכע פרוי, וועלכע האט זיך מעהר אויף איהרע פיס נישט געקענט איינהאלטען, האט איהר געבעטען זי זאל דעם קאליף'ס בריעף איבערגעבען צו חסדאי'ן. זי האט דעם בריעף גלייך איבערגעגעבען, און איידער זי האט געהאט צייט צו זיך צו קומען איז זי שוין געווען פערהייראטה צו איהר חתן חסדאי...

— מיין ליעבער און געטרייער חסדאי, ענטשולדיג מיר פאר די אונאנגענעמליכקייטען וואס איך האב דיר פארשאפט. איך זעה יעצט איין, אז דיין מיינונג וועגען באשערטקייט איז די גערעכטע. איך האב געוואלט מאכען א שפאס כדי דיר איבערצוצייגען אז דו ביזט אומגערעכט, האט אבער גאט געמאכט, אז דורך מיין שפאס זאל איך זיך איבערצייגען אז איך בין אומגערעכט.

דער קאליף האט פאר שושנה'ן אלעס דערצעהלט וועגען זיין ויכוח מיט חסדאי'ן, וועגען זיין פארבאט צו זעהען זיך מיט איהר און יעצט וועגען דעם זאנדערבארען שפאס מיט די אלטע אלמנה.

— יעצט זעה איך, — האט דער קאליף געזאגט צו דער קאליפין, — אז וואס עס איז באשערט פון הימעל מוז יענעם אנקומען. און לאמיר זיך טאקע יעצט גוט משמח זיין לכבוד דעם קלוגען חתן און די טהייערע כלה.

עז־זאראה האט געקושט שושנה'ן און איהר אנגענומען פאר דער האנד, און דער קאליף האט גענומען חסדאי'ן פאר'ן האנד און זיי זיינען אלע אריין אין פאלאץ און זיך געזעצט צו דער סעודה.

אבן מומין האט זיי נאכגעפאלגט מיט אן ארונטערגעלאזענעם קאפ...

34־טער קאפיטעל

געמישטע טרעהרען

נאך א לאנגע רייזע פון פאדוא איז דער גר אברהם בן אברהם (גאיוס) אנגעקומען אין קארדאווא מיט זיין גאנצע פאמיליע וואס איז בעשטאנען פון זיין פרוי קלאריס, זיינע צוויי קליינע קינדער און זיין שוועהר דר. קארנעליוס,

וועלכער איז שוין יעצט געווען בעוואוסט צו אלעמען אונטער זיין אמת'ען נאָמען, יחזקאל אבן ברוך.

ווען אברהם בן אברהם האָט פאַראיאָהרען פערלאָזען קאָרדאָווא, האָט ער אפילו נישט געחלומ'ט אז די איידעלע פאמיליע פון ר' שמואל אבן ברוך, וועלכע האָבען איהם אויסגעלייזט פון חפני'ס הענד, איהם באַפרייט און דער־צו איהם געהאָלפען אהיים פאָהרען צו זיין פרוי און קינדער, איז זעהר נאָהענט פערבונדען מיט זיין פאמיליע.

— וואָס פאַר אן אנגענעהמע און גליקליכע איבערראשונג עס וועט באַלד זיין פאַר דיין ברודער ר' שמואל אבן ברוך — האָט אברהם געזאָגט צו זיין שוועער, ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין קאָרדאָווא — ווי העכסט גליקליך ער וועט זיך פיהלען, ווען ער וועט דערזעהען זיין פאַרלאָרענעם ברודער, וועמען ער האָט שוין מעהר ווי פינף און צוואַנציג יאָהר נישט געזעהן!...

— איך פיהל זיך יעצט ווי ניי־געבאָרען — האָט יחזקאל מיט טרעהרען פון פרייד געזאָגט — איך זעה, אז דער מענש טאָר זיין האָפנונג קיינמאָל ניט אויפגעבען... גרויס זיינען די וואונדער פון גאָט! ווער קען אָפּשאַצען זיין חכמה און גרויסקייט! אָט ביזטו, מיין קינד, געפאַנגען געוואָרען, געמיינט האָסטו אז דו ביזט אויף אייביג פערלאָרען, גרויס איז דיין צער געווען... דו האָסט נאָך דיין פרוי און קינדער געטרויערט... אונזער פאָטער אין הימעל האָט אָבער אנדערש געטראַכט: ער האָט געוואָלט צוזאַמענברינגען די צוויי ברידער, וועלכע האָבען איינער דעם אנדערען פאַר טויט געהאַלטען... ווערסטו גע־בראַכט קיין קאָרדאָווא און מיין גוטער ברודער לייזט דיר אויס, נישט וויסענ־דיג אז דו ביזט מיין איידעם... און יעצט, דורך דיר, וועל איך נאָך זוכה זיין צו זעהן מיין ליעבען ברודער, שמואל...

— ווי גליקליך איך פיהל זיך — האָט אברהם בן אברהם זיך אָפּגע־רופען, ווען די פוהר אויף וועלכער זיי זיינען אלע געפאָהרען איז אריינגעפאָה־רען אין דער גאַס וואו ר' שמואל'ס הויז איז געשטאַנען — אז אָט באַלד וועל איך זעהן די גוטע, וואונדערבאַרע מענשען וועלכע האָבען מיין לעבען גע־ראַטעוועט...

קלאָרים איז אויך געווען העכסט גליקליך, אז באַלד וועט זי זעהן די פאַמיליע, פון וועמען זי האָט אזוי פיעל געהערט פון איהר מאַן, און נאָכ־הער האָט זיך אויסגעלאָזען, אז זיי זיינען איהר לייבליכע פעטער און מוהמע... ווי נייגעריג זי איז צו זעהן די וואונדערשעהנע שושנה, אויף וועמען איהר אברהם האָט געזאָגט, אז זיי זיינען עהנליך איינע צו דער צווייטער, אזוי ווי צוויי שוועסטער...

עס איז שוין טונקעל געוואָרען ווען די פוהר האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען ר' שמואל אבן ברוך'ס הויז...

— איהר וואַרט דאָ א ווײַלע — האָט אברהם געזאָגט — און איך וועל פריהער אליין אין הויז אריינגעהן, כדי זיי זאָלען זיך פּלוצלינג נישט איבער־שרעקען.

ער איז אַרונטער פון פוהר און מיט א קלאַפּענדע האַרץ פון פרייד און אויפרעגונג איז ער צוגעקומען צו ר' שמואל'ס הויז.

מרים איז איינע אַליין געווען אין הויז. די אַלטע דבורה איז אוועקגע־גאַנגען אין דער ישיבה אָפּצוואַרטען אויף דעם קליינעם עמנואל, צו געהן מיט איהם אַהיים.

מרים איז געזעסען פערטרויערט און פערטראַכט: גאָט ווייס, צי שושנה׳ן וועט געלינגען אַרויסצוקריגען די נויטיגע הילף פון חסדאי׳ן פאַר איהר פאַ־טער!... זי זעהט, אַז ער האָט איהר פּלוצלינג אויפגעהערט צו ליעבען... מעג־ליך, אַז ער וועט אפילו מעהר נישט וועלען וויסען פון איהר און וועט איהר ענטזאָגען זיין הילף. כאָטש זי גלויבט קוים אַז דער פון אַלעמען בעליעבטען חסדאי, זאָל אַזוי גרויזאַם זיין... אָבער ווער ווייס?... עס איז שוין אַזוי שפּעט און שושנה האָט זיך נאָך נישט צוריקגעקעהרט. וואָס קען דאָס זיין, פאַר וואָס זאַמט זיך שושנה אַזוי לאַנג?... זי וועט מוזען אַריבערגעהן און זעהן וואָס האָט פּאַסירט.

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ, אַרומגערעקט איהר קאָפּ מיט אַ שאַל און אויפגעעפענט די טיר... פּלוצלינג האָט זי אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק... זי האָט בעמערקט אַ בעקאַנטען פּנים אין דער טונקעלהייט...

— אַ גוטען אָווענד! — האָט אַברהם געזאָגט — דו דערקענסט מיך גאָר נישט, ווירדיגע פרוי?

מרים האָט איהם אַ ווייְלע בעטראַכט און אויסגעשריען:

— אַה, גאון!

— יאָ, דאָס בין איך, אַברהם בן אַברהם — האָט ער זיך פאַר איהר פאַר־נייגט.

— קום דאָך אַריין אין הויז, דו ליעבער גאַסט — האָט זי אַן איבער־ראַשטע געזאָגט.

— אַברהם איז איהר נאָכגעגאַנגען און מרים האָט אַנגעצונדען דעם לאָמפּ....

— וואו זיינען ר׳ שמואל און שושנה? — האָט אַברהם גלייך געפרעגט.

מרים האָט אויסגעבראָכען אין אַ גרויס געוויין...

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט אַברהם אַ דערשראָקענער געפרעגט. — מיין גאָט, וואָס האָט דאָ פּאַסירט!...

— אַ גרויסער אומגליק האָט מיט אונז געטראָפען, זינט דו האָסט אונז פערלאָזען — האָט מרים געזאָגט וויינענדיג — מיין שמואל איז געפאַנגען גע־וואָרען פון אַ באַנדע שקלאַפען־פאַנגער. זיי האָבען שוין פון אונז אַרויסגעקראָגען אַ סומע פון הונדערט טויזענד שקלים אויסליז־געלט און זיי האָבען איהם נאָך אַלץ נישט בעפרייט...

— בערוהיג דיך, גנעדיגע פרוי — האָט אַברהם געווישט זיינע אויגען — אונזער גאָט אין הימעל וועט איהם צו דיר אומקעהרען בשלום... דערצעהל דאָך מיר ווי עס האָט דאָס אַלעס פּאַסירט.

מרים האָט איהם געצייגט איהר מאַנ׳ס בריעף, און האָט איהם דערצעהלט, ווי אַזוי חפני האָט זיך אונטערגענומען איהם צו בעפרייען, אָבער עטליכע טעג זיינען פאַראיבער און זי האָט נישט געהערט, נישט פון חפני׳ן און נישט פון שמואל׳ן...

— עפּעס איז מיר די גאַנצע זאַך נישט קלאָהר — האָט אַברהם אַ קנייטש

געטהאן מיט'ן שטערען... גראדע האט זיך געמאכט, אז ער זאל "בעפרייען" שושנה'ן פון איהרע פאנגער, און יעצט זוכט ער צו בעפרייען שמואל'ן... די עטליכע טעג וואס איך בין ביי הפני'ן געהאלטען געווארען געפאנגען, האב איך זיין ריכטיגען כאראקטער דערקענט, און מיר דוכט זיך, אז ער איז נישט דער מאן וועלכער זאל זיין לעבען אין סכנה שטעלען אום צו ראטעווען א צווייטען... עפעס קומט מיר פאר די גאנצע זאך פערדעכטיג...

— מעגליך — האט מרים א זיפץ געטהאן — אז ער טוט עס וויל ער ליעבט זיך אין מיין שושנה'ן...

— אט צוליעב דעם טאקע בין איך חושד, אז די גאנצע זאך איז דא נישט גלאט... — האט אברהם געזאגט — אבער איך שווער דיר, מרים, ביי מיין לעבען און ביי מיין ליעבע צו מיין טרייע פרוי און קינדער, דאס איך וועל זיך נישט בארוהיגען ביז וואנען איך וועל דערגעהן די ריכטיגע אורזאכע פון דיין מאנ'ס געפאנגענשאפט, און איהם בעפרייען, מעג עס קאסטען מיין לעבען... איך בין גענוג צייט געוועזן ביי די שקלאפענפאנגער אין די הענט... און איך וויים אלע זייערע פערבארגענע פלעצער. איך האף צו גאט, אז ער וועט מיר בעגליקען אין מיין וועג...

ביזטו דא צוריקגעקומען מיט דיין פאמיליע? — האט איהם מרים א פרעג געטהאן.

— איך האב געבראכט אהער מיין פרוי און קינדער און איך האב אויך געבראכט אהער א זעהר אנגענעהמע איבערראשונג פאר דיין גאנצע פאמיליע, אבער ווי עס שיינט, האט דער ליעבער גאט נישט געוואלט אז די שמחה זאל זיין פארפול...

מרים האט איהם אנגעקוקט מיט שטוינונג...

— איך האב אהער געבראכט דיין מאנ'ס פערלארענעם ברודער, יחזקאל אבן ברוך!...

— וואס?! מיין מאנ'ס ברודער, יחזקאל!!

— יא, יחזקאל אבן ברוך! ער איז אין דרויסען אויפ'ן פוהר...

— ווי אזוי האסטו איהם געפונען?

— גאנץ איינפאך! ער איז מיין שווער...

— דיין שווער? יחזקאל בן ברוך?! — האט מרים זיך געוואונדערט — דיין שווער הייסט דאך דר. קארנעליוס!!

אברהם בן אברהם האט איהר אין קורצען אלעס דערצעהלט.

— אך, ווי גרויס זיינען גאט'ס וואונדער! — האט מרים אויסגערופען, און איז מיט אברהם'ן גלייך אין דרויסען ארויס צו באגעגענען איהר שוואגער...

אברהם האט פאר מרים'ען פארגעשטעלט זיין שווער און זיין פרוי מיט די קינדער...

מרים האט זיי געהאלזט און געקושט:

— ווי העבסט גליקליך מיין שמואל וואלט זיך געפיהלט, ווען ער וואלט יעצט בעפרייט געווארען פון דער רויבער־באנדע — האט מרים געזאגט וויי נענדיג...

אלע האבען איהר אנגעקוקט פערוואונדערט.

אברהם האט זיי איבערגעגעבען די גאנצע פאסירונג און האט נאך אמאל

געשוואָרען דאָס ער וועט נישט רוהען ביז וואנען ר׳ שמואל אבן ברוך וועט בעפרייט ווערען...

— ווען אונזער ליעבער גאָט האָט אויף אזא וואונדערבארען אופן אונז צוזאַמענגעבראַכט, וועט ער דאָך געוויס אונזער שמחה נישט צושטערען, און מיין האָפענונג איז שטארק, דאָס איך וועל נאָך זוכה זיין צו זעהן מיין טייערען ברודער שמואל — האָט יחזקאל געזאָגט, ווען זיי זיינען אין הויז אריין.

— וואו איז די שעהנע, נאָבעלע שושנה? — האָט קלארים גלייך געפרעגט.

מרים האָט א זיפץ געטאָן און ווידער גענומען ווישען די אויגען:

— גראָדע — האָט זי געזאָגט — אין דער צייט פון מיין גרויסען אומגליק, האָט פּאסירט ביי אונז אין הויז נאָך א שמערצליכע זאַך: מיין טאָכטער, שושנה, איז געוואָרען א כלה פאר דעם קאַליף׳ס הויפּט־מיניסטער, חסדאי אבן שפּרוט...

— חסדאי־אבן שפּרוט! — האָט אברהם אונטערבראָכען — דער וואונדערבארער יונגערמאַן, מיט וועמען איך האָב די עהרע געהאַט זיך צו בעקענען פאר מיין אַפּפאָהר פון דאָנען, איז ער געוואָרען דעם קאַליף׳ס הויפּט־מיניסטער, און ער איז דאָס שושנה׳ס חתן... דאָס איז דאָך א זיווג פון הימעל.

יאָ, — האָט מרים טרויעריג געזאָגט — ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס נישט בעשערט. מיר האָבען געמאַכט תנאים, און זיי ביידע האָבען זיך אזוי שטארק געליעבט, אז חסדאי האָט נאָך קיין איין אָווענד נישט פערפעהלט איהר צו בעזוכען און פערברייננגען מיט איהר ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער פּלוצלונג, אָהן א שום אורזאַכע, האָט חסדאי אויפגעהערט צו קומען... צוערשט האָט שושנה געדענקט, אז ער איז נישט געזונט. אין עטליכע טעג ארום האָט זי איהם בעגעגענט צוריקפאָהרענדיג פון קאַליף, ער האָט זיך פאר איהר פערנויגט, אָבער ער האָט זיין עקיפּאַזש אפילו נישט אָפּגעשטעלט און מיט איהר א וואָרט נישט אויסגערעדט... עטליכע וואָכען זיינען שוין אריבער, און נישט מען הערט פון איהם און נישט מיר ווייסען וואָס האָט אזוינס פּאסירט, אז אין איהם זאָל פּאַרקומען אזא גרויסע ענדערונג... שושנה אָבער וועט דאָך צו איהם נישט געהן... יעצט, אז אונז האָט געטראָפען דער גרויסער אומגליק, און אפילו חפני׳ן געלינגט נישט צו באַפרייען מיין שמואל׳ן, האָב איך שושנה׳ן געזאָגט, אז זי מוז אוועקגעהן צו חסדאי׳ן און בעטען זיין הילף אין דער אַנגעלעגענהייט... עס איז איהר געוועזן זעהר שווער צו געהן צו איהר אַמאָליגען חתן נאָך הילף. אָבער וואָס וואָלט זי נישט געטהאָן פאר איהר פאָטער?... און היינט נאָכמיטאָג איז זי צו איהם אוועקגעגאַנגען, און נאָך נישט צוריקגעקומען...

— איך בין זיכער, אז חפני האָט א האַנט אין דעם — האָט אברהם געזאָגט אַן אויפגערעגטער — אין גיכען וועט אַלעס קלאָהר ווערען...

— יעצט בין איך בעזאָרגט וועגען מיין טאָכטער, איך קען נישט פערשטעהן פאר וואָס זי זאַמט זיך אזוי לאַנג... איך וועל וואַרטען א קורצע ווייל און אז זי וועט באַלד נישט קומען וועל איך אליין אהין אוועקגעהן...

חסדאי און שושנה האָבען פערבראַכט צוזאַמען מיט דעם קאַליף און די

קאַליפין אין פּאַלאַץ. דער קאַליף האָט אויסגעדריקט זיין וואונדער און ענט־ציקונג פאַר דער גרויסער פּאַסירונג, וואָס האָט איהם איבערצייגט, אַז זיין קלוגער, געלערנטער חסדאי איז גערעכט, אַז וואָס איז יענעם באַשערט מוז עס איהם אָנקומען אונטער אַלע אומשטענדען.

— פאַר וואָס ביזטו אַזוי אומעטיג? — האָט די קאַליפין געפרעגט שושנה'ן — דו, געטליכע שעהנקייט, דאַרפסט דאָך זיין גליקליך און פרעהליך...

— איך בין זעהר בעזאָרגט וועגען מיין פאָטער — האָט שושנה טרויעריג געענטפערט — און איך וואָלט וועלען בעטען די הילף פון זיין מאַיעסטעט...

— די גאַנצע קאָרדאָווער פּאָליציי און מיליטער איז אין דיינע הענט — האָט זיך דער קאַליף אָפּגערופען צו חסדאי'ן — טוה ווי דו פערשטעהסט און ראַטעווע דיין שווער פון זיינע פאַנגער.

שושנה און חסדאי האָבען דעם קאַליף הערצליך בעדאַנקט פאַר זיין גרויס גענאָד.

— ווען דיין פאָטער וועט בעפרייט ווערען — האָט דער קאַליף געזאָגט צו שושנה'ן — לאָז איך איין דיין גאַנצע פאַמיליע צו קומען צו מיר אין פּאַלאַץ זיך משמח זיין.

— דער ווירדיגער קאַליף וועט אונז מוזען פאַרשפּרעכען צו קומען מיט די קאַליפין צו דער שמחה וואָס מיר וועלען מאַכען לכבוד דער בעפרייאונג פון מיין שווער און לכבוד אונזער חתונה — האָט חסדאי געזאָגט מיט א שמייכעל.

— נעווים וועלען מיר זיין — האָט דער קאַליף צוריק געענטפערט מיט א שמייכעל — איך און עז־זאַראַה זיינען העכסט גליקליך אַז אַלעס האָט זיך אַזוי שוין אויסגעלאָזען.

— מיר מוזען גלייך געהן אַהיים — האָט שושנה שטילערהייד געזאָגט צו חסדאי'ן — מיין מוטער ווייסט דאָך גאָר ניט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און זי וועט שטאַרק בעזאָרגט זיין, וואָס איך בין נאָך נישט צוריק, אַזוי שפּעט...

זיי האָבען זיך ענטשולדיגט פאַר דעם קאַליף און די קאַליפין, און זיך מיט זיי געזעגענט.

דער קאַליף און עז־זאַראַה האָבען די יונגע פּאָר בעגלייט ביז זייער עקי־פּאַזש...

שושנה און חסדאי זיינען אריין אין עקיפּאַזש און געהייסען דעם קוטשער פאָהרען אַהיים, צו איהר הויז.

— דו ווייסט, מיין טייערינקע, — האָט חסדאי איהר געזאָגט, זיצענדיג אין עקיפּאַזש, — איך פערדעכטיג, אַז חפני האָט א האַנט אין דיין פאָטער'ס געפאַנגשאַפט, נאָכדעם ווי דו האָסט מיר דערצעהלט וועגען דיין פאָטער'ס בריעף און וועגען חפני'ס אָנבאָט דיר צו העלפען... געוועהנליך, עס איז מעהר נישט ווי א חשד, און עס קען זיין, אַז איך מאַך א טעות, אָבער פונדעסט־וועגען דאַרפען מיר זעהר פאָרזיכטיג זיין, אַז חפני זאָל זיך ניט דערוויסען פון אונזערע פּלענער... ווי איך פערשטעה, ווערט דיין פאָטער געהאַלטען געפאַנ־גען נישט ווייט פון קאָרדאָווא. איך וועל אָרדנען די גאַנצע פּאָליציי פון קאָרדאָווא. און מיר וועלען אַרומרינגלען יעדען פערדעכטיגען פּלאַץ...

— ווי גליקליך איך בין נאר פון דעם געדאנק, אז מיין פאטער וועט גע־ראטעוועט ווערען! — האט שושנה גערעדט צו חסדאי אנשפארענדיג איהר קאפ אויף זיין שולטער.

— יא, מיין ליעבענקע, די זון פון אונזער גליק וועט פון יעצט אן פאר אונז אימער שיינען. מיר האבעןביידע גענוג און שטארק געליטען...

— איך קען זיך פארשטעלען ווי איבערראשט די מוטער וועט זיין, אז זי וועט אונז ביידען דערזעהן — האט שושנה געזאגט מיט א שמייכעל, ווען דער עקיפאזש האט זיך אפגעשטעלט נעבען איהר הויז.

שושנה און חסדאי זיינען אריין אין הויז...

— מיין טייערינקע טאכטער — איז מרים איהר ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און איהר גענומען בעדעקען מיט קושען — מיין שושנה! — האט זי געוויינט — וואס האט פאסירט, דערצעהל מיר, מיין קינד, היינט איז א טאג פון ניסים. דו ווייסט וואס פאר א גאסט מיר האבען?

— דער פאטער!! — איז שושנה אויפגעשפרונגען.

— ניין, מיין קינד, דער פאטער איז נאך נישטא, אבער מיין האפנונג איז יעצט שטארק אז דער ליעבער גאט וועט אונז נישט פערלאזען. מיר האבען יעצט פאר א גאסט דעם גר, גאיוס, איך מיין אברהם בן אברהם מיט זיין פאמיליע.

— מיט זיין פרוי און קינדער?!

— יא, מיין טאכטער, מיט זיין פרוי און קינדער און זיין שוועד. אבער ווייסטו ווער זיין שוועד איז? ער איז דיין פאטער'ס פערלארענער ברודער, יחזקאל אבן ברוך.

— ??

— אבער וואס שטעהט איהר דא, מיינע קינדער — האט זיך מרים אפ־גערופען, — קומט אריין אין צווייטען צימער, וואו די געסט זיינען.

מרים איז אריין מיט שושנה'ן און חסדאי'ן אין צווייטען צימער...

א פרייד פון איבערראשונג... טרעהרען געמישט פון גליק און צער, קושען און האלזען האט אנגעפילט דעם צימער.

— אונז קומט דאך א מזל־טוב, — האט זיך שושנה אפגערופען — מיר זיינען דאך שוין מאן און ווייב.

חסדאי האט דערצעהלט אלעם וואס האט פאסירט צווישען איהם מיט דעם קאליף, און ווי אזוי נאט האט זיי צוזאמענגעבראכט.

— מזל־טוב, מזל־טוב! זאל זיין מיט גליק און לעבען! — האבען אלע אין הויז געוואונשען די יונגע פאר.

אברהם בן אברהם און יחזקאל אבן ברוך האבען איבערדערצעהלט מיט אלע איינצעלהייטען וואס מיט זיי האט פאסירט די גאנצע צייט.

— יעצט פעהלט נאר מיין שמואל — האט מרים געזאגט. — ווען ער וועט מיט אונז זיין, דאן וועט אונזער שמחה און גליק זיין אין פולען מאס.

— מיר אלע זעהן דאך, אז דאס איז אן "אצבע־אלקים" — האט זיך אפ־גערופען יחזקאל — און מיר קענען זיך אויף איהם פערלאזען...

— מארגען גאנץ פריה וועלען מיר זיך ארויסלאזען מיט דער פאליציי — האט חסדאי געזאגט.

— איך וואלט וועלען מיטגעהן, — האט אבחהם געזאגט — ווייל איך געדענק נאך זעהר גוט איינינע פערבארגענע פלעצער, איבערהויפט דעם פלאץ פון וואנען חפני האט מיר אפגעקויפט.

— גוט, מיר וועלען געהן צוזאמען, און גאט וועט אונז העלפען — האט חסדאי געזאגט.

35טער קאפיטעל

די שמחה פארפולט

נאכדעם ווי חפני האט איבערגעגעבען אבו נאסיף'ן די פופציג טויזענט שקלים, וואס ער האט ארויסגע'גנב'עט פון זיין פאטער'ס שראנק, איז ער ווידער צוגעגאנגען פארברייננען מיט הילאריאן, די פרוי, וועלכע האט זיך אויפגעהאל־טען ביי אבו נאסיף'ן.

הילאריא האט איהם דערלאנגט א קריגעל וויין. זי האט זיך אוועקגעזעצט ביי איהם אויפ'ן שויס און ביידע האבען דעם וויין געטרונקען פון זעלבען קריגעל.

אבו נאסיף איז פארביינעגאנגען, און ווען חפני האט ניט באמערקט, האט ער א וואונק געטאן צו הילאריען, צייגענדיג איהר אויפ'ן האלז און אויף די הענט.

הילאריא האט זיין וואונק גאנץ גוט פארשטאנען . . . זי האט ארומגענומען חפני'ן און געזאגט:

— דו געהסט חתונה האבען מיט דיין געליעבטער?

— יע, — האט ער געענטפערט — איך וועל באלד חתונה האבען מיט דער שעהנסטער מיידעל פון קארדאווא.

— און אין מיר וועסטו אינגאנצען פארגעסען — האט איהם הילאריא שטארקער צו זיך צוגעדריקט — און איך האב דאך דיר אזוי ליעב! . . .

— ניין, דו וועסט מיר אלע מאל בלייבען ליעב און זיס — האט איהר חפני געקושט — זעהסטו דען נישט, אז פון אלע פרויען, וועלכע געפינען זיך דא, האב איך דיך אויסגעקליבען צו פארברייננען יעדעם מאל ווען איך קום אהער.

— פונדעסטוועגען האסטו אלע פרויען פון דאנען געבראכט מתנות. און אלע דיינע מתנות, וואס דו האסט מיר געבראכט האט אבו נאסיף פון מיר אוועק־גענומען — האט הילאריא געוויזט איהרע "טרעהרען".

— דערפאר, ווען איך וועל דיר יעצט געבען א מתנה, וועט אבו נאסיף דערפון נים וויסען — האט חפני געזאגט אויסטרינקענדיג דעם גאנצען קריגעל וויין . . .

— ברענג מיר א שנירעל פערל, און צוויי גאלדענע בראנזלעטען, דאן וועל איך וויסען, אז דו האסט מיך נאך ליעב — האט זי איהם געזאגט.

— איך וועל דיר ברייננען אלעס, וואס דו פארלאנגסט—האט חפני געזאגט א שכור'ער, און באלד איינגעשלאפען אנגעשפארט אויף דעם טיש.

הילאריא איז שטילערהייד אראפ פון זיין שויס און איז צוגעגאנגען צו אבו נאסיף.

— האט ער דיר פארשפראכען צו קויפען די ציערונג — האט איהר אבו נאסיף געפרעגט.

— ער וועט מיר קויפן א שנירעל פּערל און צוויי בראַנזלעטען — האָט הילאַריא געשמייכלט.

— פאַרשטעהסטו מיך — האָט אבו נאַסיף איהר א לייכטען קניפּ געטאָן — מען דאַרף אַרויסקריגען פון חפני'ן וואָס מעהר געלד און ציערונג, ווייל גאָר אין גיכען פאַרלאָז איך דיעזען פּלאַץ און איך פאָהר אַוועק קיין פּאַדואַ. דאָרטען וועל איך הייראַטען מיט מיין געליעבטער קלאַרים . . . איך וועל אהער קיינמאָל נישט צוריק קומען.

— און וואָס וועט זיין מיט מיר — האָט הילאַריא מיט א וויינענדע שטימע געזאָגט.

— דו וועסט מיט מיר פאָהרען און ווערען מיין קעבס־ווייב, ווייל דו ביסט זעהר א קלוגע פרוי, און די איבעריגע פרויען וועל איך פאַרקויפען איידער איך פאָהר אַוועק . . . דו זעה אָבער אַרויסצוקריגען פון חפני'ן וויפיעל דו קענסט. יעצט איז די צייט, ווייל נאָכדעם ווי איך וועל דעם אַלטען טויטען, וועט מען פון איהם גאָרניט קענען אַרויסקריגען. ער וויל איך זאָל איהם נאָר בלינד מאַכען, כדי ער זאָל קענען איבערצייגען זיין שושנה דאָס ער האָט איהר פאָטער געראַטעט פון טויט. איך וויים, אָבער, אז ווען איך לאָז איהם לעבען, דאַן שטעל איך מיין אייגען לעבען אין סכנה, ווייל אין קאָרדאָווא איז דער אַלטער זעהר געאַכטעט. דו מוזט וועגען דעם גאָרניט זאָגען חפני'ן, זאָל ער דערווייל גלויבען, אז איך פאָלג איהם, כדי איך זאָל קענען פון איהם אַרויסקריגען זיין גאַנצען פאַרמעגען.

דו ביסט קלוג, אבו נאַסיף — האָט איהם הילאַריא א קוש געטאָן, און איז אַוועק זיך לייגען שלאָפען.

גאַנץ פריה האָט אבו נאַסיף אויפגעוועקט חפני'ן און איז מיט איהם אַוועק צום צווייטען פאַרבאָרגענעם הייהל, וואו ר' שמואל אבן ברוך איז געווען גע־האַלטען געפאַנגען.

— געדענק זשע — האָט אבו נאַסיף געזאָגט צו חפני'ן אָפּשטעלענדיג זיך לעב'ן אַריינגאַנג פון הייהל — איך מוז אַרויסקריגען פון דעם אַלטען'ס פאַמיליע אַמווייניגסטען נאָך א הונדערט טויזענט שקלים, וואָס איז דיין עצה, ווי אזוי קען איך פון איהם דאָס געלט קריעגען.

— איך גלויב — האָט חפני געענטפערט — אז דער איינציגער וועג איז וואָס דו האָסט מיר נאָך מיט א פּאָר טעג פריהער געזאָגט, דאָס ער וועט מוזען שרייבען נאָך א בריוועל, און אז נישט, וועסטו זיך באַנוצען מיט די שטעקענס און ברענענדיגע אייזענס . . .

פריהער פון אַלץ וועל איך איהם דערצעהלען, אז מיין שליח איז באַרויבט געוואָרען אויפ'ן וועג פון די גאַנצע סומע געלט, און הערען, וואָס ער וועט דאַרויף זאָגען, און אויב ער וועט זיך פאַר'עקשנ'ען און נישט ווילען שרייבען, דאַן וועסטו מיט איהם ריידען . . . און אויב דאָס וועט אויך ניט העלפען, דאַן וועל איך אָנעהמען צוואַנגס מיטלען . . .

ר' שמואל איז געזעסען אין הייהל א פאַרצווייפעלטער; לויט זיין רעכנונג האָבען שוין זיינע פאַנגער געזאָלט קריגען די אויסלייז געלט און איהם באַפרייען. וואָס זאָל דאָס אָבער זיין, וואָס ער הערט גאָרניט פון זיי . . . אפשר האָט זיך חפני ענטזאָגט איהם צו העלפען. און די פאַנגער ווילען איהם גאָרניט ווילען באַפרייען? . . .

ער דערהערט טריט... יע, דאָס קומט מען איהם באַפרייען!... זיין האַרץ קלאַפּט...באַלד, באַלד וועט ער ווידער פריי זיין!... זיינע אויגען ווענדעט ער אַן צום אַריינטריט פון הייהל. זיינע אויערען הערען יעדען שאָרך... צוויי קומען אַרונטער... ער הערט זיי שושקען זיך... עס איז אַ גוטער־סימן... מסתמא באַראַטען זיי זיך ווי איהם צו באַפרייען... די אינוויינינגסטע טיר פון הייהל עפענט זיך, דאָס שיין פון אַ ליכט באַלייכט עטוואָס דעם פינסטערען הייהל... אויף די ווענט באַווייזען זיך שאָטענס... צוויי פאַרמאַסקירטע מענשען קומען אַריין אין הייהל. איינער פון זיי דערנעהענטערט זיך צו איהם. אַ שוידער לויפט דורך זיין לייב... גאָט! מיינט דאָס פרייהייט... אָדער טויט.

— שמואל, איך האָב פאַר דיר אַ גערוס פון דיין פאַמיליע — איז אבו נאַסיף צו איהם צוגעגאַנגען.

— אַ גערוס פון מיין פאַמיליע! אָה, מיין האַר! — איז שמואל איהם צו די פיס געפאַלען — וואָס מאַכען זיי אַלע?

— אַלע זיינען אין גוטען צושטאַנד... דיין טאָכטער, ווי הייסט זי, שושנה, האָט אונז אויך צוגעשטעלט אַלס פאַרמיטלער דעם שקלאַפען הענדלער, חפני אבן ברוך...

— חפני אבן זמרי — האָט איהם ר' שמואל פאַרריכט — איז חפני אויך דאָ!... זעהר שעהן פון איהם! און געלט האָסטו דאָך מסתמא געקראָגען, יעצט וועסטו דאָך מיר געווים באַפרייען.

— דאָס געלט האָט מיין שליח געקראָגען, אָבער...

— וואָס?!...

— אָבער מען האָט מיין שליח אויפ'ן וועג באַפאַלען און פון איהם דאָס געלט אַוועקגענומען... עס איז מעגליך, אַז דאָס איז מעהר ניט ווי אַן אומגליקליכער צופאַל... אָבער איך גלויב, אַז דיין פאַמיליע איז נישט געווען גענוג פאָרזיכטיג, און עס וועמען דערצעהלט... דאַריבער בין איך דיר געקומען זאָגען, אַז דעם שאַדען וועסטו מוזען ליידען. דו מוזט שרייבען אַ צווייטען בריעף, מען זאָל אונזער שליח איבערגעבען נאָך אַמאָל דיזעלבע סומע געלט. און זאָג זיי, אַז זיי זאָלען דיעזען מאָל זיין זעהר, זעהר פאָרזיכטיג, ווייל טאָמער ווידערהאָלט זיך דיזעלבע פּאַסירונג נאָך אַמאָל, וועל איך וויסען דאָס דיין פאַמיליע איז אין דעם שולדיג... און דיין בלוט וועט פאַלען אויף זייערע קעפּ.

ר' שמואל איז טויט־בלאַס געוואָרען, יעצט זעהט ער אין וועלכע הענט ער איז אַריינגעפאַלען...

— דו רויבער, מערדער! — האָט ר' שמואל אויף איהם געשריען — איך פאַרשטעה, וואָס דו ווילסט טאָן... דו ווילסט מיין גאַנצען פאַרמעגען פון מיין פאַמיליע אַרויסקריגען, און דערנאָך אַלץ איינס מיך טויטען... אָבער ניין! איך וועל מיין אומגליקליכע פאַמיליע ניט איבערלאָזען אין אָרעמקייט... ניין! מעהר שרייב איך ניט אַזעלכע בריעף... איך בין אין דיינע הענט! דו קענסט טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט!...

— דו דאַרפסט זיך אַזוי פיעל ניט אויפרעגען — האָט אבו נאַסיף געשמייכעלט — דו האָסט דאָך מיר אַליין געבעטען איך זאָל פאַרהאַנדלען מיט דיין פריינד, דעם שקלאַפען הענדלער, און ער איז אַליין געווען דערביי בשעת מען

האָט מיין שליח באַפאַלען און פון איהם אוועקגערויבט דאָס גאַנצע אויסלייז־געלט — אָט וועל איך איהם אַרונטערשיקען צו דיר.

אבו נאסיף מיט חפני׳ן האָבען אויף א ווײַלע פאַרלאָזען דעם הייהל.

— טו אויס דיין מאַסקע און געה אליין אַרונטער צו איהם און דערצעהל איהם ווי דו האָסט געזעהן ווי מיין שליח איז באַפאַלען געוואָרען. דיר וועט ער מסתמא גלויבען, און ער וועט א צווייטען בריעף שרייבען . . . און אויב ער וועט ניט וועלען פאָלגען וועל איך איהם געוויס טויטען.

חפני האָט אַרונטערגענומען די מאַסקע, און איבערגעביטען זיינע קליידער און איז אליין אַרונטער אין הייהל . . .

— מיין הארץ טהוט מיר וועה, דיר צו זעהן איז אזא לאַגע — האָט זיך חפני צו איהם דערנעהענטערט — אבער לאָמיר האָפען צום אלמעכטיגען, אז מיט זיין הילף וועט מיר געלינגען דיר צו באַפרייען . . .

ר׳ שמואל איז עטוואָס מונטערער געוואָרען ווען ער האָט דערזעהן חפני׳ן.

— איך דאַנק דיר זעהר, וואָס דו האָסט דיין לעבען אין סכנה געשטעלט און געקומען מיר העלפען — אבער איך האָב מורא, אז עס איז אלעס אומזיסט . . . ווי איך זעה, וויל דער רויבער פאַראַרימען מיין פאַמיליע און נאָכהער וועט ער מיך נישט באַפרייען . . . דערצעהלט ער מיר א ליגען, אז זיין שליח איז באַרויבט געוואָרען פון מיין אויסלייז־געלט . . .

— אבער ר׳ שמואל — האָט זיך חפני אָפּגערופען — דאָס איז ניט קיין ליגען, איך בין אליין דערביי געווען און האָב געזעהן ווי מען האָט איהם באַפאַלען און אוועקגערויבט דאָס גאַנצע געלט.

וואָס פאַרשטעהסטו דאָ ניט, חפני, דער אָנפאַל אויף׳ן שליח איז געמאַכט געוואָרען דורך זיין ווייסען, כדי דו זאָלסט זיין אן עדות, אז ער איז באַרויבט געוואָרען . . . אבער ניין! מיר וועט ער מעהר ניט נאַרען . . . ער קען מיר טויט שלאָגען, אבער מעהר קיין בריעף וועל איך ניט שרייבען! . . .

— איך האָב אבער שטאַרק מורא פאַר דיין לעבען — האָט חפני "אומעטיג" געזאָגט — אויב דו וועסט איהם ניט פאָלגען, וועט ער דיר זיכער טויטען, דאַריבער איז מיין עצה, אז דו זאָלסט איהם דיעזען מאָל פאָלגען, און איך וועל זעהן, אז ער זאָל האַלטען זיין וואָרט און דיר באַפרייען . . .

— ניין, — האָט שמואל געזאָגט — איך האָב באַשלאָסען, אז מעהר קיין בריעף וועל איך ניט שרייבען און זאָל ער מיט מיר טאָן וואָס ער וויל.

איך וועל זיך מיט איהם נאָכאַמאָל דורכריידען — האָט חפני געזאָגט — איך וועל איהם פאַרשפּרעכען, אז איך וועל זיך מיט איהם פאַרבינדען געשעפטליך, אפשר וועט דאָס העלפען.

חפני איז אַרויסגעגאַנגען פון הייהל.

— נו? — האָט איהם אבו נאסיף געפרעגט.

— מען קען מיט איהם גאָרניט מאַכען — האָט חפני געענטפערט. דו פּרוביר איהם צווינגען און איך וועל דערווײַלע אוועקרייטען אין קאָרדאָווא און זיך זעהן מיט זיין פאַמיליע, פיליכט וועל איך קענען פון זיי אַרויסקריגען דאָס געלט אהן זיין בריעף. איך וועל זיי דערצעהלען דעמזעלבען ליגען . . .

— גוט — האָט אבו נאסיף צוגעשטימט — דו געה אַריבער אהין און זעה

אַרויסצוקריגען פון זיין פאַמיליע נאָך געלט, און איך וועל זיך דערווייל אַ נעהם טאָן צום אַלטען . . .

— דו קענסט איהם פיניגען ווייפיעל דו ווילסט, אָבער זעה דערהאַלט איהם ביי דער נשמה — האָט חפני געלאַכט — ווייל אויב דו וועסט איהם טויטען דאַן פאַרליר איך מיין שושנה׳ן . . .

— איך האָב דאָך דיר צוגעזאָגט איהם ניט צו טויטען . . . איך וועל איהם מעהר ניט ווי אויסברענגען ביידע אויגען . . .

חפני האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף זיין פערד און אָוועקגעריטען דורכ׳ן וועלדעל, און אַבו נאַסיף איז אַרונטער מיט צוויי קנעכט אין הייהל.

פאַרטאָג האָט חסדאי צוזאַמענגערופען די גאַנצע קאָרדאָווער פּאָליציי און צוזאַמען מיט אַברהם בן אַברהם זיך אַרויסגעלאָזען אויף דעם שפּור פון ר׳ שמואל׳ס פאַנגער . . .

איך געדענק נאָך דעם גאַנצען געגענד — האָט אַברהם בן אַברהם געזאָגט צו חסדאי׳ן — און איך בין זיכער, אַז מיר וועט געלינגען אויסצוגעפינען דעם פאַרבאָרגענעם פּלאַץ, וואו איך בין געהאַלטען געוואָרען אַ געפאַנגענער.

ווען זיי זיינען אַריין אין קליינעם וועלדעל, האָט חסדאי געהייסען, אַז יעדער איינער פון דער פּאָליציי זאָל זיך באַהאַלטען הינטער אַ בוים און שטעהן גרייט ביז וואַנען זיי וועלען הערען זיין סיגנאַל . . .

אַברהם בן אַברהם איז געגאַנגען אָפריהער און חסדאי איז איהם נאָכגע־גאַנגען אַן אַ זייט עטוואָס פון דער ווייטען.

— אימיצער קומט אָן רייטענדיג אויף אַ פערד — האָט אַברהם שטילער־הייד געזאָגט חסדאי׳ן.

חסדאי האָט זיך באַהאַלטען הינטער׳ן בוים, און אַברהם איז זיך געגאַנגען לאַנגזאַם.

חפני איז איהם אַנטקעגען געקומען רייטענדיג אויפ׳ן פערד, ער האָט דער־זעהן אַברהם בן אַברהם און האָט איהם גלייך דערקענט.

— וואָס טהוסטו דאָ — האָט איהם חפני אָפּגעשטעלט און געפרעגט.

— מיינער אַ גוטער פריינד ווערט דאָ ערגעץ געהאַלטען געפאַנגען, געה איך איהם יעצט דאָ זוכען.

— דו פאַרפלוכטער שקלאַף — איז חפני אַרונטערגעשפּרונגען פון פערד און אויף איהם אַרויפגעפאַלען — אַבו נאַסיף האָט דיר טאַקע האָבען! . . . אָבער איך וועל דיר צו איהם ברענגען אַ טויטען . . .

חפני האָט איהם אָנגעהויבען שלאָגען . . . אַברהם האָט זיך גענומען מיט איהם ראַנגלען . . . חפני האָט אַרויסגעכאַפּט אַ מעסער פון בוזים און האָט זיך פאַרמאָסטען איהם אַריינצושטעכען אין האַרצען . . .

חסדאי איז פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען פון זיין באַהעלטעניש און אָנגע־כאַפּט חפני׳ן פאַר׳ן האַנט . . .

אַ פּירכטליכער קאַמף האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר דעם באַזיץ פון דעם וואַפען . . . חפני האָט דעם מעסער געהאַלטען שטייף אין האַנט, מיט די פיס האָט ער געבריקעט אַברהם׳ען און מיט זיין מויל האָט ער געביסען חסדאי׳ס האַנט ער זאָל אָפּלאָזען זיין מעסער . . .

— ביידע, וועל איך זאָפאָרט דערהרג'ענען — האָט חפני געשריען ראַנגלענדיג זיך מיט חסדאי'ן; ער האָט געזוכט צו באַפרייען זיין האַנט מיט'ן מעסער פון חסדאי'ס הענט . . . ער האָט געגעבען אַ שטאַרקען בריק אברהם'ען, דאָס ער איז אַנידערגעפאַלען צו דער ערד. יעצט איז ער געבליבען מיט חסדאי'ן אליין.

— דער טויט פאַר דיר! — האָט חפני זיך נאָך העכער צושריען און גענומען איהם זעצען מיט זיין פויסט איבער'ן קאָפּ.

אברהם האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און האָט גלייך געגעבען אַ סיגנאַל.

באַלד האָבען זיך אַ שאָט געטאָן פּאָליציי פון אַלע זייטען. זיי האָבען חפני'ן געשמידט אין קייטען.

יעצט צייג אונז דעם פּלאַץ וואו ר' שמואל איז געהאַלטען געפאַנגען — האָט חסדאי געזאָגט צו חפני'ן.

— איך וויים גאָרניט, איך בין אומשולדיג. — האָט חפני געראָוועט.

— דו האָסט מיר פריהער געזאָגט, אַז "אבו נאַסיף דאַרף מיר טאָקע האָבען", ווער איז ער און וואו איז ער? — האָט איהם אברהם בן אברהם געברענגט. —

— אבו נאַסיף איז אַ קאַפּיטאַן פון אַ רויבער שיף, און ער פאָהרט יעצט אַרום איבער'ן ים — האָט חפני געפּרואווט זאָגען אַ ליגען.

זאָג מיר, וואָס טהוסטו דאָ אַזוי פריה — האָט איהם חסדאי ווייטער אַ פרעג געטאָן.

— המ . . . המ . . . איך שפּאַציר — האָט חפני געשטאַמעלט — מיין כלה שושנה ווייס די גאַנצע געשיכטע, אַז איך געה מיין לעבען איינשטעלען פאַר איהר פאָטער.

— טאָ זאָג דאָך מיר — האָט חסדאי געזאָגט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכעל — וואו ביסטו געוועז און וואו געפינט זיך ר' שמואל?

— איך וויים גאָרניט! איך וויים גאָרניט! — האָט חפני גע'טענה'ט.

— דו וועסט שוין באַלד אַלעם ווייסען! — האָט איהם אברהם געזאָגט, פיהרענדיג די פּאָליציי אויף דעם שפּור.

אויב איך וועל אַלעם דערצעהלען וועט מען מיר באַפרייען — האָט חפני נעפרעגט דערזעהענדיג, אַז זיי דערנעהענטערען זיך צום פאַרבאָרגענעם פּלאַץ ...

— אויב דו וועסט אונז אַלעם דערצעהלען און אָנצייגען דעם פּלאַץ וואו ר' שמואל געפינט זיך, וועל איך דיר גאָרניט טאָן — האָט איהם איינער פון דער פּאָליציי געזאָגט.

איך וויל, אַז חסדאי זאָל פריהער שווערען, אַז ער וועט מיר באַפרייען, דאַן וועל איך אַלעם אויסזאָגען.

אברהם האָט אַ וואונק געטאָן צו חסדאי ער זאָל ניט שווערען.

— מיר זיינען אויף דעם ריכטיגען שפּור — האָט ער איהם שטילערהייד געזאָגט.

— אויב דו וועסט מיר יעצט ניט שווערען צו באַפרייען, וועל איך גאָרניט דערצעהלען, און אויב איהר פאַרזאַמט זיך עטוואָס קען שוין שמואל זיין טויט.

— איך דערקען דעם פּלאַץ — האָט אברהם אויסגערופען — און אָט קען

מען זעהן טריט. פרישע טריט פון מענשען און פערד . . .

—עס איז ניט דאָרט ! עס איז ניט דאָרט ! — האָט חפני א דערשראָקענער אויסגעשריען, ווען ער האָט באמערקט, אז זיי זיינען שוין נאָהענט לעבען הייחל.

אבו נאסוף מיט זיינע צוויי קנעכט זיינען צוגעגאנגען צו ר׳ שמואל׳ן.

— אויב דיין לעבען איז דיר טייער, טאָ שרייב דעם בריעף — האָט איהם אבו נאסיף דערלאנגט א פעדער מיט טינט.

— מיין לעבען איז אין דיינע הענט, טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט, איך וועל דעם בריעף ניט שרייבען !

אבו נאסיף האָט א װאונק געטאָן צו זיינע קנעכט, און זיי האָבען שמואל׳ן צוגעבונדען צו א סלופ.

— שרייב דעם בריעף — האָט איהם אבו נאסיף גענומען שלאָגען . . .

ר׳ שמואל האָט זיך געדרעהט און געקאָרטשעט פון יסורים און זיינע ליפען האָבען געמורמעלט.

— איך וועל ניט שרייבען, איך וועל מיין אומגליקליכע פאמיליע ניט פאַראומגליקען נאָך מעהר . . . ניין ! איך וועל ניט שרייבען ! . . .

— דו וועסט שוין באלד יאָ שרייבען — האָט אבו נאסיף געזאָגט מיט כעס, און פענומען אָנברענען די אייזענס — בלינדערהייט וועסטו שרייבען !

די אייזענס זיינען פייערדיג־רויט געוואָרען . . . אבו נאסיף האָט צוגעטראָגען א הייסען אייזען צו דעם אומגליקליכען . . .

— דו וועסט שוין באלד שרייבען פון היין — האָט זיך אבו נאסיף געוויצעלט און צוגעטראָגען דעם גליהענדען אייזען צו זיין פנים . . .

די טהיר פון הייחל האָט זיך מיט האסט געעפענט און חסדאי, אברהם און עטליכע פּאָליציסטען זיינען אריין אינעווייניג.

אבו נאסיף איז א דערשראָקענער אָפּגעשפרונגען אויף צוריק . . . ער האָט דעם גליהענדען אייזען א שליידער געטהאָן אויף זיי און נאָך א האָר וואָלט ער געטראָפען חסדאי׳ן אין קאָפּ . . . די פּאָליציסטען מיט בלויזע שווערדען זיינען באלד צוגעלאָפען צו איהם און געשמידט אין קייטען צוזאמען מיט זיינע קנעכט.

חסדאי און אברהם זיינען צוגעגאנגען צו ר׳ שמואל׳ן, וועלכער איז געשטאנען א צוגעבונדענער צום סלופ און האלב פאר׳חלש׳ט.

— דאנקען גאָט וואָס ער האָט אונז געבראכט אהער אין צייט — האָט חסדאי געזאָגט און גענומען אָפּבינדען ר׳ שמואל׳ן.

— ווענען זעה איך דאָ — האָט ר׳ שמואל געעפענט זיינע אויגען, — ביזטו דאָס מיין קינד, חסדאי ? איז דאָס א חלום ? . . .

אברהם בן אברהם האָט אבו נסיף׳ן גלייך דערקענט אלס זיין אמאָליגער שונא־רופוס.

— געלויבט איז דער אלמעכטיגער — האָט ער געזאָגט, — וואָס ער באַשיצט די צדיקים און באשטראָפט די רשעים . . .

זיי האָבען געהאָלפען ר׳ שמואל׳ן ארויסגעהן פון היכל. די פרישע לופט און די זונען־ליכט האָבען ר׳ שמואל׳ן געקרעפטיגט.

— פארוואָס איז חפני געשמידט אין קייטען? — האט ער געפרעגט מיט **א שוואכע שטימע.**

— ער האָט אויך געהאט עפּעס צו טהאָן מיט דיין געפאנגשאפט — האָט איהם חסדאי געענטפערט.

— חפני איז אין גאנצען שולדיג אין דעם — האָט אבו נאסיף אויסגע־שריען — ער האָט זיך געליעבט אין דעם אלטען׳ס טאָכטער, האָט ער פריהער אפגעמאכט מיט מיר, איך זאָל איהם העלפען פאנגען זיין טאָכטער און ער זאָל איהר ראטעווען, כדי זי זאָל זיך אין איהם פארליעבען צוליעב זיין ״העלדישקייט״... און אז דאָס האָט ניט געהאָלפען, האָט ער מיר באצאהלט, איך זאָל פאנגען איהר פאָטער.

— עס איז ליגען, ער איז א מערדער; ער האָט פיעלע מענשען דער־הרג׳עט — האָט זיך חפני צושריען — ער איז דער באוואוסטער ים־רויבער אבן רומחים, וואָס צוליעב איהם האָט זיך אונזער רב׳ס פרוי אין ים אריינ־געוואָרפען... פרעגט איהם — האָט ער אנגעצייגט אויף אברהם בן אברהם — ער קען נאָך איהם פון פאדוא.

חפני האָט אויסדערצעהלט אלע אבו נאסיף׳ס חטאים, און אבו נאסיף האָט איבערגעגעבען אלע איינצעלהייטען וועגען חפני׳ס שרעקליכע מעשים.

— ווי מען קען זעהן זייט איהר ביידע פון די גרויסע ״צדיקים״ — האָט חסדאי באמערקט — אבער איהר זייט יעצט אין די ריכטיגע הענט, און איך בין זיכער, אז איהר וועט שוין מעהר קיין שלעכטעס קיינעם ניט טהאָן...

חסדאי האָט אוועקגעשיקט צוויי פּאָליציסטען, איינעם צו ר׳ שמואל׳ס הויז עקיפּאזש, ווייל ר׳ שמואל איז צו שוואך געווען צו רייטען אויף א פערד. זיי אנצוזאגען, אז ר׳ שמואל איז פריי, און דעם צווייטען צו ברייגגען זיין

— יעצט זאָג מיר, וואו האסטו די אויסלייז געלט באהאלטען? — האָט חסדאי געפאָדערט פון אבו נאסיף׳ן.

— דאָרט איז דער צווייטער היכל, וואו ער האלט אויף זיינע פרויען — האָט חפני אנגעצייגט, — דאָרטען האלט ער אויך זיין גאנצע געלד...

די פּאָליציי איז אריין אין צווייטען היכל און האָבען דאָרטען גע־טראָפען די פרויען, וועלכע האָבען זיך געבעטען מען זאָל זיי באפרייען.

— דער קאפּיטאַן אבן רומחים האָט אונז געפאנגען און האָט אונז פאר זיינע שקלאפינען געמאכט.

— אויב איהר וועט אונז ציינגען וואו אבו נאסיף, אָדער אבן רומחים, ווי איהר רופט איהם, האלט זיין געלד באהאלטען, דאן וועט מען אייך באַ־פרייען.

— קומט מיט מיר, איך וועל אייך ציינגען — האָט הילאריא זיך אפּ־געריפען צו דער פּאָליציי, און זיי אנגעצייגט דעם פּלאַץ.

די פּאָליציי האָט דעם שראנק אויפגעבראָכען און פון דאָרט דאָס גאנצע געלט ארויסגענומען.

— מיר וועלען אומקעהרען די הונדערט טויזענט שקלים צו ר׳ **שמואל׳ן**

און דאס איבעריגע געלט וועט געהן צו קאליף'ס שאץ־קאמער — האט חסדאי באשלאסען.

שנעל ווי א בליץ האט זיך די נייעס פארשפרייט אין קארדאווא ווי אזוי ר' שמואל איז געפאנגען געווארען און יעצט באפרייט געווארען. אלע האבען שוין געוואוסט, אז חפני איז געווען פארבונדען מיט דער באנע רויבער. צוויי מענשען אבער האבען דאס ניט געגלויבט... דאס זיינען געווען מנשה אבן זמרי און זיין פרוי.

— זיי וועלען אלע באלד פלאצען פון קנאה — האט זיך מנשה'ס פרוי אפגערופען צו איהם — ווען זיי וועלען אויסגעפיינען, אז אונזער חפני האט באפרייט ר' שמואל'ן און אז ער ווערט זיין איידעם...

— האסטו געזעהן מיט וואס פאר א פאראכטונג די בעלי־בתים פון שוהל האבען אויף מיר געקוקט — האט מנשה א זאג געטהאן צו זיין פרוי — אבער באלד וועל איך זיך אין זיי אלעמען נוקם זיין...

די גאנצע אידישע קהלה האט זיך פארזאמעלט אויף די גאסען פון קארדאווא צו באגריסען זייער באליעבטען פרנס ר' שמואל אבן ברוך צו זיין באפרייאונג.

מרים, שושנה, עמנואל, יחזקאל אבן ברוך מיט זיין טאכטער קלארים זיינען זיי ארויסגעפאהרען אנטקעגען... אין מיטען שטאדט האט זיך די גאנצע פאמיליע באגעגענט...

א גליקליכער פרייז... טרעהרען פון אלערהעכסטען גליק האט זיך ביי אלעמען באוויזען אין די אויגען, ווען מען האט זיך געהאלזט און געקושט... און אט האבען צוויי הימ־ליעבענדע ברידער, וועלכע האבען זיך איבער פינף און צוואנציג יאהר, גערעכענט איינער פאר דעם צווייטען ווי פארלארען, זיך ארומגענומען... און צו זייער שמחה איז קיין גרעניץ ניט געווען...

און ניט ווייט פון דעם פלאץ האט זיך א שטילע טראגעדיע אפגעשפיעלט: מנשה און זיין פרוי האבען באמערקט ווי מען פיהרט זייער בן יחיד חפני'ן געשמידט אין קייטען... א גרויסען געשריי האט די מאמע ארויסגעלאזען און איז געפאלען אין חלשות...

און אז מען האט איהר אפגעמינטערט, האט זיך מנשה צו איהר אפגערופען א צובראכענער:

— איך האב דאך דיר געזאגט, אז פון איהם וועט קיין גוטס ניט ארויס־קומען...

איינע פון די גרעסטע אידישע חתונות אין קארדאווא איז געווען די חתונה צווישען חסדאי און זיין ליעבענדע שושנה. און כאטש ר' משה האט שוין פאר זיי איינמאל מסדר קדושין געווען, אבער יעצט, דעם צווייטען מאל, האט ער מסדר קדושין געווען פאר זיי אין די אנוועזענהייט פון דער גאנצער פא־מיליע און די געעהרטע בעלי־בתים פון שטאדט.

צווישען די געסט איז אויך געווען דער קאליף פון קארדאווא מיט די קאליפין עז־זאראה.

דער קאליף האט אויפגעהויבען זיין כוס וויין און געזאגט: — איך טרינק פאר דעם גליק פון די אמת'ע באשערטע פאר פון הימעל.

(ענדע)